STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05336

NOAH PANDRE

Zalman Shneour

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Mark Collons
in memory of
Ezra & Eva Weisman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן שניאור

*

נח פאנדרע

זלמן שניאור

נח פאנדרע

פערטער טייל: „די וואַנט“

JEWISH HERITAGE LIBRARY
71-25 MAIN STREET
FLUSHING, NEW YORK 11367

פאַרלאַג „ניי - לעבן“
תל־אביב, תש״ל — 1970

©

אַלע רעכט געזיכערט

נדפס בישראל תש"ל

דפוס „אור" בע"מ
רח' הר־ציון 104, טעל. 827582
תל־אביב

פערטער טייל:

„די וואנט"

די וואַנט

(אַנשטאָט אַ הקדמה)

שטייט אַ יידישע חורבה, אָנגעשפּאָלטן, מיט אָפּגעשלאָגענעם טינק און וויל נישט איינפאַלן.

אַ רבניש מויערל, זאָגט מען, איז דאָ אַמאָל געשטאַנען. יחוס און תורה האָבן אָנגעזאַפּט די ווענט. כתובות פאַר יונגע פּאָרלעך זענען דאָ געשריבן געוואָרן. שמחות האָבן דאָ געקוואָלן און טרערן האָבן געקאַפּעט אויף דער פּאָדלאָגע בשעת גטן זיך און חתמענען צוואות.

די גרויסע שריפה פון שטאָט האָט דאָס אַלץ אָפּגעמעקט, מיט פייערדיקע צונגען אויסגעלעקט. געבליבן זענען נאָר לעכערדיקע ווענט, נאַריש־פאַרריסענע קוימענס מיט אָפּגעשוונדענע העלדזער. ווי טויטע גאָנערס אין אַן אָפּגעברענטן שטייג שטייען זיי, ווי ריזן־גאָנערס, וועלכע האָבן, שטאַרבנדיק, אַרויסגעשפּאַרט איין צעבראָכן פליגל איבערוויסן — איין זייטיקע וואַנט...

די שטאָט האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעבויט און די חורבה שטייט נאָך אַלץ אויף איר אַמאָליקן אָרט, שטערט די נייע באַוועגונג, גרויסט זיך מיט איר וויסטקייט, שרעקט חדר־ייִנגלעך מיט שדים, און ווייבער סטראַשעט זי, אַז זי וועט פּלוצים איינפאַלן און אימיצן ממיתן...

אָבער קיין יידישע האַנט הויבט זיך אויף איר נישט אויף; עפּעס ווי מען וואָלט מורא געהאַט צו פאַרשוועכן איר אַמאָליקן כבוד, איר געוועזענע הייליקייט. כאָטש דאָס און יענץ האָבן שוין לאַנג מער קיין ווערט נישט.

ביז אַ גוי אַ שיכור קומט צו גיין און שרייט אויס אין נאָמען פון אַ גויאישן געזעץ: „ניע לזיאַ!” און גאַנץ שטאָט שפּאַנט שפּאַנט זיך איין אין שטריק און נעמט זיך איינוואַרפן... קודם־כל — די אַלטע פליגל־וואַנט, וועלכע סטראַשעט די לעבעדיקע גאַס.

נאָר, אין איר אייביקן חורבן און אין איר פאַררעגנטן אָפּפאַל, איז

שוין די אַלטע וואַנט אַזוי איינגעפּונדעוועט געוואָרן, אַזוי שווער איינ־געגעסן זיך אין איר   א ו מ ב ו י ס י ק י י ט,   אַז אַלע פּאַראייניקטע כוחות, פון די קליינשטעטלדיקע יידעלעך, צעקלאַפּן זיך אָן איר עקשנות, גייען אָפּ מיט שוויס איבער איר האַרטער אַלטקייט; און איינלייגן זי קענען זיי נישט.

„עד שקמתי...״ ביז דער שטעטלדיקער גיבור שטייט אויף, דער רויער כוח, וועלכער ווייסט אַפילו נישט, ווי גרויס און ווי ערלעך ער איז, שטעלט אונטער זיין ברייטע פּלייצע, לייגט צו אַ פּאַרמאַזאַליעטע לאַפּע און די זאַיאַדלע עלטער דערשרעקט זיך און פאַלט איין.

איז דאָס נישט ווי אַן אָנזאָג פון אַ נייעם דור, וועלכער גייט איבער אָפּגעלעבטע געזעצן, צעטרייסלט בכבודיקע חורבות און ראַמט אָפּ שטערונגען פאַר בעסערע צייטן?

אפשר יאָ און אפשר נישט. אונדזער העלד האָט דאָס געוויס נישט געוווסט, ווען ער איז געקומען צו הילף און באַפרייט פון שפּאַן די אויסגעמאַטערטע יידעלעך.

זיין לעבן האָט ער איינגעשטעלט, נישט טראַכטנדיק אַפילו פון דער סכנה, וואָס שוועבט איבער זיין קאָפּ. דערפאַר איז אַלץ געשען אַזוי שטורעמדיק שיין און אַזוי אומגעריכט. דאָס לעצטע געוויכט פון זיין גבורה האָט ער אַריינגעוואָרפן אין קהלשן וואָגשאָל און די אַלטע שטערונג איז דערציטערט געוואָרן, אויפגעפלויגן אין רויטן ציגל־שטויב. צעשאָטן זיך, און די גאַס האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

ווי דאָס טעמפּל פון אָפּגאָט, ווען דער בלינדער שמשון האָט צע־שפּאַרט זיינע מיטל־זיילן, אַזוי איז די וואַנט צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן און, פאַלנדיק, געוואָלט אומברענגען אים. מיט פולקע שטיקער טינק און ציגל געצילעוועט איר צעטרייסלער אין שאַרבן אַריין.

נאָר שמשון איז דאָס מאָל נישט אומגעקומען. גאַנץ און געזונט האָט ער זיך אַרויסגעראַטעוועט פון איר לעצטער בייזקייט. צוליב נאָך גרעסערע גבורות געראַטעוועט זיך און צוליב גרעסערע מסירת־נפש, פאַר שוואַכע און אומבאַהאָלפענע.

וועגן דעם אַלץ ווילן מיר טאַקע דערציילן אין אונדזער   פ ע ר ט ן   בוך. לייגט צו אַן אויער און האָרכט!

איצקע דער משוגענער

1.

צווישן די שקלאָווער משוגעים פאַרנעמט איצקע דער משוגענער גאָר אַ באַזונדער אָרט. אין טראַנטעס גייט ער נישט אום. אדרבא, ציכטיק, כאָטש אָרעם, איז ער שטענדיק אָנגעטאָן. פון די קאַשיקעס אויפן מאַרק כאַפּט ער נישט. אַדרבא, שווער פאַרדינט ער זיין גראָשן. וואָרום פון פאַך איז ער אַ ליימער. און אַז ס'איז דאָ אַרבעט, נוצן אים שקלאָווער האַנטשאַרעס אויס. פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס אַ טאָג טוט פאַר זיי איצקע אָפּ די סאַמע שווערע און געפערלעכע אַרבעט. ווי, למשל, שלעפּן פולע צעבערס מיט ליים אויף די לייטערס; מויערן קוימענס, אויף משופּעדיקע דעכער. קיין שוואַכינקער איז ער דווקא נישט. אַ ביסל קליין־געוואַקסן איז ער יאָ, אַ ביסל קרומע פיס האָט ער אויך. אָבער — ברייט אין פּלייצע און געזעצט אין בוי. מיט אַן עקשנותדיקן קורצן האַלדז און נאַקן. און פונדעסטוועגן איז ער משוגע. און משוגע איז נישט קלאָר.

אין זיינע בלוי־גרינע, צופיל אָפענע, צופיל גלאַנצנדיקע אויגן איז עפּעס דאָ אַזוינס, וואָס שרעקט אָפּ יינגלעך און ווייבער און צווינגט אַפילו געזונטע מאַנספּאַרשוינען צו באַגיין זיך מיט אים, ווי מיט פייער. אין זיין דריבנעם, קייכנדיקן, אַ ביסל פאַרכריפּעטן געלעכטערל, הערט זיך אָן אַ דערשטיקטער בלעזלען פון אַן איבערגעהיצטן, שווער־צוגע־דעקטן קעסעלע, פול מיט אַ געדיכטן געקעכץ, וואָס אָט־אָט רייסט ער אויף און בריט אָפּ. דערפאַר טאַקע, רוקט מען זיך פון אים, נישט ווילנדיק, אָן אַ זייט און מען מאַכט זיך נישט הערנדיק און נישט זענדיק. ס'איז אַ סך גלייכער, איצקע זאָל אינגאַנצן נישט באַמערקן, אַז מען הערט זיך צו אים צו, אַז מ'האָט פאַר אים מורא. דאָס מורא האָבן פאַר אים רייצט אים נאָך מער אויף, צעכראַבערעט אים. באַמערקטע שוואַכקייט רופט ביי אים אַרויס היניטישע בייזקייט, אַכזריות פון אַ האַלב־

ווילדן. ער איז בכלל אַ לעבעדיק בינטל פון נאַקעטע אינסטינקטן, וועלכע זענען שלעכט צוגעדעקט מיט בלוט און פלייש און מיט מענטשלעכן ווילן.

זיצט ער פאַר זיך — אַזוי לאַכט ער דריבנע און כריפּלט צו זיך אַליין, צופּט זיך זיין ריין־געוואַשענע רויטע בערדל פון אונטן אַרויף, און שפּייט דורך די ציין. אַ צופּ אַרויף דאָס בערדל, אַ לאַך און אַ שפּיי. און ווידער אַ לאַך, אַ צופּ דאָס בערדל און אַ שפּיי. אַזוי קייקלט זיך דאָס ביי אים אָן אָנהויב און אָן סוף. שעהן לאַנג קען ער אַזוי אָוועקזיצן און נישט מיד ווערן. אויך אין דעם איז עפּעס דאָ פון דער קליפּה, וואָס באַהערשט אים, פון דעם בייזן כוח, וואָס זיצט אין אים און לאָזט אים נישט בלייבן אַ מינוט ליידיק. דאָס איז שוין, אַזוי צו זאָגן, זיין אָפּרו. אַזוי פאַרדייט ער זיין וואַרעמעס. נאָר זיכער מיט אים איז מען דאָמאָלסט אויך נישט. אינמיטן צופּן דאָס בערדל און כיכיקען אַזוי בנעימותדיק, פאַר זיך אַליין, קען ער זיך געבן אַ ריס אָפּ, ווי אַ פאַרטאַיעטער הונט פון קייט, און באַפאַלן אַ פאַר ישיבה־בחורים, וואָס זיצן און שמועסן צווישן זיך גאָר געמיטלעך, אין אַ ווינקל פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, אָדער אויפן גאַניק:

— וואָס לאַכט איר פון מיר, אַ? איר, אַזעלכע און אַזעלכע הולטאַיעס, מחלל־שבתניקעס, משומדים!...

פאַרענטפערן זיך העלפט דאָ גישט. איצקע קען דאָס נאָך אָננעמען פאַר אַ שוואַכקייט און מכבד זיין מיט אַ קלאַפּ אויך. איז אַ סך גלייכער צו שווייגן און קוקן אין צפון־זייט. בילט ער זיך אויס, איצקע, ביז זיין בילן גייט איבער אין אַ בורטשען, דאָס בורטשען אין אַ מורמלען. און מורמלענדיק אַזוי, זעצט ער זיך צוריק אַוועק אויף זיין פריערדיקן אָרט. ער זעט אויס אַ ביסעלע אָפּגעשמיסן, ווי אַ יידישער גזלן, וואָס האָט געסטראַשעט מיט אַ מעסער און אָנשטאָט אַ מעסער, אַרויסגעכאַפּט אַ תפילין־זעקעלע. זיצט ער אַזוי אַ ווײַלעטשקע פאַרשעמט און נעמט זיך ווידער צופּן דאָס רויטע בערדל. אַ שפּיי, אַ כיכיקע און אַ צופּ. נאָר האַרט געקרייזלט, ווי קופּערנע דראָט, איז דאָס משוגענע בערדל. ער צופּט עס און קעמט מיט פינף פינגער און קען עס קיינמאָל נישט אויסגלייכן.

וואָס אמת איז אמת. אין זיינע צוטשעפּענישן איז איצקע זייער דעמאָקראַטיש. עס מעג זיין דער גבאי, דער נייער נגיד, דער שוסטער

ביי דער טיר פון בית־מדרש, אַ חברהשער ייִנגל, אָדער להבדיל דער וואַסערטרעגער. ס׳איז אַלץ איינס. אָבי אימיצער געפעלט אים נישט, פאַלט ער אָן. אַ מויל האָט דאָס — פּעך און שוועבל. ער קלעפּט זיך צו ווי פּעך. און דאָס כּריפּענדיק קולכל זיינס, אין דער צעכראַשטשעטער שטאַרקער ברוסט, קאָכט ביי אים אויך ווי פּעך. און ווייסן ווייסט ער, וואָס ביי יעדן טוט זיך אונטערן נאָגל. געליגנט דערפאַר נישט אַלעמאָל זיך אָפּצוטשעפּען פון אים מיט גוטן, מיט פאַרשווייגן. נישט אַלע האָבן כּוח צו פאַרשווייגן. און אויף דעם וואַרט איצקע. אויף דעם איז זיין משוגעת אויסגערעכנט. ער האָט חיות ליב אָן אַנגעלויף, אַ געדיכט מענטשן־רעדל, ווו ע ר שטייט אינמיטן און קאָכט זיך און געוואַלדעוועט און זאָגט אויס פון וואָס אין קאָרט. ער פילט זיך דאַמאָלסט טאַקע ווי אַ יון מיט אַ טראָמייטער, וואָס גיט אָפּ קאָנצערט ביי דער פאָזשאַרנער קאָמאַנדע. ער בילט און שרייט און האָט הנאה פון זיין פרייקייט, פון זיין אומפאַראַנטוואָרטלעכער משוגעת און פון אַזוי פיל צוהערער... קומט דערפאַר אויס, ווען נישט ווען, צולייגן צו אים אַ האַנט.

אָט, ביי שיינע־שרהן די פאָדריאַטשיכע, בשעת מצה־באַקן, האָט זיך איצקע. פאַריקן ערב־פּסח, צוגעבונדן צו דער נייער נגידיכע. דערציילט איר אַ מעשה, ווער זי איז און ווער חיים דער נייער נגיד איז. און ווי אַזוי זי האָט אַמאָל געגנבעט אַ פישל אין מאַרק. און ווי אַזוי מ׳האָט נח פאַנדרען פאַרמשפּט איבער זייער פאַסקודנער אָפּגעברענטער שטאָל, און ווי אַזוי דער נייער נגיד האָט אַרויסגעוואָרפן אַ דרייערל פון קאַרטן, בשעת די גבאים זענען געקומען צו אים בעטן צושטייער פאַרן משפּט. און ווי אַזוי דער נייער נגיד האָט עדות געזאָגט אין מאָהליוו און געכאַפּט דעם פּריסטאַוו, וועלכער האָט אים בשעת דער שריפה געוואָלט פּאַטשן, און פאַנדרע האָט זיך איינגעשטעלט... ער האָט אין איר אַזוי לאַנג אַריינגעבילט, אין דער נייער נגידיכע, ביז ביי יענער האָט זיך פאַרקרימט דער פאַרמעט־געלער פּנים און זי האָט געקראָגן ספּאַזמעס. און גראַד די ספּאַזמעס מיט די ווייבערשע קוויטשערייען האָבן איצקען אינגאַנצן צערייצט. מיט די פויסטן האָט ער זיך אויף איר געוואָרפן. ס׳האָט נישט געהאָלפן. דער קנעטער און זעצער, די גיסער און שיטער און רעדלער, אַלע בקאָמפּאַניע, האָבן אים געמוזט בינדן, איצקען, און געלאָזן אים ליגן אַזוי עטלעכע שעה אויף דער פרישער לופט, ביז ער האָט זיך באַרויִקט.

געפערלעך איז איצקע אין אַ לבנה־נאַכט. אַז די שקלאָווער לבנה שיינט — אַסטאַראָזשנע! רעדט נישט צו הויך! קושט זיך נישט מיט אייער כלה אויף אַ פּאַרוואָרפענעם בענקל, צווישן גערטנער. איצקע קען זיצן ערגעץ־ווו הינטער אַ פּלאַנקן, באַגאָסן מיט בלאַסער ליכטיקייט און... שדים ווייסן, וואָס ער טוט דאָרטן. געפעלט אים עפּעס נישט אַ וואָרט, אַ באַוועגונג, אַזוי קען ער אַרויסשפּרינגען און מאַכן אַ סקאַנדאַל אין מיטן דער נאַכט, ווען די גאַנצע גאַס שלאָפט שוין. און מ׳לויפט זיך צונויף, ווי אויף אַ שריפה.

אָט איז איינמאָל די דינסט פון מתנגדישן רב אַרויסגעגאַנגען רופן די ציג. די לבנה האָט העל געשיינט איבער ר׳ ישיעלעס חורבה, אַקעגן דעם רבס הויז.. און די דינסט איז זיך זייער געמיטלעך אַרויסגעגאַנגען און גערופן „קאַזיג־זיג־זיג!״ און נאָכאַמאָל „קאַזיג־זיג־זיג!״... זי האָט זיך בשעת מעשה געוועגדעט צו אַ פּוסט פענצטער פון דער אַלטער הורבה. וואָרום ס׳איז קיין נייעס נישט ביי דעם רבס ציג, אַזוי ווי ביי אַלע ציגן פון דער גאַס, צו פאַרקלייבן זיך, ביינאַכט, אין דער חורבה און גריזשען די זאַפטיקע קוסטעס, וואָס וואַקסן און שפּראָצן דאָרטן ביי די איינגעפאַלענע אויוונס.

נאָר מיטאַמאָל, גאָר פּלוצלונג, אָנשטאָט דער ווייסער ציג, איז פון דעם חרובן פענצטער אַרויסגעשפּרונגען אַ שטיק רוח. אַן אָפּגעשטאָר־בענע איז דעם רבס דינסט־מיידל געבליבן שטיין און נישט געקענט רירן זיך פון אָרט. ערשט פון דעם פאַרכריפּעטן, בילנדיקן קול איז דאָס מיידל געקומען צו זיך און דערקענט, אַז ס׳איז איצקע דער משוגענער.

— זינט ווען, — האָט איצקע געשריען קולות־געוואַלדן — זינט ווען, דו כאַליערניצע, דו משומדת, בין איך דאָס געוואָרן אַ ציג? גאָר „קאַ־זיג־זיג־זיג״ רופט זי מיך! גאָר קאַזיג־זיג־זיג! קאַזיג־זיג־זיג! קאַזיג־זיג־זיג...

וואָס מער איצקע האָט איבערגעקרימט דעם „קאַזיג־זיג־זיג״, אַלץ שאַרפער און קוויטשעדיקער איז געוואָרן זיין פאַרכריפּעטער קולכל. די נאַכט־טומאה אַליין האָט אין אים געקאָכט. ער איז זיך פאַרגאַנגען, דאַכט זיך, פון מתיקות און האַרצווייטיק: „קאַזיג־זיג־זיג! קאַזיג־זיג־זיג!״ און מ׳האָט נישט געקענט ווויסן, צי ער לאַכט דאָס אָפּ, צי ער וויינט; צי ער איז טיף באַליידיקט, צי ער האָט הנאה פון זיין באַליידיקונג. די איינגעשלאָפענע גאַס האָט אויפגעריסן טיר און פענצטער. די רביצין

אַליין האָט געמוזט אַרויסגיין אין איינע אונטערקליידלעך. לאַנג און שווער האָט זי אונטערגעהאַנדלט מיט איצקען, ביז ער האָט זיך באַרואיקט.

.2

פאַראַן נאָר איין סאָרט מענטשן אין שקלאָוו, וואָס גלויבט נישט זייער שטאַרק אין איצקעס משוגעת און איז אים דערפאַר נישט אַלץ מוחל. דאָס זענען — חדר־ייִנגלעך.

אַן אייביקע פּאַרטאַיִעטע שנאה הערשט צווישן די חדר־ייִנגלעך און איצקען. נאָר זיי אַליין פילן בחוש, אַז אַ סך מער ווי איצקע איז משוגע, איז ער צעלאָזן און צעהפקרט. זיי פילן, אַז אים געפעלט די שרעק, וואָס ער וואַרפט אָן אויף נאַראָנים און שוואַכע, און אַז אים איז אַ סך באַקוועמער צו שפּילן דעם משוגענעם, ווי צו איינהאַלטן זיך און זיין „קלאָר״. דורך דעם איז ער פריי פון אַ סך חומרות און יאָכן, פון וועלכע זיי, די ייִנגלעך, קענען זיך, מיט זייער גאַנצער סטאַטעטשנעקייט, בשום־אופן נישט באַפרייען. פאַרקערט, וואָס מער זיי סטאַרען זיך צו זיין סטאַטיקעס און לייטישע קינדער, אַלץ מער מצוות און דרך־ארץ לייגט מען אָן אויף זייערע שוואַכע פּלייצקעס. און דער יאָך ווערט אַלץ שווערער.

און איצקע דער משוגענער ווייסט, אַז זיי, די קליינע חברה, ווייסן אַלץ, אַז זיי קענען אים דורך־און־דורך, און ער האָט זיי דערפאַר פיינט, ווי די שפּינען, און צאַלט זיי מיט דער זעלבער מטבע. זיינע צופיל גלאַנצנדיקע בלוי־גרינע אויגן דרינגען אַריין אין אַלע זייערע בייזע קינדערשע מחשבות און באַהאַלטענע גלוסטענישן. אַלע זייערע שטילע הכנות צו שטיפן, צו אָפּטאָן אַ שמד־שטיק, ווייסט ער אין פינטל, און ס'איז פון אים נישט אויסצוהאַלטן. פאַר אַ וויאָרסט דערשמעקט ער און דורך אַ וואַנט דערזעט ער.

אין אַ געבויטער סוכה, הינטערן שטוב, קענט איר עפּעס אָפּרעדן מיט אייערע חברימלעך, אין אַ פינצטערן שפּייכלער — און אַרויסגיין פון דאָרטן ווי די גאָר גרויסע סטאַטיקלעך. עס וועט אייך נישט העלפן! איצקע דער משוגענער וועט מיט איין קוק איך פּנים אַריין וויסן אַלץ, וואָס ס'איז אָפּגעמאַכט געוואָרן. ער איז ממזריש שאַרף, אָט דער איצקע.

און איידער נאָך איר קלייבט זיך אַרויסציען אים אַ טיכל פון קעשענע, האָט ער אייך שוין לאַנג „באַגנבעט״...

אַליין, ווייזט אויס, אַ גרויסער בעל־עבירהניק אין ז׳י יינגלישע יאָרן, האָט ער אין זכרון אַלערליי קינדערשע שמד־שטיק, און טרעפט גלייך, פון איין ציטער מיטן ברעם, פון איין קוק אָן אַ זייט, וואָס ביי דעם, אָדער ביי יענעם יינגל, איז אויפן האַרצן. דאַכט זיך שבת, אין אַ באַ־האַלטענעם ווינקעלע, רעדט מען אָפּ, מ׳זאָל גיין רייסן ווילדע באַרעלעך הינטער די אָרשער ברעמלעך. מען קוקט זיך אַרום, מען ווישט אָפּ די ליפּן און מ׳גייט איינציקווייז, קיינער זאָל נישט זען, אַז עס גייט אַ קאָמפּאַניע. ערשט איצקע דער מטורף וואַקסט אויס. ער גייט אָן מיט זיין כריפּענדיק געלעכטערל פון פאַרקאַכטער סמאָלע: „באַרעלעך טרייס־לען אום־שבת, וואָס? אָט־אָ גיי איך מסרן דעם טאַטן!״...

און פון אַלע אָפּרעדענישן ווערט אַש און בלאָטע.

מ׳האָט אין אַ שופלאָד פון קאָמאָד דערטאַפּט אַ קופּערנעם צוויי־קאָפּיקענעם שטיק. עס האָט זיך, ווער ווייסט ווען, פאַרקייקלט אונטער אַן אַלטער כלי. די מאַמע אַליין האָט זיך שוין פון דעם לאַנג מיאש געווען. והא ראיה, עס איז אַזש פאַרשימלט געוואָרן... ס׳איז אַ כשרע מציאה. נעמט מען עס גיך אין די הויזלעך אַריין, מען שייערט עס דערנאָך אויס מיט זאַמד און מען קויפט אויפן מאַרק אַ שטיק גויאישקן לעקאַך, פאַרקנאָטן אויף פּאַטאָקע, און מען טיילט זיך מיט חברימלעך הינטער אַ גאָרטן, כדי אינגאַנצן צו באַרואיקן דאָס געוויסן, וואָס מ׳האָט הנאה פון געגנבעט געלט. ס׳איז אַ ממה־נפשך: אויב ס׳איז טאַקע אַ גניבה, טאָ זאָל די עבירה נישט פאַלן אויף מיין קאָפּ אַליין, אלא וואָס דען, נישט? איז אַוודאי גוט, זאָלן חברים אויך הנאה האָבן... מ׳האָט ערשט אַריינגענומען דעם ערשטן ביסן און מ׳הערט זיך צו צום אויסטערלישן געווירצטן טעם פון גויאישקן לעקאַך. ערשט אַהאַ! איצקע דער משר־גענער איז דאָ! מיט זיינע בולטע גרין־בלויע אויגן נעמט ער דורך גראַד ד אָ ס יינגל, וואָס האָט צעטיילט דעם לעקאַך:

— ווסטו געגנומען, אַ? מיינסט, איך ווייס נישט, ווו דו האָסט געגנבעט די צוויי קאָפּיקעס?

און צעגאָרגלט זיך מיט זיין הידקן געלעכטערל.

אַן אָקט מיט דעם איצקען! נישט דריי קאָפּיקעס וואַרפט ער אויף

און נישט אַנדערהאַלבן, נאָר פונקט צ ו ו י י. ער טרעפט אַלעמאָל, איצקע. ער ווייסט דעם מקח. ער ווייסט אַלץ.

אָדער אינמיטן אַרייַנכאַפּן אַ דאַוונען אין ווייבער־שטיבל. מ׳איילט זיך צום אָנבייסן. מ׳היפּט איבער עטלעכע תפילות, מ׳פאַרזופּט עטלעכע ברכות. ס׳איז אַ מיטן־וואָך. אַלע איילן זיך — איילט מען זיך אויך. ווער ס׳איז עסק איז דאָס? ווער קען דאָס אַרן און ווער קען דאָס וויסן? אָבער איצקע דעם מטורפס עסק איז עס פּאַרט. א י ם אַרט דאָס יאָ און ע ר ווייסט יאָ. אויב ער אַרבעט נישט און דרייט זיך אַרום אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, קוקט ער פּלוצלונג אַריין אין ווייבער־שטיבל און וואַרפט מיטן קעפּעלע:

— איבערגעהיפּט, יאַנקעלע, וואָס? וואַרט, וואַרט! כ׳וועל שוין מסרן דעם רבין...

ער האַלט קאָפּ, איצקע. ער האָט גוט באַמערקט, ווען מ׳איז אַריין אָפּדאַוונען. ער ווייסט, וויפל אַ דאַוונען דאַרף דויערן ביז דער שטילער שמונה־עשרה און נאָך שמונה־עשרה. וויפל מען זאָל נישט כאַפּן, מוז דאָס געדויערן אַזויפיל און אַזויפיל... ווייסט ער גענוי, לויטן אויסשטיין שמונה־עשרה און לויטן אָפּשפּייען צו „עלינו״, ווו מען האָט איבער־געהיפּט און וויפל מ׳האָט איבערגעהיפּט. און מסרט. ער מסרט און מען שמייסט. אַ מאָדנע זאַך! טאַטעס און רביים ווייסן דאָך, אַז איצקע איז נישט קלאָר. אין זייערע אייגענע עניינים איז ביי זיי — איצקע טשעפּעט זיך און אַ הונט בילט — אַלץ איינס. נאָר ווי עס קומט צו שמייסן יינגלעך, איז אַפילו איצקע דער מטורף אויך נישט פּסול צו עדות. ער מסרט און זיי שמייסן.

ציטערן פאַר אים דערפאַר אַלע יינגלעך, ווי פאַר אַ געפערלעכן אונטערקוקער און מסור. מיט וואַרפן שטיינער און פאַרשרייען אים, וועט מען דאָ גאָרנישט מאַכן. מ׳האָט שוין געפּרוווט. ס׳איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן. גאַנצע חדרים האָבן זיך איינמאָל אויפגעהויבן, אַ בונט געמאַכט קעגן איצקען. געפּלעט אים דעם מוח מיט אַ שטיק ציגל און גענומען יאָגן אים. און וואָס האָט מען אויסגעפירט? איצקע איז רירעוו־דיקער, אַז ער איז צעקאָכט, פון דעם בעסטן פוס־לויפער. קודם־כל האָט ער געכאַפּט און גוט אָנגעבראָכן די ביינער די הויפּט־אָנפירער פון די צעבונטעוועטע חדרים. ער האָט געגנבעט געוווסט, ווער עס האָט אָנגערייצט קעגן אים און ווער ס׳האָט אים געפּלעט דעם מוח. דערנאָך ערשט, האָט

ער זיך אָוועקגעלאָזן מיט קולות־געוואַלדן איבער דער שטאָט און אויסגעהאַקט די שויבן ביי זייערע טאַטעס און מאַמעס און רביים און אַריינגעשריען אין די צעבראָכענע פענצטער, אַז פאַר זיין פאַרגאָסן בלוט וועט נישט פאַרשוויגן ווערן... חושך האָט זיך געטאָן אין שטאָט; און אַלע צעבונטעוועטע חדר־ייִנגלעך זענען געשמיסן געוואָרן. שקלאָווער רביים געדענקען נישט, זיי זאָלן ווען, אין איין טאָג, געוועז אפּטאָן אַזוי פיל אַרבעט...

האָבן ייִנגלעך פאַרביסן אַ ליפּ און געלאָזן זיך מיט איצקע דעם משוגענעם אויף אַן אַנדער דרך. וואָס די דערוואַקסענע טוען מיט די דעסיאַטניקעס אויפן מאַרק — האָבן זיי געטאָן מיט איצקען. זיי האָבן גענומען אונטערקויפן אים מיט קיכעלעך, מיט עפּל און מיט קנעפּלעך. פאַר איצקען איז אַלץ אַ סחורה. אָדער ער פּאַקט, מיט אַ געלעכטערל, אין טריפהנעם מויל אַריין, אָדער אין קעשענע. ער טוט דאָס ווי אַ קליי־נער הערשער, מיט זיינע, נאָך קלענערע, אונטערטעניקע. דערפאַר וויליקט ער אָפּטמאָל איין אַריינצוטרעטן אין זייער ייִנגלשער קאָמפּאַניע און מאַכט מיט זיי יד־אחת.

3.

אין קאָמפּאַניע באַמערקן ערשט חדר־ייִנגלעך, ווי כיטרע איצקע איז, ווי זשעדנע און נישט־פאַרגינעריש. נישט אַנדערש, אַז ער האָט אַלעמען אונטערגעקוקט און פאַרמסרט דערפאַר, ווייל אים אַליין האָט זיך געחלשט שפּילן, אָפּטאָן אַ שמד־שטיק, נאָר ער האָט מורא געהאַט, אָדער געשעמט זיך צו פאַרלירן דעם כבוד פון אָנגעזעענעם שטאָט־משר־גענעם. נאָר אין דער אמתן האָט ער דעם זעלבן שכל, ווי זיי, דעם זעלבן יצר־הרע, די זעלבע גלוסטעניש אָפּצוטאָן שפּיצלעך און פירן פאַר דער גאַנצער דערוואַקסענע יידן און יידענעס. ער קען אַפילו די מלאכה בעסער פאַר זיי און לערנט זיי כל־ערליי מיאוסע זאַכן. אַז מען גנבעט פון דער צוקער־פושקע אַ ציגעלע צוקער, לערנט ר׳ איצקע, דאַרף מען זי גוט באַגיסן מיט בראָנפן. אַט אַזוי סמאַצקעט מען זי. ווערט זיס און וואַרעם... נישקשה, די מאַמע וועט גאָרנישט וויסן! — אַ פליג, זאָגט איצקע, אַז מען כאַפּט אַ פליג, דאַרף מען איר די פליגעלעך נישט אָפּרייסן. צוליב וואָס קאַליע מאַכן אַ פליג, אַז מען קען בעסער אין שפּיץ בייכל

אַרײַנשטעקן אַן אָפּגעבערענטע שוועבעלע? אי זי קען נישט אַוועקפליען, אי זי שלעפּט עס נאָך, ווי אַ פערד שלעפּט אַ לאַנגע בערווענע איבערן שליאַך... אַז מען כאַפּט צוויי זומער־שנײַדערלעך, אַזוי האַלט איצקע, איז אַ גרויסער יושר צו שטופּן זייערע עקלעך אין די בייסיקע מײַלער אַרײַן. איינעמס אַן עקל דעם צווייטן אין פּיסקל. איר זעט, מאַכט איצקע, צײַנער, אַ? בייס־צוועגעלעך, נישט קיין צײַנער! זיי פרעסן זיך אָן און מ י ר האָבן אויף הנאה. אַ הונט, גיט איצקע אַן עצה, אַז מען וואַרפט אים אַ ביסן, דאַרף מען דאָרטן אַרײַנרוקן אַ האָבער־טשוועקל. קלייבן זיך אָן עטלעכע טשוועקלעך ביים הונט אין קישקע, הויבט ער אָן צו וואָיען, ביז ער נעמט איין אַ מיתה־משונה. געהערט ווי הינט וואָיען אויף דער לבֿנה? דאָס וואָיען זיי פון מײַנע האָבער־טשוועקלעך. דאָס האָב איך, איצקע, אָנגעקאָרמעט זיי מיט האָבער־טשוועקלעך...

נישט אַלץ האָבן אים די חדר־ייִנגלעך געגלייבט און נישט אַלץ נאָכגעטאָן. זיי האָבן געוווּסט, אַז איצקע האָט זיך ליב צו כראַברען. נאָר געלערנט פון אים האָבן זיי עפּעס יאָ. קיין תורה, ווי טעמפּ און פויל מען זאָל נישט זײַן, גייט אינגאַנצן נישט פאַרלוירן.

איז אָט איינמאָל, בשעת חדר־ייִנגלעך האָבן דעם זעלבן איצקען געבראַכט קאָנטריבוציע, אונטערגעקויפט זײַן האָרץ מיט רעשטלעך פון אָנבייסנס און מיט אַ קאָפּעלע געגנבעטן טאַבאַק, און ס'איז איצקען געווען גוט אויף דער נשמה, האָט ער גנאָדיק אַ נעם געטאָן ווײַזן זײַנע קליינע אונטערטאַנער כל־ערליי משוגענע הועיות. דאָס שטעקט ער זיי אַרויס אַ צונג ביזקל מיטן בערדל; דאָס בלאָזט ער אָן די באַקן, אַז די אויגן קריכן אים פון קאָפּ; דאָס דרייט ער שרויפּיק אויס האַלדז און וואָנסעס ווי אַ פּיפּערנאָטער... זעענדיק צו אים ייִנגלעך אַ ביסל חניפה־דיק, אַ ביסל נײַגעריק צוגעשטאַנען:

— זע, איצקע, דו ביסט דאָך אַמאָל געווען קלאָר, טאָ זאָג, איצקע, ווי אַזוי דו ביסט משוגע געוואָרן...

זיי האָבן, די קליינע ממזרים, גוט געוווּסט, אַז דעם גרעסטן נחת־רוח, וואָס מען קען איצקען אָנטאָן, איז כלומרשט מאַכן זיך, אַז מען גלייבט, אַז אַצינד איז ער שוין אינגאַנצן משוגע, משוגע אויף טויט. קען ער זיך, געלויבט דער אויבערשטער, פאַרגינען כל־ערליי זאַכן אין אַ וועלט און קיינעם קיין רעכענונג נישט אָפּגעבן.

— כע־הע־הי־קכי!... צעבלעזלט זיך בײַ איצקען דאָס פּעך־און־שוועבל אין האַלדז. ער גיט אַ צופּ דאָס בערדל און אַ שפּײַ דורך די ציין. אַ סימן, אַז דער קאָמפּלימענט איז אים גוט באַקומען.

— לאַך נישט! — בעטן זיך בײַ אים כלומרשט חברה קליינוואַרג — מיר האָבן מורא...

מאַכט איצקע אומישנע אַ מאָרימדיקן פּנים מיט אָנגעבלאָזענע אויגן פון אַ זשאַבע, כדי אָנצוואַרפן וואָס מער שרעק אויף זײַנע קליינע באַוווּנדערער.

— איך בין טאַקע משוגע! — צעכראַבּרעט זיך איצקע און גיט אַ קריץ מיט זײַנע היגטיש־שאַרפע ציין אַזוי, אַז בײַ די ייִנגלעך גייט באמת דורך אַ פראָסט דורכן רוקן, — אוי, אוי! אַז איך וויל, כע־כע־קכי־קכי, קען איך אויפעסן אַ לעבעדיקע מויז אויך. אָט אַזוי, אַ! קכע־כע־כי. אַ כאַפּ פאַרן עקל און האַם־האַם־האַם!

— ס'אַ ליגן — ווונדערן זיך כלומרשט די קליינע חברה־לײַט און רוקן זיך פונדעסטוועגן אָפּ אַן אַ זײַט. איצקע, זעען זיי, האָט זיך גאַר־גאַר צעיאַכמערט, איז מאַלע וואָס עס מאַכט זיך.

דערזעען, אַז די קליינע הויבן אָן באמת מורא צו האָבן, צעלאָזט זיך איצקע אויף נאָך שרעקלעכערע, געהיימנישפולערע טענער:

— און בײַנאַכט, אַז די לבנה שײַנט, לויף איך אום מיט שדים. זאָל איך אַזוי געזונט זײַן! זיי אַ שפּרונג, איך אַ שפּרונג. איך אַ שפּײַ, זיי אַ שפּײַ. טפו־טפו! אָט אַזוי ווי די ליוהאַשקעס*) שפּרינגען מיר; קוואַ־קוואַ־קוואַ! איר ווייסט? פּרווט אַ רוף טאָן אינמיטן דער נאַכט: „קאַזיג־זיג־זיג!” אַזוי שפּרינג איך אַרויס פון ר' ישיעלעס חורבה און פּלעט דעם מוח...

— ניין, ניין! — ציטערן שוין די חדר־ייִנגלעך אויף אַן אמת — דו סטראַשעסט נאָר...

שטעלט אָן איצקע אַלע צען נעגל און פאַרגלאָצט די אויגן, ווי בלוי־גרינע בלאָטקעלעך אין לבנה־שײַן זעען זיי אויס:

— זאָל איך אַזוי געזונט זײַן, ווי איך בין שוין איינמאָל אַרויס־געשפּרונגען! אויף דעם רבס דינסט־מיידל בין איך אָנגעפאַלן. פון דענסטמאָל אָן איז אין איר אַרײַן אַ קליפּה. זי הײלט זיך בײַ חישין

*) פרעש.

דעם דאָקטאָר, היילט זי זיך... נאָר נישט אַלעמאָל שפּרינג איך אַליין אַרויס. אַמאָל פאַרשטעלט זיך אַ שד אַנשטאָט מיר. מיינען אַלע ס'איז איצקע... און איך שפּרינג גאָר אַרויס ביי דער אָזערע, ווי אַ ליוהאַשקע און מאַך קוואַ־קוואַ־קוואַ...

אַ פינצטערע אימה איז אַנגעפאַלן אויף די כראַברע חדר־ייִנגלעך. איצקע האָט דערביי געמאַכט אַזאַ פּנים, אַז די משונהדיקע זאַכן, האָבן זיך געגומען לייגן אויפן זינען. דער גאַנצער שוידער און פאַרסודעטדיקייט פון אַזאַ לבנה־נאַכט איז ביי איצקען געשטאַנען אין די פאַרגליווערטע בלוי־גרינע קוקערס און צווישן די פינגערלעך זיינע, וועלכע ער האָט צעשפּרייט ווי די לאַפּקעס ביי אַ פראָש בשעתן שפּרינגען.

זיי האָבן שוין אַפילו געהאַט בדעה צו כאַפּן די פּיס אויף די פלייצעס און אַנטלויפן. קיין שום חשק נישט געהאַט אויפצונעמען אין זיך די קליפּה און היילן זיך ווי דעם רבס דינסט־מיידל ביים דאָקטאָר חישין... האָט אָבער איצקע נישט געוואָלט, מ'זאָל אים לאָזן אַליין אינמיטן כראַברען זיך. נישט קיין כבוד פאַר אַ קונצנמאַכער, ווען דער עולם לאָזט אים אינמיטן די קאָזשעלקעס און צעלויפט זיך. מאַכט ער פּלוצלונג אַן אָנשטעל, אַז ער איז שוין ווידער קלאָר. ער פאַרטאָיעט די ביסטרע אויגלעך, גלייכט אויס די צעקרימטע פינגערלעך, זעצט זיך אַוועק און זיפצט כלומרשט אָפּ, וואָס גאָט האָט אים געשטראָפט מיט אַזאַ שווערע אַרבעט, ווי זיין משוגע בייטאָג און ביינאַכט און אַרומטאַנצן מיט ליוה־האַשקעס בשעת אַלע שלאָפן. נאָר אַצינד איז ער געקומען אַ ביסל צו זיך און קען דערציילן ווי אַלע קלאָרע דערציילן.

— איז אָט, — מאַכט ער מיט אַ צעבראָכן קול, — אָט וועל איך איין טאַקע דערציילן, ווי אַזוי איך בין משוגע געוואָרן... זיצט, קינדער; נישט פאַר אייך געדאַכט... ס'איז געווען ווען איך בין נאָך געגאַנגען אין חדר אַזוי ווי איר... איז אָט גיי איך אַזוי איינמאָל ביינאַכט —

דאָ מאַכט איצקע אַ הפסקה און הויבט זיך אָן צופּן דאָס דראָטענע בערדל, קוקט פאַרקלערט און טרוימעריש אָן אַ זייט, און זעט אויס ווי אַ גוטער כלי־זמר, וואָס שטעלט אָן זיין כלי.

— ר' ישיעלעס חורבה קענט איר? — גיט ער מיטאַמאָל שטילערהייט אַ פרעג — אָט די, וואָס אַקעגן דעם מתנגדישן רב, אַ? איז אָט פון אַ י ר איז מיר געקומען מיין משוגעת...

ר׳ ישיעלעס חורבה

.1

אַקעגן הויז פון דעם מתנגדישן רב, אויף דער גרויסער שול־גאַס אין שקלאָוו, שטייט אַ חורבה. פיר אַלטע רויטלעכע ווענט, ווי אַ גרויסער געמויערטער קאַסטן אָן דער איבערשטער דעק, מיט חרובע פענצטער אין יעדער וואַנט. און נאָך אַ פינפטע וואַנט איז דאָ, אויך אַ געמויערטע, וואָס שטעקט אַרויס פון דער חורבה, אַנשפּאַרנדיק זיך אויף איר רעכטן ווינקל, מיט צוויי פאַרקיילעכדיקטע פענצטער־לעכער אינדערהויך. דורך דעם זעט די גאַנצע חורבה אויס פונדערווייטנס, ווי אַ גרויסער טויט־צונויפגעקאָרטשעטער פויגל, מיט איין אויסגעשפּרייטן און פאַרשטאַרטן פליגל, דורכגעשאָסן מיט ריזיקע קוילן.

פון דער אָפּגעפּאַלענער גרוי־רויטלעכער טינק קוקן אַרויס די ריפּן פון שאַרף־געברענטע, פאַרשטיינערטע, אַלטע ציגל. הייַנטיקע צייטן, אַזוי זאָגן באַהאַוונטע ליימער, מאַכט מען מער נישט אַזעלכע גוטע ציגל. עס לוינט נישט...

נאָך בולטער און אַנטבלויזטער טרעטן די ריפּן אַרויס פון דער אַנגעשפּאַרטער פליגל־וואַנט. ווייל דאָ זעט מען אַ שטיק אינעווייניק פונעם געוועזענעם בנין, אינגאַנצן אָן טינק, אָן „הויט״... מאַכט עס טאַקע דעם איינדרוק פון געשונדנקייט, ווו ציגל־רויטע פליישן זענען דורכגע־וועבט מיט אַלטע וואַפּנע, ווי מיט גרויע פעטס און טויטן חלב...

קוקט מען זיך צו צו די חרובע טירן און פענצטער־לעכער, דער־קענט מען נאָך אין זייערע ווינקלען און שפּאַלטן אַ גלאַנציקע שוואַרצקייט פון פאַרקוילט האָלץ — רעשטלעך פון אָפּגעברענטע פריטעלקעס. ווי די טאַראַקאַנעס האָבן זיך די אַלטע קוילן פאַרקליבן אין די ריסיקע ווינקלען און אַזוי פאַרשטיינערט געוואָרן אין זייער לעבעדיקער שוואַרצקייט.

מען דערקענט, אַז ס'איז אַ רעשט פון אַ היפּשן בנין. און געווען איז עס טאַקע, ווי מען דערציילט, דאָס גרויסע הויז פון הרב הגאון ר׳ ישיעלע, וועלכער האָט אַמאָל געפירט שקלאָווער קהל מיט אַ שטאַרקער האַנט. און די צוויי פּאַרקיילעכדיקטע פענצטער, אין פליגל פון חורבה, דאָס זענען די פענצטער פון ר׳ ישיעלעס אַ פּריוואַטן בית־מדרש מיט אַן ארון־קודש און מיט רייניקייטן. נאָר בעוונותינו הרבים, בשעת דער גרויסער שריפה אין שקלאָוו, מיט פופציק יאָר צוריק, האָט ר׳ ישיעלעס מויער אויך אָפּגעברענט און ספרי־תורות זענען פאַרברענט געוואָרן. איז אַ טרויער אָנגעפאַלן אויף ר׳ ישיעלען. ער האָט מער נישט געוואָלט אויפבויען זיין חורבה, נישט וווינען אויף דעם אַש פון רייניקייטן... האָט ער די חורבה געלאָזן שטיין, ווי זי שטייט, און אָקעגן איר געלאָזן אויסבויען אַ נייעם מויער, ווו דער מתנגדישער רב, דער איידעם פונעם לאַנג־פאַרשטאָרבענעם ר׳ ישיעלען, וווינט נאָך ביז צו הייניטיקן טאָג.

פופציק יאָר זענען אַריבער זינט דער גרויסער שריפה, וואָס האָט חרוב געמאַכט דריי פערטל שקלאָוו. און אין משך פון אַזוי פיל יאָרן זענען די אויוונס אין ר׳ ישיעלעס חורבה פאַרוואַקסן געוואָרן מיט גראָז און קליינע בוימלעך זענען אויסגעוואַקסן אויפן אָפּשיט אין אַלע ווינק־לען. ווי די גרינע סטראַזשניקלעך האָבן זיך דאָ קוסטעס אויסגעשטעלט אָפּצוהיטן די וויסטקייט און פאַרלאָזנקייט אין אַלע באַהעלטערלעך. אויפן אָפּנעם פריפּעטשאָק וואַקסט קראָפּיווע און דאָרטן, ווו אַמאָל איז געווען אַ ליעזשאַנקע מיט גלאַנציקע פאַליוועגע קאַכליעס, איז אויסגעבעט אַ געדיכטער, האַריקער טעפּיך פון גראָז און אין גראָז וואַקסן רויטע יאַגדעס...

יאָ, רויטע יאַגדעס. נאָר נישט אַלע זענען זוכה צו פאַרזוכן פון זיי. ווער מען וועט דאָס איינפאַלן קלייבן יאַגדעס אויף ר׳ ישיעלעס ליעזשאַנקע? נאָר חדר־יינגלעך מזיקים פאַלט דאָס יאָ איין. ווייסע חברהניקעס פון חברת־מחזיקי־יתומים, וואָס האָבן פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט און וואָס קיין מעשה איז זיי נישט צו קליין, לאָזן זיך אַוועק אויף אַזאַ סכנה, ווי דראַפּען זיך איבער חרובע אויוונס, ווו שטיקער ציגל און וואַפּנע הענגען איבערן קאָפּ, און פליקן יאַגדעס...

ביי‌טאָג זעט זי אויס אַ סך איינפאַכער, אַ סך נידעריקער, אַט די חורבה מיטן אָפּגעשונדענעם פליגל. מען קוקט אַריין אין אירע פוסטע פענצטער און מען זעט דאָרטן נישט קיין איבעריקע ווונדער. די זונען־

פלעקן באַלעבן דאָס נישט־היימלעכקייט, באַגילדן די הויפּנס אָפּשיט. פלעכטן זיך צוזאַמען מיט דער אַנגעוואַקסענער קראָפּיווע, טשיקעווען אַריין אין די אויפגעריסענע קעלערס.

נישט אַזוי איז ביינאַכט. שוין קעגן אָוונט צעוואַקסט זיך דער גע־היימער פחד פון דער חורבה. די אָפּגעשונדענע וואַנט פון דער זייט שפּרייט זיך אויס ווי אַ פליגל פון אַ ריזן־פלעדערמויז, דורך וועמענס פאַרקיילעכדיקטע לעכער, אין דער הויך, עס קוקט דורך אַ נישט־גוטע רויטקייט פון אָוונט־הימל. און די געקעפּטע קוימענס, פון אויוון און הרובע, ציען אויס די אָפּגעשניטענע העלדזער איבער די געשפּאָלטענע ווענט אָן אַ דאַך, כדי גיפטיק און אין לעצטן קראַמף אַ ביס צו טאָן דעם פאַררויטלטן הימל, און קענען נישט.

עס ווערט טונקעלער. און מיט פוסטע פענצטער־לעכער, פאַרצויגן מיט וויסטקייט און שפּינוועבס, זוכט זי, דאַכט זיך, די חורבה, איר פאַרלוירענע „נשמה״. אָן האָפנונג זוכט זי זי... אַמאָל האָט דאָך די דאָזיקע נשמה געגלאַנצט אין דער נאַכט אַריין מיט ליכטער, מיט שאָטנס פון רבנים געציטערט און מיט הייבלעך פון רביצינס געשאָקלט... ווו זענען זיי אַצינד, אָט די שאָטנס און ליכטער? בשעת דער גרויסער שריפה זענען זיי אַוועקגעפלויגן, אין רויך און פייער פאַרלוירן זיך. און איבערגעלאָזן, פון דאַמאָלסט אָן, פאַר רעגנס און ווינטן און שנייען, איר בלויזע שאָלעכץ, איר סקעלעט, וואָס באַשטייען פון צעשפּאָלטענע ציגל־ווענט, פון הורבעס אָפּשיט און אָפּגעשיילטע טינק.

— ווו בלאָנדזשעט זי אַצינד אַרום, די פאַרלוירענע נשמה מיינע? — אַזוי טראַכט, דאַכט זיך, די חורבה אין דער נאַכט אַריין, מיט אירע שטאַרע פענצטער־לעכער, — ווועלן זיי מיר ווען־נישט איז צוריקקערן רירעוודיקע ליימערס, האַרעפּאַשנע פלאָטניקעס, זינגענדיקע קלעפּער און פאַרבער?

די נאַכט שווייגט פאַרביסן אַרום איר. די נאַכט ענטפערט נישט.

2.

און ווערט אַ ביסל שפּעטלעך און מען קוקט אַריין אין דער חורבה דורך אַ פוסטער טיר, מיט אַ בערגל וואַפנע אָנשטאָט אַ שוועל, דערזעט מען באַשטערנטע שטיקער הימל הענגען, ווי צעריסענע מלכותדיקע

בראָקאַטן, איבער אירע קוימענס און ווענט און אין אַלע אירע לעכער און שפּאַלטן. און אַן עלנטקייט, וואָס האָט נישט קיין נאָמען און האָט נישט קיין גרענעץ, טריפט פון אירע וויסטע ווענט איבער די חרובע אויוונס און איבער דער באַגראָזטער ליעזשאַנקע און שפּאַרט זיך אַן אַן די אַמאָליקע איינגעמויערטע פּאָליצעס און אַצינד — לאַנגע פּיר־עקיקע גריבער אין די דיקע ווענט.

אַ שווערער, געהיימנישפולער אומעט האָט דאָ אַנגעזאַמלט זיינע אַלטע ווייען. אין די אויפגעריסענע קעלערס האָט ער זיי באַהאַלטן, אין דער זיבנפאַכיקער שוואַרצער פינצטערניש, וועלכע האָט זיך דאָרטן פאַרקליבן. ברוגימער פּאַר פלעדערמייז זעגען די טיפע לעכער אין די אַמאָליקע פּאָדלאָגעס געוואָרן. פון דאָרטן שעפּן פלעדערמייז די שוואַרצ־קייט פון דער נאַכט און צעמישן זי, ווי טינט, אינעם חלל פון דער וועלט. נאָך טונקעלער זאָל ער ווערן, נאָך שוואַרצער...

פון איין צעשפּאָלטענער וואַנט ביז דער צווייטער, און פון איין פאַריתומטן קוימען צום אַנדערן, האָט דאָ אַנגעצויגן די נאַכט־שטילקייט אירע האָר־דינע, נישט ממשותדיקע סטרונעס. ענטפערן, דאַכט זיך, אָפּ די דאָזיקע סטרונעס, אויף יעדער האַרץ־שלאָג, וואָיען איינגעהאַלטן און נאַכטיק־פאַרשוואומען אין די אויערן:

— אי־אי־אי —

און די גאַנצע חורבה מיט אירע געלעכערטע ווענט און מיט איר אָפּגעשלאָסענער שטילקייט זשומזשעט נאָגנדיק און געצויגן, ווי אַן אומ־געלומפּערטע האַרפע אינמיטן דער נאַכט, ווי אַ ריזיקער מויער־קאָפּ מיט אַן אָפּגעשפּאָלטענעם רוקן:

— אי־אי־אי —! שטי־אי־אי־ל!

דער אומעט פון חורבן בלאָזט דאָס איז די סטרונעס פון דער נאַכט, דער וועלט־עלנט פון חורבן בית־המקדש ביז אַצינד. דער הילפלאָזער וויי פון אייביקע צעשטערונגען, פון בל־תשחית *). דער פחד פאַרן סוף פון אַלץ און אַלעמען. מעג עס זיין בלוט און פלייש, מעג עס זיין האָלץ און שטיין...

דאָס זענען אָפּקלאַנגען פון פאַרגאַנגענע פריידן און יסורים, פון געשטאָרבענע מענטשן, פון פאַרפלויגענע שטימען... און נאָר אַ קינדערש

*) די עבירה פון צעשטערן אומזיסט־אומנישט.

נישט־פאַרגרעבט האַרץ, ווען עמעצן פילן עס איז אַזוי האַר־דין, ווי די סטרונעס פון דער נאַכט, קען די דאָזיקע חורבה־קלאַנגען אויפנעמען.

אפשר קלינגט דאָ ראַבינזאָן־קרוזאָס געוויין פונעם פאַרוואָרפענעם אינדזל?

אפשר געבונדענע מאַראַנען אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע? אפשר פאַרפייניקטע אין היילן, פאַרפאַלענע אין ווילדע וועלדער, ווי אין קופּערס מעשה־ביכלעך?

וויפל יאָרן האָבן זיי געבלאָנדזשעט, אָט די קולות, ביז זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אָן די ווענט פון ר׳ ישיעלעס חורבה און געמאַכט ציטערן די פאַרטאַיעטע שטילקייט, צווישן קוימען און קוימען, אַזוי ווי איין אָנגעשלאָגענע פידל מאַכט ברומען שטילערהייט די צווייטע?

— אי־אי־אי־אי! —

אָט די דאָזיקע וואָיענדיקע טענער האָט פייוועקע אוריס יאָ אויפגענומען אין זיין צען־יאָריק הערצל. פאַרשוווּמען און ציטערדיק, אין טיפן שרעק פאַר דער נאַכטיקער וויסטקייט אין ר׳ ישיעלעס חורבה, פאַר דער פיר־עקיקער שוואַרצקייט אין אירע פוסטע פענצטער.

אָבער זינט די רביצין אין חדר האָט זיך איינמאָל צערעדט וועגן חורבות און געזאָגט, אַז ביינאַכט דאַרף מען אין אַ חורבה נישט אַריינקוקן, נישט אַריינהאָרכן, ווייל עס קען זיך, חס־ושלום עפּעס מתדמה זיין... פון דענסטמאָל אָן האָט די חורבה־מוזיק אויפגעהערט.

דער „מתדמה זיין" האָט פייוועקן פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווי אַ גראָבע האַנט. וואָלט זי כאָטש געזאָגט, די רביצין: „עס קען זיך עפּעס אויסדוכטן" — וואָלט נישט געווען אַזוי מאוימדיק. האָט זי אָבער דווקא חסידיש־פאַרשטעלט געזאָגט: עס קען זיך „מתדמה זיין". דאָס האָט געהאַט גאָר אַ באַזונדער כשוף. ווי אַ בליי האָט דאָס אין אים די קינדערשע נייגעריקייט דערשטיקט.

וואָכן לאַנג נאָכדעם האָט פייוועקע אויסגעמיטן צו גיין פאַרביי ר׳ ישיעלעס חורבה. און אין די ווינטערדיקע אויסגעשנייטע נעכט, גייענדיק פון חדר מיט אַן אָנגעצונדענער לאַמטערנע, האָט ער גענומען מאַכן גרויסע אומוועגן, אַבי נישט אָנקוקן, אַפילו פונדערווייטנס, ר׳ ישיעלעס חורבה. אויפן גרונט פון שניי האָט זי זיך גאָר באַזונדערס אַרויסגעפּרייגט אין דער נאַכט. אירע פענצטער־לעכער זענען געווען שוואַרצער,

איר פליגל אויסגעשפרייטער. און אין אירע אויפגעריסענע טירן האָט זיך עפּעס טאַקע „מתדמה" געווען...

3.

ער האָט זיך זייער געוואונדערט, פּייווקע אוריס, ווען ער האָט דערהערט מורמלען, אַז „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ" האָט אין ר' ישיעלעס חורבה פאַרשלעפּט חיה שרהקע די משוגענע און עפּעס געטאָן נישט קיין שיינע זאַכן. מילא, די עבירה אַברעמעלעס פאַרשטייט ער נישט גאַנץ קלאָר, אָבער די עזות און די גבורה דורכצומאַכן אַ נאַכט אויף דער באַגראָזטער ליעזשאַנקע אונטער אַן אויסגעשטערנטן הימל, צווישן פיר חרובע ווענט, איבער אויפגעריסענע קעלערס, ווו אין יעט־ וועדער ווינקעלע איז זיך עפּעס „מתדמה", און אַרויסגיין אַ פרישער און אַ גאַנצער — דאָס פאַרשטייט ער נישט.

ער האָט אויך בשום אופן נישט געקענט משיג־זיין די דרייסטקייט פון אַ הינקענדיקן קירזשנער, ווי חאַצע דער „ציציליסט" איז, וועגן וועלכן מען דערציילט, אַז נישט איינמאָל, אינמיטן דער נאַכט, האָט ער זיך מיט חברה־טראַסק פאַרקליבן אין ר' ישיעלעס חורבה און אַרויס־ געזונגען ציציליסטישע לידער אויף צו להכעיס ר' ישיעלעס איידעם אין נייעם מויערל אַנטקעגן, און אויף צו להכעיס דער גאַנצער איינגע־ שלאָפענער שטאָט... אָט דאָ אַגומלטן, איידער מ'האָט אָט דעם חאַצע קירזשנער אַרעסטירט און אָפּגעשיקט אין מאָהליווער אָסטראָג, האָט ער אים, גייענדיק פון חדר, באַגעגנט אויף דער שול־גאַס. חאַצע האָט געהינקט אויף דער שמאָלער קלאָטקע און ווי עס וואָלט אים געגאַנגען אום לעבן פלייסיק געהאָצקעט זיך אויף זיין שוואַרצער קאַווילע. די ביסטרע אויגעלעך — שטעכן, די אונטערגעשוירענע וואָנסעלעך סטאַר־ טשען, די שאַרפע אויערלעך שפּיצן זיך, ווי ביי אַ צאַפּ, איבערן שוואַרצן ראַנד פון קאַרטוז... האָט זיך פאַר אים פּייווקע אוריס דערשראָקן און אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז ס'איז אַ פאַר־ שטעלטער חורבה־רוח, וואָס האָט קיין מורא נישט פאַר גאָט, נישט פאַר לייטן, נישט פאַרן פּריסטאַוו. וואָרום קיין געוויינלעכער מענטש קאָן ביי זיך נישט פועלן זינגען אינמיטן נאַכט, צווישן חרובע אויוונס... און אָט, ווען מ'האָט געגומען רעדן דערפון, אַז מ'האָט דעם הינקענדיקן קירזשנער געפּאַקט און אַרעסטירט, האָט פּייווקע אוריס אין האַרצן אויך נישט

געגלויבט. ס'איז אוודאי געווען נאָר אַן אָנשטעל פון חאַצען. ער האָט נאָר געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער לאָזט זיך פירן מיטן עטאַפּ קיין מאָהליוו. אויפן מיטן שליאַך, אָדער אין אָסטראָג, ווען חאַצע וועט נאָר וועלן, וועט ער אַ פּאַטש טאָן מיטביידע הענט, נעמען די קוליע אויף דער פּלייצע און אַנטלויפן אומגעזעענערהייט מיט דער אָנגערוקטער היטעלע איבער די ברענענדיקע אויגן... וואָרום די קוליע איז מסתמא אַזאַ קוליע, ווי חאַצע איז אַ מענטש גלייך מיט אַלע מענטשן...

און טאַקע דערפאַר, האָבנדיק אַזאַ פאַרשטעלונג וועגן דעם, וואָס צווישן חרובע ווענט קען זיך „מתדמה זיין", האָט פּייוּקע אויסגעלאַכט איינעם אַ חברהשן יינגל אַ מזיק, ווען יענער האָט אים דערציילט, פאַרכליניענדיק זיך פון באַגייסטערונג, וואָס פאַר אַ גרויסע רויטע יאַגדעס ער האָט געפונען אין דער חורבה, אויף ר' ישיעלעס באַגראָזטער ליעזשאַנקע...

דערהערנדיק אַזעלכע באַרימערייען, האָט פּייוּקע זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און אויסגעשריען מיט פאַראַכטונג:

— אוי, סאַראַ ליגן! אוי, סאַרא ליגן!

איז אָבער דער חברהשער יאָטל צעקאָכט געוואָרן פאַר כעס:

— דו, באַלעבאַטישער כניאָק! איטשייזשעס שוועסטערקינד!

— חברהשער פּופּיק! — האָט פּייוּקע אויך נישט פאַרשוויגן.

— איבעראיאָר דו! — האָט אים דער חברישער יתום אָפּגעפּסקנט. ס'איז אַן אַלטער שלאָג־וואָרט ביי חברהשע יאַטלעך.

— טשאָרוואָקאָזענע קאַפּאָטע! ווילסט זיך אפשר שלאָגן?

— כ'האָב הײנט אַ בלינדן טשיריק... נאָר אַן אַנדערשמאָל... וואָרט! כ'וועל דיך שוין כאַפּן אין אַ געסעלע!

— פאַר קלעפּ האָסטו מורא, אַ? און פאַר דער חורבה — נישט־מורא! כאַ־האַ!

— אַזעלכע בלאָטערן דיר אויף דער צונג, וואָס פאַר אַ יאַגדעס איך האָב דאָרטן געגעסן...

מ'האָט זיך גאַנץ פיין איבערגעווערטלט קיינער איז קיינעם שולדיק נישט געבליבן. נאָר פון דער זיכערקייט, מיט וועלכער דער „חברהשער פּופּיק" האָט זיך געשאָלטן, איז פּייוּקען קלאָר געוואָרן, אַז אינגאַנצן אַ ליגן איז דאָס נישט... אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ביז... פּייוּקען אַליין האָט זיך פאַרגלוסט צו פאַרזוכן אָט די רויטע יאַגדעס, וואָס וואַקסן אויף ר' ישיעלעס

ליעזשאַנקע. דווקא אָט די יאַגדעס, אין נאַכט־סודות אויסגעהאָדעוועטע, מיט חורבה־שרעקן אָנגעזויגענע. דווקא די.

ער האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט. אַזאַ מאָדנע גלוסטעניש האָט אַפילו אויסגעזען, ווי אַ גוואַלטאָוונער חלול־השם, אַ גרויסע באַליידיקונג פאַר דער שוואַרצער אימה, וואָס לויערט בייגאַכט אַרויס פון די פוסטע פענצטער. פּירות פון טייוול אַליין, פון „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַצס" טומאה, פון האַצע דעם הינקענדיקנס כשוף און פון איצקע דעם מטורפס משוגעת מוזן דאָך אַזעלכע יאַגדעס זיין... אָבער דווקא דערפאַר, וואָס זיי זענען חוץ־מדרך־הטבע אויף אַ ליעזשאַנקע געוואַקסן און מיט חורבה־צויבער דערצויגן, האָט זיי געמאַכט אַנציענדיקער, געשמאַקער. זיי האָבן געוווּנקען, ווי אַ זינד, וואָס איז פאַרבאָרגן און רויטלט זיך זיס און זאַפטיק און הויך, הויך, ווו קיין באַלעבאַטישער צעשראָקן יינגעלע אין שטאָט קען זיך גאָרנישט דערקלייבן. נאָר אַזאַ חברה־מאַן, ווי דער חברהשער יתום, האָט זיך אַהין יאָ דערקליבן און ער, פּייוּוקע אוריס, מוז זיך אַהין אויך דערקלייבן, מעג עס אים דאָס לעבן קאָסטן.

פון קריגן זיך איז אַזוי פּייוּוקע איבערגעגאַנגען צו אַ מורמלען, דער־נאָך — צו אַ שטילן אָנבאָט. אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, איז ער צו אַזאַ אָנבאָט דערגאַנגען. און מיט אַן אָפּגעשייערטער קאָפּיקעלע האָט ער ווייך געמאַכט דאָס פאַרקאָכט הארץ ביים „חברהשן פופיק", ביי זיין אָקאָרשטיקן שונא. איז מען שטילערהייט מושוה געוואָרן צווישן זיך, יענער זאָל אים אָפּוואַרטן נאָכן חדר, פאַר וואַרמעס עסן, און מ'זאָל צוזאַמען גיין רייסן די פאַרבאָטענע פּרוכט, די ווונדערלעכע רויטע יאַגדעס, וואָס וואַקסן און געדייען אין ר' ישיעלעס חורבה.

דער כוח פון פאַרבאָטענע פרוכט

.1

אַ טאָג שפּעטער, נאָך דער קריגערײַ און שלום־װערן מיטן חברהשן יתום, האָט זיך מיט אים פּײַוּוקע באַגעגנט אויף אַן אָפּגערעדטן אָרט, בשעתן גײן פון חדר װאַרמעס עסן. אײנציקװײז און מיט אומװעגן, װי צװײ קלײנע פאַרשװערער, האָבן זײ זיך אַרײַנגעכאַפּט אין ר׳ ישיעלעס חורבה. אַפריער דער חברהשער יתום, כדי צו געבן אַ בײַשפּיל פון דרײסטקײט, און נאָך אים — פּײַוּוקע.

אַ זון, פון סוף חודש־אב, האָט הײס געלויכטן איבער דער חורבה, בשעת די צװײ מזיקים האָבן זיך אין איר אַרײַנגעמאַכט. װי װאַסער דורך אַ צעבראָכענעם גרויסן קאַסטן, אַזױ האָט דאָ די ליכטיקײט געכליאָבעט דורך דעם אויבערשטן פּיר־עק, אָן אַ דאַך, דורך די פּוסטע פענצטער, דורך די קרומע שפּאַלטן, און צופּאַסעװעט דעם גאַנצן אינעװײניק מיט גאָלד און בלױלעכע שאָטנס. אין די אָפּגעשלאָסנקײט פון די װענט האָבן דאָ די שאָטנס אָנגענומען אויסטערלישע געשטאַלטן און מאָדנע פאַר־קרימונגען — העויות פון פאַרטאַיעטע גײסטער.

אַזױ, למשל, זענען דאָ די שאָטנס פון די חורבע ק ו י מ ע נ ס בולט־שװאַרץ געלעגן אויף די באַציגלטע, באַװאַפּנעטע און באַשטײניקטע געװעזענע פּאָדלאָגעס. און כװאַליעדיקע הײפלעך, װי אָנגעפּאַלדעװעטער שװאַרצער זײַד, זענען די שאָטנס געלעגן און, דורכגײענדיק ביז דער אַקעגנדיקער װאַנט איבערגעבראָכן זיך, װי אָנגעקראָכמאַלעטע סערזשע, און מיט די שװאַרצע העלדזער אַרױפגעקראָכן אויף די רויט־אָפּגע־שונדענע ציגל־װענט...

פון די דרומדיקע פענצטער־לעכער האָט געשפּאַרט אַ גרויסע ליכ־טיקײט, אַ גאָלדענע פאַרבלענדעניש, און אין די אַקעגנדיקע פּוסטע פענצ־

טער האָט קיל געשימערט אַ געדיכטע הימל־בלויקייט, ווי שטיקער בלויע גלאָז איינגעפּאַסט אין רויטע צעשאָטענע ראַמען.

און אין אַלע פיר חרובע ווענט האָבן זיך דאָ די אַלטע ציגל צעקעסטלט אין לאַנגלעכע וואַפנע־רעמעלעך, ווי טויזנטער אויסגעבליטע בילדלעך. אָפּגעשרפהטע פּאָרטרעטלעך, וואָס פייער און זון האָבן דאָ אָפּגעמעקט. און אויפן גרונט פון אָט די אַנטבלויזטע ציגל און איינגע־רעמלטע רויטקייט, האָבן די צעוואַקסענע גראָזן און קראָפּיווע געהאַט גאָר אַ באַזונדער גרינקייט. אָן שום געלבלעכע אָדער בלאַסערע איבער־גאַנגען, נאָר אַ גלייכמאָסיקע, אַ גיפטיקע, אַ געפּערלעכע, ווי גרינשפּאַן. אָן ווינט־באַוועגונג זענען דאָ די געוויקסן געשטאַנען, און אָן שום זומערדיקער ליבלעכקייט — אַנגעקוקט די מענטשישע שנעקעס, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין זייער סומנע־גרינער אַסיפה. איין שטאַרקער געקוק איז געוואָרן פון דעם גאַנצן גרינס אין חורבה:

— זעט, זעט!... ווער זענען זיי? וואָס ווילן זיי דאָ?

אָבער פּייוקע אוריס און דער פּאַרפירער זיינער, דער יאַטל פון חברת־מחזיקי־יתומים, האָבן זיך נישט לאַנג אַרומגעקוקט. נישט טראַכטנ־דיק קיין סך — אַריינגעוואָרפן זיך אינעם געמיש פון סומנע שאָטנס, ליכט־פּאַסן און גרינס, ווי אין כוואַליעס; געגומען קריכן, מיט הענט און פיס איבער משונהדיקע בערגלעך אָפּשיט, איבער באַלכסון־אָפּגעשפּאָל־טענע צווישן־ווענט פון געוועזענע קאַמערן.

דער חברהשער יתום האָט זיך געדראַפּעט ווי אַ געניטער חורבה־קאָטער, ווי אַ געריבענער קלייבער פון חורבה־יאַגדעס, וועמען עס אַרן שוין מער נישט אַזעלכע פּוסטע מעשיות, ווי מאָדנע שאָטנס און אויס־טערלישע גראָזן. און פּייוקע — ווי איינער, וואָס וואַרפט זיך שווימען צום ערשטן מאָל, מיט האַרצקלאַפּעניש און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, שוידערנדיק און פאַרכליניענדיק זיך אין אָט דער קילקייט פון צעשטערונג, אין דער פרעמדקייט פון חורבן־עלעמענט, אין אָט דער טיפער סאַזשעלקע פון וויסטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט אין רעכטן מיטן שטאָט...

מיט אַן איבערגעטריבענער כראַבּרעקייט איז ער געקראָכן נאָך זיין וועג־ווייזער, כדי צו באַטויבן אין זיך דאָס געפיל פון פאַרשוועכן אַן אומבאַקאַנטע הייליקייט, פון אַריינקוקן אין טונקעלע סודות אויף יענעם זייט לעבן, אין אַ מין פאַרבאָטענעם „מה־למטה, מה־למעלה"...*)

*) „וואָס אונטן און וואָס אויבן". על פּי דין טאָר מען דערפון נישט טראַכטן.

מיט סכנת־נפשות איז ער געקראָכן צו ר׳ ישיעלעס באַגראָזטע ליעזשאַנקע. און די קני האָבן אים געציטערט און אין האַרצן האָט געקלעמט, כאָטש די זון האָט דאָ דריי מאָל אַזוי שטאַרק אַריינגעלויכטן, ווי אין אַ שטוב מיט אַ דאַך אויפן קאָפּ. איין מאָמענט האָט זיך אַפילו פּייווקען געגומען אויסדוכטן, אַז דער יאַטל, וואָס קריכט פאַראויס איז עפּעס נישט גלאַט אַזוי אַ יאַטל. יענער האָט זיך אפשר נאָר פאַרשטעלט פאַר אַ יתום מיט אַ טשאַרטוואָקאָזענער ברוינער קאַפּאָטקע מיט אַ שפּאַלט פון הינטן, מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנערל און מיט אַ שוואַרצער היטעלע. און אין דער אמתן איז ער אפשר איינער פון די היזיגע בעל־דברס. אַלס אַ משולח האָט מען אים פון דאַנעט אַרויסגעשיקט. און דער רוח ווייסט וווּהין מען וויל אים פאַרשלעפּן... אַ שווייס האָט פּייווקען אַרויסגעזעצט פון אַזאַ געדאַנק. ער האָט שיעור נישט געגומען שרייען „מאַמע״... ער האָט זיך אָבער געשעמט. דער גאַנצער האָנאָר פון אַ כוואַט איז דאָ גע־שטאַנען אין קאָן. האָט ער פאַרביסן אַ ליפּ און ווייטער געקראָכן. און נישט אַזוי דער האָנאָר און די זשעדנעקייט נאָך חורבה־יאַגדעס האָבן אים דערצו געצוווּנגען. חס־ושלום! אַ מאָדנע ליידנשאַפט האָט אים געטריבן. דערקלייבן זיך צו ר׳ ישיעלעס אויוון און קלייבן יאַגדעס פון דער ליעזשאַנקע האָט געהייסן: ליפערן אַ קאַמף דעם איינגעזעסענעם פחד פאַר חורבות און פאַר דעם, וואָס אין חורבות קען זיך „מתדמה״ זיין. דאָס האָט געהייסן: צעטרייבן אַלע שאָטנס, וואָס די דערוואַקסענע האָבן אין אים אָנגעיאָגט, צערייסן אַלע שפּינוועבס, וואָס באַלעבאַטשענדיקע יידענעס, מיט זאָקן־שפּיזלען אין די הענט, האָבן אַרום אים אַרומגעשפּונען און אַרומגעוועבט פון קינדערווייז אָן...

2.

וואָס העכער — אַלץ שרעקלעכער איז געוואָרן. דער אַרום האָט אָנגענומען איבערגעטריבענע מאָסן און געשטאַלטן. די אויפגעריסענע קעלערס האָבן פון דער משופּעדיקער „הויך״ אויסגעזען ווי אָפּגרונטן, און די געוועזענע פּאָל־טיר פון קעלער — ווי אַ שוואַרצער אַריינגאַנג אין כף־הקלע. די העלדזער פון די אָפּגעבראָכענע קוימענס זענען געוואָרן מוראַדיק דיק, פּיר־עקיק און האַמעטנע, אָנגעגאָסן מיט ציגל־רויטקייט, ווי די קאַרקן פון משונהדיקע פאַרשוינען־גיגאַנטן. אָבער גלייכצייטיק האָט פּייווקעס אַנטשלאָסנקייט אויך גענומען ווירקן. וואָס אַ קריך־ווייטער

האָט די ייִנגלשע הפקרות, אינמיטן העלן טאָג, גובר־געווען דעם פּאַר־טאַיעטן פּחד. וואָס אַ צאָל העכער אויף דער רויער משופּעדיקייט — איז די מאַכט פון די שאָטנס שוואַכער געוואָרן. די בוימעלעך און קוסטעס אין די חרובע ווינקלען האָבן זיך אַצינד געטוליעט, ווי קינדער, וואָס האָבן דאָ אַמאָל געשפּילט אין באַהעלטעניש, און זייערע חברימלעך האָבן אָן זיי אינגאַנצן פאַרגעסן. קוקן זיי אַרויף, מיט אַ שטומען געבעט, צו די, וועלכע קריכן דאָ אַצינד אַרום, מ׳זאָל קומען און מ׳זאָל ווייטער שפּילן מיט זיי... און דאָס שוואַרצע געזעס פונעם חברהשן יאַטל קוקט שוין אַצינד אַרויס פונעם שפּאַלט אין דער ברוינער קאַפּאָטקע, ווי דאָס גלאַנ־ציקע בייכל פון אַ מאַי־זשוק, בשעת ער צעשפּרייט די ברוינע פליגלען צום פליען. עס קיצלט פּשוט צום לאַכן.

און אינמיטן דערינען פאַרשווינדט גאָר דער חברהשער יאַטל אין בויג פון אַ קופּע אָפּשיט. ער שפּרינגט ערגעץ־ווו אַראָפּ און צעכאַכאָטשעט זיך אומישנע־הילכיק, כדי אַרויסצורופן אַ ווידערקול:

— אַ־האַ־כאַ־כאַ!

און זיין געמאַכטער לאַכן קלינגט אָפּ צווישן די פיר ציגל־ווענט, ווי אָפּגעשלאָגן אָן אַ גלעזערנער אָפּענער כלי:

— האַ־האַ־אַ־ן!

דאָס האָט פייוקען אינגאַנצן אויפגעמונטערט. ער האָט פאַרוואָרפן דעם רעכטן פוס אַרויף, ווי אַ גרויסע גריל, און אין צוויי שפּרונג אַרויף און איין שפּרונג אַראָפּ איז ער געבליבן שטיין אויף אַ מין קליינעם פיר־עקיקן בעלעמער, באַדעקט מיט אַ געדיכטן זאַפטיקן גראָז, אינגאַנצן פאַרגאָסן מיט זון, און האָט דערפילט, אַז דער ציל איז דערגרייכט... ער האָט נאָך אָבער זיינע אייגענע אויגן נישט געגלייבט און באַגייסטערט־שטיל דערקונדיקט זיך ביים „חברהשן פּופּיק”:

— ר׳ ישיעלעס ליעזשאַנקע?

— ר׳ י—שי—ע—לעס ליע—זשאַנ—קע—ע! — האָט יענער אומישנע הפקרדיק אויסגעצויגן מיט אַ גאַנצן שלשלת פון דער סדרה. און דער גלעזערנער ווידערקול אין דער חורבה האָט איידעלער אָפּגעענטפערט:

— ע—ע—ען!

אויסגעצויגן, האָט זיך דער חברהשער יתום גלייך אַ וואָרף געטאָן שאַרן אין געדיכטן גראָז. און פייוקע נאָך אים. די פינגער האָבן זיך אָפּגעשטאָכן אָן אַ פאַרטאַיעטן קוסטעלע. און גאָר אומגעריכט האָט אים

אַ לויכט־געטאָן אין די אויגן אַ שפּיציקער קאַראַל. אַ גרויסע צייטיקע יאַגדע האָט עניוותדיק אַראָפּגעבויגן איר פאַרשפּיצט היטעלע, אַראָפּגע־קוקט פון גראָזיקן ראַנד אינעם „אָפּגרונט״ פון חרובן קעלער. און ווי נאָר פּייוקע האָט זי אָנגערירט, איז זי נאָכגיביק און זאַפטיק אַריינגעפאַלן אין פּייוקעס אונטערגעשטעלטער דלאָניע. קלעפּיק־זיס אַריינגעקייקלט זיך... ניין! נאָר די מאַמע אַליין, די מומע פייגע שטעקט פונקט אַזוי אָפּ „אַ גוטע זאַך״ אין האַנט אַריין, ווען קיינער זעט נישט, און גראַד דאַן, ווען מען ריכט זיך נישט.

פּייוקע האָט עס זשעדנע אַ כאַפּ־געטאָן אין אויסגעטריקנטן מויל און איז נשתומם געוואָרן פון דער געשמאַקער זויערקייט און פונעם גע־דיכטן וואַלד־ריח, וואָס האָבן זיך צעשמאָלצן איבער דער הייסער צונג. ניין, אַזאַ צייטיקע אויסגעכאַליעטע יאַגדע קען מען גאָר אין וואַלד נישט געפינען. זי האָט גלייך דערקוויקט, ווי אַ טראָפּן שאַרפע בשמים, וואָס מען טראָגט צו צו דער נאָז פון אַ געחלשטן.

נאָך אַמאָל אַ שאַר אין גראָז, און נאָך אַ שענערע יאַגדע גיט אַ שיין. און ווו? אויף דעם זעלבן אָרט, ווו ר׳ ישיעלע דעם גאַנס פיס האָבן זיך אַמאָל געוואַרעמט, ווו די רביצין איז אפשר, פאַר דער גרויסער שריפה, געלעגן, און די אַלטע ביינער אויסגעגלייכט. מיט דעם חיות פון פאַרגאַנ־גענע צייטן איז דאָ יעדע יאַגדע אָנגעזאַפּט. אַ זופּ הבדלה־ווייַן, מוצאי־שבת, דערקוויקט נישט אַזוי...

אָנשטאָט דעם פריערדיקן אומעט, האָט פּייוקען אַצינד אַרומגעכאַפּט אַ שיכורע פרייַלעכקייט, אַ הפקרדיקייט. אַזאַ שטיפעריש גבורה האָט אוודאי אַמאָל אַרומגעכאַפּט שמשון הגיבור, ווען יענער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם האָניק פונעם לייבס פּאַדלע. „האַ־האַ־האַ!״ — אַזוי האָט זיך אויס־געדריקט פּייוקעס צעברויזטע צען־יאָריקע הפקרות. נאָך יאַגדעס, נאָך יאַגדעס! נאָך, נאָך, נאָך...

אויף קני און עלנבויגנס איז ער אַרומגעקראָכן, האַלב־ייִנגל, האַלב־חיה געווישטערט אין גראָז אויפן רבס ליעזשאַנקע. פון ליעזשאַנקע איז ער אַרויפגעקראָכן אויף דעם באַוואָקסענעם חרובן אויוון. פון אויוון אויף דער נאָך העכערער איינגעפאַלענער הרובע— דער העכסטער משופּעדיקער פונקט אין ר׳ ישיעלעס חורבה. מיט הייסער זשעדנעקייט האָט ער אַצינד פאַרשלונגען אַלע יאַגדעס, וואָס האָבן זיך אים פּאָפּאַדיעט אונטער דער האַנט: רויטע און האַלב־רויטע, איבערגעזיסטע פון צייטיקייט און זויערע

ווי עסיק. ס׳איז עפּעס געווען אַ פאַרשווומען געפּיל פון אַ יונג בוימל, וואָס ציט איר יניקה אין די פאַרפוילטע וואָרצלען פון אַן אָפּגעהאַקטן דעמב. די ווונדערלעכע חורבה־פירותלעך האָבן אין פּייוּקען אַריינגעטריפט אַ נייעם כוח, אַ נייע אומדערשראָקנקייט, אַן אומבאַקאַנטן מוט. דער „חברהשער פּופּיק" האָט זיך שוין דאָ פריער אָנגענומען מיט דעם דאַזיקן כוח, אַצינד — ער, פּייוּקע... האַ־האַ־האַ! צעטראַטי אַלע סודות, חוזק־געמאַכט פון אַלע באָבע־מעשיות, פאַרשוועכט דעם הייליקן אַש פון פאַר־ברענטע ספרי־תורות. פון קברים — פּירות געגעסן, פון אָפּגעלעבטע שאָטנס ווייַן אויסגעפּרעסט. נישטאָ דאָ פאַר וועמען מורא צו האָבן! ער, פּייוּקע, איז שטאַרקער פון די בעלי־דברס, וואָס טוליען זיך דאָ אין די ווינקעלעך בייטאָג, און וואָס זעגען זיך, כלומרשט, „מתדמה" ביינאַכט. ער זעט דאָס באַשיינפּערלעך.

מיט אַ יאָגדע אין מויל האָט ער אַראָפּגעקוקט פון זיין הויכן זיץ, פון ר׳ ישיעלעס באַגראָזטער הרובע. די אויפגעריסענע קעלערס האָבן זיך אינגאַנצן אומגעביטן. נישט ווי דער איינגאַנג צום כף־הקל האָבן זיי אַצינד אויסגעזען, נאָר ווי גאַנץ איינפאַכע גריבער. עט!... גויאים ווען זיי ברענגען אין אָרדענונג דעם קהלשן אָפּטריט, מאַכן טיפערע גריבער... די זון־פלעקן אין די בולטע שאָטנס זענען אַצינד געלעגן אין חורבה ווי אין דעם טאַטנס סוכה, ווען מען נעמט פון איר אַראָפּ דעם סכך... נישטאָ פון וואָס נתפעל צו ווערן!

אַ דערפרישטער איז פּייוּקע אין יענעם פאַר־וואָרמעס אַראָפּגעקראָכן פון ר׳ ישיעלעס הרובע. אַ געקרעפּטיקטער אויפן גאַנצן לעבן — פון דער חורבה אַרויסגעגאַנגען.

.3

פון אָט דער זעלבער חורבה האָט דאָס „איצקע דער משוגענער" היינט דערציילט, פאַר אַ קופּע ייִנגלעך. פון א י ר, הייסט דאָס, אַ ניכפּי זאָל זי נעמען! איז אים געקומען זיין גאַנצע משוגעת... און מיט יעדן וואָרט זייַנעם און מיט יעדער העויה האָט ער, דאַכט זיך, אָפּגעווישט אַ זון־פלעק פון ר׳ ישיעלעס חורבה, אויפגעשפּונטעוועט דעם שרעק פון אירע, מיט חושך אָנגעגאָסענע קעלערן. פּייוּקע איז אויך געווען צווישן די פאַר־גאַפטע צוהערער. און מינוטנווייז האָט איצקע דער משוגענער פאַרכאַפּט

אַפילו א י ם — אים, פייוקען, וועלכער האָט זיך אָנגענאַשט מיט רויטע יאַגדעס אויף ר׳ ישיעלעס פּאַרוואַקסענער ליעזשאַנקע...

— איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל, בין איך געווען, — אַזוי האָט איצקע דער משוגענער דערציילט און געצופּט זיך דאָס דראָטענע בערדל מיטווילדע תנועות, — כ׳בין נאָך געגאַנגען אין חדר, אַזוי ווי איר גייט איצטער אין חדר. איז גיי איך אַזוי פון חדר איינמאָל ביינאַכט, גיי איך. עטלעכע יאָר נאָך דער גרויסער שריפה איז דאָס געווען איז דאָס. די הייזער זענען נאָך נישט געווען אויפגעבויט. אַרום און אַרום — חושך. קוימענס, קוימענס. ווינטער איז דאָס געווען. די חברימלעך מיינע זענען זיך צעגאַנגען יעדער אין זיין זייט. בלייב איך אַזוי איינינקער אַליין לעבן ר׳ ישיעלעס חורבה. קוימענס, קוימענס, אָפּגעברענטע, מיט קיילעכדיקע יאַרמולקעס שניי אין דער הויך, מיט פּערינעס פון שניי אויף די נאַקעטע אויוונס. גייט מיר דורך אַ קעלט דורכן לייב. כראַברע איך זיך, שאָקל איך מיט מיין אָנגעבונדענע לאַמטערנע און זינג, ווי ייִנגלעך זינגען, ווען זיי גייען ווינטער פון חדר:

האַילאַ־דראילאַ־האַילאַ־לאַ־לאַ
ביי דעם רבין טוט אַ הילך!
אויסגעקערט די גאַנצע מילך
אויפן טיש און אויפן טאַך
כאַפּט די קאַץ, כאַפּט די קאַץ!
האַילאַ־דראַילאַ־לאַ! —

כ׳האַלט ביי דער קאַץ, האַלט איך... ערשט איך גיב אַ קוק! דע... דע... דערזע איך —

דאָ בלייבט איצקע שטיין און פאַרגלאָצט די בולטע, בלוי־גרינע אויגן.

שטופּן אים אונטער עטלעכע ייִנגלעך מיט ענג־געוואָרענע העלדזער:

— זע, איצקע, איז וואָס דערזעסטו?

טשוכעט זיך איצקע אויף אַ ווילע אויס און גיט אַ מורמל:

— דערזע איך אַ בלויאינקן פייערל דערזע איך...

און פאַלט ווידער אַריין אין האַלב־חלשות. די אויגן זענען, דאַכט זיך, אָפן און זעען זעט ער קיינעם נישט. שדים ווייסן, וואָס ער זעט.

ציען אים אָבער נייגעריקע, שיטערע קולכלעך פאַר דער אָפּגע־שטאָרבענער צונג:

— ווו, ווו? — איצקע...

— אין חורבה, — ענטפערט איצקע אַ ביסל הייזעריק. — אין ר׳ ישיעֿלעס חורבה, אין דער קיילעכדיקער פענצטער פון אָפּגעבּרענטן בית־מדרשל. אַ בלויאינקן פייערל, בליאַסק־בליאַסק. מעלהאַי־מעלהאַי־מעלהאַי.

די לעצטע פּאָר ווערטער זאָגט אָפּ איצקע אַזוי גיך און פאַרזופּט, אַז זיי הערן זיך אָן ווי דאָס זליאָקען פון אַ הינטל.

הערן די קינדער און בלייבן שטיין אָן אָטעם, וואָרום פּונקט אַזאַ בלויאינקער פייערל, וועגן וועלכן איצקע דערציילט דאָ, פינקלט ביי אים אַליין, אין די מטורפדיקע אויגן: בליאַסק־בליאַסק. מעלהאַי־מעלהאַי־מעלהאַי.

— וויל איך אַנטלויפן, — דערציילט איצקע ווייטער — און... און איך קען נישט. שטיי איך אַזוי מיט אויסגעלופּעטע אויגן און קוק. קוק איך און קוק. און אַזוי ווי איך קוק —

דאָ מאַכט איצקע אַ נייע הפסקה, שפּייט אויס דורך די ציין און צופּט זיך דאָס בערדל גיך־גיך.

— ...דערזע איך, ווי אַ גרויסע קאַץ, ווי אַ הונט די גרויס — אַ קאַץ, זיצט אין אויסגעברענטן פענצטער און מיאַוקעט, אַ ניכפּי זאָל זי נעמען! נעם איך זיך אָן מיט כוח און שריי: אַ פּסיק — פּסיק, פּסיק! ענטפערט זי מיר גאָר אָפּ, די קאַץ, מיט אַ כאַ־כאַ־כאַ און כי־כי. וואַשט זיך מיט אַ לאַפּקע און כיכיקעט. אַט פּונקט אַזוי ווי איך לאַך אַצינד, אַזוי האָט זי געלאַכט, אַ ניכפּי זאָל זי נעמען! האָט זיך מיר דאָס געלעכטערל איבער־געגעבן, נישט היינט געדאַכט. די קאַץ לאַכט צו מיר אַראָפּ און איך לאַך צו איר אַרויף. נישט געקענט מער איינהאַלטן זיך. דאָס האַרץ גייט מיר אויס און איך לאַך...

שטייען די ייִנגלעך אַרום אין איינע ציטערניש. נאָר איינער דערלויבט זיך אַ פרעג צו טאָן:

— נו?

כאַפּט זיך איצקע אויף:

— נו! וואָס „נו״? וויל איך דאָך אַנטלויפן, וויל איך. זענען די פיס צוגעקלעפּט. אַ פוס — אַ פוד. קוק איך אַזוי און כיכיקע... ערשט פון דער קאַץ, אַ ניכפּי זאָל זי נעמען, ווערט גאָר אַ קאָפּ פון אַ נאַקעטער מיידל. אַזאַ קאָפּ ווי ביי חיה־שרהקען דער משוגענער. איר קענט זי דאָך! מיט צעפּלאָשעטע שוואַרצע האָר. אַ פּנים ווייס ווי קאַלך. און אַ צונג האָט זי מיר אַרויסגעשטעקט, אַ רויטע צונג. אַזוי ווי פייער. פויזעט ביי איר

אַרויס די צונג פון האַלדז ווי אַ שלאַנג, דרייט מיטן שפּיץ און דרייט זיך איר אַרום האַלדז איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל... און איך שטיי און קוק —

— קוקסטו?

— קוק איך. און אַזוי ווי איך קוק, פיל איך, אַז אין מוח, אַט־אַ־דאַ־אַ, האָט זיך מיר גערירט אַ קליאָפּקע. ביי יעדן מענטשן איז דאָ אַזאַ קליאָפּקע. האָט זי זיך ביי מיר גערירט. רייסן זיך מיר שוין אָפּ די פיס פון דר'ערד. איך גיב אַ וויג מיט דער אָנגעצונדענער לאָמטערנע און כאַפּ לויפן און שרייען, לויפן און שרייען —

דאָ גיט איצקע אַ שפּרונג און מאַכט נאָך ווי אַזוי ער האָט זיך דאַמאָלסט געלאָזן לויפן. ער שרייט דערביי ווי אין משוגענעם עקסטאַז:

— מאַמע! מאַמע! מאַ־מע—ע!

נאָר דערפירן זיין שטיקל טריאַטער ביזקל סוף האָט, דאָס מאָל, איצקע נישט געקענט. וואָרום זיינע באַנומענע קולות וואָרפן אָן אַ טיפן שרעק אויף די ייִנגלעך, אַן אימה ופּחד. זיי אַליין הויבט זיך עפּעס אָן מישן אין קאָפּ. אפשר רירט זיך שוין די „קליאָפּקע״? און, נישט וואָרטנדיק ביז זי וועט זיך אינגאַנצן רירן, צעלויפן זיי זיך פון איצקען, פון זיינע משונהדיקע תנועות. אַ כפּרה דער סוף פון דער מעשה.

בלייבט איצקע זיצן איינער אַליין און הירזשעט פאַר זיך פון גרויס צופרידנקייט, וואָס עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַרמאַניען אַזוי פיל ייִנגלעך און אַזוי אָנשרעקן זיי, אַז אַלע זענען זיך צעלאָפן, אויף אַלע זייטן, ווי פויגעלעך פון אַ בילנדיקן הונט... כי־כי! ווער ווייסט? אפשר וועט זיך ביי זיי מיט דער צייט אויך רירן אַ קליאָפּקע אין מוח, אַזוי ווי ביי אים. נישקשה, עס מעג זיך ביי זיי אויך רירן!...

און ווי ער זיצט אַזוי, קוקט נאָך די אַנטלאָפענע יאַטלעך און האָט הנאה, ערשט פייוועקע אוריס וואַקסט גאָר אויס לעבן אים, קוקט אים אָן מיט חוצפּה. ער איז, ווייזט אויס, גאָרנישט אַנטלאָפן, ווי די אַנדערע יאַטלעך און האָט קיין מורא נישט, אַ האָר אויך נישט.

— וואָס קוקסטו? — שרייט אויס איצקע — וואָס ווילסטו דאָ?

— ס'איז אַ גרויסער ליגן, איצקע! — רעדט צו אים פייוועקע רואיק און קוקט אים גלייך אין די מטורפדיקע אויגן אַריין — ס'איז נישט געווען קיין מיידל, נישט קיין פייערל...

— נישט געווען קיין פייערל? — פרעגט איבער איצקע אַ פאַר־ווונדערטער.

— אַ פּראָסטע קאַץ איז געזעסן אין חורבה...

— אַ פּראָסטע קאַץ? — פרעגט איבער איצקע.

נאָר מיטאַמאָל שפּרינגט ער אויף. מ׳האָט אים אָנגעטראָפן אויפן סאַמע שוואַכן אָרט זיינעם. ער איז באַזיגט. זיין משוגעת מאַכט מער קיין שום רושם נישט. מען גלויבט אים נישט, אַז ער איז משוגע. לאָזט ער זיך לויפן איבער דער גאַנצער גאַס נאָך פּייווקע אוריס, און קוויטשעט הייזעריק, אַצינד מיט אַן אמתן נישט־געמאַכטן כעס:

— ממזר, אַ ניכפּי זאָל דיך נעמען, ממז—ע—ר!

פאַרקלאַפּט דעם גן־עדן

1.

נאָך דער גרויסער „אָבלאַווע" און נאָכן אַרעסטירן האַצע דעם הינקעדיקן — אַט דעם געפערלעכן אַנרייצער פון אַלע באַלמעלאָכעס און דינסט־מיידלעך, האָט מען אין שקלאָוו געמיינט — אַ סוף! דער נייער פּריסטאַוו וועט אַצינד זיין פאַרנומען מיט זיינע זשאַנדאַרניקעס, וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט קיין מאָהליוו. וועט ער קילן דאָס טרפהנע האַרץ אָן די „ציציליסטן" און קראַמאַלניקעס, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרפירט. וועט ער כשרע באַלעבאַטים לאָזן צו־רו און קוקן אויף שטאָטישע ענינים דורך די פינגער... ערשט עס הויבט זיך גאָרנישט אָן! עס סטאַיעט אים געגנוג צייט און רשעות פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען. סיי פאַר די, וואָס האַלטן ביַשט פון קיסר ירום הודו, סיי פאַר די, וואָס האַלטן יאָ. פאַרקערט, אַצינד, אַז די מאָהליווער זשאַנדערס אויף פערד האָבן גענומען מאַכן פאַראַנדקעס צווישן יונגן דור, נישטערן, מיט נאַהייקעס אין די הענט, אין ר' ישיעלעס חורבה ביינאַכט און אין פראַנצאַוועקער וואַלד — בייטאָג, האָט ער, דער פּריסטאַוו, ימח־שמו זאָל ער ווערן, אַ סך מער צייט אָפּצוגעבן זיך מיטן אַלטן דור... און אַ נייע כוואַליע פון צוטשעפּעבישן און גזירות פאַרפלייצט די גאַנצינקע שטאָט. לעבן פון אים קען מען נישט!

ערשטנס, וואָס זענען דאָס פאַר אַ מיני אַנגעצויגענע דראָטן איבער גערטנער, וואָס פּוסטעווען? הייַנט גיי דערקלער אַ גוי אַ חמור, אַז ס'איז אַן ערוב, מען זאָל קענען טראָגן אום־שבת... „אַזוי גאָר?", גיט ער אַ דריי איין דראָטענע וואָנסע, „איז אָן אַ דראָט זענט איר חולה צו טראָגן? אַ טשיקאַווע זאַך!..." און פון וואַנעט, זאָגט ער, ווייסט ער, דער פּריסטאַוו, אַז ס'איז נישט עפּעס אַ טעלעגראַף אַזאַ?...

און מסירות זענען אַוועק צום גובערנאַטאָר אויף שקלאָווער דראָטן.

אַ טשינאָווניקל מיט ווייסע אויגן און מיט אַ לעדערנער סומקע אונטער דער פּאַכווע איז אַראָפּגעפּאָרן חוקר־ודורש זיין, געשלעפּט די שכנים פון די אָנגעצויגענע דראָטן אויף אַ דאָפּראָס, ביז חישין, דער קאַזיאָנער ראַבינער, האָט זיך אַריינגעמישט און געגעבן דעם גוי צו פאַרשטיין דעם שכל פון אַן ערוב.

אין די אַלטע הערינג־פעסלעך, וואָס דער פּריסטאַוו האָט אַמאָל גע־הייסן שטעלן לעבן יעדן הויז און אָנפילן מיט וואַסער, האָבן זיך פאַרפירט ווערים. ס'האָט געגומען עפּושן אין גאַנץ שטאָט. זאָל מען א י ם איבער־בייטן דאָס וואַסער אין די פעסלעך, זאָל מען... און דאָס פּוילע וואַסער זאָל מען א י ם אויף דער גאַס נישט אויסגיסן, נאָר אין דער שטאָט־קאַנאַווע... איז פּאָלג מיך אַ גאַנג! ווער האָט דאָס כוח צו טראָגן, עמערווייז, דאָס פאַרעפּושטע וואַסער אין קאַנאַווע? נישט אַלע ווינען דאָך ביי דער קאַנאַווע!... ס'איז נישט זיין עסק אויסגיסן אַזאַ פּאַסקודסטוואָ אינמיטן גאַס וועט ער נישט דערלאָזן. ס'איז אַ סכנה פאַרן געזונט... אַן אַקט מיטן המן! רק ער האַלט אין איין זאָרגן זיך פאַרן געזונט פון שקלאָווער יידן.

פאַרטיק געוואָרן מיט די פעסלעך וואַסער, האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף די ברונימער. באשר וואָס? באשר אין די דערפער אַרום וויטעבסק האָבן זיך באַוויזן סימנים פון עפּעס אַ מגיפה. הינער פאַלן דאָרטן ווי די פליגן און שטשורעס געפּגרטע געפינט מען אין די שייערן, כאָטש קיין סם האָט מען זיי דאָרטן נישט געשטעלט... אַ משל לעמעשקע! ווי קומט וויטעבסק צו שקלאָוו? ס'איז דאָך דריי טעג צו פאָרן מיט דער אַקס... און וואָס פאַר אַ שייכות האָט די דווינאַ צו שקלאָווער וואַסערן? ס'איז נישט אייער עסק, זשידעס!... מען הייסט אייך, זאָלט איר פאָלגן! פאַרסמט זענען אייערע ברונימער!...

געהערט אַ לשון? סם! נאָכן גרויסן סוף־זומערדיקן יאַריד געפינט מען טאָקע אין די ברונימער אַ ביסל האָבער, אַ ביסל פערדן־מיסט. שקצים און קאָגיוכעס האָבן מסתמא אָנגעטראָגן ביים פּאָיען אַזוי פיל מחנות מיט פערד, אָדער בכיוון אַריינגעוואָרפן. זענען יידן ווייטער שולדיק. בעמט מען און מען זאַיט דורך אַ רעשעטע. ניין! מען זאָל מוחל זיין און אויסרייניקן אַלע ברונימער ביזקל סאַמע דעק...

האָט מען געמוזט דינגען גויאים, צוויי גויאים אויף יעדער ברונים, באַזאָרגן זיי מיט לייטערס און עמערס. איז שטאָט פאַרפּלייצט געוואָרן מיט די אויסגעשעפּטע וואַסער און מיט שליים און בלאָטע, וואָס מ'האָט

דערגרונטעוועט אין די ברונימער. און אין דער זעלבער צייט זענען באַלעבאַסטעס אין די פּירהויזן געשטאַנען ביי די פּוסטע קאַדקעס בייזע און צעפלאַמטע, מיט די הענט אויף די פאַרטוכער, און געשאָלטן אימיצן מיט טויטע קללות. דעם גייעם פּריסטאַוו זאָל געווען אָנקומען אַ הונדערטל פון די „ברכות״, וואָס מען האָט איינגעלייגט אויף זיין נאָמען, וואָלט ער קיין נאַכט נישט איבערגעלעבט.

קלוגע באַלעבאַטים האָבן אַפילו געזאָגט, אַז דאָס קאַכט אינעם פּריס־טאַוו די טרפהנע יוכע זיינע דערפאַר, ווייל מ׳האָט אין דער נאַכט פון דער אָבלאַווע, ביי די אָרשער ברעמלעך, מכבד געווען איינעם פון די אַראָפּ־געבראַכטע זשאַנדאַרניקלעך אַזוי, אַז ער וועט שוין מוזן בלייבן אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן, מיט אַ געשפּאָלטענעם קינבאַק און מיט אַ פאַרקרימטן מויל. איז אָט וועט דער פּריסטאַוו אויסלאָזן דאָס האַרץ צו יידישע ברוני־מער און וועט שטילער ווערן. נאָר פון זייער קלוגעטשקער השערה איז גאָרנישט נישט געוואָרן.

אָט איז שוין, געלויבט דער אויבערשטער, אָנגעקומען חודש אלול. אין די בתי־מדרשים האָט מען נאָכן דאַווענען גענומען בלאָזן שופר. אַ ציטערניש איז דורכגעגאַנגען אַלע איינגעבויגענע רוקנס. די פּריי־מאָרגנדיקע קולות האָבן גענומען קלינגען סליחותדיק; און ביי דער אָזערע האָט עס גענומען שמעקן מיט פוילע שוועמלעך און מיט אָפּגעקילטע באָד־בלעטער. און די גזירות האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן.

אין איין נאָכוואָרמעס האָט זיך דער פּריסטאַוו, ימח שמו זאָל ער ווערן, צוגעטשעפּעט צום מתנגדישן רב — ר׳ ישיעלעס איידעם. דאַכט זיך, אַזאַ יושב־אהלים אַ ייד, די גאַס קוקט ער נישט אָן, אַ פליג אויף דער וואַנט טשעפּעט דאָס נישט. וואָס האָט ער צו טאָן מיטן פּריסטאַוו? אָבער דער פּריסטאַוו האָט צו טאָן מיט אים. אינמיטן לערנען — אַריינ־געריסן זיך צו אים מיט זיינע צוויי דעסיאַטניקלעך און אַ שטעל געגעבן אים אַזאַ קלאָץ־קשיא: וועמען געהערט די חורבה, וואָס שטייט דאָ אַקעגן דעם ראַבינס מויערל? דער מאַמעס מוטערס מילך איז ר׳ ישיעלעס איידעם איינגעפאַלן. האָט זיך די רביצין אַריינגעמישט און געשיקט נאָכן גבאי. איז דער גבאי געקומען צו לויפן און אַוועקגעלייגט דעם פּריסטאַוו אַ פאַרציע רוסיש: „איזדראַסטוווטשע, וואַסי בלאַהאָ־ראָדזע! *) וועמעס חורבה דאָס איז? אַ שיינע שאלה! ווער ווייסט

*) זדראַסטוווייטע, וואַשע בלאַהאָראָדיע!

דאָס נישט? ר׳ ישיעלען, עליו השלום, האָט דאָס אַמאָל געהערט און אַצינד איז דער גאַנצער פלאַץ מיט דער חורבה איבערגעגאַנגען בירושה צום מתנגדישן רב. אָט צו דעם ראַבין, וואָס זיצט און לערנט. אויב אַזוי, גיט דער פריסטאַוו אַ דריי איין וואַנסע, זאָל זיך טאַקע דער רב מטריח זיין און לאָזן אַראָפּטראָגן די חורבה ז י י ג ע... וואָס עפּעס מיט אַמאָל? ווען שאַדט זי? געשטאַנען כע־כע פופציק יאָר, טאָ זאָל זי זיך ווייטער שטיין געזונטשינקערהייט!... בלאָזט אָן דער פריסטאַוו די גזלוואַיסקע אויגן זיינע און צעשרייט זיך: פופציק יאָר איז זי געשטאַנען, די פּאַהאַנע הורבה, און אויפן איין־און־פופציקסטן יאָר זאָל זי אַראָפּגע־טראָגן ווערן! די זשאַנדרעס פון מאָהליוו האָבן דערגאַנגען, אַז די קראַ־מאָלניקעס פאַרקלייבן זיך דאָרטן אינמיטן נאַכט און זינגען לידער. און בייטאָג האָבן דאָרטן די זשאַנדרעס פּאַטיאָפּעט קליינע „שקאָלע־יינגלעך״ קריכן אויף די ווענט, קלייבן יאַגדעס אויף די אויוונס. די קוימענס זענען געשפּאָלטן. צען־פודיקע שטיקער העגנען איבערן קאָפּ. נישט היינט — מאָרגן וועט דאָרטן אַ יאָטל בלייבן אָן אַ קאָפּ...

דער פריסטאַוו האָט זיך אַזוי צעוואָרעמט פון די גרויסע התחייבותן זיינע, וואָס ער טראָגט פאַר שטאָט, אַז די אויגן האָבן זיך אים אַזש אָנגעגאָסן מיט אַ רויטלעכער נאַסקייט. און דער מתנגדישער גבאי שטייט דאָס פאַר אים אָן אַ היטל, מיט אַ פרום־אויסגעצוואָגענעם פנים, און אין האַרצן טראַכט ער זיך: כע—כע! אַזאַ מין פאַרזאָרגער פון יידישע קינדער. פשוט, נעכט שלאָפט ער נישט, דער צורר־היהודים, און האַלט אין איין זאָרגן זיך...

— און דריטנס, — הויבט אויף דער פריסטאַוו זיין פאַרכריפּעטן קול, — יע... וואָס דריטנס? דריטנס... דער משוגענער „איצקאַ״, ווי הייסט ער דאָרטן? ער פאַרקלייבט זיך אין חורבה און שרעקט מענטשן. אינמיטן דער נאַכט שפּרינגט ער אַרויס, ווי אַ רוח, און רייסט אָפּ מענטשן אין האַרצן. אָט האָט ער אַנומלטן איבערגעשראָקן טאַקע דעם ראַבינס דינסט־מיידל בשעת זי איז אַרויס רופן די ציג. האָט זי פון דאַמאָלסט אָן, די דינסט־מיידל, געקראָגן אַ טרייסלעניש אין הענט און פיס... יאָ, און אויסוווּרפן פאַרשלעפּן אין דער חורבה די משוגענע „חייקע״, ווי הייסט זי דאָרטן? און מאַכן דאָרט הוליאַנקעס... אַ שאַנדע און חרפה! מען זאָל נישט מיינען, אַז ער, דער שקלאָוווער פריסטאַוו, ווייסט גאָרנישט. ער זיצט אין סטאַן, דאַכט זיך, און זיינע אויגן און

אויערן זענען אומעטום. ער ווייסט אַלץ. און ער וועט מער נישט דער־לאָזן, אַז אין זיין רעזידענץ — שקלאָוו, מאָהליוּוער גובערניע, זאָל אינמיטן דער שענסטער גאַס שטיין אַזאַ נעסט פון כל־ערליי סכנות, קראַמאָלע און מיאוסע זאַכן. אַראָפּגעריסן מוז ווערן די חורבה. צעטראָגן אויף ציגל מוז מען זי. ווען מען זי געהערט, יענער זאָל זיך זאָרגן. דריי טעג סראָק גיט ער. דערנאָך מוז אים אונטערגעשריבן ווערן אַ פּאַפּיר, אַז מ׳עט אין משך פון אַזאַ און אַזאַ צייט צונעמען די גאַנצע חורבה. טאָמער נישט — קומט ער נאָכאַמאָל און מאַכט אַ פּראָטאָקאָל. וועט זיין ערגער...

האָט אים דער גבאי מיטן אַנטבלויזטן געשוירענעם קאָפּ אַוועקגעלייגט אַ צווייטע פּאָרציע רוסיש: ס׳טייטש — אַ ראַבין! אַ וואָס? אַ פּראָקאָ... אַ קראָפּאָ... אַ טראָקאָ —

— אַ פּראָטאָקאָל! — פאַרריכט אים דער פּריסטאַוו גרויסמוטיק, — ווען נישט — אַ ראַבין, וואָלט ער גלייך געמאַכט אַ פּראָ—טאָ—קאָל. יאָ, נאָר ער שאַנעוועט דעם כבוד פון אַ דוכאָוונעם ראַבין. דערפאַר לאָזט ער אים אַזויפיל צייט...

אַזאַ מין באַשיצער פון כבוד־התורה! אָפּגעדרשנט, אַ קלונג געטאָן מיט די בלאַנקע שפּאָרן אויף די לאַקירטע שטיוואַלעס, אָפּגעגעבן טשעסט דעם מתנגדישן רב ביי דער אָפענער גמרא און אַרויס.

2.

האָט מען דערזען, אַז ס׳איז שלעכט און ס׳איז גאָרנישט אויף קאַטאָוועס, זענען זיך צוזאַמענגעקומען די מזרח־לייט פון דער גרויסער מתנגדישער שול און מ׳איז געלאָפן צום קאַזיאָנעם ראַבינער — צו דאָקטאָר חישינען. אַזוי און אַזוי איז די מעשה. אויסשרייבן מעטריקעס פון די קאַזיאָנע ביכער, דאָס קען טאָן אַ בחורל, וואָס האָט געענדיקט שקלאָווער שקאָלע אויך. נישט צוליב דעם האָבן מיר געקליבן אַ קאַזיאָנעם ראַבינער. איצטער, גאָספּאָדין דאָקטאָר, איז געקומען דיין צייט. טאָ ווייז־זשע וואָס דו קענסט! מיש זיך אַריין און ראַטעווע דעם רבס כבוד! אַ צורר האָט זיך אָנגעזעצט אויף אונדזער רב...

האָט אַפילו דאָקטאָר חישין געוועז אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז עס לוינט זיך נישט אָנצוהויבן איבער אַ... חורבה מיטן נייעם פּריסטאַוו, וואָרום —

זענען אויף אים די מזרח־לייט אָנגעפאַלן: ווו האָט קהל געלט צו ברעכן חורבות? פאַרריכטן די געמויערטע באָד איז בילכער, פונ־דעסטוועגן פאַרריכט מען נישט. נישטאָ פאַר וואָס. און וועמעס האַנט וועט זיך דאָס אויפהויבן אויף ר׳ ישיעלעס חורבה, ווו ספרי־תורות זענען פאַרברענט געוואָרן? ר׳ ישיעלע, עליו השלום, האָט זיך מער נישט געוואָלט צורירן צו די ווענט. זאָל שטאָט אַצינד גיין און אַראָפּ־רייסן זיי?

האָט דאָקטאָר חישין געמוזט נאָכגעבן, און מיט אַ געקליבענער דעפּוטאַציע פון די מזרח־לייט אַוועקגעלאָזן זיך צום פּריסטאַוו אין סטאַן. זיך משתדל געווען. האָט דער פּריסטאַוו אויסגעהערט, אָנגעבלאָזן די אויגן און פאַרדרייט די דראָטענע וואָנסעס, כדי ווערן וואָס ענלעכער צו ניקאָלאַי דעם ערשטנס פּאָרטרעט, וואָס הענגט נאָך עד־היום אין שקלאָווער פּאָטשט... ער וווּנדערט זיך, אַזוי האָט דער פּריסטאַוו גערעדט צו חישינען, אַ געבילדעטער מענטש, אַ דאָקטאָר און אַ קאַזיאָנער ראַבי־נער, וואָס זאָרגט פאַרן געזונט און פאַרן געזעץ אין אַ יידישער שטאָט, זאָל זיך איינשטעלן, ווי אַלע אַנדערע לייבסערדאַקן, פאַר עפּעס אַ חורבה, ווו קינדער קריכן אַרום און קענען געניזוקט ווערן; ווו פאַרדעכטיקטע יונגעלייט מאַכן סכאָדקעס אינמיטן דער נאַכט; ווו משוגעים שפּרינגען אַרום; ווו אויסוווּרפן הולטאַיעווען... טפו! זאָל זיך עפּעס טרעפן, וועט ער, דער פּריסטאַוו, און נישט קיין אַנדערער קריגן אַ „נאַהאָנאַי״ פונעם מאָהליוווער גובערנאַטאָר, פאַרוואָס ער האָט נישט אַכטונג געגעבן...

איז אַוועק אַ שתדלנות און אַ לויפעניש פון רב צום פּריסטאַוו, להבדיל, און פון פּריסטאַוו — צום רב. רעדלעך זענען געשטאַנען אין די בתי־מדרשים און אויף די גאַניקעס: רב — חורבה, חורבה — רב. הימל עפן זיך! און חישין דער קאַזיאָנער ראַבינער האָט זיך דאָ געבראָטן אויף צוויי פייערן. ער איז מאָגער געוואָרן פאַר די עטלעכע טעג און אינגאַנצן פאַרגעסן אָן מושען, זונדל גאָטס גנבס טאָכטער, די אַלטע פּאַציענטקע מיטן שלוקערץ און מיט דער אָפּגעפּאָרעגער שיינקייט. מען האָט זי געזען קומען צו אים, אין יענע טעג, און אַוועקגיין צוריק אָן אָנגעבלאָזענע, אַ שטייף־פאַרוויקלטע אין איר גויאישער פאַטשיילע מיט קווייטן. ווייל זי האָט אין יענע טעג קיינמאָל נישט געטראָפן דעם דאָקטאָר אינדערהיים, און געבליבן אַזוי אָן אַ רפואה צו איר איינגע־געסענעם שלוקערץ...

לסוף איז מען מיטן פריסטאַוו דורכגעקומען. אינגאַנצן אָראָפּנעמען די גזירה האָט ער בשום־אופן נישט געוואָלט. כאָטש גיב אים אַ קרענק. ער האָט שוין מכוח דעם געשריבן, זאָגט ער, אַ ראַפּאָרט קיין מאָהליוו, כדי צו באַקומען פולמאַכט איבער די יורשים פון דער חורבה, איבערן ראַבין, הייסט דאָס. אויסער דעם דערלאָזט אים נישט זיין טייער האַרץ אויסצוזעצן חדר־יינגלעך צו אַזאַ סכנה... נאָר וואָס דען? די הויפּט פיר־ווענט וועלן זיך נאָך אפשר האַלטן אַ שטיק צייט. זאָל מען אַלע פּוסטע פענצטער און חרובע טירן און קעלער־לעכער פאַרשלאָגן מיט ברעטער. אַ מויז זאָל נישט קענען דורכקריכן! נישט נאָר קראַמאַלניקעס, משוגעים, קינדער, ציגן און ענלעכע באַשעפענישן. נאָר די פינפטע פליגל־וואַנט, אָט די לויזע אָנגעשפּאַלטענע וואַנט, וואָס שפּאַרט זיך אָן אַ ווינקל פון דער חורבה און הענגט, אַזוי צו זאָגן, אין דער לופטן — אין אָט דער וואַנט שטעקט די גאַנצע סכנה. איז אָט, די דאָזיקע וואַנט מוז אַראָפּגעטראָגן ווערן. מעג עס דונערן און בליצן! און גלייך אויף אַן אָרט! און נישט רעדן קיין סך! אַז נישט... אַזוי האָבן מזרח־לייט וואָרט אין וואָרט איבערגעגעבן דעם צורר־היהודימס רייד, יאָ, אַז נישט וועט ער נישט קוקן, וואָס ס'איז אַ „ראַבין״ און וועט מאַכן אַ טראַפּאַ... אַ קראַפּאַ... אַ פּראַ—טאַ—קאָל!

האָט מען געמאַכט אַן אַסיפה ביים רב אין מויערל, אַראָפּגעלאָזן זיך אַ טרעפּ נידעריקער און איינגעלאַדן עלטערע באַלמעלאָכעס צו דער אַסי־פה — ליימער און זעגער, זיי, הייסט דאָס, די פּראָסטע חי־וקימס, זאָלן זען העלפן ראַטעווען דעם רבס כבוד, דעם כבוד פון ר׳ ישיעלעס איידעם.

האָבן זיך שקלאָווער זעגער אויסגערופן צו געבן „באָקאָווע״ *) ברעטער, אָן אַ קאָפּיקע געלט, און פאַרשלאָגן טיר און פענצטער אין ר׳ ישיעלעס חורבה. און טשוועקעס? קנאַפּ אייזן־קרעמעלעך זענען דאָ אויפן מאַרק? נישקשה, אַ טשוואָק איז גרינגער צו באַקומען, ווי אַ מזו־זה מענעם צווייער.

און די ליימערס אויף דער אַסיפה, גערירט פון אַזאַ כבוד, וואָס מען האָט זיי אָנגעטאָן, האָבן זיך אונטערגענומען איינצולייגן די לויזע פליגל־וואַנט. נאָר איינרייסן אַזאַ מאַכינע אַ וואַנט איז נישט דאָס זעלבע, וואָס שענקען פאַרטיקע בערוווענע זייטלעך... דאָס וועט נעמען אַ פּאָר

*) האַלב־קיילעכדיקע שמאָלע ברעטער, וואָס פאַלן אָפּ ביים זעגן בערווענעס.

טעג אַרבעט. און איצקע דעם משוגענעם מוזן זיי אויך באַצאָלן עטלעכע מזומענע גילדנס. וואָרום אָן איצקען וועט מען זיך דאָ נישט באַגיין. ווער ווי איצקע קען זיך דאָ דראַפּען אויף אַזאַ מסוכנדיקער וואַנט?... וואָס־זשע ווילן זיי? קיין מזומן ווילן זיי נישט. חס־ושלום! ווילן ווילן זיי נאָר די צענומענע ציגל. אַז ס'וועט, מירצעשעם, האַלטן ביי פאַרריכטן די באָד, וועט מען זיי אפשר קענען אויסנוצן... מ'עט זען. וואָלטן דאָס געווען נייע ציגל, וואָלט דאָס נישט געלוינט. ביים איינרייסן אַזאַ וואַנט, וואָלט פון נייע ציגל קיין שריד ופליט נישט געבליבן. מצה־פּאַרפל וואָלט פון זיי געוואָרן. נאָר אַזוי ווי דאָס זענען פאַרצייטיקע, גוט־געברענטע ציגל, האַרטע ווי טשוהון, אַזעלכע ציגל מאַכט מען גאָרנישט היינטיקע צייטן... וועלן זיי דערמיט קענען אויסשלאָגן די הוצאות און די פאַרלוי־רענע טעג אַרבעט. פינף זעקס האַנטשאַרעס (ליימער) וועלן דאָ מוזן האָרעווען צוויי טעג נאָכאַנאַנד. נאָר עטלעכע ליימערלעך אַליין וועלן דאָ מיט אַזאַ וואַנט נישט פאַרטיק ווערן. רעכענען זיי, אַז שטאָט וועט זיי אויך העלפן... וואָס הייסט שטאָט וועט העלפן? יעטוועדערער, וואָס האָט גאָט אין האַרצן, וועט וועלן פאַרדינען די זעלבע מצוה וואָס זיי, און צולייגן אַ האַנט. וואָס הייסט צולייגן אַ האַנט? ווער וועט דאָס וועלן פאַטשקען די איידעלע הענט אין וואַפּנע און אין ציגל? חס־ושלום — פאַטשקען! וואָס הייסט פאַטשקען? יעטוועדערער, וואָס וויל פאַרדינען די זעלבע מצוה, ווי זיי, וועט העלפן ציען די שטריק... וועלכע שטריק אַזעלכענע? מ'עט פאַרוואַרפן שטריק אין די לעכער פון דער וואַנט און מ'עט ציען...

האָט דער רב אַ שאָקל געטאָן מיט דער יאַרמולקע: יאָ, עס לייגט זיך אויפן שכל. אָבער... איז דאָ, חס־ושלום, נישטאָ קיין שום סכנה פאַר... פאַר אַזוי צו זאָגן... וואָס שייך, רבי, אַ סכנה? בויען אַ מויערל און קריכן אויף האַלב־געטריקנטע ווענט איז אַ גרעסערע סכנה. און ווו זאָלן זיי, אָרעמע ליימערס, נעמען אַזעלכע גרויסע לייטערס מיט דראַנגעס, מיט געבונדענע טרעפּן צו אַראָפּרייסן די וואַנט ציגלווייז? ס'איז אַן עסק נישט אויף טעג, נאָר אויף וואָכן. נישקשה, אַזוי ווי זיי זאָגן איז פּראָסטער און ביליקער. די גאַנצע מצוה אַריינצוכאַפּן מיינען זיי גאָרנישט. אויב שוין אַזאַ גרויסע מצוה — זאָל זיין פאַר אַלעמען.

.3

עטלעכע טעג נאָך אַזאַ אַסיפה, אַ וואָך נאָך ראש־חודש אלול, זענען שוין פענצטער און טירן און קעלער־לופטערלעך אין ר׳ ישיעלעס חורבה געווען פאַרקלאַפּט מיט באַקאָווע־ברעטער. און מיט ווייטיק אין האַרצן האָבן פייווקע אוריס און חברהשע ייִנגלעך צוגעקוקט, ווי אַלע איינגאַנגען צום פאַרבאָטענעם גן־עדן און צו די עץ־הדעת־יאַגדעס זענען פאַרמאַכט אויף אייביק. אויס מיט די ווונדערלעכע שאָטנס, ליכט־פּאַסן און אָפּגעזונדערטע ווינקעלעך, וואָס זענען פול מיט קראָפּיווע און ווילדע גראָזן און מיט פאַרטאַיעטע אַנגסטן, איבער וועלכע מען קען זיך כראַברען, אַראָפּקוקנדיק און אַראָפּשפּרינגענדיק פון ר׳ ישיעלעס באַגראָזטער ליעזשאַנקע. אָט די משונהדיק־פּוסטע פענצטער, וועלכע זענען געווען פול מיט געדיכטער בלויקייט בייטאָג און מיט שטערנדלעך — ביינאַכט, זענען פּלוצלונג בלינד געוואָרן. הילצערנע בעלמעס פון נישט־געהובלטע ברעטער אין ברוונע־אָקרייציקעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זיי. זי האָט איינגאַנצן פאַרלוירן איר מאוימדיקן חן, די חורבה. איין גרויסער אייער־קאַסטן איז פון איר מיט אַמאָל געוואָרן.

און שכנישע ציגן, וואָס זענען געווען געווינט צו פאַרקלייבן זיך אַהער נאָך אָפּזשליאָקען די פּאַילע און פאַרבייסן מיט אַ גרינעם ריטל, מיט אַ זאַפטיק בלעטל, זענען געשטאַנען עפּעס גאַר־גאָר פאַרשעמט לעבן די פאַרשלאָגענע טירן און לעכער. זיי האָבן געשאָקלט מיט די בערדלעך, געבאָמבלט מיט די ציגענע וואַטאָווע אוירינגלעך, געפּרוווט בוקן מיט די הערנער די צוגעטשוועקעוועטע ברעטער. נאָר די פאַנצערס האָבן נישט נאָכגעגעבן. די טויערן פון ציגענעם גן־עדן האָבן זיך מער נישט געעפנט. האָבן זיי אויסגעדרייט די באַהאָרנטע נאַרישע קעפּ צו דער גאַס און, אָנגעשפּאַרט אויף די הינטערשטע קאָפּיטקעס, צעמעקעט זיך יאָמערלעך־פאַרבענקט:

—מע־הע־ע־ע! זעט, יידן, וואָס מ׳האָט אונדז דאָ אָפּגעטאָן!...

חיה־שרהקע די משוגענע איז אָנגעקומען מיט איר לאַנגינקן פּעקעלע שמאַטעס אויפן אָרעם — אַ זכר פון איר אויסגעבאַדענער און אין קאָריטע דערטרונקענער מיידעלע, און איז שטיין געבליבן מיט אַן אָפּענעם מויל לעבן דער פאַרקלאַפּטער חורבה. זכרונות פון איבערגעלעבטע משוגענע נעכט האָבן געגומען אַרומטאַנצן אין איר צעהיצטן שאַרבן.

הייסע שאַטנס אויף די קילע אויוונס אין דער חורבה, זינדיקע אָרעמס פון אַברעמעלען און פון אַנדערע הולטאַיעס, וואָס האָבן זי אַהער פאַר־שלעפּט...

אַזוי איז זי געשטאַנען אַ ווײַלע, מיט אַן אָפּגעהאַנגענער אונטערשטער ליפּ, און אָנגעקוקט די פאַרשלאָגענע פענצטער. ביז אירע קנייטשעלעד־נעצן, אַרום אירע מוטנע אויגן, האָבן זיך צעטאַנצט פון אַן איינגעהאַל־טענעם געלעכטערל. און אירע משוגענע בענקעניש נאָכן פאַרשלאָסענעם גן־עדן האָבן זיך אויסגעגאָסן אין איינע פון אירע אויף־גיך פאַרפּאַסטע לידעלעך — האַלב־קינות, האַלב־זמירות:

ניטשיינע האָב איך אַ קוק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ.
נאָך דער חורבה מיט דער קורווע
דאָ, טאַקע דאָ.
אויס אַברעמל מיטן שוועמל —
איכאַ איכאַ־כאַ!

איז „מאָדיע מיטן אמת" דורכגעגאַנגען, אָפּגעשטעלט זיך און אַ טראַכט געטאָן מיט זיין גרויסן קירבעסעוואַטן קאָפּ: נאָ, אַצינד איז שוין גאָר נישטאָ ווו אַהינצוטאָן זיך מיט די יאַטן. די שטוב מיט די גרינע לאָדן האָט דער פּריסטאַוו פאַרחתמעט. אין פּראַנצאָוקע־וואַלד דרייען זיך אַרום זשאַנדאַרניקעס מיט נאַהייקעס. און ר׳ ישיעלעס חורבה האָט מען אויך פאַרקלאַפּט. דער ניגון פון די יאַטן האָט דאָ גאָר באַזונדערס אָפּגעהילכט אינמיטן דער נאַכט... אַך, יאָ. דעם אמת מוז ער, מאָדיע, זאָגן זיך אַליין: איבערנעמען האָצע דעם הינקענדיקנס אָרט האָט ער איבערגענומען, אָבער אַן עצה, אַן האָצען, קען ער זיך נישט געבן...

האָט ער, שאָקלענדיק מיטן גרויסן קאָפּ, צו די פאַרשלאָגענע פענצ־טער, באַשלאָסן אָראָפּצוכאַפּן זיך מיטן פאַרעכאָד קיין מאָהליוו און דורכצושמועסן זיך מיטן חבר „בעני", וואָס ווייטער צו טאָן.

אַברעמעלע „די געקוילעטע קאַץ" איז אָנגעקומען פון ערגעץ־ווו, וואַרפנדיק זיך ביי יעדן טראָט, מעשה־גבור, פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס; מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז די ערד ציטערט אונטער זיינע דאָרע, נישט־גלייכע פיס מיט די צו־גרויסע שטיוול. און גאָר פּלוצלונג זענען זיינע ווייסלעכע אויגן שטיין געבליבן אויף דער פאַרקלאַפּטער חורבה. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געמאַכט:

„פיו—או—או—ט!" אַ סך זאַכן האָט באַדייט אַזאַ אויסגעצויגענער און פאַרדרייטער גזלנישער פייף. ערשטנס — ס'האָט זיך אים גלייך אויסגעדוכט, אַז מיט פאַרקלאַפּן ר' ישיעלעס חורבה מיינט מען דאָס א י ם... אים און נישט קיין אַנדערן. אין שטאָט שושקעט מען זיך דאָך איבער די מעשים, וואָס ער טוט דאָ אָפּ. צווייטנס — האָט דער פייף באַדייט אַ גיפטיקע בייזקייט, וואָס מען מישט זיך אַריין אין זיינע געשעפטן און מען פאַרשלאָגט אים פענצטער און טירן אונטער דער נאָז. דריטנס — האָט דער פייף אויסגעדריקט אַ ביטערן שפּאָט. ס'הייסט: און אַז ער, אַברעמעלע, וועט וועלן, קען ער דען נישט אויפברעכן צוריק אַ פּאָר שמאַטעדיקע ברעטער אינמיטן דער נאַכט און אַריינשלעפּן אַהער וועמען עס גלוסט זיך אים? צוליב וואָס איז דאָ אַ האַק אויף דער וועלט? און פערטנס... יאָ, פערטנס — אַ רוח אין די שרעקנדיקע שקלאָווער יידעלעך אַריין! זיי האָבן טאַקע געקראָגן מורא פאַרן פריסטאַוו און געפאָלגט... ניין! דער גוי מיט די קנעפּלעך הויבט אָן צו קריכן אַ ביסל צופיל אין גרגרת...

האָט אַברעמעלע אַ טאַפּ געטאָן דעם פּיסטאָל אין קעשענע, דעם זעלבן פּיסטאָל, וואָס האַצע האָט אים געגעבן, מיט וועלכן ער האָט זיך באַרימט פאַר נח פאַנדרען: הם... אפשר איז שוין געקומען די צייט צו אָפּטאָן אַ מעשה און אַנטלויפן קיין אַמעריקאַ? איינמאָל אָפּטאָן עפּעס אַ רעכטע זאַך און אַנטלויפן קיין אַמעריקאַ. גענוג צו שרעקן יאָשקע דעם שערער מיט פּוסטע רייד. אויב קנאַקן אַ שאַרבן, זאָל זיין געקנאַקט! אפשר טאַקע יאָשקע דעם מסור מיטן פריסטאַוול צוזאַמען?...

דער לעצטער האָט זיך פון דער גרויסער געשעעניש דערוווּסט איצקע דער משוגענער. פּייוּקע אוריס האָט אים געבראַכט די שלעכטע בשורה אין ליובאַוויטשער בית מדרש, אין ווייבער־שול, ווו איצקע נעכטיקט. איז איצקע געקומען צו לויפן אויף דער שול־גאַס זען, צי ס'איז אָן אמת, צי נאָר אָן אויסגעקלערטע זאַך, כדי צו נעמען אים לעבער. איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אמת ויציב! פאַרקלאַפּט טיר און פענצטער און לופטערלעך פון די קעלערס. אַ פינגער קען מען מער נישט אַריינשטעקן. דער בעסטער נומער פון זיינע משוגענע שטיק וועט אים אַצינד פעלן. ווי אַזוי וועט ער דאָס אַצינד שפּרינגען אינמיטן דער נאַכט פון אַ פּוסטן פענצטער און איבערשרעקן דינסט־מיידלעך?

פאַר כעס האָט ער גענומען זידלען אויף דער מיטן גאַס דעם

מתנגדישן רב מיט דער רביצין: די וועלט איז זיי ווייניק! איין מויערל אויפגעבויט זיך, דעם צווייטן פאַרקלאַפּט, אַ לעבעדיקער נפש זאָל נישט אַריינקומען. סדום — נישט קיין רבנישע שטוב!

אַ רעדל האָט זיך אַרום איצקען אַרומגעקליבן. האָט איינער פון רעדל געגומען מוסרן: „איצקע, וואָס ווילסטו פון ר׳ ישיעלעס איידעם? דער פריסטאַוו האָט געהייסן!...״ האָט איצקע גענומען שילטן דעם פּריס־טאַוו: אַ ניכפּי זאָל אים נעמען דעם גוי! זיין עסק, אין אַלץ מישט ער זיך! חורבות איז אויך זיין דאגה. ביי לייטן אַ פריסטאַוו, אַ ניכפּי זאָל אים טרעפן —

זענען יידן געשטאַנען, אַרום און הנאה געהאַט: וואָס זיי ווינטשן דעם נייעם פריסטאַוו אין האַרצן דאָס זינגט ביי איצקען אַרויס פון מויל. כע—כע. אַ משוגענער! גיי, רוף אים צו אַ דין־תורה!...

אָבער גאָר אומגעריכט, אינמיטן שילטן נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך דער־הערט אַ קול, אַז די מאָהליוועער זשאַנדאַרניקעס קומען אָן אויף די פערד. די זעלבע זשאַנדערס, וואָס זינגט דער „אַבלאַווע״ ביי די אָרשער ברעמלעך, לאָזן זיי קיין דריי מענטשן נישט שטיין צוזאַמען, לויפן אָן מיט די נאַהייקעס און צעטרייבן...

דערהערט אַזאַ ידיעה, האָט דער ערשטער גענומען לויפן דער בעל־דרשער אַליין — איצקע. נאָר כדי נישט צו אַנטלויפן מיט בושה און מיט חרפּה פאַר דעם פריסטאַווס שליחים, האָט ער גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות, גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— או—או! אַ פּאַהיבעל זאָל, זאָל... געוואַ—אַלד!

אויף וועמען אַ פּאַהיבעל? און וואָס איז שייך אַזאַ קללה צו שרייען געוואַלד? שווער געווען צו פאַרשטיין. געזאָלט האָט דאָס אַפּנים הייסן, אַז נישט מחמת מורא פאַר די נאַהייקעס טראָגט זיך איצקע אָפּ, נאָר ווייל די משוגעת האָט אים גראָד אַצינד אָנגעכאַפּט. לויפט ער דערפאַר ווי א הירש, שרייט מיט באַנומענע קולות און ווייסט אַליין נישט, וואָס דאָס מיינט: „או—או אַ פּאַהיבעל!״ און „גע—וואַ—אַלד!...״

די איינציקע, וואָס האָבן נישט פאַרלוירן מוט ביי ר׳ ישיעלעס פאַר־קלאַפּטער חורבה, זענען געווען די קעץ און קאַטערס פון דער גאַנצער שול־גאַס. לכתחילה האָבן זיי אַ ביסל פאַרריסן די קעפּלעך אויף די פאַרשלאָגענע פענצטער און אַ ביסעלע געמיאַאוקעט. געוווינט זענען זיי געווען פון קדמונים צו געבן זיך דאָ „ראַנדקעס״ איין מיט דעם צווייטן.

אינדערפֿרי געזעעניש‏ן, נאָך וואָרימעס, אינמיטן דער נאַכט, ווי ס׳האָט זיך געמאַכט. מיט איין שפּרונג פֿלעגט מען דאָ אַריין אין חורבה און מאַכן נייע באַקאַנטשאַפֿטן. דאָ איז געווען די אָנהויב־שקאָלע פֿון יונגע קעצלעך צו לערנען זיך ווי מען דאַרף קוויטשען און שנאָרכן און שטעלן זיך דיבאָם אַקעגן אַלטע קאָטערס. און די הויכשולע פֿון קאָטערס דאָן־זשואַנען איז דאָ געווען — ווי צו באַקעמפֿן אַלע פּרעטענזיעס און ברעכן די גאווה פֿון שיינע קעציכעס, ווי נישט לאָזן זיך אָפּשרעקן פֿון זייערע ווייבערישע ספּאַזמעס און דראַפּעניש און קאָזשעלקעס און טאָן זיי דאָס רעכט. מיאַו! זענען, הייסט דאָס, אַלע איינגעגאַנגען צו אַזאַ וואַזשנער אינסטיטוציע געשלאָסן?... מיאָ, מיאָ! אַפּנים, אַז יאָ. איז מילא בכן — נישט אויף אַ גלייכן וועג, דורך די פּוסטע פֿענצטער, וועט מען זיך מוזן דראַפּען אויף די גלייכע ווענט. קען מען נישט דורך די קעלער־לופֿטערלעך? וועט מען קריכן איבער די שאַרסטקע ווענגלען, פֿאַסטן תעניתים וועט מען דערפֿאַר נישט, און אָפּשטעלן אָט אַלע קעצישע לימודים אין ליבע־ענינים, צוליב אַזאַ קלייניקייט ווי פֿאַרשלאָגענע לעכער, וועט מען אויך נישט. מ׳איז, געלויבט דער אויבערשטער, נישט קיין ציגן מיט גליטשיקע קאָפּיטקעס. מ׳איז, דאַנקען גאָט, קעץ מיט סאַמעטענע לאַפּקעס און מיט קרומע נעגל איז מען. וועט מען זיך אַן עצה געבן. מיאַאו!...

און שוין אין דער ערשטער נאַכט נאָכן פֿאַרקלאַפּן די חורבה האָט מען דאָרטן געזען אַ גאַנצע שורה פֿון גרינע פֿייערלעך, אויף די הויכע קאַרניזן אַן אַ דאַך. מאָדנע פֿייערלעך זענען דאָס געווען און אויסטערליש און שוועבלדיק האָבן זיי געבלישטשעט און באַוועגט זיך אין דער נעפּל־דיקער פֿינצטערניש פֿון אַן אלול־נאַכט. דאָ בלייבן זיי שטיין פֿאַרגלי־ווערטע. דאָ שאָקלען זיי זיך, דאָ קריכן זיי, דאָ שפּרינגען זיי, און קולות האָט מען דערביי געהערט, ווי פֿון פֿאַרבונדענע סאָראָקעס און חזירים און שלאַנגען אין איין זאַק. אַ שיפּען און אַ כריפּען, אַ קראַצן און אַ קוויטשען, אַ יאָמערן און אַ פֿאַרגיין זיך אין אַ קראַנקן געלעכטער. אויפֿן הויכן ראַנד פֿון די פֿינצטערע ווענט האָט דאָס נאָך געמאַכט מער איינדרוק ווי פֿריער — פֿון דער טיף חורבה. ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פֿייערלעך הענגען אין דער לופֿטן און די קולות טראָגן זיך צווישן הימל און ערד.

ניין, נישט אַנדערש, אַז פּונקט פֿון אַזעלכע פֿייערלעך און פֿון אַזאַ

מין זמירות האָט זיך אַמאָל, ביי איצקע דעם משוגענעם, געריסן אַ „קליאַפּקע״ אין מוח. און אָט האָבן די פייערלעך ווידער אויפגעלעבט אויף ר׳ ישיעלעס חורבה, ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק.

אין צעבער אויף אַ שטריק

.1

נאָר נישטאָ, זאָגט מען, אַ מכה אָן אַ רפואה. דער וועג צו די משוגענע נאַכט־גאַסטראָלן איז טאַקע איצקען געוועזן אָפּגעשניטן, דער־פאַר אָבער האָט ער געקראָגן אַ שטיקל פּרנסה. וואָרום באַלד, נאָכן פאַרקלאַפּן ר׳ ישיעלעס חורבה, האָבן אים די ליימערס אָנגעעדונגען, ער זאָל זיי העלפן ברעכן די לויזע וואַנט.

— מיר, — אַזוי האָבן די ליימערס אַריינגערעדט אין איצקען, — מיר נעמען גאָרנישט... שטאָט וויל — ברעכן מיר. נישט מער — די עטלעכע אַלטע ציגל... נאָר דיר, איצקע, גיבן מיר צוויי גילדן אַ טאָג. שטעל זיך אַרבעטן!

עס פאַרשטייט זיך, אַז פּונקט אַזוי ווי אַלעמאָל, האָט מען איצקען מכבד געווען מיט דער שווערסטער און געפערלעכסטער אַרבעט. דהיינו: ער זאָל קודם־כל מוחל זיין און אָפּקלאַפּן דעם טינק, איבער דער גאַנצער הויך פון ווינקל, אָן וועלכן די פליגל־וואַנט שפּאַרט זיך אָן. אַפּריער פון איין זייט, דערנאָך — פון דער צווייטער זייט. איצקע מוז זיך בכלל פאָסטאַרען צו מאַכן אָט די פליגל־וואַנט וואָס לויזער, וואָס מער אָנ־שפּאַלטן איר האַלט, ביי דער פאַרקלאַפּטער חורבה. וועט זיין לייכטער איינצוררייסן זי.

און שוין מאָרגן פרי, נאָכן ערשטן מנין, האָט מען איצקע דעם משוגע־נעם דערזען אָנגעטאָן אין זיינע מלאכה־טראַנטעס, דאָס דראָטענע בערדל — פול מיט ציגל־שטויב, אין דער קורצער האַנט — אַ שפּיציקער ברעך־ציגל־שטויב, גיט איצקע אַ הוסט פון צעבער אַרויס און גיט אַ געשריי, מען זאָל אים אַרויפציען העכער, אָדער אַראָפּלאָזן נידעריקער. אַלץ — ווי עס קומט אויס. ענטפערן אים חברה ליימער, פון יענער זייט וואַנט, מיט אַ געלעכטער און מיט אַ הוידען דעם צעבער אַרויף און אַראָפּ.

זיי מאַכן אַלעמאָל אַן אָנשטעל, אַז זיי האָבן איצקען נישט גוט פאַר־שטאַנען, און שפּילן זיך מיט אים, ווי מיט אַ קוקלע אויף אַ וואָגשאַל. דער קאַנאַט איז אַפילו אַריבערגעוואָרפן, איבער דער הויכער וואַנט, אויף אַ שטיק אויסגעבויגטן, אָנגעזייפטן בלעך, כדי ער זאָל זיך גוט גליטשן. פונדעסטוועגן האָט איצקע פּחד, דער קאַנאַט זאָל זיך, פון אַזאַ שקאָצעריי, נישט פאַרטשעפּען אָן ראַנד פון בלעך און זאָל זיך נישט איבערשניידן, אונטער דער משא פון צעבער און מענטשן, ווי אַ דראַטווע אָן אַ שוסטער־מעסער... שרייט ער קולי־קולות און סטראַשעט, אַז ער וועט זיי אַריבערוואַרפן דעם האַמער, אויף די קעפּ. ערשט דאַמאָלסט הערן די ליימערס אויף צו שטיפן און שטעלן אָן דעם צעבער, אַזוי ווי איצקע האָט פאַרלאַנגט.

אָנגעקומען צום סאַמע הויך פון דער פליגל־וואַנט — פאַרווילט זיך איצקען אַ רייץ־טאָן מיט די ליימערס. אַצינד איז ע ר אויפן פערד און האָט פאַר זיי קיין מורא נישט. פאַררוקט ער דעם ברעך־האַמער אין גאַרטל און אַליין כאַפּט ער זיך אַרויס פון צעבער, מיט זיינע קרומלעכע שטאַרקע פיס און מיט זיינע דראַפּיקע פלינקע הענט, און זעצט זיך רייטנדיק אויף דער חורבה־וואַנט. פון אַזאַ הויך, זעט ער אַצינד סיי די ליימערס, וועלכע ציען אים אַרויף און אַראָפּ, סיי די ליידיקגייער און יינגלעך, וואָס קוקן צו אַזאַ אומזיסטן טריאַטער. אַלע שטייען זיי אונטן קליינינקע, נעבעכ־דיקע, מיט פאַרריסענע נעזער און מיט אָפענע מיילער, און באַוווּנדערן אים. די חדר־יאַטלעך זענען אַצינד שטאַרק מקנא זיין כראַברעקייט. דאָס ווייסט ער אויף געוויס און אפשר האָבן זיי טאַקע מורא אויך? וואָרום ער זיצט דאָך אַצינד אויפן זעלבן אָרט, ווו דער לץ איז געזעסן, מיט דרייסיק יאָר צוריק, געקוקט פון דער פינצטער מיט שוועבלדיקע אויגן און געלעצעוועט אַזוי, אַז ס׳האָט זיך אים, איצקען, גערירט אַ „קליאָפּקע” אין מוח...

פון זיין הויכן אויסטערלישן זיץ זעט אַצינד איצקע די גאַנצע טיפקייט פון דער חורבה, דאָס ווילדע גרינס אויפן גרונט פון די רויטע אָפּגעשיילטע ציגל, די אויוונס, די לאַנג־גאָרגלדיקע קוימענס אָן קעפּ, די באַגראָזטע ליעזשאַנקע. די לעכער אין די קעלערס קוקן צו אים אַרויף, ווי איינגעפאַלענע אויגן פון אַן אויסגעטריקנטער נבלה... הייבט די פאַר־שלאָגענע פענצטער, פון וועלכע ער איז אַזוי קונציק געשפּרונגען אין לבנה־נעכט און איבערגעשראָקן דינסט־מיידלעך אינמיטן דער נאַכט!... אַ בענקעניש כאַפּט איצקען אַרום נאָך אַזאַ פאַרלוירענעם גן־עדן. קען

ער זיך נישט איינהאַלטן און כאַכאַטשעט אַראָפּ אין דער טיף חורבה מיט אַ געצוווּנגענעם, באַסאָווען געלעכטער:

— האַ־האַ־האַ־האַ!

ענטפערט אים אַ ווידער־קול פון די אויפגעריסענע קעלערס און פון די רויטע פיר ווענט, ווי פון אַ ריזיקער פוסטער פאַס אַרויס. אַזוי הילכיק־קאַטאַוועסדיק ענטפערט דאָס אים:

— האַ־האַ־אַן־ן!

מיינען די ליימערס, אונטער דער וואַנט, אַז איצקע דער משוגענער מיינט דאָס ז י י, נאָר זיי אַליין. העלפן זיי אים שטיפן און לאַכן אַרויף: „האַ־האַ־האַ"... מישט זיך אויס דער ווידער־קול פון חורבה מיט די לעבעדיקע קולות, פון קלאָרע מענטשן און פון משוגענעם, אין איין הפקרדיקן, צעלאָזענעם און סומנעם געלעכטער, אינמיטן העלן טאָג, פּ אַ ר אַנבייסן:

— האַ־האַ־האַ־ן!

כאַפּן זיך אָבער באַלד די בכבודיקע ליימערס, אַז איצקע פּראָווּעט דאָס זיינע שטיק מיט זיך אַליין און מיט ר' ישיעלעס חורבה... מאַכן זיי בייזע פּנימער און שרייען צו אים אַרויף:

— אין צעבער זעץ זיך, סאַמאַסעץ! (משוגענער).

פילט זיך אָבער איצקע אויף דער הויך פון דער וואַנט, ווי ביים טאַטן אין ווייגאַרטן. ער איז אַצינד העכער און שטאַרקער פון גאַנץ שטאָט, און איז פרייער פאַר אַלעמען משוגע צו זיין וויפל זיין האַרץ גלוסט. צעלאָזט ער זיך נאָך הפקרדיקער, נאָך צולהכעיסדיקער:

— הע־הע־הע!

מיט איין האַנט האַלט ער זיך אָן, מיט דער צווייטער — צופּט ער זיך דאָס דראָטענע בערדל, און, דורך די ציין, שפּייט ער אויף גאַנץ שטאָט, און פילט זיך כמעט אַזוי גוט, ווי אין דער וויבערשער שול פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, צווישן אַ כאַפּטע יינגלעך. ווער קען זיך אַצינד צו אים גלייכן? הע־הע!

2.

ווערן די ליימערס אין כעס: רייסן זיך שונאי־ישראל אויף די העלדזער:

— איצקע! דו קריכסט אַראָפּ צי נישט? אַט לאָזן מיר אַראָפּ דעם צעבער, בלייבסטו זיצן ווו דו זיצסט. דו הערסט?

ענטפערט זיי איצקע פון זיין הויכן זיץ:

— כי־כי־כי־כי!

זעגען די ליימערס מקיים־פּסק און הויבן אָן אַראָפּצולאָזן דעם פוסטן צעבער אונטער איצקען, ווייניקסטנס, כדי אָנצושרעקן אים אַ ביסל. אָבער איצקע דער משוגענער דערשרעקט זיך אַ האָר אויך נישט. ער לאָזט דעם צעבער אַראָפּפירן גאַנץ טיף, דערנאָך גיט ער אַ געשריי צו די ליימערס:

— האַלט גוט! איר האַלט?

און אַליין לאָזט ער זיך אַראָפּ מיט הענט און קרומע פיס איבערן קאַנאַט און גליטשט זיך אַריין, ווי אַ קונצנמאַכער אין ליידיקן צעבער. ער כאַפּט אַרויס דעם ברעך־האַמער פון גאַרטל און נעמט זיך ווידער האַקן אין געשפּאַלטענעם ווינקל פון דער פליגל־וואַנט. אין אַ וואָלקן פון צעשטויסענע אַלטע וואַפּנע און ציגל באַמבלט זיך דער צעבער מיט איצקען צוזאַמען. וואָרפט זיך פון אַ צו־שטאַרקן קלאַפּ. כאַפּט איצקע אָן אַ שטאַרצנדיקן ציגל, האַלט זיך אָן און מיט דער רעכטער האַנט האַמערט ער ווייטער.

אַצינד, אַז איצקע שוועבט אין דער לופטן, איז געקומען די רעכטע צייט אָפּצוצאָלן אים פאַר זיין פריערדיקן קונץ־שטיקל. לאָזן די ליימערס מיט אַמאָל אָפּ אַ פּאָר קלאַפּטער שטריק, און דער צעבער מיט איצקען פליען ווי אין אַ כף־הקלע, אָט־אָט צעשיטן זיך אַלע קליאַפּקעס פון צעבער מיט איצקעס ביינדלעך צוזאַמען. שרייט איצקע מיט באַנומענע קולות, און דער צעבער דרייט זיך אונטער אים, ווי אַ חנוכה־דריידל. עס שווינדלען דעכער און יידן און ציגן, להבדיל. דאָס האַרץ פאַלט אַראָפּ צו די פּיאַטעס... געוואַ־אַ—!

נאָר אַ רגעלע פאַרן טויט מאַכט דער צעבער „האָפּ!" דער קאַנאַט ציט זיך אָן ווי אַ סטרונע און איצקע בלייבט הענגען, ווי אין הינער־פּלעט און כאַפּט אָטעם. באַרואיקט זיך אַ ביסל — הויבט ער אָן צו שילטן פון צעבער אַרויס:

— אַ נכפי אויף אייך! אַ שריפה, אַ מגיפה, אַ פּאָהיבעל!

— כי־כי־כי! — ענטפערן אים אַצינד די ליימערס פונקט ווי ער — זיי, בשעת ער איז געזעסן רייטנדיק אויף דער חורבה־וואַנט.

ער הערט נאָר זייער געלעכטערל, אָבער זעען זעט ער זיי נישט מער, ווייל זיי געפינען זיך אויף יענער זייט וואַנט, בשעת ער, איצקע, זיצט דאָ אין צעבער און שילט זיך.

— לייבעצקע־גאָרגל! — אַזוי זידלט ער דעם עלטערן ליימער, כאָטש זעען זעט ער אים נישט. — איר אויך? אַ זיידע! אַ ניכפּי זאָל אייך לייגן! וואַרט, וואַרט, איכ׳ל מסרן דעם רבֿ!...

ער זידלט זיך, כלומרשט, מיט שוים ביים מויל, נאָר אַז מען הערט זיך גוט צו, פילט מען, ווי ער אַליין האָט פון זיין כעס הנאה, אַז ערגעץ־ווו, אין טיפן האַרצן, קלייבט ער נחת דערפון, וואָס עלטערע, בכבודיקע ליימערס שקאַצעווען מיט אים — איצקע דעם משוגענעם. נישקשה! עס זענען נאָך דאָ „יינגלעך״ אויף דער וועלט, אויסער פּייווקע אוריס און אויסער די חברהשע זלידנע „פּופּיקעס״. מען שטאַרבט נישט, געלויבט דער אויבערשטער, פאַר אומעט...

עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד פאַרט אַזוי איצקע אַרום, אין צעבער, אויפן שטריק אַרויף און אַראָפּ; פון דער און פון יענער זייט וואַנט. אַמאָל וואַרפט ע ר אַרויס אַ שמד־שטיק, אַמאָל — די עלטערע ליימערס. קומט דאָס אויס, ווי אַ מין געפּערלעכע שפּיל אין באַהעלטערלעך, מיט קאָפּ־און־האַלדז־ברעכעריי. אַ צעשטרויאונג פאַר די ליימערס, וואָס טוען אַזאַ „שווערע מלאכה״, נישט אַזוי צוליב זיך, ווי פון מצוה־וועגן; אַ טריאַטער פאַר חדר־יינגלעך, וואָס גייען וואַרעמעס עסן. זיי, די יאַטלעך, קענען נאָך בשום אופן נישט פאַרגעסן די ווונדערלעכע יאַגדעס אויף ר׳ ישיעלעס ליעזשאַנקע, וואָס מ׳האָט פאַר זיי אָפּגעשלאָסן. איז אָט האָבן זיי, אָנשטאָט דעם, אַזאַ אומזיסטע קאָמעדיע. גאָט פאַרלאָזט זיי נישט...

ס׳איז אַ קוקעניש פאַר אויסגערוטע באַלעבאַטים, פאַר קצבים נאָכן שליסן די יאַטקעס, פאַר מעקלערלעך, וואָס האָבן נישט וואָס צו טאָן. ס׳איז אַ פאַררייסעניש פון נעזער, אַ קראַצעניש, פאַר אייבע הוצאות, אונטער וואַליקע בערד. איצקע פאָרט אַרום אין צעבער, ווי דער פוקס אין קרילאָווס משל. און רויטע שטיקלעך ציגל שפּרינגען אַרום אים אין דער זון, ווי די העלישע פונקען.

אַפריער זעט מען דעם זעץ פון זיין שפּיציקן ברעך־האַמער און ערשט שפּעטער, ווען דער האַמער שווינקט אויף צום צווייטן זעץ — דערהערט מען דער פריערדיקן קלאַפּ... קוקן יינגלעך מיט אויסגעגלאָצטע קוקערס, שפּיצן אויערן און קענען זיך נישט אָפּוווּנדערן. און אויך ביי דערוואַקסענע איז דאָס אַ חידוש. דער קלאַפּ, וואָס פאַלט ש פּ ע ט ע ר נ אָ ך ד ע ר ב אַ ו ו ע ג ו נ ג, מאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס קלעפּיקעס, ווי פון געדיכטע פּאַטאָקע אָפּגעריסן: „מ׳צאַק״... און נאָכ־אַמאָל: „מ׳צאַק־צאַק״.

רעדן זיך די ליידיקגייער איבער מיט די ליימערס וועגן די הכנות, וואָס עס ווערן דאָ געמאַכט. מאַכן די ליימערס שמאָלינקע אויגעלעך און לאַכן אין די אָנגעשטויבטע בערד:

— הע־הע, נאָר הייבט שטייט איר אַזוי און פרעגט און מיר האָרעווען. מאָרגן אם־ירצה־השם וועט איר אויך מוזן העלפן...

בלייבן איידעמלעך אויף קעסט שטיין טויט מיט די בייגער:

— וואָס הייסט: „אייך מוזן העלפן״?...

— אַזוי און אַזוי איז מען ביים רב אין שטוב מושוה געוואָרן: אַלע זאָלן האָבן די מצוה. נישטאָ קיין יחסנים...

— וואָס זענען מיר פאַר אַ חורבה־ברעכער און וואָס פאַר אַ... ווענט־איינלייגער?

— אַזוי האָט מען אויף דער אַסיפה באַשלאָסן. דער פריסטאַוו הייסט איינוואַרפן די לויזע וואַנט — און אַז דער פריסטאַוו הייסט —

— טאָ פאַרוואָס זאָל בעסער איצקע דער משוגענער נישט אָנהויבן אַראָפּצורייסן די וואַנט ציגלוויז, אָנשטאָט אַרומצופאָרן אין צעבער?

— אַ שיין שטיקל אַרבעט — פאַרקרימען זיך די ליימערס — וואָס זענען מיר עפּעס?... דעם נייעם נגידס יורשים? אַזאַ מלאכה קען געדויערן וואָכן־לאַנג. און וואָס וועלן מיר דערפאַר האָבן? אַ ביסל אַלטע ציגל? פּכע!... און איצקע, אָט דער משוגענער, האָט שכל צו נעמען, פאַר זיין אַרומפאָרן אין צעבער, צוויי גילדן אַ טאָג...

— טאָ זאָל מען שטעלן לייטערס, בויען שטאָלצן....

— דערצו האָט שטאָט קיין געלט נישט. אויף איינוואַרפן אַ וואַנט קען מען נישט לייגן קיין הוצאות, ווי אויף אויפבויען אַ וואַנט. גאַנץ שטאָט מוז העלפן! נאָר אויף ד ע ם סמך האָבן זיי זיך אונטער־גענומען...

האָבן ביי די איידעמלעך אויף קעסט גענומען אַרומלויפן די אויגן און די שפּיצן־צינגער האָבן זיך אַרויסגעגנבעט אַ לעק צו טאָן די טרוקן־געוואָרענע ליפּן. און כדי אונטערצוגעבן זיי וואָס מער חשק צו העלפן איינוואַרפן ר׳ ישיעלעס וואַנט, האָט זיי לייבעצקע־גאָרגל, דער עלטסטער צווישן די ליימער, דערציילט אַ גאַנץ שיינע מעשה..

3.

— „שוין נישט צום ערשטן מאָל!... — האָט לייבעצקע אָנגעהויבן און אַ קויקל געטאָן די אויגן אונטער די ממזרישע, שטויביקע ברעמען —

אַט, למשל, מיט אַ צען יאָר צוריק האָט מען געבראַכן פּונקט אַזאַ חורבה, אויף רישקאַקי, לעבן יידישן בית־עלמין. עפּעס אַן אַלטער פּאַלאַץ פון אַ פריץ געווען אַמאָל... שקלאַוו האָט נאָך דאַמאָלסט געהערט צו פּוילן. נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד האָט מען דעם מויער פאַרברענט. האָט אים נאַטשאַלסטוואָ געהייסן אַראָפּטראָגן. דערמאָנט זיך! באשר ס'איז אַ סכּנה... פּונקט אַזוי ווי אַצינד דער נייער פּריסטאַוו, די זעלבע „דודע"... איז משה־לייב דער פּאַדריאַטשיק געשטאַנען און קאָמאַנדעוועט. דאָס האָט ער אונטערגענומען דעם פּאַדריאַד איינצוררייסן די חורבה. געהערט פון משה־לייבן? ווו עפּעס אַ זאַך איז געווען משה־לייב. האָקן אַ וואַלד, בויען אַ קאָסטיאָל, איינרייסן אַ מויער — אומעטום משה־לייב. יידן און גויאים רייסן זיך די קישקעלעך שלעפּנדיק די שטריק. ווייבער און קינדער פון גאַנץ רישקאַקי העלפן קרעכצן פון בויך: „האַ־האַ!" און נאָכאַמאָל „האַ!" און משה־לייב רירט זיך נישט פון אָרט. שטייט און קאָמאַנדעוועט, די קאָרענע פּיפּקעלע אין מויל. אַזאַ מין פּיפּקעלע האָט משה־לייב שטענדיק געררויכערט. ביים רויכערן האָט פון איר געשלאָגן מיט אָנגעברענטע צימרינג. פון נגידישן מויל האָט ער זי נישט אַרויסגעלאָזן. „רעביאַטאַ!" אַזוי שטייט ער און מאַכט מיט די ווענט: „רררראַז!". „רעביאַטאַ!" אַצינדערט נאָכאַמאָל: „רררראַז!"... און גאָר פּלוצים אינמיטן דרינען: „טראַך!" איינגעפאַלן די וואַנט אומגעריכטערהייט. קיינער ווייסט נישט, ווי אַזוי ס'איז געשען. די וואַנט האָט זיך דאָך אָקאָרשט צעשאָקלט... מילא, בקיצור — איינגעפאַלן און באַדעקט אַלעמען, וועער ס'איז נאָר געשטאַנען צו נאָענט. וועער ס'איז דעמאָלט, נישט היינט געדאַכט, אַוועק מיט אַ צע־שפּאָלטענעם קאָפּ, וועער אָן אַ נאָז, וועער אָן אַ באַק. נאָר איינער איז מער אינגאַנצן נישט אַוועק — משה־לייב דער פּאַדריאַטשיק. ס'טייטש, אָקאָרשט איז ער דאָך דאָ געשטאַנען און געמאַכט מיט די הענט „רררראַז!" און נאָכאַמאָל „רררראַז!" נישטאָ משה־לייב! אַ לאַטקע איז פון אים געוואָרן... אַ „קאָנקלעט", נישט קיין מענטשן, האָט מען געפונען אונטער אַ באַרג ציגל און וואַפּנע. חאַסיע די נגידיתטע — זיין אייגן ווייב, האָט אים נישט דערקענט. נאָר אָן דער קאָרענער פּיפּקעלע אין צעטרושטשעטן מויל האָט מען דערקענט, אַז ס'איז משה־לייב. די פּיפּקעלע איז גאַנץ געבליבן. מען זאָגט, אַז זי האָט זיך נאָך אַפילו געהאַלטן אין איין רויכערן זיך...

האָט מען משה־לייבן, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, מקבר געווען אין די בגדים, אָן תכריכים, אַזוי האָט דער רב ר' ישיעלע, אונדז צו

לאַנגע יאָר, געהייסן. אַלע שטיקלעך ציגל און פאַרבלוטיקטע גרעזלעך האָט מען, נישט פאַר קיין יידן גערדאַכט, געמוזט צוזאַמענקלייבן און אויך מקבר זיין, אַזוי האָט ר׳ ישיעלע געהייסן״...

מען קען נישט זאָגן, אַז אַזעלכע מעשיות, ווי עס זענען געשען אויף רישקאַקי, לעבן יידישן בית־עלמין, מיט משל־לייב דעם פּאַדריאַטשיק, זאָלן געווען זיין מסוגל צו דערוואַרעמען די ווייכע הערצער פון די זיידענע איידעמלעך און פון סתם ליידיקגייער, זיי זאָלן זיך פרייוויליק אויסרופן קומען העלפן אייבצולייגן ר׳ ישיעלעס חורבה. אויסדרייענדיק די אויגן אָן אַ זייט, האָבן זיי אויף גיך אַ בורטשע געטאָן „אַ גוטן טאָג״ און אויף גיך אַוועקגעמאַכט זיך פון דער אומזיסטער פאָרשטעלונג אויף דער שול־גאַס, פון איצקע דעם משוגענעם אין צעבער און פון דער חברה פאַרשטויבטע ליימער. אַנטלאָפן, און אין האַרצן — אַ נדר געטאָן: מאָרגן, אם־ירצה־השם, אַרומצוגיין מיט זיבן געסקעס אַרום ר׳ ישיעלעס חורבה, אָדער מאַכן זיך גאָר נישט־אינגאַנצן געזונט. נישט אַרויסגיין פון שטוב און — פּטור.

האָט זיי לייבעצקע־גאָרגל נאָכגעקוקט מיט די ממזרישע, פאַר־שטויבטע אויגעלעך:

— הען, כניאָקעס! וואָס דען האָבן זיי געמיינט? ברעכן אַ חורבה איז עסן פּאַמפּעשקעס ביי דער שוויגער? זאָלן זיי טאַקע וויסן!...

אָבער נישט דער נדר פון די איידעלע ליידיקגייער און נישט לייבעצ־קעס מעשיות האָבן דאָ געהאָלפן. וועמען ס׳איז באַשערט געווען געהרגעט צו ווערן, דער איז געהרגעט געוואָרן אויך דאָ, אונטער די שטיקער וואַפּנע און ציגל פון ר׳ ישיעלעס חורבה־וואַנט.

שלעפּט מען און מען שלעפּט

.1

אין משך פון אַ גאַנצן פאַרוואַרעמעס האָט איצקע דער משוגענער געהאַלטן אין איין אָנשפּאַלטן מיטן האַמער דעם גאַנצן ווינקל פון דער פליגל־וואַנט ביי ר׳ ישיעלעס חורבה. ער האָט קרוכלע געמאַכט איר גאַנצן האַלט פון ביידע זייטן, אָפּגעקלאַפּט איר פאַרעקשנטע טינק, און איז אַרויס פון צעבער אינגאַנצן אָנגעפּודערט מיט רויטן ציגל־שטויב און מיט ווייסער וואַפּנע, ווי אַ שטיק ווילדער רוח, עפּעס גאָר נישט פון אַ מענטשלעכן ישוב, נאָר ווי איינער פון יענע בעל־דברס, וואָס וווינען אין הורבות און האָבן נישט קיין געוויינלעכן פּרצוף־פּנים.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען נישט מער, ווי אַ הקדמה צו די הכנות, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אויף מאָרגן, פאַר וואַרעמעס, איינצורייסן די גאַנצע וואַנט ביזקל פונדאַמענט.

דער קאַנאַט, אויף וועלכן איצקע דער משוגענער האָט זיך נעכטן געבאַמבלט, בשעת זיין געפּערלעכער אַרבעט, איז אַציִנד דורכגעוואָרפן געוואָרן דורך די הויכע, פּוסטע און פאַרקיילעכדיקטע פענצטער פון דער פליגל־וואַנט. און נאָך עטלעכע אַזעלכע גראָבע שטריק האָט מען דורכ־געוואָרפן, עס זאָל סטאַיען פאַר „גאַנץ שטאָט״ און פאַר יעטוועדערן, וואָס וועט נאָר וועלן צולייגן אַ האַנט צו אַזאַ מצוה, ווי באַשיצן דעם מתנגדישן רב פון אַ פּראַטאָקאָל...

האָבן די דורכגעצויגענע קאַנאַטן אויסגעזען, ווי אָפּגעלאָזענע ריזיקע לייצעס, וואָס הענגען שלאַף אַראָפּ פון ציימל אין מויל ביי אַ גרויסער שטאַרער היה... נאָר אָט וועלן זיך מענטשן אַ נעם טאָן און אָנציען די לייצעס, וועט זיך דאָס פאַרגליווערטע עוג־מלך־הבשן באַשפּעניש אַ ריר טאָן, צעיאָגן, צעיושען זיך, צעשויבערן די אַלטע קאַלטונעוואַטע גריווע פון וואַפּנע, צעבריקען זיך מיט פאַלנדיקע ציגל, ווי מיט הונדערטער

פאַדקאָוועס, און ס׳וועט זיך טאָן חושך. דערווייל אָבער טשעפּעט זי קיינער נישט און זי טשעפּעט קיינעם נישט, נאָר די גראָבע לייצעס הענגען איר שלאַף פוןביידע זייטן מויל אַרויס.

און כדי די שווערע, אַלטע וואַנט זאָל נישט איינפאַלן פּלוצלונג און מיט איר גאַנצן הויך איבער דער ברייט פון שול־גאַס, כדי זי זאָל נישט פּלעטן קיין מוחות פון די, וואָס רייסן זי איין, נישט אויסברעכן קיין פענצטער אין די אַנטקעגנדיקע הייזער, האָבן זיך די געניטע ליימערס פאַרזיכערט. דהיינו: דעם אונטערשטן טייל פון דער געשפּאָלטענער וואַנט האָבן זיי אונטערגעשפּאַרט, אין דער קרום, מיט אַ גאַנצער שורה פון דיגע בערוועגעס, ווי מען שפּאַרט אונטער אַן אונטערגעפוילטן שווערן פּלאַנקן. געווען איז דאָס אויסגערעכנט אויף דעם, אַז ווען די אַלטע חורבה־וואַנט וועט זיך צעוויגן און איינפאַלן, וועט זי זיך ביי איר לעצטן אַנפּראַל איבערברעכן אינמיטן, אויף צווייען, ווי אַ מצה אויף אפיקומן. די קרום־אָנגעשטעלטע בערוועגעס וועלן דאָ דינען ווי ריזיקע שטויס־פינגער אַזוי, אַז דער אויבער־טייל וועט אראָפּשטורעמען, אונטער אַ שאַרפן ווינקל, פון אויבן אַראָפּ, צוזאַמען מיט די קאַנאַטן, וואָס שלעפּן זי. און דער אונטערשטער האַלבער טייל, אָפּקלאַפּנדיק זיך אָן די קרומע שפּאַרעס, וועט זיך אַרויסרייסן פון פונדאַמענט אין איין און דעם זעלבן מאָמענט, און פאַלן פאָראויס, אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. און פּונקט אונטער דעם אויבערשטן טייל, טייל קעגן טייל וועלן זיי אַזוי צוזאַמענפאַלן. און איין אַנידערגעפאַלענע משא וועט אָפּשוואַכן דעם שוווּנג און טראַסק פון דער צווייטער משא. אַזוי אַרום וועט זיך דאָס פעלד פון צעשאָטענע ציגל און שטיקער פאַרהאַרטעוועטע וואַפּנע פאַרקלענערן אויף אַ העלפט, און די קעפּ פון די ליימערס און פרייוויליקע, וואָס ציען די קאַנאַטן האַרט ביי די אַנטקעגנדיקע הייזער, וועלן, אם־ירצה־השם, בלייבן גאַנץ.

אַז די קרום־געשטעלטע בערוועגעס זאָלן נישט אַנידערפאַלן, באַלד נאָכן ערשטן צעוויגן זיך פון דער חורבה־וואַנט, האָט מען זיך אויך באַוואָרנט. צוליב דעם האָט מען זייערע פאַרשפּיצטע עקן אַריינגעגראָבן אין דער ערד און אונטערגעשפּאַרט מיט ציגל און שטיינער. און זייערע אויבערשטע טעמפּע אָפּשניטן האָט מען געלאָזן לויז ביי דער מיטן וואַנט. צעשאָקלט זיך די גרויסע משא פון ציגל און וואַפּנע, איז נישט נאָר זי וואַרפט די בערוועגעס איין, נאָר זי קלאַפּט זיי אַריין נאָך טיפער אין דער ערד, ביז זי האַלט מער אַליין נישט אויס און צעשפּאַלט זיך, אין דעם מיטן, איבער

זייערע אויסגעשטרעקטע פלאַכן און צעבראָכט זיך אויף גלייכע צוויי טיילן.

דאָס איז געווען אַ פּרימיטיוועֶר, אָבער אַן אויסגעפּרוווטער מיטל צו פאַרקלענערן די סכנה ביי אַזאַ מין סאָרט איינרייסן אַ חורבה. אמת, נישט אַלע מאָל גיט זיך דאָס אײַנגאַנצן איין, אַזוי ווי עס האָט זיך נישט איינגעגעבן אויף רישקאָקי, בשעת איינרייסן אַ חורבה, ווו משה־לייב דער פּאָדריאַטשיק איז, נישט היינט געדאַכט, אומגעקומען.

2.

פאַרטיק געוואָרן מיט אָט די אַלע הכנות, האָבן די עטלעכע יידישע ליימערלעך, מיט איצקע דעם משוגענעם פון פאָרנט און מיט לייבעצקע־גאָרגל — דעם עלטסטן פון הינטן, אָנגעכאַפּט זיך מיט פאַרשטויבטע הענטעלעך אָן די אַראָפּגעהאָנגענע קאַנאַטן און גענומען ציען. צעכראַ־ברעט זיך. ביי יעדן צי האָבן זיי געשמאַק, ווי די האַלצהעקערס, גע־קרעכצט פון בויך אַרויס, געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי רייסן זיך די קישקעלעך און זענען זיך מוסר־נפש פאַרן רב, אין אַנטקעגנדיקן מויערל, און פאַר גאַנץ שטאָט...

האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ חוזק, ווי קאַרליקלעך וואָס ווילן רירן פון אָרט אַ פאַרשטיינערטע מאָוימדיקע חיה פון פאַרן מבול. און די חיה קוקט אויף זיי אַראָפּ מיט אַ רויט־געשוונדענער ווייס און רויט געפלעקטער פעל און מיט פוסטע אויגן־לעכער...

און באמת... איז דען שייך צו זאָגן, אַז עטלעכע נעבעכדיקע ליימערלעך וועלן מיט זייערע האָריקע אויסגעהאָרעוועטע הענטעלעך איינרייסן אַזאַ מאַכינע? משמעות, אַז זיי אַליין האָבן אין זייערע גרויסע גבורות נישט געגלויבט, אַלא וואָס דען? אָנהויבן מוז מען דאָך... און דאָס איבעריקע איז, ווייזט אויס, געווען מער אויסגערעכנט אויף פּרסום, ווי אויף פּטרן אַלע כוחות. נישט אומזיסט האָבן זיי זיך דאָך אויסגעשטעלט אין אַ שערענגע, אויף דער אַנטקעגנדיקער קלאַטקע, און איבערגעצוימט אַזוי, מיט די אָנגעצויגענע קאַנאַטן, די גאַנצע ברייט פון דער שול־גאַס. אויסער דאָס פוסטע כראַברען זיך איז מן־הסתם געווען אויסגערעכנט אויך אויף דעם, אַז די שטריק וועלן אָפּהאַלטן אַלע דורכגייער און דורכפאָרער און די קולות פון האָרעוואַניע און מאַטערניש וועלן זיי אונטערוואָרעמען צו קומען און העלפן זיבן אָרעמע ליימערלעך, וואָס לייגן אַוועק די כוחות

פאַר גאַנץ שטאָט. „האַ—האַה האַ—האַה!...“ אַזוי זענען כלומרשט די ליימערס געקראָכן פון דער הויט. נאָר געהאַט האָט דאָס נאָך אַ טייטש:

— זעט, יידן, ווי מיר האָרעווען פאַר קהלשע ענינים! יידן, וואָס שווייגט איר? האַ—האַה!...

דערזען אַזאַ „עירוב“ איבער דער גאַנצער ברייט פון גאַס און דער־הערט אַזעלכע אָכצענישן, האָבן שוין דורכגייער קיין חזירים נישט געקענט זיין. איז ווער ס׳איז נאָר דורכגעגאַנגען, האָט אָפּגעצאָלט צינז, צוגעלייגט אַ האַנט און אַ העלף געטאָן.

ס׳איז נאָך אָבער געווען צו־פרי פאַר אַ גרויסער הילף. דער פּראָסטער עולם איז שוין געווען אויפן מאַרק, אין באַלעגאָלישן צעך, אין יאַטקע, אין די קראָמען און אויפן ברעג דניעפּער. די געזונטע הענט און ברייטע פּלייצעס און פאַרגאַרטלטע בייכער זענען געווען פאַרנומען. נאָר איידעלע באַלעבאַטים, וועלכע קריכן ערשט פון צווייטן מנין, מיט אויסגעבלאַסטע פּנימער פון לאַנגן דאַווענען און מיט פאַרחלשטע הערצער — פאַרן אָנבייסן, איידעמלעך אויף קעסט, וואָס זענען נישט געווען אָנגעשראָקן פון די שיינע מעשיות מיט איינגעפאַלענע ווענט, וואָס לייבעצקע־גאָרגל האָט דאָ נעכטן דערציילט; און סתם מפונקדיקע ליידיקגייער, אָט אַזעלכע לייט זענען דאָס געווען די דורכגייער, וועלכע האָבן זיך דאָ איינגעגאַנצן נישט געקענט אַרויסדרייען, און צוגעלייגט אַ האַנט. אַלץ בישט קיין כוואַטן און נישט קיין מענטשן, וואָס האָבן ליב צו שוויצן אינמיטן וואָך, סיידן ערב שבת אין באָד.

איינציקווייז און אָן שום חשק זענען זיי צוגעשטאַנען און געהאָלפן אַ ציי־טאָן מיט איין האַנט. פון דער צווייטער האַנט בשעת־מעשה נישט אַרויסגעלאָזן דאָס טלית־זעקל, דעם שפּאַציר־שטעקעלע אָדער אַ פּשוטן שמעק טאַבאַק... אַלץ פון יוצא־וועגן, כדי אָפּפּטרן די מצוה פון „עזב תעזב עמו“ *). מער געהאָלפן שרייען „האַה—האַה!“ איידער געשלעפּט. יוצא געווען — און באַלד אַוועקגעמאַכט זיך עסן אָנבייסן. כ׳מיין, איינלייגן ווענט איז דאָך קיינער נישט מחויב. אַזוי האָבן זיך באַלעבאַטים גע־טראַכט. און יונגעלייטלעך מיט שטעקעלעך האָבן זיך אויך זייער מיינונג: יאָ, זאָגן קען מען, וואָס מען וויל, נאָר כאַפּן אַ שפּאַצירעלע צום ברעג ד׳ניעפּער איז אַ סך געזינטער, ווי אונטערשטעלן דעם קאָפּ אונטער חרובע ווענט, וואָס האַלטן ביים איינפאַלן.

*) פון העלפן אַ יידן, ווען זיין פערד אָדער אייזל פאַלט אינמיטן וועג, וכדומה.

זענען די אַוועק און אויף זייער אָרט האָבן זיך אָנגעהאָנגען אַנדערע יאָלדן, געכאַפּט אַ ציי, פאַרקרימט זיך ווי פון קאַלט וואַסער אונטערן קאָלנער; און איינגעהויקערט און פאַרשעמט אַוועקגעמאַכט זיך אַן אַ זייט.

זעלטן ווען אַ פאַרשפּעטיקטער גויעצל איז אָנגעפאָרן מיט זיין פורל צום מאַרק. האָט אים לייבעצקע גאָרגל, דער נאַטשאַלניק ביי חברה ליימער, אָפּגעשטעלט מיט גוטע רייד, געבעטן אים אַראָפּקריכן פון וועגל. אָבער ווי נאָר דער גוי האָט גענומען דעם קאַנאַט אין די ערדיקע הענט — איז פּאַדאַוואַי קאָמאַנדעווען אויף אים ווי אויף אַן אָנגע־שטעלטן:

— טשיהאַי, כלאָפּיעץ, טשיהאַי! (שלעפּ, בחור, שלעפּ!).

האָבן יידן, ביי דער זעלבער מצוה, דערזען, אַז ס׳איז דאָ אַ גוי, האָבן זיי די גאַנצע טרחה פון אַזאַ עולם הבא געלאָזן אויף די פויערישע פּלייצעס און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי העלפן שלעפּן. האָט זיך דאָס פויערל אַזוי לאַנג געריסן די קישקעלעך, געטאָפּטשעט זיך אויף די לאַפּטיעלעך, ביז ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז נעמען דעם פערד זיינעם מיטן וועגל אויף די פּלייצעס וועט אים זיין אַ סך לייכטער, ווי איינלייגן אַ וואַנט צוזאַמען מיט די „זשידקעס״. האָט ער מיט האַרץ אָפּגעלאָזן די לייצע, אויסגעשפּייט און אויסגעשאָלטן נישט מיר, נישט דיר, משמעות ר׳ ישיעלעס וואַנט:

— אַ טריאַסצאַ יאַיע מאַטערי! (אַ קדחות אין איר מאַמען אַריין!).

אַרויפגעכאַפּט זיך אויף זיין וועגל און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און מאַגערקע אויף „ביין, ביין, ביין״, אַוועקגעיאָגט זיין פערדל אין מאַרק אַריין.

האָט טאַקע אויף זיי אַלעמען, אויף די ליימער און אויף זייערע העל־פער, די חרובע פליגל־וואַנט געשטירעט די רויטע ציגל אין די ווייסע וואַפּנע־רעמעלעך. ווי ציינער האָט זי זיי געשטירעט. זי וואָלט געהאַט אַ מויל, וואָלט זי זיי אויסגעלאַכט:

— שלעפּט, שלעפּט, יידעלעך! כ׳האָב ליב, אַז איר מאַטערט זיך. מעגן אייך נאָך אַזעלכע צען איצקעס און פויערימלעך קומען צו הילף, וועל איך פאַר אייך אויך נישט פאַלן כורעים. ניין.

.3

אַז פייוועקע אוריס איז, וואָרעמעס־צייט, אַנגעלאָפן פון חדר זען וואָס עס טוט זיך ביי ר׳ ישיעלעס חורבה, האָט שוין דער פּראָסטער עולם

גענומען גיין פון מאַרק, קצבים פון די פליישׂ־געוועלבלעך און נאַסקע־טרעגער פון ברעג דניעפּער. בחורימלעך האָבן גענומען גיין פון די ישיבות און שקאָלניקעס פון די עלטערע קלאַסן. און ביי די קאַנאַטן, וואָס צוימען איבער באלכסון די שול־גאַס, איז געוואָרן געדיכטער. נו, די פּראָסטע חי־וקימס ווייסן דאָך נישט פון אַזעלכע חכמות, ווי אַ ציִ־טאָן פון יוצא־וועגן און פאַרבייסן מיט אַ שמעק־טאַבאַק. און די יוגנט האָט דאָך התלהבות אין האַרצן. האָט מען גענומען צולייגן אַ האַנט אויף אַן אמת. באַשטיוולטע קצבישע פיס האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט ווי קאָזלעס, בחורישע שמאָלע מייטקעס האָבן זיך אָנגעשפּאַנט און בלאַסע און רויטע הענט האָבן גענומען שלעפּן בחברותא מיט די ליימערלעך.

דער ערשטער, פון די אמתע העלפער, איז צוגעשטאַנען זאַוול דער שמייסער, וואָס גייט נאָך אַרום פוסטאָפּאָס אין פּאַרלאַטעטע שטיוול, זינט קושקע בראַנד האָט אים אַרויסגעטריבן. ער האָט פאַרדרייט דעם צעבראָ־כענעם דאַשיק אָן אַ זייט, כדי בעסער צו זען די חורבה־וואַנט, און אָנגעכאַפּט זיך פאַרן קאַנאַט לעבן לייבעצקע־גאָרגל. כ׳מיין וואָס האָט ער וואָס אָנצוווערן?... זאַוול לעבן לייבעצקען, לייבעצקע לעבן די ליימערלעך, ליימערלעך — פאַר די שטריקעלעך, שטריקעלעך פאַרן מויערל. שלעפּט מען און מען שלעפּט און ס׳איז אַן אַרויסגעוואָרפענע טרחה.

איז צוגעשטאַנען דעם מורה־הוראהס עלטערער זון, אהרן־זעליג, אַ דאַרער, שוואַרץ־הנעוודיקער בחור מיט אַ צעשאָטן בערדל אונטער דער מאָגערער גאָמבע. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאַנאַט מיט אַ ברען, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט באַווייזן, אַז כאָטש מען ברעכט אַצינד אַ חורבה פון מתנגדישן רב און ער איז דער בכור פון אַ חסידישן מורה־הוראה, פונדעסטוועגן שפּילט דאָס ביי אים קיין ראָלע נישט... האָט ער גענומען ציען מיט דביקות און מיט האַלב־פאַרמאַכטע קורצזיכטיקע אויגן. אהרן־זעליגל לעבן זאַוולען, זאַוועלע לעבן לייבעצקען, לייבעצקע לעבן די ליימערלעך. שלעפּט מען און מען שלעפּט און די וואַנט — נישט פון אָרט.

איז אָנגעגאַנגען „אברעמעלע די געקוילעטע קאַץ״. דערזען אַזאַ פאַרשוין, ווי דעם מורה־הוראהס זון קריכט פון דער הויט, האָט אַברעמעלע געמאַכט אַ פּנים פון אַ גבור, וואָס לאַכט אין האַרצן פון כניאָקעס ביי אַזאַ מלאכה, נאָר ער האַלט זיך איין. איין האַלבער מויל האָט זיך אים פאַרדרייט אָן אַ זייט. ס׳האָט געזאָלט הייסן: אָט לאָזט מיך אָקאָרשט,

אַברעמעלען, ווען איך געבן אַ גיי־צו מיט די דינע אויסגעהולטייעוועטע פיס אין די גרויסע שטיוול, וועט די וואָנט אַ ציטער טאָן. האָט מען אים געלאָזן. אדרבא... האָט אַברעמעלע מעשה־גבור אָנגעשפּייט אין די הענט און אַ נעם געטאָן זיך. אַברעמעלע לעבן אהרן־זעליגלען, אהרן־זעליגל לעבן זאַוועלען, זאַוועלע לעבן די ליימערלעך. שלעפּט מען און מען שלעפּט... די נאָז ביי אַברעמעלען האָט זיך אָבער באַלד פאַרשפּיצט; אַ געל־קייט איז אַראָפּגעקראָכן פון אונטער זיין היטעלע און צעגאָסן זיך איבער זיין קנאָכיקן פּנים. און די וואַנט האָט קיין ציטער נ י ש ט געטאָן.

איז אָנגעקומען מלך „מעבר־יבק" פון ערגעץ־ווו. די ברישע אויגעלעך זענען ביי אים, ווי אַלעמאָל בייטאָג, געווען מוטנע און נישט אויסגע־שלאָפן, פון זיצן אַ גאַנצע נאַכט, מיט אַ פעדערל אין האַנט, ביי אַ גוסס. דערזען, אַז יידן רייסן זיך די בייכער, האָט ער פאַרגעסן אויף זיין שלעפערדיקייט, אויף גיך אַ וויש געטאָן די פליישיקע נאָז מיטן אַרבל און צוגעכאַפּט זיך מיט ביידע קורץ־פינגערדיקע הענט צום קאַנאַט, ווי צו אַ טייגעכץ.

— נו! — מאַכט ער און צעשאָקלט זיך מיטן ברייטן הינטן.

— נו, נו! — ענטפערן אים אַלע בקאָמפּאַניע און צעשאָקלען זיך אויך.

די בערישע אויגעלעך ר' מלכס זענען אָבער אין אַ מינוט אַרום וואַך געוואָרן. זיי האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן מיט אַ ניכטערער בייזקייט פון אונטער די אַראָפּגעהאָנגענע שוואַרצע ברעמען. הען אַ מעשה! ס'איז עפּעס גאָר נישט אַרויסבאַגלייטן אַ יידן אַ חלוש אויף יענער וועלט!... „נו־נו" און „נו־נו", און די וואַנט וויל נישט איינפאַלן.

פאַר פייוקעס אויגן זענען אַזוי דערנאָך צוגעשטאַנען, צו די אָנ־געצויגענע שטריק, דער אונטער־שמש פון דער קאַלטער שול, פיישקע דעם פעטער זשאַמעס געוועזענער לערן־ייִנגל, מיט אויגן פון אַ קאָטער און מיט געלע קלייען אויפן פּנים און אויף די פּריקרע־ווייסע הענט; דעם נייעם נגידס בחורל, וואָס זינט ער האָט געזען ווי אַנשל דער פאַראָמשטשיק איז געהרגעט געוואָרן, האָט ער זיך גאָר אויסגעמענטשלט, אויפגעהערט צו פּיעשטשען זיך און רק ער זוכט צו טאָן עפּעס גוטס. מ'זאָגט אַפילו, אַז ער איז שטילערהייט אַריין אין חאַצע דעם קירזשנערס קאָמפּאַניע און זינגט מסוכנדיקע לידעלעך, פאַר וועלכע מען פאַרשיקט קיין „סימביר"... מיט אַ פאַרשעמטקייט אין די גרויסע אויגן און מיט אַ זיסקייט פון מסירת־נפש אין די דינע הענט, האָט ער אָנגעטשעפּעט

זיין האַלב־ייִנגלישן כּוח אָן די קהלישע כּוחות ביי די שטריק, געוואָלט אויסמישן זיך כאָטש ווי איין טראָפּן אין אַ וואַסערל. נאָר אויך זיין כּוח האָט גאָרנישט געהאָלפן.

4.

איז צוגעקומען מאָטע קאַלטע לאָך דער מאַרשעלאָק. אָבער באַלד, נאָך די ערשטע פּאָר צי, האָט ער זיך פאַרהוסט און פאַרקייכט, געכאַפּט זיך פאַרן האַרצן און אָפּגעלאָזן די שטריק. האָט ער זיך געוואָלט פאַר־ענטפערן פאַר די ליימער. נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער זיך נאָך מער פאַרכליגעט און, קייכנדיק, געפאָכעט מיט איין האַנט. גערעדט אַזוי אויף שטום־לשון מיט האַנט און בערדל. יאָ. מיט מאָטע־מאַרשעלאָק האָט דאָ געטראָפן דאָס, וואָס עס טרעפט אַלע מאָל מיט זיין פּיאַל אויף יידישע חתונות. יענער פאַרסטרייקט באַלד, ווי נאָר ער צעפייפלט זיך און הויבט אָן כריפּען און שפּייען זיך. און מאָטע — ווי נאָר ער וויל עפּעס טאָן אַן אַנדער מלאכה ווי האַקן גראַמען און פריילעך מאַכן דעם עולם.

אויף זיין אָרט זענען באַלד צוגעקומען דעם אַפּטייקערס געהילף. אַן אַפּיקורס אַ בחור, וואָס זאָגט, אַז ס'איז קיין גאָט נישטאָ אויף דער וועלט, און צוויי ישיבה־בחורים, וואָס איינער פון זיי איז פון דער פרעמד און זאָגט „קומאַסן" אָנשטאָט קאָמאַשן. פאַלאַהייקע די וואַסער־טרעגערין האָט אָפּגעשטעלט די פּוסטע עמערס אירע און געכאַפּט אַ צי מיט מאַנס־בילן צוזאַמען. אַן אַנדער נקבה וואָלטן אַזעלכע גאַלאַנטע מאַנסביל, ווי אין שקלאַוו, געוויס נישט צוגעלאָזן צו אַזאַ מלאכה. אדרבא, זאָל פּרובירן אַ יידענע אָוועקשטעלן איר קאָשיק אָן אַ זייט און העלפן שלעפן קאַנאַטן... חס־ושלום! נאָר פאַלאַהייקע? ווער רעכנט דאָס פאַלאַהייקען פאַר אַ נקבה? און אויסטאָן זיך, אין די זומערדיקע היצן, און קריכן אין אָזערע באָדן זיך, שעמט מען זיך פאַר איר? זי איז דאָך עפּעס נאָר אַ מין „אנדרוגינוס" אויף דער יידישער גאַס. הייננט אַ פּשיטא־שוין, אַז זינט כוועדער, איר געזעצלעכער מאַן, האָט גענומען שיכורן און זי אָוועקגעוואָרפן, האָט פאַלאַהייקע בכלל באַקומען כוועדערס אָנבליק. פון גרויס בענקעניש אַפּנים. ס'האָבן זיך איר אַפילו גענומען שיטן עטלעכע פלאַקסענע האָר אונטער דער גאָמבע. כוועדערס האָר... איז מילא, וויל זי, אַזאַ יפת־תואר, שלעפן חרובע וועגט אָנשטאָט עמערס וואַסער פון ברונים? טאָ זאָל זי שלעפן. וועמען, אַ שטייגער, קען דאָס אַרן?

— טשיהאַי, טשיהאַי, פּאַלאַהייקאַ! (שלעפּ, שלעפּ, פּאַלאַהייקע!).

אדרבא, מיט איר מאַנסבילש־גויאישקן אויסזען און מיט איר כראַב־רען זיך הויך אויפן קול: „אַשטשע! אַשטשע טראַשקי!״ (נאָך, נאָך אַ ביסל!) ציט זי נאָך צו פאַרבייפאָרנדיקע דאָרף־גויאים. מען קאָן דאָך נישט לאָזן אַן אייגן בלוט־און־פליש אויסגיין מיט די כוחות — קריכט מען אַראָפּ פון אויסגעבעטע וועגעלעך און מען כאַפּט אַ צי. פון אַ חזיר אַ האָר, זאָגט מען, איז גוט; צוויי אָבער זענען נאָך בעסער.

ביסלעכווייז וואַקסט אַזוי אויס אַן אויסטערלישער געמיש פון כל־ערליי פאַרשוינען. צוזאַמענגעקראָכן פון אַלע זייטן, ווי מוראַשקעס אויף פאַרגאָסענע פּאַטאָקע. און פונקט וויפל פאַרשידענע פּנימער און תנועות און הענט, אַזוי פיל פאַרשידענע קולות פון סטאַרען זיך און פון אונטער־געבן חשק איינער דעם צווייטן. ביזקל הימל גייען די קולות און רייסן זיך אָפּ נאָך יעדער אומזיסטער אָנשטרענגונג. בלייבט דער עולם שטיין, גיבן זיי די ליימער אונטער חשק; בלייבן די ליימער שטיין, וואַרעמט זיי דער עולם אונטער. איינער האָט מורא, טאָמער הערט ער אויף, וועט דער צווייטער אַנטלויפן און די גאַנצע זאַך וועט בטל ווערן. שאָקלט מען זיך אין איין משונהדיקער בחברותא־שמונה־עשרה. גויעלע פּאַר יידעלע, פּאַלאַהייקע לעבן אַפּיקורסל, אַפּיקורסל לעבן ישיבה־בחורל, ישיבה־בחורל לעבן שקאַלניקל, שקאַלניקל אַן שמשל, שמשל אַן ליימערל. שלעפּט מען און שלעפּט — — —

נאָר וואָס וועט אַרויסקומען פון אַזאַ שלעפּן און פון אַזעלכע פוסטע קולות, אַז ר׳ ישיעלעס שטומע וואַנט איז פאָרט שטאַרקער פאַר זיי. האַלט דאָס לייבעצקע־גאָרגל, דער עלטסטער פון די ליימערס, מער נישט אויס. ער שטעלט זיך אָפּ און ווישט זיך דעם זויערן שווייס. און נאָך אים שטעלט זיך, ביסלעכווייז, דער גאַנצער עולם אָפּ. אָבער אָנשטאָט אונ־טערגעבן דעם עולם פרישן חשק און נייע באַגייסטערונג פאַרן מתנגדישן רב און פאַרן פּראָטאָקאָל, וואָס מען וויל אים מאַכן, צעשילט ער זיך גאָר, לייבעצקע, און לאָזט אויס דעם גאַנצן כעס צו דער שטומער וואַנט, פונקט ווי פריער דער ערל פון דאָרף:

— הען, אַ בייזער יאָר אויף איר! אַן אַלטע שקורע!

וויל אַ יינגערער ליימער אָפּווענדן ר׳ לייבעצקעס כעס. שרייט ער אויף איצקע דעם משוגענעם אַזוי:

— דיין אַרבעט, איצקע! אַזוי האָסטו דאָס נעכטן לויז געמאַכט די וואַנט?

כאַפּט אונטער אַ דריטער ליימער:

— בלוטיקע צוויי גילדן אָפּגענומען... אַ קלאָג צו דיר, איצקע!

— וואָס איז איצקע שולדיק? — שטעלט זיך פאַר אים לייבעצקע איין — אַז... גראָב איז דאָס ווי אַ קצבישער קלאָץ! לויז געמאַכט, נישט לויז געמאַכט, נעם, רייס אַ דעמב!

כאַפּן שוין אַנדערע מבינים אונטער:

— אַ פונדאַמענט ביזקל כף־הקל!

— היינט מאַכט מען גאָר נישט אַזעלכע גרויסע ציגל!

— היינט אַ וואַפּנע; האַרט ווי... ווי קאַכליעס.

— די פלייצעס וועט מען זיך גיכער אָפּרייסן.

— די אונטערגעשטעלטע סלופּעס וועט מען גיכער איבערברעכן.

האָט לייבעצקע־גאָרגל דערזען, אַז דער עולם הויבט זיך אָן צעפּויזן, האָט ער גלייך פאַרכאַפּט און געגומען פאַרשרייען זיין אייגענעם יאוש:

— נו, חברה, ראַזאָם! אָט־אָט־אָט — נאָכאַמאָל! גו־גו־גו — האָפּ! אַי־אַי־אַי — ציט!

די גרויסע בחברותא־שמונה־עשרה צעוויגט זיך ווידער. היינטנס צעהוידן זיך, הענט קלעמען זיך איין אין די קאַנאַטן, פיס זוכן אַ האַלט... נאָר אין האַרצן גלויבט מען שוין מער נישט, אַז די כוחות וועלן סטאַיען.

דער איינציקער וואָס קוועלט אָן שטילינקערהייט פון אַזאַ אומזיסטער אַרבעט — דאָס איז איצקע דער משוגענער. אַ נקמה אין גאַנץ שטאָט האָט ער. אַהאַ! פאַרקלאַפּט „זיין" חורבה? נישט פאַרגונען אים ער זאָל ביינאַכט שפּרינגען פון די פּוסטע פענצטער און איבערשרעקן דינסט־מיידלעך? טאָ נאָט אייך! טעג וועלן אַריבערגיין אין טומל און אין רעש, קראָמען וועלן זיין פאַרשלאָסן, וואָרעמעס וועט מען נישט עסן. גאַנץ שטאָט וועט זיך צעשאָקלען און אָפּגיין מיט שוויס. כע־כע־כע, אַ טופּעניש און אַ שטופּעניש, אַ הוקעניש און אַ בוקעניש. פאַרריסענע בערד און פאַרגלאָצטע אויגן... ביז ביי גאַנץ שטאָט וועט זיך רירן אַ קליאָפּקע אין מוח. ביי יעטוועדערן אַ קליאָפּקע! און פון איין איצקע וועלן ווערן אַ סך איצקעס, אָבער אמתע משוגעים, נישט אַזוי ווי ער... איז נו, חברה, ראַזאָם! אַי־אַי־אַי, נאָכאַמאָל! אַ נכפּי זאָל אייך אַלעמען נעמען!

פונקט ווי אין „כרעסטאָמאַטיע"

1.

צוקוקנדיק, ווי כל־ערליי יידעלעך און גויאימלעך קריכן פון דער הויט און קענען ר׳ ישיעלעס חורבה־וואַנט נישט רירן, האָט זיך פּיזוקעו גענומען דוכטן, אַז ערגעץ־ווו האָט ער שוין אַמאָל געזען אַזאַ סצענע, און אויב נישט געזען — איז געהערט דערציילן. נאָר ער קען זיך נישט דערמאָנען ווען און ווו.

און פּלוצלונג גייט אים אויף אַ ליכטיקייט: שאַ! ער האָט זיך דערמאָנט. ס׳איז דאָך די זעלבע מעשה, ווי מיטן „דיעדקאַ מיט דער רעפּקאַ" *). די „רעפּקאַ" האָט זיך צעוואַקסן, האָט דער זיידקע איינער אַליין נישט געקענט זי אַרויסרייסן. האָט מען צוגערופן צו הילף, איינ־ציקווייז: דער זיידקע די באַבקען, די באַבקע דעם אייניקל, ס׳אייניקל דעם היטל, דאָס הינטל דאָס קעצל... הערשקע־קאָפּ, דער רוסישער לערער, האָט דאָס מיט אים געלייענט ווערטערווייז און איינגעטייטשט אין דער רוסישער כרעסטאָמאַטיע. ביי לייבע האָרב דעם פּראָצענטניק אין מויערל, נישט היינט געדאַכט, איז דאָס געשען... צוזעענדיק מיט האַרציציעניש, ווי לייבע האָרב, עליו השלום, עסט פלייִשיקן באָרשטש מיט אָנגעוויקטע שטיקעלעך ברויט, האָט הערשקע קאָפּ מיט גרויס אַפּעטיט געגריזשעט זיינע האַרטע נעגל. און מאַכנדיק אָן אָנשטעל, אַז מחמת גרויסע קענטעניש אין רוסיש רעדט ער שלעכט יידיש, האָט ער די טשיקאַווע מעשה גע־טייטשט אַזוי:

— פּאַזוואַל... האָט „די" הינטל זנאַטשיט, צוגע... „צוגערופט" דעם... „דער" קעצל. קעצל פאַר הינטל, הינטל פאַר אייניקל, זנאַטשיט, פּאַר, פּאַר... קודאַ גלאַדיש? (ווהין קוקסטו?) באַבקע פאַר „די" זיידקע...

*) זיידקע מיטן ריבן.

יאָ, פּונקט אַזאַ סצענע קומט אַצינד פאָר. אינמיטן העלן טאָג, אויף דער שול־גאַס. נאָר דאָ איז דיר נישט קיין צייטיק געוואָרענע ריבן. ס׳איז אַ גאַנצע וואַנט! ר׳ ישיעלעס חורבה־וואַנט. און קיין קעצעלעך און מייזעלעך און הינטעלעך זענען דאָ אויך נישטאָ. קעצעלעך און הינטעלעך — דאָס זענען באָבע־מעשיות! דאָ איז אַלץ אויף אַן אמת. דאָ האַלט זיך אַן יידעלע פאַר אַ גויעלע, אַפּיקורסל פאַר פרומאַקעלע, יונגינקע פאַר אַלטיטשקע. אַן שום כיבודים. פּאַלאַהייקע די וואַסערטרעגערקע האָט דאָ אויך אַן אָרט... שלעפּט מען און מען שלעפּט. מענטשעלעך גייען אָפּ מיט שווייס — און די וואַנט רירט זיך נישט פון אָרט. כאַ־כאַ! זי זיצט גוט, די וואַנט, אין איר אַלטן פונדאַמענט. ס׳איז שוין איינמאָל „אַ ריבן״! הייסט דאָס, אַז די בבאַ־מעשה, אין דער רוסישער כרעסטאָמאַטיע, איז נישט אינגאַנצן אַן אויסגעטראַכטע זאַך. ס׳איז נאָר אַ משל אַקעגן ר׳ ישיעלעס חורבה... און אָט איז טאַקע דער נמשל. אין די גויאישע כרעסטאָמאַטיעס האָבן זיי גאָר קיין שכל נישט אויף אַזעלכע גרויסע זאַכן. קעצעלעך און מייזעלעך רייסן ביי זיי ריבן... נאָר איין זאַך פאַרשטייט פּייוקע נישט: די בעלנות פון אַזוי פיל דערוואַקסענע מענטשן!... וואָרום אין תוך זעט דאָס פּייוקען אויס ווי איין גרויסע שטיפעריי, מיט אַ גרויסן פאַרנעם. אַ כאַפּטע קלוגע יידן האָבן זיך צעשטיפט אינמיטן העלן טאָג, אין חודש אלול, ווען מען בלאָזט שופר אין אַלע בתי־מדרשים, און ווילן דווקא נאָכמאַכן די גאַנצע קינדערשע מעשה, וואָס שטייט באַשריבן אין אַ רוסישער כרעסטאָמאַטיע... איז מילא דאָרטן, ביים גויאישקן זיידקען, איז כאָטש געווען אַ זיסע ריבן, אַ גרויסע ריבן. האָט געלוינט צו האָרעווען. און דאָ וואָס? בסך־הכל קען מען דאָ אויסגעווינען אַלטע צעבראָכענע ציגל און אפשר אַ געשפּאָלטענעם שאַרבן אויך...

אַפּלאַכנדיק אַזוי, אין האַרצן, פון אַלע דערוואַקסענע, ווערט פונדעסטוועגן פּייוקע מיטגעריסן פונעם קהלשן אימפּעט. די יידן, אָנגעהאָנגען אַן קרום־געצויגענעם קאַנאַט, שאָקלען זיך אין איין אויסטערלישער בחברותא־שמונה־עשרה, און פּייוקע שטייט אַן דער זייט און שאָקלט זיך אויך. זיי — אַ שאָקל, ער — אַ שאָקל. זיי — אַ צי די שטריק, ער — אַ צי... אין דער לופטן. ביז ער כאַפּט זיך, אַז ער שטייט און ברעכט דעם רוקן ווי אַ לעקיש אין „מודים״. פאַרשעמט ער זיך, טרעט אָפּ אַ ביסל וייטער, ווי ער וואָלט זיך דערמיט געוואָלט אַרויסרייסן פון מאַגנעטישן פעלד, וואָס די קהלשע כוחות שאַפן אַרום אים; און בלייבט

אַזוי שטיין, כדי צוצוזען אויף טשיקאַוועס, וואָס דאָ וועט זיין דער סוף. וויפל מענטשעלעך מ׳וועט נאָך מוזן צורופן, ביז די איינגעפונדעוועטע חורבה־וואַנט, וועט זיך איבערבר׳עכן.

און זוער ווייסט, ווי לאַנג עס וואָלט נאָך געדויערט אַזאַ שלעפּן און ציען אָן אַ תכלית, ווען נישט „קוליע בחצוצרות״.

.2

קוליע איז אַליין אַ בלעכער. און אַ פּרצוף־פּנים האָט ער אַ ריאַבן, מיט ברוינע קליינינקע און צעשוווּמענע לעבער־פלעקן. אומגעלומפּערט אויסגעצויגן איז דער דאָזיקער פּנים און דערמאָנט אַ פאַרזשאַווערטע קוואָרטיקע פּושקע. פון באַאַרבעטן כל ימו בלעכענע כלים, איז אים, ווייזט אויס, געקומען נאָך אַ מין סאָרט בלעכערנער פּעלער. די נאָז איז אים אויך געוואָרן ווי פון בלעך, און אַז ער רעדט, קליגגט זי ביי אים, ווי מיכאַלקע דעם פּאָסטוכסט טרובע, בשעת ער רופט צונויף די שקלאָוועור בהמות. פּאַנפּאַטע קען מען אַזאַ חיתוך־הדבור נישט אָנרופן. ס׳איז נישט סתם אַזוי אַ פּאַנפּע. ס׳איז ווי ווען מען זאָל אַריינשרייען אין אַ פּוסטן בלעכערנעם קעסל, און שיטן דערביי האַרטע אַרבעס אויף אַ טאַץ. עס טראָמייטערט און עס באַראַבאַנעוועט אין איין און דער זעלבער צייט. פאַר אַ וויאָרסט קען מען דערהערן קוליע דעם בלעכערס קול. ווערט אַ טומל אין מאַרק, יידן און יידענעס, גויאים און הירזשענדע פערד ווילן איבער־שרייען איינער דעם צווייטן. מען הערט נישט און מען ווייסט נישט, ווו מ׳איז אויף דער וועלט. דאַרף מען נאָר בעטן גאָט — קוליע דער בלעכער זאָל אָנגיין; וועט מען שוין דערהערן און מ׳וועט שוין וויסן. קוליע גיט אַ הויב די נאָז און טראָמייטערט אַריבער אַלע געשרייען און געוואַלדן אין דער וועלט:

— איננבנדן, טנו־טנו! וואָנס טונט זינך דאָנן ביין נב׳אייך? טנו־טנו, פּען־ען!

ס׳הייסט: יידן, וואָס טוט זיך דאָ ביי אייך? פּע!...

פּראָסטע ווערטער, דאַכט זיך! נאָר די הויפּנס נונען קלאַפּן ווי אין פּוסטע טשייניקעס, קלינגען אַ טרעוואָגע. און די צווישן קולות „טנו־טנו״, אָט די סתם אָפּגעשפּאָלטענע טענער, פאַלן צווישן די אויסגעשרייען, ווי שראָט אין אַ מעדניצע. אַזאַ לשון דערהערט מען שוין יאָ. מעג דער

מאַרק קאָכן ווי אַ קעסל. און טאָמער שטעלט זיך אַן עזות־פּנימניק אַקעגן:

— ס׳אייער עסק, קוליע? גייט אייך צו אייערע בלעכענע כלים!

גיט דאָס ביי קוליען אַ בריאַזג אין נאָז און אַן ענטפער שאַלט אַרויס:

— דענר פּרינסטאַוו, טנו־טנו, זאָגל קוממען, טנו־טנו, װענט דינר, היינסט דאַנס, טנו־טנו, זיין בענסער, ווינן?

ס׳הייסט, דער פּריסטאַוו זאָל קומען וועט דיר זיין בעסער?

און עס ווערט אַ טאָלק.

רופט מען אים דערפאַר „קוליע־בחצוצרות”. ס׳הייסט: קוליע מיט די טראָמפּייטן. אַ ווונק אויף די אַמאָליקע טרובעס פון ריינעם זילבער, וואָס משה רבינו האָט געהייסן מאַכן פאַרן „משכן” אין דער מחבר. אַז די זילבערנע טרובעס וועלן בלאָזן — זאָל דער „משכן” מיט די יידן ציען, און אַז די טרובעס וועלן ווייטער בלאָזן, זאָלן די יידן רוען...

איז אָט ווי גאָר קוליע דער בלעכער האָט זיך אַ ציגד באַוויזן אינדער־ווייטנס, איז ביי ר׳ ישיעלעס חורבה געוואָרן לעבעדיקער. די ליימער האָבן גלייך אָפּגעלאָזן די שטריק און לייבעצקע־גאָרגל, דער עלטסטער זייערער, איז קוליען פאַרלאָפן דעם וועג און מיט דער פאַרשטויבטער האַנט גענומען פאָכען און ווינקען צו אים, ער זאָל קומען צו הילף.

איז קוליע בחצוצרות אַנגעקומען מיט געקלאַפּ און געקלאַנג, ווייל אויף דער פּלייצע האָט ער געטראָגן אַ קראַנץ פון בלאַנקע און בליש־טשענדיקע צדקה־פּושקעס, פאַר עפּעס אַ נייער חברה, און אין דער רעכטער האַנט האָט ער געטראָגן אַ גאַנצן בונד פון בלעכענע טשייניקעס, ספּעציעל פאַר ישיבה־בחורים אין די בתי־מדרשים. אָנגעקומען מיט אַזאַ קראַם און מיט אַזאַ מוזיק, ביזקל די קאַנאַטן איבער דער ברייט פון גאַס, האָט ער געמאַכט אַ פּנים, אַז ס׳איז נישט זיין עסק. דאָ רייסט מען װענט, ער טראָגט זיין סחורה און גייט זיין וועג. נאָר קוליע דעם בלעכער וועט מען דען לאָזן אַוועקגיין, ווען מען נויטיקט זיך אַזוי אין זיינע „טראָמפּייטן”? האָבן אים די ליימער ארומגערינגלט, ווישנדיק זיך די ברודיקע הענט אָן די זאַק־פאַרטוכער.

— קוליע, נו, און דו?

— קוליע, גיי נישט אַוועק!

— קוליע, דו זעסט דאָך!

האָט זיך קוליע איין ווייליטשקע געלאָזן בעטן, אויסגעצויגן אַ פלע־קיגן פּנים פון אַ פאַרזשאַווערטער פּושקע. דערנאָך אַנטשלאָסן אָפּגעלייגט

די בלעכענע כלים ביים נייעם נגיד אויפן גאַניק, איינגעקלעמט די זשאַ־ווערדיקע הענט זיינע אין קאַנאַט און געגומען העלפן.

זענען אָבער די ליימער און אַ טייל פון די שטריק־ציער געוואָרן אומגעדולדיק; געגומען געבן אָנצוהערעניש קוליע דעם בלעכער, אַז... כע־כע, שלעפן קענען אַלע, שיסן קענען דאָך פּראָסטע סאָלדאַטן אויך... אַ גענעראַל דאַרף מען דאָ האָבן, אַ באַפוילער מיט אַ טרובע. און ווער קען נאָך אַזוי די מלאכה, ווי קוליע? בקיצור —

האָט קוליע בחצוצרות געפּאַלגט. אויפגעגעבן זיין באַשיידענע הילף און איבערגענומען אַ העכערן פּאָסטן אין אַזאַ קהלשער אַרבעט. „טנו־טנו״! האָט ער גענומען אויספּרובירן זיין בלעכענע נאָז, צי זי שאַלט ווי ס׳געהער צו זיין. און דער עולם האָט גלייך געוווּסט וואָס דאָס באַדייט.

אַ ביסעלע פאַרשעמט, האָט קוליע דער בלעכער אָנגעהויבן צו קאָ־מאַנדעווען. דערזען אַ יונגנמאַן אויף דער קלאַטקע, פונדערווייטנס, האָט צו אים קוליע דער בלעכער אַ טראָמייטער געטאָן:

— טנו־טנו, קונם־מ׳נאַר אַנהער, בנחור! טנו־טנו, און מאַנך זינך נישט אַנוועק, טנו־טנו!

ביסלעכווייז איז אָבער קוליע אַריין אין היץ. געגומען קאָמאַנדעווען ווי אַ מאַרשעלאָק אויף אַ חתונה, בשעת עס גייען די קאַראַהאַד־טענץ. דאָ לויפט ער צו, דאָ לויפט ער אָפּ, דאָ פּאַדיעט ער אַרום דאָס רעדל שטריק־ציער, און דאָ בויגט ער זיך איין און לויפט דורך אונטער די אָנגעצויגענע קאַנאַטן. און דער קול פון זיין בלעכענער נאָז מיט די קלינג־אַרבעסלעך האָט גענומען שאַלן פון איין עק שול־גאַס ביז דעם אַנדערן עק.

3.

און אַזוי האָט קוליע דער בלעכער געבלאָזן אין זיינע טראָמפּייטן. יעדעס מאָל — אַ נייע נגינה:

— אינדן, טנו־טנו, וואָנס שווייגט איגר?

— אינדן, ס׳איז אַ מנצוה! טנו־טנו!

— אינדן, טנו־טנו! ענזב תעגזב ענמו *).

— טנו־טנו! דערנלאָזט נישט קיין פּראָנטאָקאָל בייבן רנב!

— אַ־הן המן האָנט זיך אָנגיזענצט אוינף שטאָנט!

---

*) עזב תעזב עמו! העלפן זאָלסטו אים — אַ פסוק אין חומש.

— אינדן, זענט! באַלמענלאַנכעס פאַנלן פון די פינס!
— נישט צון בינסעלעך, אינדן, טנו־טנו! אַנלע אוינף איין מאָנל! ראַנז! (ראַז!).
— טנו־טנו!

אָט אַזוי האָט קוליע געוואָרעמט דעם עולם. און אַלע האָבן גענומען שלעפּן די דיקע שטריק, ווי אויף קידוש־השם. ביז קוליען האָבן די פּרייוויליקע געצויגן ביסלעכווייז, אַלע פינף מינוט, אַזוי צו זאָגן אָן עסן־לעפל. דער געקומען, דער אַוועק. אָבער ווי קוליע דער בלעכער האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע, איז אַוועק אָן אמתע ציען בחברותא. קיינער האָט זיך מער נישט דערלויבט אַוועקצומאַכן זיך. מ׳האָט זיך אָנגעזעצט אויף די קאַנאַטן: איינמאָל פאַר אַלע מאָל, היינט, און נישט מאָרגן, מוז זי איינפאַלן, די אַלטע וואַנט — קיין גוטער זאָל זי נישט קענען!

און גאָט אַליין האָט זיך צוגעהערט צו קוליע דעם בלעכערס טראַמ־פּייטן, ווי אַמאָל צו די זילבערנע טרובעס אין דער מדבר. ער, כביכול, האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ לייכטער וואָלקן איבער די פאַרמאַטערטע שטריק־ציער, פאַרשלייערט די שטעכיקע אלול־זון און אָפּגעקילט די צע־היצטע אָרעמס און פּנימער. און צו דער איינגעעקשנטער וואַנט האָבן זיך אָצינד אַ שאָט געטאָן: קרעמער מיט שליסלעך אין די גאַרטלען, קצבים אין פאַרשמאַלצעוועטע זומערדיקע פאַדיאָוקעס, מעליקע נאָסקע־טרעגער מיט שטריק אַרום די לענדן. באַלעגאָלעס האָבן אָפּגעשטעלט זייערע בריטשקעס, שוסטער האָבן פאַרקאַטשעט די אַרבל און שניידער האָבן טיפער אַריינגערוקט די נאָדל־פאָדים אין די לאַצן, כדי קיינעם נישט אָפּצושטעכן, און אַריינגעשטופּט זיך אין חברה־ציער. מיט די הענט געשלעפּט און מיטן האַלדז געברומט. אַ פאַרע האָט זעץ געטאָן פון גאַנצן עולם — אַ מין קטרת־רויכערונג פון האָרעוואַניע און שווייס פאַר קהלשן ווילזיין, און מ׳האָט באַשיינפּערלעך דערזען, אַז ווי נאָר עס קומט צו עפּעס אַ קהלשע זאַך, איז נישטאָ מער אין שקלאָוו קיין חשבונות, קיין רייסעניש. קיין חסידיש און מתנגדיש, קיין באַלעבאַטיש און באַלמע־לאָכיש... מען שטייט אויף ווי איין מענטש און יעדער איינער טוט וואָס ער קען.

אָבער קוליע דער בלעכער באַגנוגנט זיך נישט. ער שלעפּט אַריין אין דער קהלשער כוואַליע שמחהלע טורערו — פאַנדרעס געוועזענעם חבר אין אָסטראָג, פעטער זשאָמע דעם סקאָרניאַק, אליה דעם שוחט מיט די פאַרבלוטיקטע העמד־אַרבל פון אויסווישן דעם חלף, יאָקע דעם שינדער

מיט דעם קורצן פיסל. אפילו לייזשקע דער פאַקנטרעגער האָט געמוזט אַראָפּלאָזן דעם פּאַק טריף־פּסולע ספרים פון פּלייצע און צושטיין צו קאָמפּאַניע. אַ יידישער סאָלדאַט אין אָטפּוסק איז פאַרבייגעגאַנגען און געוואָלט זיך אָוועקמאַכן, האָט אים קוליע דער בלעכער אויסגעמוסרט:

— דינען פּאָניע גנב איז בענסער? אָנט אַנזוי בנחור! און געשלעפּט, טנו־טנו, זאָל ווערן! ראַנז...

זיידע וואַיטעק, דער אַכציק־יעריקער בריוו־טרעגער, איז אויך צוגעקראָכן, מיט דער קאָרענער פּיפּקע אין אַלטיטשקן מויל און מיט די קינדערשע פּיאַלקע־אויגן, אונטער די מאָכיקע ברעמען. סמאָר־סמאָר מיט די אַלטע ברייטנאָזיקע שטיוועלעך, אַזוי האָט ער גענומען רוקן זיך צום קאַנאַט. האָט דער עולם געשאַנעוועט זיין עלטער און אים נישט צוגעלאָזן. ווערט דער אַלטיטשקער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט בייזלעך און הויבט אָן רויכערן זיין פּיפּקע גיך־גיך, צי נאָך צי. אַלע מאָל טוט ער אַזוי, זיידע וואַיטעק, ווען ער ווערט בייז.

— אַ טורטוריאַטער, — מאַכט ער — ווי איך בין אַ באָקסער! שקלאָוו קריכט פון דער הויט און וואַיטעק וועט שווייגן? שמאָנצעס... לאָזט!

אויסגעשפּייט מיט רויך און האַרץ און צוגעכאַפּט זיך צום קאַנאַט מיט צעקנייטשטע בלויע הענט, גענומען שאָקלען זיך און קרעכצן פון בויך מיטן עולם צוזאַמען.

האָט אים אָבער לייבעצקע־גאָרגל, דער עלטסטער פון די ליימער, גלייך באַמערקט און ס'האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. וואַיטעקס פּיפּקע האָט אים דערמאָנט אַ צווייטע פּיפּקע. משה־לייב דעם פּאָדריאַטשיקס פּיפּקע, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן אויף רישקאָקי מיט צען יאָר צוריק,ביים איינרייסן פּונקט אַזאַ אַלטע וואַנט... וואַיטעקס פּיפּקע האָט אים דאָ אַ שימער געטאָן ווי עפּעס אַ שלעכטער אָנזאָג, אַ נישט־גוטער צייכן. איז ער צוגעלאָפן און נישט דערלאָזן:

— ניין, ניין, זיידע! ס'איז נישט קיין עסק פאַר אייך!

האָט שוין קוליע דער בלעכער אויך געמוזט נאָכטאָן אַזאַ איידלקייט:

— ניין, טנו־טנו! — טרובעט ער אַריין אין וואַיטעקס אַלטיטשקע אויערן און שיט אויף אים אויס אַ הויפן קלינגענדיקע נונען — שטיינט, זיינט מונחל אָן נאָן זיינט און קונקט, זיינט מונחל!

פאַרשעמט זיך זיידע וואַיטעק און גיט זיך אַ קראַץ מיטביידע פּלייצעס אונטער זיין אַלטיטשקער אויסגעגרינטער כאַלאַמידע. שמאָנצעס!

געוואַלט אַ פּרווו טאָן די אַלטע כוחות, דערמאָנען די באַלעגאַלישע יאָרן, לאָזן זיי נישט, די שקצים!

אָבער לייבעצקע־גאָרגל איז נאָך נישט צופרידן. וואַיטעקס קאָרענע פּיפּקע איז אים עפּעס נישט צום האַרצן. ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס...

— איר וואָלט בעסער — מאַכט ער — זיידע, איינגאַנצן אַוועק. אַז די וואַנט וועט זיך רירן און אַלע וועלן כאַפּן לויפן, וועט איר... וועלן מיר... איר זענט ניט קיין לויפער, זיידע וואַיטעק!

— שמאַנצעס — ענטפערט אים וואַיטעק, דרייט אַוועק דעם מאַכיקן קאָפּ און כאַפּט רויכערן גיך־גיך, צי נאָך צי. אַלע מאָל טוט ער אַזוי, זיידע וואַיטעק, ווען ער איז נישט צופרידן.

נאָר וואָס קומט אַרויס פון די אַלע „שמאַנצעס", אַז שקלאָווער יידישע כוחות סטאַיען פאָרט נישט! קוליע דעם בלעכערס פּאָנפּע שאַלט אַפילו ווי די שופרות אין יהושע בין־נונס צייטן. אָבער „די וואַנט פון יריחו", ס'הייסט: ר' ישיעלעס חורבה־וואַנט, הערט אים ווי דעם פּאַראַיאַריקן שניי און פאַלט נישט איין...

שטייט זיך פּיווקע אָן אַ זייט און דעקלאַמירט פאַר זיך אַ שורה פון יענער טשיקאַווער בבא־מעשה, וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט אין דער רוסישער כרעסטאָמאַטיע:

— טיאַנוט פּאָטיאַנוט — זיי שלעפּן און שלעפּן! וויטיאַנוט ניע מאָגוט — און אַרויסשלעפּן קענען זיי נישט!...

יינגל, ווּהין קריכסטו?

.1

דער עולם מאַטערט זיך אָפּ נאָך אַ גוטע האַלבע שעה ביי ר׳ ישיעלעס חורבה־וואַנט און בלייבט שטיין, ווי אויף אַ באַפעל וואָס קיינער האָט נישט געגעבן. עפּעס ווי רוחות וואָלטן צוגעהאָלפן די פליגל־וואַנט מיט געהיימע צוואַנגען פון אינעווייניק...

ווישט זיך שמחהלע טורערו דעם שווייס מיטן קצבישן אַרבל און באַדויערט אויפן קול:

— אַך, זשאַלקע! (אַ שאָד) פּאַנדרע וואָלט דאָ געווען, וואָלט זי זיך שוין גערירט...

האָט דער פאַרשוויצטער עולם גלייך אונטערגעכאַפּט אַזאַ גאָלדענעם געדאַנק. גענומען מאַנען איינער ביים צווייטן:

— און טאָקע! ווו איז עפּעס פּאַנדרע?

— ס׳איז אַ חידוש!

— פּאַנדרע זאָל לאָזן שטאָט אָפּגיין מיט שווייס!

האָבן אים אָבער אַנדערע קולות פאַרענטפערט:

— אַ מענטש האָט זיך נאָך נישט אָטכאַיעט פון אָסטראָג.

— ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן העלפן אַ יידן!

— נאָכן פּסק, וואָס ער האָט געהאַט ביי דער שריפה...

— שש!... דער נייער נגיד קען נאָך דערהערן!

— טו זאָל ער דערהערן!

— די שריפה גאָר!... אַ משל צו אַ טאָרבע מיט פלעקענער!... פּאַנדרע איז דאָך ערשט אויפגעשטאַנען „שבעה״...

מער באַהאַוונטע פאַרשוינען, באַלעגאָלעס פון צעך, האָבן פּאַנדרען פאַרענטפערט אַ סך פשוטער:

— אַז ער איז גאָר אין שטאָט נישטאָ.

— אַרויסגעפֿאָרן היינט ראַנעצקע.

— אַ פערד האָט אים צעך אויסגעבאָרגט. ר׳ סענדערס פֿאַדוואָדע האָט ער אַליין פֿאַרריכט.

— ער פֿירט ציגל פֿון זאַוואָד, הינטער די אָרשער ברעמלעך...

איז די שטימונג ביי אַלע שקלאָווער גבורים און שטריקציער גלייך געפֿאַלן:

— נו יאָ. אָן אים וועט גאָרנישט זיין.

— אָן אומזיסטע טרחה.

— אפשר לאָזן דאָס אויף מאָרגן, ר׳ לייבע?

— ר׳ לייבע! איר זעט דאָך!...

קעגן אַזאַ אויפטו פֿון פֿוילאַקעס און פֿון די וואָס איילן זיך אַהיים אויף קרופּניק, האָט זיך אָבער לייבעצקע גאָרגל — דער עלטסטער צווישן די ליימער — שאַרף אַוועקגעשטעלט:

— וואָס? נאָך אַ טאָג וועלן מיר דאָ פּטרן?

און חברה ליימער האָבן אים אונטערגעשטיצט:

— אונדזער חורבה אַזוי ווי אייער חורבה!

— מיר לאָזן גלייך די אַרבעט און גייען אַוועק.

— און זאָל אייך דער פּריסטאַוו מאַכן פּראָטאָקאָלן!

— איצקע, בינד אָפּ דעם פֿאַרטוך!

— שאַ, יידן — האָבן זיך גענומען איינשטעלן פֿרומע מתנגדים — וועמען ווילט איר דאָ אָפּטאָן? דעם רבֿ?

— ער מוז דאָך אַמאָל וואַרעמעס עסן דע... דער פֿאַנדרע!

— ער וועט דאָך הינטער די ברעמלעך נישט בלייבן נעכטיקן.

— שמהלע, אפשר ו ו ע ס ט ו צופֿאָרן אַ זון־טאָן אים!

אָבער נאָך איידער שמהלע האָט אַ טראַכט געטאָן, האָט זיך אָפּגערופֿן זאַוול, קושקע בראַנדס געוועזענער שמייסער. ער, זאַוול, וועט, הייסט עס, לויפֿן זען, ווו פֿאַנדרע איז שטעקן געבליבן.

— לויף, לויף! — האָבן אים אַ סך קולות אונטערגעוואַרעמט.

— לויפֿן?... — איז זיך זאַוול מישב הויך אויפֿן קול — אין אַזאַ היץ ביזקל די אָרשער ברעמלעך?... אָט, מ׳וואָלט אים אויסגעבאָרגט אַ וועגל...

— אַזאַ יחסן! — האָבן זיך באַלעגאָלעס געקראַצט אין די פֿאַטילניצעס. דאָס האָט געהייסן, אַז אַן אַרויסגעטריבענעם שמייסער מיט פֿאַר־לאַטעטע שטיוול פֿאַרטרויט מען נישט קיין פערד און וואָגן.

זאָל האָט אַ וואָרף געטאָן מיט די ביסטרע אויגן פון אונטער זײַן צעבראָכענעם דאַשיק און דערזען, אַז זײַן קרעדיט איז נאָך זייער שוואַך. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס פּאַנדרע האָט זיך מיט אים געחברט, זינט זײַן קומען צוריק פון אָסטראָג, און פאַרבעטן אים אַפילו אויף קולאַיע...

נאָר ווי אַזוי זאָלן פרעמדע באַלעגאָלעס זײַן גוט צו אים? אַז פּאַנדרע אַליין איז אויך נישט בעסער. אָט איז ער היינט ראַנעצקע אָוועקגעפאָרן צו די ברעמלעך, צום ערשטן מאָל אַרויסגעפאָרן, און האָט אים, זאָולען, אַפילו קיין וואָרט נישט געזאָגט... מערע איז נאָך, אַפּנים, אַלץ אין כעס. וועט אַפּנים, פון מאַכן שותפות און טרייבן צוזאַמען בוידן אויפן שליאַך, גאָרנישט זײַן...

נאָר צוריק־אָפּטרעטן האָט שוין נישט געפּאַסט:

— נו, — גיט זאָול אַ בורטש, — וועל איך לויפן צו־פוס. נאָר ס׳וועט געדויערן...

קיינער פון די באַלעגאָלעס האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט, נאָר שטומערהייט איבערגעוווּנקען זיך און געלאָזן זאָולען לויפן צו־פוס.

2.

ווי די פאַרמאַטערטע חדר־ייִנגלעך, ביים לערנען אַ בלאַט גמרא, אַזוי האָט דער עולם, ביי ציען די שטריק, אויסגעזען פּייוּקע אוריס. ווי די חדר־ייִנגלעך, וואָס זענען צופרידן פון יעדן אורח, פון יעדן אַריינקומען פון דער רביצין — אַבי מען הערט אויף אַ ווײַלע צו לערנען — פונקט אַזוי האָט זיך דאָ דער עולם מחיה־געווען ביי יעדער געלעגנהייט, אָפּגעלאָזן די אָנגעצויגענע קאַנאַטן ביי דער קלענסטער סיבה. אָט אַפילו ביי אַזאַ זאַך, ווי זאָולס אָוועקלויפן צו די אָרשער ברעמלעך, האָט זיך יעדער איינער געכאַפּט, אַז ער האָט וואָס צו ברענגען אין אָרדענונג: אַ נאָז — אויסצוניסן זיך; אַ האַלדז — אָפּצור־הוסטן; אַן אַרבל — אָפּצווווישן דעם שווייס; אַ קאָפּ — אַ קראַץ צו טאָן. נאָר קוליע דער בלעכער האָט געזען נישט דערלאָזן צו אַזעלכע תירוצים. ווי מיט אַ קאַנטשיק האָט ער זיך צעפּאַכעט מיט זײַן פּאַנפּע איבער זיינע דערוואַקסענע תלמידים:

—ייִנדן! אינז טאַנקע, טנו־טנו, נאָנד־אַנמאָל! ראַ—אַנז! (ייִדן, איז טאַקע נאָכאַמאָל. ראַז!).

נאָר די „ייִנדן" האָבן דאָך שוין געהערט, אַז מ׳איז אָוועק זוכן

פֿאַנדרען — האָט זיך זייער מסירת־נפש אָפּגעלאָזן: אָט, פֿאַנדרע ווערט קומען ווערט מען זען...

אויף זייער גליק איז נאָך אַנגעלאָפֿן חיה־שׂרהקע די משוגענע מיט איר פֿאַרבונדענער באַק, פונעם זעץ מיט אַ שטיין, וואָס זי האָט באַקומען בשעת לעשן דעם וואַלד אונטערבאַרג, און מיט איר לאַנגינקן פּעקעלע שמאַטעס אָנשטאָט איר קינד, וואָס זי האָט דערטרונקען, באָדנדיק אין קאַריטע ביים ברונים.

דערזען אַזאַ עדה יידן הענגען מיט די אָרעמס אויף גראָבע שטריק און שיקלען זיך מיט כוונה, ווי צו שמונה־עשׂרה, האָבן זיך די קניי־טשעלעך אַרום אירע פֿאַרהולטאַיעוועטע אויגן צעטאַנצט, איר פּעקעלע האָט זי צעהוידעט מיטן טאַקט פֿון די שטריק־ציער. און דאָס משוגענע בויכרעדעריי האָט פֿון איר גענומען אַרויסזינגען אין קורצע שורהלעך:

אַה—אַה, בייאינקע!
ניטשיינע האָב איך אַ קוק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ!
פֿאָרן רב און פֿאַר דער רביצין
דאָ, טאַקע, דאָ.
נאָך דער וואַנט און נאָך דער חורבה — —

שקלאָווער יידן זענען אָבער פֿון תמיד־אָן אַנגעשראָקן פֿון חיה־שׂרהקעס לידעלעך. מען ווייסט, אַז ווו חיה־שׂרהקע שטעקט אַריין די נאָז און צעזינגט זיך, דאָרטן ווערט קיין זאַך גלאַט אַזוי נישט אַראָפּגיין... איז מען שטיין געבליבן און איבערגעקוקט זיך מיט בלאַב־דזשענדיקע אויגן. נאָר איין לייבעצקע גאָרגל, וועלכער איז שוין פֿריער געווען אַנגעשראָקן פֿון וואָיטעקס פּיפּקע, איז אויף חיה־שׂרהקען אַנגעלאָפֿן מיט רציחה און דערלאַנגט איר אַ פּלעם איבערן אויפֿ־געעפֿנטן מויל מיט די גראָבע ליפּן, אַז דער משוגענער איז גלייך פֿאַרגאַנגען יעדער חשק נבואה צו זאָגן און צו פֿאַרפּאַסן אומגליק־לידלעך. „אַי, מאַמע!‟, דערלאַנגט זי אַ געשריי אינמיטן זינגען, לויפֿט אָפּ מיט איר פּעקעלע אויפֿן אָרעם און בלייבט שטיין אַ צעמישטע לעבן זיידן וואָיטעק, וועלכער איז שוין פֿריער אַרויסגעשטויסן געוואָרן מחוץ־למחנה...

כדי צו פֿאַרווישן דעם שלעכטן איינדרוק פֿון חיה־שׂרהקעס נישט־פֿאַרענדיקט לידעלע, צעטרומייטערט זיך קוליע־בחצוצרות מיט גאָר אַ נייער פֿרישקייט אויף אַלע זיינע טראָמפּייטן:

— יינדן, טנו־טנו! וואַרט נישט!
— יינדן, פּאַנדרע װעגט אנפשר נישט קונמען!
— יינדן, טנו־טנו!

3.

נייע תושבים קומען צו און העלפן. „האַ־האַ" און „נו־נו" און „אַט־אַט!..." עס שטרעקן זיך אויס האַריקע און גלאַטע אָרעמס. העמדער־אַרבל פאַררייסן זיך. און לויט די דאָזיקע אַרבל אַליין דערקענט פּייוקע אוריס: וועד ס'איז אָרעמער און ווער רייכער און ווער ס'איז גאָר פון די גרויסע קבצנים. ס'איז אַ גאַנצער פּעכער פון ארעמקייט, באַלעבאַ־טישקייט, באַלמעלאָכישקייט; אַ געמישטע טרעפּ פון געלבלעכע, ווייסע, ברודיקלעכע און גאָר קויטיקע העמדער־אַרבל. די בערד שפּיצן זיך צום הימל און אין די אויגן בייטן זיך אַלערליי אויסדרוקן: פּאַרקרימעגישן פון פּחד — אַ ציגל זאָל נישט פאַלן אין קאָפּ, פון כראַבּרען זיך און פון אינערלעכער שמחה צו טאָן אַ מצווה, אַרויסהעלפן אַ רבֿ, ר' ישיעלעס איידעם זאָל געזונט זיין... די גרויסע שטורמישע שמונה־עשרה פון מסירת־נפש צעשאָקלט זיך און צעפּלאָקערט זיך ווייטער. ווי אַ מאַנדעל צאַפּלדיקע פיש, וואָס הענגען ביי די זשאַברעס אויף אַ שפּאַגאַט, אַזוי הענגט אַצינד האַלב שטאָט אויפן קאַנאַט און צאַפּלט זיך. און קוליע דעם בלעכערס קול שאַלט איבער זיי אַלעמען:

— יינדן, טנו־טנו!...

— געוואַלד, — לאַכט פּייוקע אין האַרצן פון קוליע בחצוצרות, — ווו נעמט דאָס אַ ייד אַזוי פיל נונען? פּיסקון דער מגיד האָט אויך אַ שפּאַר ביסל נונען אין נאָז, צו קוליע דעם בלעכער קומט דאָס נישט...

אָבער דער גרויסער האַרמידער פאַרכאַפּט פּייוקען אַליין. די קהלשע אויסגעשריייען פון פּחד, פון כראַבּרען זיך און פון שמחה צו טאָן אַ מצווה פאַרשיכורן זיין קעפּל, ווי אַ געמיש פון אַלערליי משקאות. אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין צעוואַרעמט ער זיך און דערפילט באַשיינפּערלעך, אַז ס'איז געקומען די צייט פון דעם „מייזעלע"... אין דער כרעסטאָמאַטיע האָט אויך קיינער נישט געקענט אַרויסרייסן די גרויסע ריבן, נישט דער דיעדקאַ מיט דער באַבקע, נישט דאָס אייניקל, נישט דאָס הינטל מיט דעם קעצל. ביז מ'האָט צוגערופן דאָס מייזעלע... ס'איז אַ מעשה נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. ס'איז נאָר אַ משל. און וועד־זשע איז דאָס

„מייזעלע", אויב נישט ער, פייוּוקע דער חדר־ייִנגל, ביי איינרייסן אַזאַ וואַנט?

נאָר גיי כאַפּ זיך אָן ביים קאַנאַט פון הינטן, הינטערן גאַנצן עולם! אַז „פון הינטן" ווילן אַ ל ע שטיין. אַלע ווילן זיי זיין „מייזעלעך". מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. אַ מצווה, נישט אַ מצווה — נאָר וואָס ווייטער פון דער חורבה־וואַנט!... דאָס איז דער עיקר.

פייוּוקע האָט דאָ און דאָרטן געפּרוּווט אַריינשטעקן אַ הענטל און ישט געפונען קיין פּיצל פרייע שטריק. אַ נאָדל נישט געווען ווו אַריינ־צושטעקן.

דאָס האָט אים נאָך מער צעהיצט. אַ ברענענדיקע ליידנשאַפט אויס־צומישן זיך מיט קהל האָט אים אָנגענומען. דער מוט, וועלכן ער האָט אין זיך אַריינגענומען, נאַשנדיק די פאַרבאָטענע יאַגדעס אין דער חורבה, אויף ר' ישיעלעס באַגראָזטער ליעזשאַנקע, האָט אין אים אַצינד אויפ־געקאָכט. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן! נישט פאַר שדים, נישט פאַר אַלטע ציגל... איינמאָל לעבט מען אויף דער וועלט! אויב דערוואַקסענע מעגן — מעג ער אויך...

קוליע דעם בלעכערס פאַנפע האָט אים אַ שאַל־געטאָן אין נאַקן. און מחמת בהילות האָט פייוּוקע געגעבן אַ שפּרונג, ווי אַ יונגער ביקל פאַר דער סטאַדע, פאָראויס אַלעמען, און אָנגעכאַפּט זיך, פאַרן משופּע־אָנגע־צויגענעם קאַנאַט, מיט זיינע קינדערשע הענטלעך. ד אָ איז געווען די אמתע רחבות! שקלאָווער טרוסן און גיבורים — אַלע זיי זענען געבליבן הינטער אים. נאָר די גרויסע אָנגעשפּאָלטענע פליגל־וואַנט, אונטערגע־שפּאַרט אין דער קרום מיט דינע בערוועטס און דורכגעצויגן מיט גראָבע שטריק, קוקט אויף אים אַראָפּ מיט אירע פּוסטע פענצטער־לעכער, ווי אַ מאָדנער שאַרבן פון אַ גרויסער פאַרשטיינערטער חיה.

— „האַ־האַ!" — אָטעמט הינטער אים שווער און טיף דער גאַנצער שקלאָווער עולם — „נו־נו־נו!" — מונטערן זיי זיך בקאָמפּאַניע. און פייוּוקע מיט אַן אויסגעשטרעקטער צונג סאָפּעט אויך. ס'האָט זיך אים שוין געגומען דוכטן, אַז זיינע ייִנגלשע קרעפטעלעך און זיין גאַנצער מהות, פון די קורצע הויזלעך ביז דער פאַרשאַרטער היטעלע, מישן זיך געשמאַק מיט קהלשע כוחות; אַז נאָר ע ר אַ ל י י ן גיט דאָ צו אַ טעם דעם גאַנצן האַרמידער, ווי אַ הייפּעלע זאַלץ אין אַ קאָכעדיקן קרופּניק... נאָר מיט אַמאָל דערפילט ער גאָר אַ פּלעם אויפן פאַרשוויצטן נאַקן און אַ צי פאַר איין אויער. לויט דער שאַרפקייט פון פּראַשק, האָט

פּייוּקע בלינדערהייט דערקענט, אַז ס׳איז אַ משפּחה־פּראַשק. אייגער פונעם טאַטנס לייבלעכע קרובים מוז דאָס זיין. הענגענדיק אויף איין אויער, גיט ער מיט גרויסע יסורים אַ קער דעם קאָפּ. וואָס דען!... ס׳איז פעטער זשאַמעס אַ פּאַטש. דער טאַטע אורי איז אויפן ביזשניר יאַריד, פאַרטרעט דערוויילע פעטער־זשאַמע זיין אָרט. זיינע אייגענע בנים האָט ער שוין אויסגעפּאַטשט און אויסגעגעבן; פּאַטשט ער, אויף די עלטערע יאָרן, זיינע פּלימעניקלעך...

.4

צופרידן פון אַזאַ אומזיסטן צווישן־שפּיל, איז דער עולם ווייטער שטיין געבליבן. מחיה געווען זיך ווי חדר־יינגלעך ביי אַ האַרבן שטיקל גמרא, ווען אַן אומגעריכטער גאַסט פּאַלט אַריין.

— דו — אויך דאָ? — ברומט איבער פּייוּקען פעטער־זשאַמעס קול און זיין קרובישע האַנט, אַ האַנט פון אַן אַלטן סקאָרניאַק, זויער פון קוואַשעס און צעשטאָכן פון נאָדלען, גיט אים אַ שליידער אויף צוריק.

דערזעט דער גאַנצער עולם, אַז מען דערציט דאָ קינדער, אַז מען מאַכט „מענטשן" פון צעלאָזענע שקצים, און יעדער איינער טוט וואָס ער קען און לייגט צו אַ פינגער צו אַזאַ זייטיקער מצווה.

גלייך נאָכן פעטערישן ריס פאַרן אויער, דערפילט פּייוּקע אַ שטויס מיט אַ קנעכל פון אַ פויסט, אַ ווייטיק פון וועלכן ס׳האָט זיך אים אַזש אַ שלוקערץ געטאָן. דאָס האָט אים „אַברעמעלע־די־געקוילעטע־קאַץ" מכבד געווען אויף זיין איידעלן שטייגער. נאָכדעם האָט אים עלע דעם שוחטס קני דערלאַנגט אַן „אונטערפּלעצל" פון אונטן אַרויף אַזוי, אַז ביידע שורות ציין האָבן אים אַ קלונג געטאָן אין מויל. נאָך אים האָט דאָ איצקע דער משוגענער געפונען דעם ריכטיקן אָרט ווו אָפּצורעכענען זיך מיט פּייוּקען דערפאַר, ווייל יענער גלויבט נישט אין זיין משוגעת און גלויבט נישט, אַז ער האָט אַמאָל געזען אַ שד אין דער פינצטע־רער חורבה, נאָר אַ פּראָסטע קאַץ... האָט ער אים אַצינד גוט אַ בריק געטאָן מיט זיין באָרוועסן פוס.

אַפילו שמחהלע טורערו דער פּיאַניצע, וואָס האַלט זייער ווייניק פון קהלשן יושר און שילט אַלע פּרומאַקעס אין טאַטן אַריין, האָט דאָס מאָל געזען טאָן וואָס אין זיינע כוחות איז, כדי נישט אָפּשטיין פון קהל און זיין מיט לייטן גלייך. כ׳מיין, און ווען קען דאָס אויספּאַלן נאָכאַמאָל

אַזאַ תענוג מדריך־צו־זײַן אַ גגידיש קינד? האָט ער פּײַוקען אַראָפּגע־לאָזן אַ כּמאַל איבער דער היטעלע, אַז יענעם איז גרין געוואָרן פאַר די אויגן.

טאָמער ווײַניק, האָט נאָך יעדער אײנער ביים מכבד־זײַן געברומט אויף פּײַוקען, מיט דעם אָפּקלאַנג פון פּעטער־זשאַמעס הויכן פאָרוואָרף:

— דו, אויך דאָ? וואָ—אָס?

יידן מיט אַ העכערער פאַנטאַזיע האָבן אויף פּײַוקען געשריען מיט ווערטער פון אײגענעם ווערטער־בוך:

— ײנגעלע! דו? וווהין קריכסטו?

און איבערגעוואָרפן אים צו אַ צווייטן שטראָף־זאָגער. זאָל יענער אויך הנאה האָבן.

דעם גאַנצן אָנגעזאַמלטן כּעס, פאַר די נישט־געלונגענע אָנשטרענ־גונגען, האָבן זיי, דאַכט זיך, אויסגעלאָזט צו פּײַוקען. מילא, ר׳ ישיעלעס חורבה־וואַנט קענען זיי ב י ש ט אײנוואָרפן אָבער אָנשלאָגן אַ יונגאַטש אַ ײנגל — דאָס, געלויבט דער אויבערשטער, קענען זיי נאָך...

— אוי, אוי, איכ׳ל, איכ׳ל... — אַזוי האָט זיך פּײַוקע שטאַמלענדיק געפּרוווט פאַרענטפערן. נאָר מ׳האָט אים דערצו נישט דערלאָזן.

איבערפאַלנדיק אַזוי, פון האַנט צו האַנט, האָט זיך אים, אין צע־פּאַטשטן און צעקניפּטן קאָפּ, געטומלט אַן ענלעכע מעשה, וואָס דער זיידע חיים עולה־השלום, האָט אַמאָל דערציילט. דער זיידע ר׳ חיים האָט דערציילט, אַז בשעת דער גרויסער בהלה, אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן, האָט מען חתונה־געמאַכט חדר־ײנגלעך, כּדי מ׳זאָל זיי נישט נעמען פאַר סאָלדאַטן. האָט מען דאַמאָלט אים, ר׳ חיימען, אויך חתונה־געמאַכט. כאָטש אַלט איז ער געווען קוים צוועלף יאָר. ערב־שבת אין באָד האָט ער זיך, מיט אַלע בכבודיקע חסידים, אַראָפּגעלאָזט אין שקלאָוווער מקוה. צווישן גרויסע בײַכער דורכגעשטופּט זיך, אונטער גרויסע לײַבער דורכ־געקראָכן, און שוין געהאַלטן ביי אַ טובל טאָן זיך דער ערשטער. האָט אים אָבער אַ בייזער חסיד אַראָפּגעלאָזט אַ נאַסן פּליאַסק איבער אַ געוויסן אָרט: „אַרויס דו עכברוש, דו!״ האָט זיך חיימקע נעבעך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקעלע אין מקווה, אונטער דעם גליטשיקן טרעפּל. דאָס נאַסע גופעלע ציטערט און אַליין וויינט ער און שווערט זיך:

— ווי איך בין אַ ייד, אוי־אוי, איך בין שוין אַ מאַנסביל!

— אַרויס פון מקווה, שייגעץ!

— זאָל איך אַזוי געזונט זיין, ווי איך בין שוין אַ באַלעבעסל!

אַט פונקט אַזוי ווי דעם זיידן אין דער בהלה־צייט, ווילט זיך שווערן אַצינד פּייוּוקען, זיין אייניקל. עס ווילט זיך אים שווערן, אַז ער מיינט דאָ נישט חס־ושלום שטיפן. ער מיינט דאָ קהלשע טובה, דעם רבס טובה. און אַז ער האָט נאָך ווייניקער מורא, ווי אַ דערוואַקסענער. נאָר רעדן לאָזט מען אים נישט און צו אַ שבועה קומט דאָס גאָרנישט. מיט איין פּליאַסק, ווי דעם זיידן אין מקווה, איז מען דאָ נישט יוצא. אַלע ווילן דאָ נאָכטאָן אַזאַ גוטע זאַך, ווי פּעטער־זשאַמע האָט געטאָן. פליט ער, פּייוּוקע, מיט זעץ, קניפּ, פּליאַסק, פּאַטש, בוכצע; בריק — איבער דער גאַנצער לענג פון קאַנאַט, ביז ער ווערט אַרויסגעשטויסן מחוץ למחנה, הינטער דער גאַנצער קופּע פון די שטריק־ציער... זיין היטעלע פון קאָפּ פליט פּאָראויס, ער — נאָך דעם היטעלע. און... בוכץ צו אימיצינס באַשטיוולטע פיס. אָט דאָס לאָזט זיך אַלע מאָל אויס פון פּייוּוקעס שענסטע אידעען. די דערוואַקסענע, ברענען זאָלן זיי! זיי לאָזן אַ קאָפּ נישט אויפהויבן. די גאַנצע וועלט ווילן זיי אַריינכאַפּן. די חורבה האָבן זיי פּאַרקלאַפּט באַלד ווי ער האָט דאָרטן אַנטדעקט יאַגדעס אויף ר׳ ישיעלעס ליעזשאַנקע. אַצינד ווילן זיי דאָ שטיפן און כראַברען זיך ביי דער לויזער וואַנט איינינקע אַליין. אַלץ זיי און נאָר זיי אַליין.

— דערהרגעט זאָלט איר דאָ אַלע ווערן! — שילט זיך פּייוּוקע אויס מיט פאַרקלעמטע ציין און מיט ביטערע טרערן אין די אויגן. און מיט דער היטעלע אין האַנט שפּרינגט ער אויף פון זיין מיאוסן פאַל־אַנידער.

— כי־כי! — ענטפערט אים אָפּ אַ שיטערינקער, פריקרער געלעכ־טערל; און אַ באַקאַנטער אַלטיטשקער קול שרייט אויף אים אָן:

— שטיל, שייגאַץ!

ער קוקט זיך אום, פּייוּוקע, דורך די פאַרטרערטע אויגן, און דערזעט זיך צווישן חיה־שרהקע די משוגענע און צווישן וואָיטעק דעם בריוו־טרעגער... אויך זיי ביידע זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן „מחוץ למחנה", ווי די קרעציקע אין דער מדבר, בשעת גאַנץ שקלאָוו רוישט פון חברותא־כוחות, פון אויפטועכץ, מיט „אָט־אָט" און „נו־נו" און מיט התלהבות פון טאָן אַ קהלשע מצווה. חיה־שרהקע איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פאַר איר משוגעת, וואָיטעק — פאַר זיין אַלטקייט, און ער, פּייוּוקע — פאַר זיין יונגשאַפט...

דערזען, אַז פּייוּוקען ציטערט אַ באַק און אַז עס שמערצט אים מער פאַר בושה, ווי פאַר ווייטיק, האָט וואָיטעק אַרויסגענומען די פּיפּקע פון

מויל, אַ הויב־געטאָן אונטער דער כאַלמידע מיט די אַלטע פּלייצעס און, פאַרשעמט און מיט מאַכאָרקע־רויך, אַ לאַך געטאָן:

— אָט וואָס, אַ?

פּייווקע האָט דעם אומבאַשטימטן „אָט־וואָס" פאַרשטאַנען. דאָס האָט פון זיך אַרויסגערעדט דער זעלבער צער, וואָס ביי אים, ביי פּייווקען, אין האַרצן... נישט די זעלבע סיבה האָט זיי אַרויסגעשטויסן פון דער קופּע וואַנט־איינרייסער. אָבער דער פּועל־יוצא איז דער זעלבער. דו ביסט צו־יונג, ער — צו־אַלט טאָ שטייט־זשע ביידע אין דער זייט און שווייגט!

איין חיה־שרהקע פּילט נישט קיין שום צער. איר איז גוט אומעטום. אַציננד באַזינגט זי פּייווקעס אַנידערפאַל. הויך אויפן קול האָט זי מורא — זשומזשעט זי פאַר זיך:

ניטשיינע האָב איך אַ פאַל געטאָן,
דאָ, טאַקע דאָ!...

אין פּייווקען האָט נאָך געברויזט דער כעס. ס'האָט זיך אים געחלשט אַ בריק־צו־טאָן חיה־שרהקען מיטן קאָרעק אין זייט אַריין, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן. וואָיטעקס פאַרשוילדיקטער אַלטיטשקער שמייכעלע האָט אים דערצו נישט דערלאָזן.

און ווער ווייסט, ווען ער, פּייווקע, וואָלט פריער געקענט וויסן, מיט וואָס היינטיקער שטורעמען די וואַנט וועט זיך סוף־כל־סוף ענדיקן, וואָלט ער אפשר, ביים אַנידערפאַלן, זיין בייזע קללה פון מויל אויך נישט אַרויסגעלאָזן.

האָט מען אַ רוף געטאָן פֿאַנדרעלען...

.1

צעך האָט געהאַלטן וואָרט. דאָס, וואָס ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אויף דער באַלעגאָלישער אַסיפֿה, בשעת פֿאַנדרע איז נאָך געזעסן שבעה, איז געטאָן געוואָרן. מ׳האָט אים געגעבן אַ פֿערד אויף אויסצוצאָלן, ביז ער, פֿאַנדרע, וועט זיך שטעלן אויף די פֿיס.

אָפּגעזעסן שבעה — האָט זיך פֿאַנדרע אויפֿגעהויבן פֿון פֿוס־בענקעלע מיט אַ פֿעסטן באַשלוס: מער קיין קעסט ביי זיין שוויגער נישט צו עסן. ער האָט אַליין פֿאַרריכט די פֿאַדוואָדע, איבערגעלאַקט די אַלטע בריטשקע. שאַיע דער שאָרניק, זיין שכן, האָט אים פֿאַרלאַטעט, אויף באָרג, דעם פֿאַרזשאַווערטן כאָמעט, מיטן אויפֿגעריסענעם, פֿון מייז־צוגעגעסענעם לע־דער.

און שוין אין אַ טאָג אַרום, אינעם זעלבן טאָג, ווען שקלאָוו האָט זיך אָנגעזעצט אויף ר׳ ישיעלעס חורבה־וואַנט, האָט זיך פֿאַנדרע „געפּע־דערט״, אָנגעפּלודערט און אָנגעשטיוולט זיך, אַרומגעגאַרטלט דעם בויך און באַקאַפּטנט דעם ברייטן רוקן. נישט אַזוי מחמת מורא פֿאַר דער ערשטער קילקייט אין די אלול־פֿרימאָרגנס, ווי כדי צו דערפֿילן, ביז אין די ביינער אַריין, די אַלטע מחיהדיקייט פֿון פּרנסה און פֿון באַלעגאָלישע באַקוועמלעכקייט, וואָס פֿאַרלאָזט זיך נישט אויף נסים און באַוואָרנט זיך אַקעגן יעדער פֿאַגאָדע פֿון פֿאַרטאָג אָן.

אַרויפֿגעמען שודאַקעס אויף דער בריטשקע האָט מען נאָך נישט געקענט. זי האָט נאָך געקלעפּט פֿון נישט־אויסגעטריקנטע פֿאַרב. און בכלל, דאָס אַרויספֿאָרן ווי אַ שצאָגל, נאָכן אָסטראָג און נאָך שבעה־זיצן, אויף אַ בלישטשענדיקער בריטשקע, אינמיטן מאַרק, אָן אַ שום איבער־גאַנג — האָט זיך פֿאַנדרען נישט געגלוסט. ס׳האָט אים אויסגעזען ווי נישט אָנשטענדיק. דערפֿאַר האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט

פאַר אַ „פּאַטשין״, וואָס צעך האָט אים צוגעשאַרט, צו פירן ציגל, הינטער די אָרשער ברעמלעך גלייך פון ציגעלניע אין פּריצישן „הויפל״ אַריין. אַ גראָבע, אָבער פאָרט אַ באַלעגאָלישע אַרבעט. זאָל עס זיין אַ גוטער אָנהויב!

אין דער לאַנגער שמאָלער פּאָדוואָדע, מיט שיטערע און צוזאַמענגעפּאַרטאַטשעוועטע ברעטער, האָט פאַנדרע געמוזט שטיין אויף די קני, איבער אַ צוזאַמענגעלייגטער ראָגאָזשע. בישטאָ קיין קעלניע אין אַ פּאָדוואָדע. האָט דאָס פאַנדרען גענומען אויסטרייסלען די געדערים. ער האָט זיך לאַנג אָפּגעווינט פון אַזאַ סאָרט פאָרן. ס׳האָט זיך אים אָפּגעשלוקערצט די ערשטע צייט פון אַרויפשטייגן, צו ר׳ סענדערן עליו־השלום, אויף דער קעלניע... נאָר די נישט־גוטקייט האָט דאָס מאָל נישט לאַנג געדויערט. פאַנדרע האָט פאַרצויגן דעם גאַרטל און זי גובר געווען. און באַלד האָט ער פריילעכער גענומען צוזען דעם זייל פון שקלאָווער שטויב, וואָס קרייזלט זיך אונטער דעם פערדס פיס און באַגלייט אים אויף זיין ערשטן אַרויספאָר נאָך פּרנסה.

שטאָט האָט נאָך געדרימלט, בשעת פאַנדרע האָט זיך דערנענטערט צו די אָרשער ברעמלעך. ווו־נישט־ווו האָבן קוימענס געגעצנדיק געררוי־כערט, מיט אַ שיטערינקן רויך פון געשטעלטע סאַמאָווארן. לאָדנס האָבן אויפגעריסן שלעפערדיקע פענצטער מיט פאַרצויגענע פאָרהאַנגלעך. און מיט פרישקייט פון די בחורישע פרייע יאָרן האָט אויף פאַנדרען אַ ווייגעטאָן פון דער אלולדיק־פאַרגעלטער גרינקייט, הינטער די אָרשער ברעמלעך, ווו דער גרויסער שליאַך און די פעלדער הויבן זיך אָן. אַלע שלאָפן נאָך און ער פאָרט שוין פאַרדינען. אָנגעלייגט, ווי די שענסטע מתנה, וועלן זיין די ערשטע פאָר גראָשן פאַר מערען. ווער ווייסט? אפשר איז גאָרנישט געשען. אַ ביייזער חלום דער אָסטראָג. אַ ביייזער חלום סענדערקעס טויט. און אַלץ וועט נאָך זיין ווי ס׳איז געווען...

2.

אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט פאַנדרע געפירט ציגל. אַליין אָנגעלאָדן זיי אין ציגעלניע און אַליין אָפּגעלייגט — אין פּריצישן הויפל, ביי אַ פונדאַמענט פון אַ נייעם בנין. אַרומנעמענדיק יעדעס מאָל אַ פיר־עקיקע ציגל־משא, ביים אָנלאָדן און אָפּלאָדן, האָט ער דערפילט דעם תענוג פון דעם געזונטן האָרעפאַשנעם יונג, וואָס געברויכט נאָר אַ צענטל פון זיין כוח. אַ סך

שווערער איז לעשן ברענענדיקע וועלדער, אַנידערוואַרפן צעבושעוועטע אָקסן, אַנטלויפן פון סכאַדקעס... דאָ איז אַ קאַטאַוועס! שפּילנדיק לייגט ער די ציגל אויף דער וואַגשאַל פון זיינע שטאַרקע אָרעמס און שמייכלט פאַר זיך, וואָס נאָך אַ סך, אַ סך משאות מוז מען אַרויפלייגן, כדי אַריבער־וועגן זיין אמתע קראַפט. און גיב נאָר אַ קוק! אי ס׳איז נישט איבעריק שווער, אי עס פאַרדינט זיך, געלויבט דער אויבערשטער!...

פונדעסטוועגן איז ער אין אַ האַלבע שעה אַרום באַדעקט געוואָרן מיט אַ רויטן שטויב, און דער הייסער שווייס האָט אים גענומען רינען אין דיקע ריטשקעלעך איבער ביידע באַקן. אויסגעמישט מיט ציגל־שטויב האָט דאָס אים געקאַפּעט, ווי שווערע טראָפּנס בלוט, אויף ביידע אַרבל און ער האָט זיך דערמאָנט אַ פּסוק פון חדר: „בזעת אפך תאכל לחם״... מיטן שווייס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט.

פון דער ציגעלניע ביז דעם נייעם בנין און פון „הויפל״ צוריק צו דער ציגעלניע. יעדעס מאָל איז אים אַזוי אויסגעקומען פאַרבייצופאָרן די פּאַראַדנע אייזערנע טויער מיטן פּריצישן גלעקל. האָט זיך אים אין זכרון אָפּגעגעבן אַ ווייטער־ווייטער קלונג... עס איז געווען דאָס זעלבע גלעקל, וועלכן ער האָט, אַ פּאָר יאָר פאַר דער חתונה, געצויגן אַן אויס־געפּוצטער, אַ פאַרקאָמטער, אין לאַקירטע שטיוועלעך. עס איז געווען נאָכדעם, ווי ער האָט געראַטעוועט די באַיאָרטע פּריצטע פון די פאַנאַנדער־געטראָגענע פערד. דער פּריצטע האָט זיך דאַמאָלט פאַרגלוסט צו באַ־דאַנקען אַזאַ בחור אויג אויף אויג. ס׳איז געווען אַ באַזונדער קלונג. אַ זינדיקער רוח איז געזעסן אין גלעקל... און ווי נאָר עס גיט אַ קלונג, וואַקסט אויס אַן אַלטער סטאַראַזש אין אַ רויטן איבערגעגאַרטלטן העמד, וועלכער פאַרנויגט זיך פאַר אים און פירט אים, דורך געשלענגלטע סטעזשקעס און צווישן געדיכטע בוימער, צו דער אַלטער פּריצטע. אַן אָנגעפּאַרבטע, אַן אָנגעפּודערטע זיצט זי, מיט יונגע אויגן.

אַ פאַרוויגטע בענקשאַפט האָט זיך אויפגעכאַפּט אין פּאַנדרען און גענומען וויינען, נישט נאָך דער פּריצטעס חנדלעך, נאָר נאָך די בחורשע יאָרן, וואָס זענען אַוועק, ווי דער קלונג פון גלעקל, און מ׳האָרכט זיי נישט מער. אַוועק זענען זיי און ער, פּאַנדרע, דרייט זיך דאָ נאָך אַרום אויף דער רויט־פאַרשטויבטער פּאַדוואָדע. אויפן זעלבן אָרט צוריקגעקו־מען, און דאָס גלעקל שמייכלט צו אים מיטן אָפּגעפּאַלירטן מעש ווי אַמאָל...

אים האָט זיך ווידער גענומען דוכטן, ווי שוין נישט־איינמאָל אין

ערטער און ביי מענטשן, וואָס חזרן זיך איבער, אַז... אַלץ גייט אין קרייז. אַלץ פאַרקירעוועט זיך און דרייט זיך אויס ווי אַ בייגל, און אינמיטן איז פוסט... ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דער פּריצטע נישט אָפּגע־דאַנקט פאַרן שיינעם בריוו, וואָס זי האָט צוגעשיקט פון פּעטערבורג זיין אַדוואָקאַט. בשעתן משפּט אין מאָהליוו. אין בריוו האָט זי מיט איר אייגענער פּריצישער האַנט געשריבן, און דער גאָטאַריוס האָט איר כתב באַשטעטיקט, אַז „דער שקלאָוועט מעשצאַנין נח פּאַנדרע, אַ געוועזענער קצב און אַצינד אַ באַלעגאָלע, האָט זי מיט עטלעכע יאָר צוריק געראַ־טעוועט פון דריי צעבושעוועטע פערד, און האָט דערביי מפקיר געווען אַ גאַנצן קאַשיק מיט פלייש, וואָס ער האָט פאַנדערגעטראָגן זיינע קונדן...״ אמת, דער בריוו האָט קיין סך נישט געהאָלפן. דער נייער פּריס־טאַוו, דער המן, האָט נישט דערלאָזן אַזאַ עדות־זאָגן זאָל מאַכן אַ צו שטאַרקן רושם אויף די פּריסיאַזשנע. און ער, פּאַנדרע אַליין, האָט נישט געהאַט ווו די אויגן אַהינצוטאָן פון אַזעלכע ווייבעריש־פּריצישע קאָמפּלי־מענטן. שקלאָווער יידן האָבן זיך דאָך אַצינד אָנגעשטויסן, אַז די מעשה צווישן אים און דער פּריצטע איז נישט געווען גאַנץ גלאַטיק... אָבער די אַלטע האָט דאָך פאָרט געטאָן פאַר אַזאַ יידן, ווי ער, וואָס זי האָט געקענט. אַ סך שענער פאַרן נייעם נגיד אַרויסגעוויזן זיך.

האָט זיך פּאַנדרע נישט געקענט איינהאַלטן און, צווישן איין בערעמע מיט ציגל און צווייטער, פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן ביי די גויאישקע ליימער אין „הויפל״: פאַרוואָס, אַ שטייגער, זעט מען דאָס עפּעס נישט די פּריצטע אין גאָרטן? פאַר אָסיען פאָרט זי דאָך קיינמאָל נישט אַוועק קיין פּעטערבורג...

האָט מען אים געענטפערט, אַז גראָד ד אָ ס מ אָ ל איז זי יאָ פריער אַוועקגעפאָרן, האָט פּיינט צו זיין דאָ, ווען מען בויט. און ווינטער, ווען זי איז נישטאָ, קען מען נישט בויען. די וואָפּנע וועט נישט האַלטן...

.3

טרייבנדיק די ליידיקע פּאַדוואָדע צוריק צו דער ציגעלניע, איז פּאַנדרען אויסגעקומען פאַרבייצופאָרן נישט ווייט פון דער שטוב מיט די גרינע לאָדן, די שטוב, וווּ אַמסטערדאַם דער „ציציליסט״ האָט אַמאָל געוווינט, וווּ די סכאָדקע איז דאָ נישט לאַנג פאָרגעקומען און ווו מ׳האָט האַצע דעם הינקענדיקן אַרעסטירט. די גרינע לאָדן זענען געווען פאַר־

האָקט, די טיר פֿאַרשלאָסן און פֿאַרחתמעט. נאָר דאָס טירל פֿון גאָרטן אַרום שטוב איז געווען אָפֿן. האָט זיך אים געגלוסט אָפּשטעלן די פֿאָדוואָדע און נעבנטער באַטראַכטן די שטוב, פֿון וועלכער ער איז ביינאַכט אַנטלאָפֿן. ער האָט געוואָלט נאָך אַמאָל אַריינקוקן אין דעם הינטערשטן פֿענצטער, צווישן די צוויי הויכע פֿלאַנקעס, פֿון וועלכן ער איז געשפּרונ־גען אין דער לעצטער מינוט. נאָר ער האָט באַמערקט, אַז אַ זשאַנדער דרייט זיך דאָ נישט ווייט אַרום, אַפֿנים איינער פֿון יענע זשאַנדערס, וואָס דער נייער פּריסטאַוו האָט אַראָפּגעבראַכט פֿון מאָהליוו און געהייסן אים האַלטן דאָס פֿאַרדעכטיקע הייזל אויפֿן אויג. האָט דאָס האַרץ גע־וואָרנט פֿאַנדרען, אַז וואָס ווייטער פֿון דער שטוב מיט די גרינע לאָדנס איז אַלץ געזינטער. האָט ער דערשטיקט אין זיך זיין הייסע ביגעריקייט און, פֿאַרבייפֿאָרנדיק יעדעס מאָל אויף דער פֿאָדוואָדע, אַוועקגעקוקט אין גאָר אַן אַנדערער זייט.

נאָך אַ קורצע ווײַלע פֿאָר עסן וואַרעמעס האָט פֿאַנדרע, אַ פֿאַרשריצ־טער און צופֿרידענער, פֿאַרקירעוועט די האָלאָבליעס, כדי אויף אַ קיר־צערן וועג אַרויספֿאָרן, דורך די אָרשער ברעמלעך, אַהיים. אַ פֿרייד האָט אין אים געברויזט, געלויבט דער אויבערשטער, כשר פֿאַרדינט זיין וואַ־רעמעס. אָבער גאָר פּלוצלונג האָט אים הינטער אַ צעבראָכענעם פּלעקענער צוים אַ שימער געטאָן דער שאָטן פֿון אַן אַלטער ווילדער באַרנטע. ער האָט זי גלייך דערקענט. ס'איז געווען די זעלבע צעוואַקסענע, אויסטערליש־אויסגעקרימטע פֿעלד־באַרנטע, פֿון וועלכער ער האָט ייִנגלווייז געטרייסלט זויערע באַרעלעך אום שבת; די זעלבע באַרנטע, לעבן וועלכער ער האָט, אינמיטן דער נאַכט, אַוועקגעלייגט דעם איבערגעטאָגענעם זשאַנדאַרניק...
די איבערלעבענישן פֿון יענער נאַכט האָבן זיך אָפּגערופֿן. די פֿריערדיקע ביגעריקייט, לעבן שטוב מיט די גרינע לאָדן, האָט אים אָנגענומען מיט אַ דאָפּלטער קראַפֿט: אָנקוקן דעם בוים ביי טאָג, פֿון דער נאָענט!...

האָט ער זיך גיך אַרומגעקוקט, אָפּגעשטעלט די פֿאָדוואָדע און אַ לאָז געטאָן זיך צום בוים. דער צוים, וואָס ער האָט צעריסן, לויפֿנדיק פֿון דער אָבלאַווע, איז נאָך נישט געווען פֿאַרריכט. איז ער לייכט דורכגע־לאָפֿן צווישן די אויסגעקרימטע פּלעקענער און געהאַט בדעה צו פֿאַרטאַיען זיך נאָך אַמאָל הינטער דעם ברייטן, שוואַרצן שטאַם, נאָך אַמאָל צוזאַמענ־גיסן זיך מיט דער באַרנטע, אויסבויגן דעם האַרטן אָנגעגרייטן קולאַק ווי אַ סוקעוואַטן צווייג; נאָך אַמאָל איבערלעבן יענעם ציטער פֿון אָפּוואַרטן אַ בייזן שונא, יענע שפּאַנונג...

— איך בין נאָך גאָר אַ ייִנגל! — טראַכט פּאַנדרע לויפנדיק צום בוים — אַ ווייב אין שטוב, און נאָך גאָר אַ ייִנגל...

ער שפּרינגט צו צו דער באַרנטע און גיט זיך פּלינק אַ דריי, ווי אין יענער נאַכט, כדי מיט איין רוק באַהאַלטן זיך הינטערן שטאַם, און... שפּרינגט אָפּ אויף צוריק ווי געבי־סן פון אַ שלאַנג.

אונטערן שטאַם פון בוים האָט זיך פּאַרטאַיעט אַ לעבעדיקער זשאַנ־דאַרניק. איינער פון יענע חברה־לייט, וואָס דער נייער פּריסטאַוו האָט אַראָפּגעבראַכט פון מאָהליוו אויסצוראָטן די שקלאָווער קראַמאַלע. אפשר איז דאָס דער זעלבער זשאַנדאַרניק, וואָס האָט זיך פריער אַרומגעדרייט לעבן שטוב מיט די גרינע לאָדן... פון דער זון באַהאַלטן זיך דאָ אַצינד? אָדער אויף אימיצן אויסגעקוקט?

— כטאָ טאַקאָי?! — גיט אויף אים דער זשאַנדער אַ האַרקע אויפן סאָלדאַטסקן שטייגער. פון גאַרטל כאַפּט ער אַרויס אַ נאַהאַיקע און שפּאַרט זיך אָן, מיט דער צווייטער האַנט, אויפן לעדערנעם שיידל פון זיין רעוואָלווער. ס׳הייסט: אויב די בייטש וועט זיין ווייניק, איז דאָ עפּעס בעסערס...

— דו, וואָס זוכסטו דאָ?

פון אַזאַ פּלוצלעכקייט פאַלן פּאַנדרען איין די דמים. ער בלייבט שטיין אָן לשון. אים דוכט זיך, אַז אין ברייטן שאָטן פון בוים שטייט דאָ דער זעלבער זשאַנדאַר, וועמען ער האָט אין יענער נאַכט אויסגעהאַקט אַלע ציין. די רציחה ברענט אינעם גוי פון דאַמאָלט אָן. האָט ער זיך איבער־געטאָן אין פאָרמע און וואַרט שוין דאָ אַזוי גאַנצענע טעג און נעכט... ער האָט געוווסט, אַז סוף־כל־סוף מוז אַהער צוריקקומען דער, וועלכער האָט אים דאָ אַזוי מוראדיק אָװעקגעלייגט... ער מוז צוריקקומען אַ שמעק טאָן, ווי אַ וואַלד־וואָלף — דאָס אָרט, וווּ ער האָט צעריסן אַ דאָרפישן הונט.

דאָס האָט געדויערט איין מוראדיקע רגעלע. אָבער די געפאַר פון אַרויסגעבן זיך אַליין האָט אין פּאַנדרען אַרויסגערופן די זעלבע חוצפּה, וועלכע ער האָט געברויכט ביי יאַשקע דעם שערער, ווען יענער איז געקומען אים אויסצושפּיאָנעווען. די זעלבע פּלוצלעכע דרייסטקייט האָט אים אויך אַצינד אַרויסגעהאָלפן.

האָט ער אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל, קוקנדיק דעם זשאַנדאַרניק גלייך אין די שאַרפינקע חזירשע אויגעלעך:

— מ׳זאָגט... אין שטאָט זאָגט מען, אַז... מ׳האָט דאָ אַ מענטשן שיעור נישט דערהרגעט...

געפּעלט אַפּנים דעם זשאַנדאַרניק, וואָס אַזאַ יונג, וועלכער איז צוויי מאָל אַזוי גרויס און שטאַרק ווי ער, האָט זיך פּאַר אים אַזוי ייִנגלש דערשראָקן לאָזט זיך ביי אים אָפּ די האַנט פון רעוואָלווער־שיידל. ער גיט זיך מיט איר פּויעריש אַ קראַץ אין געגאָלטן קאַרק; ער איבערלייגט זיך: אוועקפירן דעם פאַרשוין אין סטאַן צי נישט?... און באַשליסט, אַז אַזאַ האַמעטנע בריאה קען מיט קראַמאָלע קיין שום שייכות נישט האָבן.

— מען זאָגט!... — קרימט ער איבער פאַנדרעס רייד — סטופּאַי! אָטסיודאָוואַ! מאַרדאַ!

און די נאַהאַיקע גיט אַ פייף, אַלס אַ סטראַשונעק, אין דער לופטן.

1.

לויפט פאַנדרע צוריק צו דער פאָדוואָדע. ער שפּרינגט אַרויף און כאַפּט טרייבן מיט די עקן לייצעס דעם אויסגעבאָרגטן שוואַרצן פערדל. אַפריער — פּאָוואָליע, כדי דעם זשאַנדער זאָל נישט אויסקומען פאַרדעכטיקט, דערנאָך — אַלץ גיכער און גיכער, ביז די אַרשער ברעמלעך פאַרשווינדן הינטער אים אין אַ וואָלקן פון שטויב.

— גוט? — שאָקלט פאַנדרע מיטן קאָפּ איבער זיין אייגענער ייִנגלש־קייט און ווישט זיך דעם שווייס מיטן וואַטאָוון אַרבל — שיעור זיך אַליין נישט פאַרמסרט... טפו!

ער זעט באַשיינפּערלעך, ווי מען דאַרף זיך אַצינד היטן מיט די ביינער. ער האָט מורא געהאַט פאַר יאַשקע דעם מסור. און אָט... יעדער איינער קען ווערן אַ יאַשקע. אומעטום זענען פאַרשפּרייט נעצן. אומעטום קוקן אויגן. אומעטום שמעקן בעזער. אַ טראָט טאָר מען נישט טאָן אָן אַ זייט...

צום ערשטן מאָל, זינט ער איז געקומען פון אָסטראָג, דערפילט ער קלאָר, אַז די לייכטקייט און פרייקייט, וועלכע האָבן זיך הפקר געוואַלגערט הינטער די ברעמלעך, אין די פריערדיקע יאָרן, זענען מער נישטאָ. פעלד און שליאַך האָבן זיך איינגעקאָרטשעט, אָדער ער אַליין איז אויסגע־וואַקסן? ער ווייסט דאָס נישט. ער ווייסט נאָר איין זאַך: ענג איז דאָ געוואָרן די לופט. וואָס האָט ער דאָ צו טאָן אין אַזאַ ענגעניש? פון האַנט צום מויל לעבן? פון טובות? און יעדעס מאָל אַרומקוקן זיך, צי אַ שוואַרץ־

יאָר קומט נישט אַרויסצוכאַפּן דעם ביסן פון מויל?... טפו! ר׳ סענדער האָט זיך דערטרונקען. סענדערקע — געשטאָרבן. ער און מערע זענען געבליבן אייניקע אַליין. איז אויף וואָס וואַרט ער נאָך? וואָס זוכט ער דאָ?

ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און זעט נאָר די עקן לייצעס אין די הענט. דאָס אויסגעבאָרגטע פערדל האָצקעט זיך אין אַ שוואַכינקן גאַלאָפּ אַראָפּ־שליאַך, אין שטאָט אַריין. און פּאַנדרעס גרויאינקע געדאַנקען האָצ־קען זיך מיט:

— וואָס?... ווייטער אָנהויבן פון אָנהויב? און ווער ווייסט, צי ס׳איז דער לעצטער אָנהויב? קומט אַ שוואַרץ־יאָר און וואַרפט ווייטער אַראָפּ פון קעלניע... פּאַר דער חתונה אַ שמייסער ביי ר׳ סענדערן. אַצינד אַ שמייסער ביי אַ סך ר׳ סענדערס אין צעך... דעם פערד מוז ער דאָך אויסצאָלן וואָך־איין וואָך־אויס. ביז דאַמאָלט קען דאָך יעדער באַלעגאָלע פון צעך צוגיין און איבערציילן די סטרונעס אין פערדס עק, צי עס פעלן נישט... יענעמס פערד און יענעמס עק. ער, פּאַנדרע, האָט אַפילו נישט געהאַלטן וואַרט צו זאַוולען פאַר זיין גאַנצער גוטברודערשאַפט. גייט ער אַרום, זאַוול, דער אַרויסגעטריבענער שמייסער, און וואַרט אויף אַ האַלבן אַרשין־זיץ אויף דער אויסגעבאָרגטער קעלניע. אַ געלעכטער ווי איך בין אַ ייד! איין קבצן וואַרט דער צווייטער זאָל חתונה האָבן — וועט מען עסן קעסט ביי איין שווער... דאַרף דאָך דער שווער וועלן!

— אָט! ווערט עפּעס פּאַנדרע פּלוצלונג בייז אויף זיין אייגענער פאַרצווייפלונג און אָפּגעלאָזנקייט — מענטשן פאָרן אַוועק! ווייבער מיט פאַרבונדענע פּערינעס און מיט טעפּ איינגעמאַכטס פאָרן אַוועק קיין אַמעריקע, האָצקען זיך אַוועק, ווי די קוואָקוכעס, מיט עופעלעך אין שויס. און איך — פּאַנדרע, אַ יונג מיט ביינער, מיט צוויי פּאָר מייטקעס און מיט דריי פאַרלאַטעטע העמדער, האָב מורא צו רירן זיך... פּע—ע!

אינעם מיש־מאַש פון טענות און פאַראַכטונג קעגן זיך אַליין און אינעם טראַסקעריי פון די הילצערנע רעדער, רייסט זיך דורך אַ באַקאַנ־טער קול:

— העי! פּאַנדע! דו—ו?

5.

פּאַנדרע שטעלט אָפּ די פּאָדוואָדע מיט אַ לאַנג־געצויגענעם זאַפּטיקן „טפּררררו!..״ און אינעם צעגאַנגענעם שטויב וואַקסט אויס זאַוולס פאַר־

שוויצטער פרצוף אונטערן אָפּגעטראָגענעם, צעבראָכענעם דאַשיק. אויפֿן מאָגערן, פֿאַרשוואַרצטן פּנים, מיט די הונגעריק־ברענענדיקע אויגן, לייענט פֿאַנדרע אַ שטומען פֿאָרוואָרף: „אין בודקע — „אונטערבאַרג״ און שפּע־טער האָט מען אַ סך מאָל געדעדט, אַז מ׳עט זען... מ׳עט אפשר שפּאַנען פּערד צוזאַמען. און אָט ביסטו אַרויסגעפּאָרן ראַנעטשקע און מיר אַפּילו נישט געזאָגט. אַליין צוגעכאַפּט דעם ביין, וואָס צעך האָט געוואָרפֿן. און נישט אָן מיין הילף געוואָרפֿן דיר...״

— איך... פֿאַ... פֿאַרשטייסט? — הויבט אָן פֿאַנדרע צו שטאַמלען. נאָר זאַוול שלאָגט אים איבער:

— אָט איז גוט! איך זוך דיך טאַקע!

— פֿאַרשטייסט? — פֿאַרענטפֿערט זיך אַלץ פֿאַנדרע — מיר ביידע זאָלן זיך גלייך אַרויפֿזעצן אויף איין קעלביע איז ווי אַ קבצן מיט אַן איידעם אויף קעסט...ביים גביר אויף וועטשערע...

נאָר זאַוול גיט פֿינצטער אַ הויב מיט די פּלייצעס און שווייגט.

— אָט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן! — כמורעט פֿאַנדרע אָן די ברעמען — האָסט נישט וואָס צו מאַכן מיט די פּלייצעס. איך אַליין קלער דאָ נישט צו בלייבן. אויסער שקלאָוו איז נאָך אויך פֿאַראַן אַ וועלט...

גיט זאַוול אומגעדולדיק אַ מאַך מיט איין פּלייצע:

— אַך, לאָז! נישט צוליב דעם בין איך געלאָפֿן דיך זוכן... הער, הער! דו הערסט?

— וואָס איז שוין דאָרטן ווייטער? — שפּיצט זיך פֿאַנדרע אָן און שטעלט זיך אויף אין פֿאַדוואָדע. ער דערהערט אַצינד קלאָר אַ ווייטן הור־האָ. עפּעס ווי אַ גרויסע הורבע מענטשן וואָלטן זיך געריסן די קיש־קעלעך אַלע אויף אַמאָל.

דערקלערט אים זאַוול:

— ס׳איז פֿון שול־גאַס. ר׳ ישיעלעס חורבה ווילן זיי איינליייגן, די כניאָקעס. עה־עה, עה עה! און יכלען נישט... דאַרף זיך שמחהלען פֿאַר־וועלן אַ זאָג טאָן „פֿאַנדרע״. איז געוואָרן אַ ליאַרעם: פֿאַנדרע און פֿאַנדרע! סטייטש, פֿאַנדרע זאָל לאָזן שטאָט אַליין, ביי אַזאַ זאַך!... האָט מען מיך געשיקט נאָך דיר. ווילסטו — קום, ווילסטו נישט — דאַרף מען נישט.

לאָזט זיך פֿאַנדרע צוריק אַראָפּ אויף די קני אין פֿאַדוואָדע און טראַכט אַ רגעלע: מערע... פֿאַר וואַרעמעס... ווייטער קריכן אין סכנות?

נאָר די קינדערשע שרעק, וואָס ער האָט אָקאָרשט איבערגעלעבט, הינטער דער אַלטער באַרנטע אין פֿעלד, דער יאוש זיינער איינצולעבן

זיך אין דער אַלטער סביבה האָבן אין אים נישט־ווילנדיק אויפגערייצט די איינגעדרימלטע גבורה. ער האָט אין איר אַריינגעקוקט ווי אין אַ תהום. נישטאָ וואָס צו שאַנעווען זיך! ווען דער זשאַנדאַרניק מיט דער נאַהאַיקע וואָלט אים אַצינד נישט אָפּגעלאָזן און וואָלט אים געפירט אין סטאַן, וואָלט זיך דאָך פאַרקאָכט אַ נייע קאַשע... איז שוין גלייכער אָוועקגעבן די כוחות פאַר יידן.

— קום! — מאַכט ער צו זאַוולען אַנטשלאָסן — קום, זעץ זיך אַריין.

און אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי שויןביידע אָנגעפאָרן אין אַ וואָלקן שטויב אויפן מיטן שול־גאַס. און ווי נאָר מ׳האָט זיי דערקענט, האָבן זיך אַלע שוואַכע אָרעמס געשטאַרקט און אַלע מיילער האָבן זיך צעזשומזשעט, ווי בינען דערזעענדיק זייער פאַרלוירענע „מאַטקע״. די ליימער, מיט לייבעצקע גאָרגל בראש, האָבן זיי געמאַכט גאָר אַ באַזונדער וואַרע:

— ברוך הבא!

— פאַנדרע, אַ געזונט צו דיר!

— מאָלאָדיעץ, זאַוול! געלאָפן און געבראַכט.

און זיידע וואָיטעק האָט מיט אַן אַלטיטשקן כיכיקען צוגעווונקען צו דער איינגעשפּאַרטער וואַנט, ווי צו אַ לעבעדיקער זאַך:

— אַצינד, כע־כע... וועסטו שוין ליגן!

אַ פייער ברענט אין קושקען

.1

זינט קושקע בראַנדן האָט זיך נישט אייגעגעבן דאָס, וואָס ער האָט שיכורערהייט געפּלאַנעוועט: נישט מער און נישט ווינציקער, ווי דער־שטעכן פֿאַנדרען, איז זיין געמיט נאָך שווערער געוואָרן. אַ מרה־שחורה־דיקע גרויזאַמקייט איז אים באַפֿאַלן און אַ פינצטערער באַגער. און אָט פֿאַרוואָס: טשיקעווענדיק אין יענעם אָוונט, הינטער דער סוכה, האָט ער דערהערט מערעס יאָמער איבער איר קינדס טויט און האָט זיך איבער־געקרימט מיט ווילדער הנאה... ער האָט אָבער גלייך אַליין נישט דערפילט, ווי מערעס פאַרצווייפלונג אין שטוב און זיין איבערקרימען זי אין פינצ־טערן באַהעלטערל, האָבן אים אָפּגעסמט. די סימנים פון „פאַרגיפטונג" האָבן זיך באַלד גענומען ווייזן.

אין זיין פליכעוואַטן, האַלב־שיכורן און האַרטן קאָפּ האָט זיך מערעס ווייבלעכקייט, פון דאַמאָלט אָן, צעוואַקסן מיט אַן אומנאַטירלעכן חן. אין אַ נייער באַלייכטונג פון פיין און מוטערלעכע יסורים האָט זי זיך צע־בליט. אַליין, דאַכט זיך, אָפּגעלאַכט פון איר האַרצרייסנדיקן יאָמער און ער אַליין מוז דערדריקן אין זיך אַ נייעם ברענענדיקן באַגער. אויסגעמישטע אכזריות מיט רחמנות צוזאַמען.

זיין אַמאָליקער ציען צו מערען, אַ שטייגער — ווי אין דער ווינטער־נאַכט, נאָך דער סעודה פון חברה קדישא, האָט אים אַליין אויסגעזען, ווי אַ שפּילכעלע אַנטקעגן איצטיקן אומגעצוימטן פאַרלאַנג. עס איז געווען ווי אַ שלעכט פאַרלאָשענער פייער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געטליעט אין איין ווינקעלע, און פלוצלונג אויפגעפלאַקערט און אַרומגעכאַפּט זיין גאַנצן וועזן. עס איז געווען יענע געפערלעכע ליידנשאַפט, וועלכע באַ־האַלט זיך, אָפּטמאָל, אונטער די שוואַרצע פאָלעס פון פאַרליבטע בזירים, צווישן טייוול און גאָט געיאָגטע, מאָנאַכן; יענע זשעדנע רחמנות, וואָס

קאַכט ביי אַן אומגליקלעך־פּאַרליבטן, בשעת זיין באַגערטע יאָמערט איבערן קערפּער פון איר אומגעקומענעם מאַן; יענער שוואַרצע פאַר־צווייפלונג פון אַ פאַרשקלאַפטן נעגער, וואָס פאַרגוואַלדיקט זיין ווייסע האַרין און ווייסט, אַז דערנאָך וועט מען אים דערפאַר לינטשן... עס איז געווען דער בלינדער בלוט־הונגער, וואָס זוכט צו פאַרטיליקן זיך אַליין און דאָס געלעכצטע, אין אויסברוך פון ווילדער באַפרידיקונג. דאָס זעלבע מוטנע נאַטור־געפיל, פון פאַר טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יאָרן, וואָס טרייבט די פיש פון טייכן אין ים אַריין און פון ים — אין טייכן, צו וואַרפן זייער רויג און צו גיסן זייער מילך, און דערווייל צעריבן ווערן, צווישן קאָראַלענע־בערג, אינעם גרויסן געשלעכטלעכן דראַנג און אומקומען אין די קאַנוולסן פון גרויזאַמען גליק — אויפצושטעלן נייע דורות. עס איז געווען דער אָפּקלאַנג פון יענעם געשלעכטלעכן שטורעם, וואָס טראָגט זיך איבער די צעצווייגטע קעפּ פון גרויסע מחנות ווילדע הירשן אין די סיבירער סטעפּעס... דער זעלבער שטורעם, וועלכער ברעכט האָרן אַן האָרן און שפּאַלט קאָפּיטע אַן קאָפּיטע, און טרייבט די רויטע וועלף, אין די פּאַמפּאַסן, אָפּצוגריזשען די קעפּ איינער דעם צווייטן אין זייער אייפערזוכט. דאָס זעלבע קנוילן זיך איז דאָס געווען און דאָס זעלבע קנייכלען זיך און זידן פון בייזע שלאַנגען איבער איין שלאַנגיכע, וואָס פּיעשטשעט זיך אין גראָז... אָה, אָה! ווייט נישט אַלע לעבן אויס אַזוי גלאַטיק זייער לעצט ביסל יוגנט מיט זייערע אָפּגעמאַרעטע ווייבער; און ווייט נישט אַלע באַגנוגענען זיך צו וועלקן שטיל און באַשיידן צווישן זייערע אונטערגעוואַקסענע קינדער. אַ ליידשאַפט קומט אָפּטמאָל אָן, ווי אַ בראַך און צעוואַרפט דאָס גאַנצע ביזאַהעריקע לעבן, ווי אַ קאָרטן־שטיבל.

דער עטלעכע און פערציק יאָריקער, שווער־בלוטיקער קושקע בראַנד האָט פון אָט די אַלע טעאָריעס און געדאַנקען געוויס גאָרנישט געוווּסט. וואָרום, ווי קומט אַ קושקע באַלעגאָלע צו וויסן פון אַזעלכע זאַכן? ער האָט נאָר געוווּסט, אַז די יוכע קאָכט און ווילדעוועט אין אים, זינט ער האָט אונטערגעהערט מערעס יאָמערלעכן געוויין און זינט יענעם מיאוסן איבערקרימען, וואָס ער האָט זי איבערגעקרימט. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז די לופט גייט אים אויס און... מער גאָרנישט.

פאַרשטעלנדיק זיך מערעס פאַרוויינטע אויגן און איר אָפּגעהאָנגענע, פון זויגן־אָפּגעצערטע, מיט גרינע אָדערלעך דורכגעוועבטע ברוסט, איבער דעם פוסטן וויגעלע פון איר טויטן קינד, האָט ער געמוזט צובייסן די

אייגענע צונג זיינע, כדי צו לינדערן אַ טיפערן און שטאַרקערן שמערץ, און עס איז אים נישט געלונגען. די שלאַנג, וואָס נאָגט אין האַרצן, האָט זיך דעם קאָפּ נישט געלאָזן אָפּבייסן.

צום אָנהויב האָט ער נאָך געפּרוּווט אָפּלאַכן פון זיך אַליין, דער קושקע:

— פכע!... וואָס איז מיט סענדערס טאָכטער אַצינד דער מער? פון זיצן שבעה איז זי מיאוס געוואָרן. די קליידלעך הענגען אויף איר, ווי אויף אַ ברעט. די נאָז — אויסגעצויגן. די אויגן — ווי ביי אַן אָפּגעשטאָנענעם קאַרפּ...

נאָר די אַלטע שלאַנג פון גן־עדן, די הייס־גיפטיקע, די כיטרע, האָט זיך געטאָן דאָס איריקע און געזאָטן:

— קושקע גנב, וועסט מיר נישט מיאוס מאַכן! — דווקא נאָך איר בלאַסקייט שטאַרבסטו אַוועק, נאָך איר מאָגערקייט, נאָך אירע פאַרוויינטע אויגן. אָט אַזאַ מערען ווילסטו! אָט אַזאַ מוזטו זי האָבן...

אַזאַ מוטנע ראַנגלעניש מיט זיך אַליין האָט אים נאָך מער צערייצט, און דאָס באַנעמען זיך מיט אַלץ און מיט אַלעמען האָט אָנגענומען אַזעלכע פינצטערע פאָרמען, אַז ער, קושקע אַליין, האָט געמוזט אָנהויבן טראַכטן, אַז ער פאַרלירט דעם קאָפּ און גליטשט זיך ערגעץ־ווו, אין אַ משופּעדיקן כף־הקלע.

פון דעם קלעפּיקן אָפּגרונט, וואָס האָט זיך צעעפנט אונטער זיינע שווערע פיס, האָט ער נאָך געפּרוּווט אַרויסקאַראַבקען זיך מיט ווילדן זויפן אין שענק, מיט פייניקן ווייב און קינדער, מיט פאַרוואַרפן פּרנסה און אָפּשלאָגן זיך פון אַלע קונדן, מיט נישט שמירן די רעדער פון בריטשקע, מיט זעצן דעם אָפּגעמאָגערטן פערד מיט די שטיוול אין בויך, מיט אַרומקריגן זיך אין צעך מיט אַלע באַלעגאָלעס און שמייסער, פון קליין ביז גרויס, און מיט סטראַשען, אַז ער וועט זיך נאָך מיט אימיצן אָפּרעכענען ביז בלוט.. אָט־אָהע!

אַזאַ בושעווען האָט געדויערט בלויז עטלעכע טעג. ביז אים, קושקע בראַנד אַליין, איז קלאָר געוואָרן, אַז נישט הרגענען פאַנדרען איז אַצינד זיין מיין, און נישט די מורא עסט אים, לעבעדיקערהייט — „בחקע דער אָסטראָזשניק" זאָל אים שלאָגן בפרהסיה, עס איז מער נישט ד אָ ס! עס איז גאָר־גאָר אַן אַנדער זאַך...

אפשר פריער, ווען דער „אָסטראָזשניק" איז געזעסן און אַלע האָבן אים, קושקען, געהאַלטן אין איין סטראַשען, אַז אָט... „פאַנדרע וועט קומען,

וועט ער זיך מיט דיר אָפּרעכענען פאַר קריכן צו זיין ווייב!״ אפשר ד ע מ אָ ל ט האָט ער פאַנדרען פיינט געהאַט, אויס מורא פאַר אים. אָבער זינט דער „אָסטראָזשניק״ איז צוריק געקומען, זיצט אין אים, אין קושקען, נאָך אַן אַנדערער שד און טאַרעט אים און רייצט זיך מיט אים. ער פאַרגינט נישט פאַנדרען זיין מאַנסבילשן גליק; עס גייט אים נישט אַרויס פון האַלב־באַטויבטן קאָפּ, ווי אַזוי דער „אָסטראָזשניק״ האָט זיך, אַן אויסגעהונגערטער, אַן אויסגעבענקטער, אַ כאַפּ־געטאָן צו מערען און ווי אַזוי זי האָט דערביי ווייבעריש־נאָכגעביק געשמייכלט, פאַרוואָרפנדיק דעם קאָפּ מיטן לאַנגן מיידלשן צאָפּ, פאַרמאַכנדיק די קאַרע, פאַרנעפּלטע אויגן.

— אוי־אוי־אוי! — ברומט קושקע אויף פּאַר וואוט און ווייטיק. ער ברענט זיך ביי אַזאַ איינבילדונג און רייסט זיך, ווי געשמידט אין אָנגע־גליטע קייטן. אוי־אוי־אוי! אָט די זעלבע כלבטע, אָט די מערע איז דאָך שוין, אין אַ שוואַכער מינוט, געווען כמעט זיינע... איגמיטן דער נאַכט, אין דער פאַרהונגערטער שטוב איז דאָס שוין געווען אַזוי נאָענט. ער האָט שוין אַפילו געפילט איר קורצן זינדיקן אָטעם, די גלאַטקייט פון איר לייב אונטערן העמד. זי האָט אים דאָך געוואָלט, די כלבטע! געלאָזן זיך אַפילו אַרומנעמען... נאָר ער, קושקע, האָט אַזאַ מינוט פאַרזען. געמאַכט צופיל הכנות. געלאָזן זיך אַרויסטרייבן, געלאָזן זיך בויקערן מיט אַ מאַנסבילשן שטיוול איבערן רוקן. אוי־אוי! שלאָגן האָט ע ר זי דעמאָלט געדאַרפט. מיטן האַרטן פויסט אין ווייכן זייט. האַלב־טויט אַוועקלייגן אַזאַ כלבטע. מיט געוואַלד נעמען זי. עס האָט זיך דיר פאַרגלוסט? טאָ נאַ דיר!...

אָבער באַלד נאָך אַזאַ ווילדן צאָרן צעבליט זיך מערע אין זיין פאַר־שיכורטן קאָפּ מיט אַלע אירע אַנטפּלעקונגען פון מיידלשאַפט און ווייב און מוטער. הויך ווי אַ באַטשאַן, פאַרהונגערט, ווייבעריש־שוואַך און האַלב־נאַקעט אינמיטן דער נאַכט אין דער חושכדיקער אָרעמקייט פון שטוב. דערנאָך — שמייכלענדיק־צופרידן, מיט פאַרשווומענע אויגן, בשעת פאַנ־דרע איז צוריקגעקומען פון אָסטראָג און מען האָט געקאָכט קולאַיע און פאַרבעטן געסט... דערנאָך יאָמערדיק, ווי אַן אונטערגעשאָסענע חיה, איבער איר טויטן ייִנגעלע... ווי קען דאָס גאָר אַ יונגע יידענע האָבן אַזוי פיל געשטאַלטן, וואָס יעטוועדער פון זיי קען אַ מאַנסביל משוגע מאַכן? און אָט די אַלע געשטאַלטן פון יוגנט און קומער, פון גליק און פאַרצווייפלונג נעמט אַוועק אַזאַ אָסטראָזשניק, ווי פאַנדרע איז, פאַר

זיך אַליין. זיינע... זיינע... אינגאַנצן זיינע? אַזאַ ווי מערע טאָר נישט זיין אינגאַנצן זיינע.

און ערגעץ־ווו אין אַ טונקעלן ווינקעלע פון זיין נישט־קלאָרן באַ־וווסטזיין וואַקסט ביסלעכווייז אויס אַ מאָדנע אַנונג פון אַ ווילדן, אַזאַ שיינקייט, אַזאַ ווייבלעכקייט, אַזאַ מוטערלעכע טרויעריקייט, מיט אַזאַ לאַנגלעכן געזיכט און מיט אַזעלכע הייסע אויגן, טאָר נישט זיין פאַר אײנעם. עס מוז זיין פאַר אַלעמען, ווי רעגן, און ווי זון, און ווי גראָז אויפן פעלד. אלא וואָס דען, נישט? קענען אַזעלכע צווייַ מאַנסבילן, ווי ער און פאַנדרע, מער נישט לעבן בשלום אונטער איין הימל, אין איין שטאָט. איינער מוז דעם צווייטן דעם קאָפּ אָפּבייסן... און דערנאָך אַ צעביסענער, אַ צעמזיקטער, אַ טריאומפירנדיקער צוקריכן אויף הענט און פיס צו אַזאַ... כלבטע, ווי מערע איז. און סקאַליען מיט די ציין און שלוכצן צו אירע סטאַטנע, הויכע קני: כ׳וועל דיך האַליובען, כ׳וועל דיך שפייזן, כ׳וועל דיך פאָלגן, ווי אַ הונט. נאָר לאָז דיך!... לאָז דיר מאַכן אַן אַנדער קינד, אַנשטאָט דעם, וועלכער איז דיר אַוועקגעשטאָרבן. אַן אַנדערן...

.2

און קושקע בראַנד האָט אויפגעהערט צו בושעווען. די בייזע פלאַמען פאַרטאַיעט אין זיך. ווי אַ שאָטן האָט ער זיך געגנומען אַרומדרייען אַרום ר׳ סענדערס פאַראַבלטער הייזקע. אויסגעוואַרעמט מיט זיין צעהיצטן גוף דאָס שטויביקע ווינקעלע, צווישן ר׳ סענדערס סוכה און צווישן דער בלינדער וואַנט פון דער פוסטער שטאַל. אַזוי אַלע אָוונטן פון מערעס שבעה זיצן נאָך איר קינד. אָבער שוין מער נישט אַזוי צוליב אויסקוקן אויף פאַנדרען, דעם אָסטראָזשניק, און אים ממיתן. ס׳איז שוין געווען נישט מער ווי אַ פוסטער תירוץ פאַר זיך אַליין. דער עיקר איז געווען: געפינען זיך וואָס נעענטער צו מערען, כאַפּן אַ קוק דורך אַ שפּאַרונקע אויף אַלע אירע פאַרענדערונגען אין אירע יסורים און אבלדיקייט. איז אים געלונגען צו דערזען איר פאַרצרהט געזיכט דורך אַ שפּעלטעלע — האָט ער מאָט אָפּגעזיפצט, ווי איינער, וואָס שטאַרבט פון דורשט אַנטקעגן אַ הויכן שלאַנקן קרוג מיט קיל וואַסער, וואָס אָט־אָט דערגרייט עס צו אים און דערגרייט קיינמאָל נישט... די בלוטיקע שנאה צו פאַנדרען האָט זיך אָפּגערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער. קודם־כל מוז ער האָבן מערען.

דערנאָך? דערנאָך וועט סיי ווי סיי נעמען אַ סוף. אפשר מיט אים אַליין, אפשר מיט פאַנדרען צוזאַמען. און אפשר טאַקע מיט מערען אויך...

האָט ער גענומען אַרומפּאַדיען אין דער טונקלקייט פון די סוף־זומער אָוונטן. אַלץ אויסגעקוקט, ווען מערע בלייבט אַליין אין שטוב. נאָר בשעת שבעה־זיצן איז עס כמעט ווי קיין איין מאָל נישט געשען. סענדעריכע גייט אַצינד זעלטן ווען אין מאַרק, און פאַנדרע טרעט נישט אָפּ פון שטוב. מנחם־אבלניקעס שלעפּן זיך איינער נאָכן צווייטן. דאָס קומט דער גבאי פון ליובאַוויטשער בית־מדרש. דאָס — „מאָדיע מיטן אמת”. זאַוול טראָגט „די פּאַטשט” פון צעך צו פאַנדרען און פון פאַנדרען צום באַלע־גאָלישן צעך. עפּעס רודערט זיך דאָרטן. מען וויל פאַנדרען צוריק אַרויפֿ־זעצן אויף דער קעלניע. וואַיטעק, דער אַלטער כריין, קריכט פון שטוב נישט אַרויס. גאַנצע שעהן זיצט ער אָפּ אין ר׳ סענדערס הייזקע. דאָס בלויאינקע מאַכאָרקע־רויכעלע, פון זיין קאָרענער פּיפּקע, ציט זיך און קרייזלט זיך פון אָפענעם פענצטער. און זיין זיסלעכער אַלטיטשקער קולכל ציט זיך מיטן רויכל צוזאַמען. ער באַדערט זיי אַ קאַפּ, באַדערט ער זיי. האַלט אין איין דערציילן מעשיות. און נישט איינמאָל, עפּעס ווי איינער וואָלט זי אַ טורקע געטאָן מיטן עלנבויגן אין זייט, האָט זיך מערעס בלאַסער קאָפּ אַרויסגערוקט פון פענצטער, און אירע אַנגעשוואָלענע אויגן האָבן פאַרזיכטיק און אויסשפּירנדיק אַרומגעקוקט די גאַס. דערפילט, אַפּנים, אַז איינער ליגט דאָ פון אַ זייט, קוקט אונטער... און פּאַוואָליע, ווי נישט גלויבנדיק דער פּוסטקייט אַרום שטוב, צוריק אַריינגעצויגן דעם לאַנגן האַלדז מיטן קליינעם קאָפּ. און קושקע בראַנד, טשיקעווענדיק הינטער דער סוכה, דערפילט אין זיין פאַרגאָסענעם מוח, אַז זיין בייזע פאַר־טאַיעטע מחשבה, האָט זיך איר איבערגעגעבן. זי פילט עפּעס און ווייסט נישט וואָס. זי הויבט אָן ווערן פאַרזיכטיקער, די כלבטע! עס מוז נעמען אַ סוף וואָס גיכער. ער גייט פון זינען אַראָפּ.

באַלד נאָך „שבעה” האָט קושקע בראַנד דערזען, אַז ר׳ סענדערס אַלטע פאַדוואָדע שטייט לעבן שטוב. אַרויסגעקראָכן פון איר באַהעלטער די פאַרשימלטע מאַכינע אויף פיר פאַרזשאַווערטע רעדער. און פאַנדרע דרייט זיך אַרום איר אַרום, רייניקט זי, וואַשט זי, שייערט די אייזנס, דיעגאַכצט די אַקסן. האָט זיך קושקע גענומען רייבן די רויטע, אָפּגע־שוואַכטע הענט. פאַנדרע פאָרט אַרויס... איצט וועט נעמען אַ סוף!

און אַ טאָג פאַר איינלייגן די וואַנט פון ר׳ ישיעלעס חורבה האָט קושקע דערהערט אין צעך, אַז מען האָט שוין פאַנדרען דאַקאַזשעט אַ פערד

אויף אויסצוצאָלן, און אין „הויפל" האָט מען אים צוגעשאַרט אַ ביסל אַרבעט. אָט, מאָרגן ראַנעטשקע, נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר נישט נעמען אַ לייצע אין האַנט, פאָרט ער אַרויס אויף אַ „פּאָטשין", דער גח פּאַנדרע.

עס האָט קושקען אַ זעץ געטאָן, ווי מיט אַ ליידיקער פלאַש, איבערן פּליכעוואָטן קאָפּ. מורעשקעס זענען זיך צעלאָפן פון רוקן ביז די שפּיצן נעגל: אַצינד וועט נעמען אַ סוף!...

אַ נאַכט פול מיט הייסע משונהדיקע שאָטנס איז יענע נאַכט געוואָרן פאַר קושקען. אָט דרימלט ער איין, אָט כאַפּט ער זיך אויף. מערע און פּאַנדרע קוליען זיך אַרום אים נאַקעטערהייט און כיכיקען; מערע וואַקסט אויס, צעפלאַמט און צערייצט, מיטן טאַטנס שטיוול אין האַנט; און באַלד ווערט זי קליין און פלאַך, ווי אַ שבעה־בענקעלע, מיטן טויטן קינד אויף די הענט. דער „מאָרגן ראַנעטשקע" גיט אַלע ווײַלע אַ זעץ, ווי אַ ליידיקע פלאַש, איבערן פליך, און וועקט אויף קלאָר און הילכיק פון די מוטנע חלומות:

— ראַנעטשקע... מאָרגן ראַנעטשקע...

ראַנעטשקע פאָרט פּאַנדרע אַוועק מיט דער פּאַדוואָדע, ווייט הינטער די אָרשער ברעמלעך, און סענדעריכע, מערעס מאַמעלע, גייט אַוועק צו איר טישל אין מאַרק. בלייבט מערע ליגן איינע אַליין אין בעט. אַצינד, נאָך שבעה־זיצן, איז זי נאָך שוואַך און אָפּהענטיק. שטייט זי אוודאי נישט אויף אַזוי פרי. נישטאָ צוליב וואָס אויפצושטיין און צוליב וועמען. עס איז די בעסטע צייט...

אין פאַרשלומערטן שווערן קאָפּ מאָלט זיך אים, ווי מערע ליגט אַזוי איינע אַליין, ווי ער באַפּאַלט זי אין צעוואָרפענעם בעט און ברעכט אירע אָפּגעבלאַסטע, לאַנגע הענט מיט די גרינגע אָדערלעך. אַזאַ פּלוצים־אויפגעפלאַקערט בילד גיט אים אַזאַ סמאַליע, אַז ער שפּרינגט אויף פון געלעגער און כאַפּט זיך ביים האָריקן האַרצן. און פּעסיע, זיין ווייב, כאָטש זי איז אַזוי דערשלאָגן און צוגעוווינט די לעצטע צייט צו אַלע זיינע ווילדע שטיק, קריגט פונדעסטוועגן רחמנות און זעצט זיך אַוועק אין בעט:

— קושקע, וואָס איז מיט דיר?

— פּאָף, נבלה! — גיט אויף איר קושקע אַ ברום און וואַרפט זיך צוריק, מיטן פּנים צום געלעגער. באַגראָבן לעבעדיקערהייט וואָלט ער זיך געוואָלט.

נאָך דער דאָזיקער נאַכט, ווי נאָר עס האָט גענומען בלויען אויף

טאָג, איז קושקע אויפגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגעברענטער, און, שנורע־
ווענדיק דעם גלאַטן רימען אויף די באַלעגאָלישע פּלודערן, האָט ער
געהאַט אַ מוטנעם פאַרגעפיל, אַז ה י י נ ט, היינט און קיין אַנדער מאָל,
וועט נעמען אַ סוף; צי אַזוי, צי אַזוי... אַ סוף!
און דאָס האַרץ האָט אים נישט אָפּגענאַרט.

קושקעס איבערפאַל

.1

אין יענעם פרימאָרגן, ווען שקלאָוו האָט זיך אַ נעם געטאָן איינצו־לייגן ר׳ ישיעלעס אַלטע וואַנט, האָט קושקע בראַגד זיין פערד נישט געשפּאַנט. דעם ברייטן באַלעגאָלישן גאַרטל, וואָס יוערט אַרומגעוויקלט פינף מאָל אַרום בויך, נישט אָנגעגאַרטלט. ער האָט דאָס געטאָן ווי אַ זינ־דיקע אשה, וואָס לאָזט איבער דעם קאָרסעט אין שטוב, ווען זי גייט וווהין מען דאַרף נישט... נאָר דעם מעסער אין כאָליאַווע האָט ער נישט פאַרגעסן, און דאָס פלאַכע פלעשל בראָנפן — אויך נישט. פריי אַזוי און באַוואָפנט איז ער אַוועק אויסצוקוקן זיין קרבן. אַצינד — נישט נח פאַנדרען, נאָר מערען זיין ווייב.

פון פענצטערל האָט אים פעסיע זיין אשת־חיל דערזען אַוועקגיין אַזוי, אָן פערד און וואָגן; האָט זי אים נאָכגעשריען. נאָר קושקע האָט צו איר אויסגעדרייט אַ פּאָר בלוטיק־אָנגעגאָסענע אויגן, אַ קריץ געטאָן מיט די ציינער, אויסגעשפּייט און אַוועק, נישט באַערנדיק זי אַפילו מיט אַ זידל־וואָרט.

פון נישט אויסשלאָפן זיך איז אים אונטערן פליך געלעגן אַ בליי, דער טראָט איז געווען נישט זיכער און דער אָטעם — הייס. באַטויבט פון זיין אייגענעם גיפט, וואָס פרעסט אים, האָט ער זיך ווי אַ דולער קודלאַטער הונט געשאַרט ביי די קוים־אויפגעוואכטע הייזער און ארומ־געקוקט זיך. פאַר איין זאַך האָט ער נאָר מורא געהאַט: חיה־שרהקע די משוגענע זאָל אים נישט טרעפן אויפן וועג צו מערען און זאָל אים נישט אויסזינגען אַ מזמור. נאָך חיה־שרהקעס אַ פּאַסקודנינקע לידעלע קומט קיין גוטס נישט אַרויס. אויך דאַמאָלט ווינטער, נאָך דער סעודה, האָט זי אים געמאַכט „מי־שברך״, האָט ער ביי מערען ביטער אָפּגעשניטן...

נאָר אָט איז ער אַרויף אויף דער שול־גאַס און דערזען, פון דער

וויטנגס, אַ קופּע מענטשן ביי ר׳ ישיעלעס חורבה, האָט ער זיך דער־מאָנט, אַז היינט וואַרפט מען דאָרט איין אַ וואַנט. יידן וועלן דאָך זען ראַטעווען דעם כבוד פון מתנגדישן רבי. נו, און ווי עפּעס אַן אַנגעלויף — דאָרטן וועט שוין זיין חיה־שרהקע און דאָרטן וועט זי זינגען... איז אים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

דאָס בעסטע אָרט צו לויערן אויף מערען איז געווען און געבליבן דאָס ווינקעלע, צווישן ר׳ סענדערס סוכה און צווישן זיין פּוסטער שטאַל. נישט איין מאָל האָט ער זיך שוין דאָרטן באַהאַלטן און אויסגעקוקט אַלץ, וואָס קומט פאָר ביי ר׳ סענדערן אין הייזקע. האָט ער זיך, מיט אומוועגן און מיט ענגע געסקעס, צווישן די גרויסע קרויט־גערטנער, געגנומען שאַרן אַהין.

שוין פון דער ווייטנס האָט ער דערזען, אַז די אַלטע פּאַדוואַדע, וואָס פּאַנדרע האָט געהאַלטן אין האַמערן און פאַרריכטן, מיט אַ טאָג צוריק, איז לעבן שטוב נישטאָ. הייסט דאָס, אַז פּאַנדרע איז שוין ראַנעטשקע אַרויסגעפאָרן אין „הויפל״. אַצינד דאַרף מען גאָר זען, צי די אַלטע שקראַבע — מערעס מאַמעלע — איז אַוועק אין מאַרק אַריין; וועט אַלץ צוגיין, אַזוי ווי ער, קושקע בראַנד, האָט פריער אויסגערעכנט.

האָט ער זיך פּאַוואָליע צוגעשאַרט צו סענדערס הייזקע, פאַרקראָכן אין יענעם ווינקעלע. פאַרטאַיעט זיך.

לאַנג וואַרטן איז אים נישט אויסגעקומען. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ערגעץ־ווו, היגטער דער בערוועגער וואַנט, אַ טיר אַ סקריפּ געטאָן. לויט דעם אָפּשטאַנד פון סקריפּ האָט זיך קושקע משער געווען, אַז ס׳איז די הויז־טיר, אינעווייניק, אין ר׳ סענדערס פירהויז.

און באַלד טאַקע, נאָכן הילצערנעם קרעכץ פון טיר, האָט קושקע פאַרנומען סענדעריכעס דריבנעם און פאַרהאַוועטן קולכל, ווי זי רעדט אַריין צו אימיצן אין אַן אויפגעמאַכטן שטוב:

— פאַרגעס נישט טרינקען מילך! דו הערסט, מערע? שטייט אָפּגע־קאָכט אויפן פּריפּעטשאָק...

אַ נישט־דייטלעכער, שוואַכער קול האָט סענדעריכען אָפּגעענטפערט. אַ געצויגענער אַזאַ, אַ פאַרשלאָפענער. ביי קושקען האָט זיך צעפּויקט אין האַרצן. אַלץ גייט צו פּונקט ווי ער האָט אויסגערעכנט. מערע איז נאָך פאַראַבלט. פּוילט זיך אויפצושטיין אַזוי פרי. וואַלגערט זיך אין צע־וואָרפענעם בעט...

און באַלד נאָך די צוויי ווייבערשע קולות — אַ שטאַרקער קלאַפּ פון דער פירהויז־טיר און גיכע מייזישע טריטעלעך. סענדעריכע איז אַוועק.

2.

אַ ווײַלע איז קושקע געשטאַנען אין זיין באַהעלטער מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און מיט אויסגעלופּעטע אויגן. דאָס האַרץ איז אים שטיין געבליבן. אַרויסלויפן גלייך האָט ער נישט געטאָרט, טאָמער דערזעט אים סענדע־ריכע. און בלייבן דאָ אַזוי פאַרשטעקט צו לאַנג — טויג אויך נישט. מערע האָט פאַרדאַכטן. די לעצטע צייט קוקט זי זיך שטענדיק אַרום, זוכט עפּעס אַרום שטוב... קען זיך איר נאָך פאַרוועלן אַראָפּצושפּרינגען אַ באָרוועסע פון בעט און פאַרריגלען די טיר פון פירהויז. בלייבט ער, קושקע, ווידעראַמאָל מיט אַ נאָז...

און מורא־האָבנדיק צו בלייבן „מיט אַ נאָז", האָט זיך אים אין איין און דער זעלבער צייט געדוכט, אַז ערגעץ־ווו טיף ווילט זיך אים, אַז טאַקע אַזוי זאָל געשעען, עס זאָל אים אַזוי אַרום אָפּגעשניטן ווערן דער גליטשיקער וועג צו מערעס בעט, וועלכע איז אוודאי צערודערט ווי אַ כוואַליע און טיף ווי אַן אָפּגרונט, און פון וועלכן עס איז מער נישטאָ קיין צוריק.

נאָר געשען איז דווקא דאָס, אויף וואָס קושקע האָט פריער אויסגע־רעכנט: מערע איז נאָך געווען צעבראָכן פון איר אומגליק, צעדריקט פון איר איינזאַמקייט אָן קינד, און געפילט זיך אויפצושטיין.

כדי שטאַרקן זיך און איינשטילן דאָס דריבנע צאַפּלענען אין האַרצן, האָט קושקע גיך אַ צי געטאָן פון פלעשל, אַ ריס געטאָן זיך פון באַ־העלטער און גלייך דערפילט, אַז דער וועג, וואָס פירט צום זיסן כף־הקלע, האָט זיך אָנגעהויבן בויגן באַרג־אַראָפּ, און די ערד אַנטלויפט פון אונטער זיינע ברייטע שטיוול.

ווי דער „נישט־גוטער" אַליין וואָלט אים אַ זעץ געטאָן איבער דעם נישט־אויסגעשלאָפענעם האַלב־באַטויבטן שאַרבן, אַזוי האָט קושקע איינ־געטוליעט דעם האַרטן האַלדז און נאַקן צווישן די דיקע פּלייצעס, און אַ לאָז געטאָן זיך צו דער טיר פון פירהויז.

נישט אַרומזעענדיק זיך, צי אימיצער קוקט פון אַ פענצטער אַרויס, צי נישט, האָט ער געשווינד און ווייך אַ דריק געטאָן דאָס צינגל פון קליאַמקע, מיט אַ האַלב קיילעכדיקן דריי אַריינגעמאַכט זיך אין פירהויז

און פּאַוואָליע פּאַרריגלט. דאָס געקאַרבטע אייזן פון ריגל האָט נאָר גאַנץ שטיל אַ כאָרכל געטאָן אונטער קושקעס פינגער, ווי ס׳וואָלט געווען אונטערגעבעט מיט געוואַנט. שטי—יל!

די קילקייט און שאָטנדיקייט פון פירהויז האָט אים אָפּגעגאָסן ווי מיט אַ פּליוך קאַלט וואַסער, אָפּגעפרישט אַ ביסל זיין באַנומענקייט, וואָס יאָגט אים אָפּצוטאָן אַזעלכע זאַכן.

איז ער איין רגעלע געבליבן אַזוי שטיין פּאַרטאַיעט, ווי אַ גנב, און באַטראַכט: אַריינצורייסן זיך מיט רוגזה און באַפאַלן מערען ווי אַ גזלן? אָדער ווייך אַריינשפּרינגען, מיט פּאַרביסענע ציין און מיט אַ יצר־הרע־שמייכעלע אויף די ליפּן: „גלייכער, מערע, דו זאָלסט שווייגן! וואָרום אַז נישט...״

אין ווייטסטן טונקעלן ווינקל פון פירהויז איז אים פּלוצלונג אויפ־געשווומען אַ ווייסער פלעק. און קושקע האָט דערקענט, אַז ס׳איז דאָס וויגעלע פון פאַרשטאָרבענעם קינד, איבערגעדעקט מיט אַ ליילעכל... דאָס האָט אים דערמאָנט מערעס יאָמער אין דער נאַכט, איידער זעצן זיך „שבעה״. און אין הייסן קאָפּ האָט אים אַ זעץ געטאָן יענער רחמנות־געפיל צו מערען, וואָס איז אויסגעמישט מיט תאווהדיקע אכזריות... אין דער איינזאַמקייט און שטילקייט פון שטוב, הינטער דער אָנגעפּעלצטער טיר, האָט ער ווי אַ הונט דערשפּירט מ ע ר ע ן, ווי זי ליגט דאָס צעוואָרפן אין פרימאָרגנדיקן דרימל, אַ שוואַכלעכע און אַ לאַנג־פּיסיקע, אַן אויסגעוואַרעמטע, אַ זיסע אין איר ווייבלעכקייט און אַ ביטערע אין איר טרויער. און די תאווה צו טיראַניזירן אַצינד איר שוואַכקייט האָט גובר געווען. אַריינרייסן זיך און צודריקן זי מיטן האַמעטנעם גוף, אָפּ־בריען זי ווי אַן איבערגעהיצטער קעסל.

אָבער קושקעס פיבערדיקער און קורצער נאָכטראַכטן האָט אַפּנים אַרויסגעשיקט פון זיך אַ געהיימען ציטער, דורכגעדרונגען די בערוועגע־וואַנט, די שווער באַשלאָגענע טיר. און מערע האָט, מער דערפילט ווי דערהערט אַ פרעמדן אָטעם, אַ פּאַרטאַיעטן שאָרך אין פירהויז... וואָרום איר בעט אין שטוב האָט אויפגעקרעכצט און מערעס פאַרשלאָפענער קול האָט שוואַך און אַ ביסעלע געפּיעשטשעט אויסגעצויגן אַ מורמלענדיקע פראַגעלע:

— מאַ־מע דו־או?...

געמיינט, ווייזט אויס — די מאַמע האָט עפּעס פאַרגעסן און, נישט־וועלנדיק שטערן דער טאָכטער, פּאַוואָליע אַריין צוריק אין פירהויז.

.3

קושקע האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך נאָר שווער צעסאָפּעט, אַנטשלאָסן אַ שפּרייז געטאָן צו דער שטוב־טיר און אָנגעכאַפּט די קליאַמקע.

גלייכצייטיק האָט זיך אינעווייניק, אין שטוב, דערהערט אַ ווייכער שפּרונג פון אַ גרויסער קאַץ, באַרוועסע פיס האָבן אַ לויף געטאָן, הענט האָבן פון אינעווייניק אָנגעכאַפּט די זעלבע קליאַמקע און דער אָקאָרשט צעפּיעשטשעטער ווייבערישער קול, הינטער דער טיר, איז איבערגעגאַנגען אין אַ וואַכן שרעק, אין אַ דערשטיקטער שטאַמלעניש:

— ע... וו... ווע... ווער איז דאָס? אָה?

פונעם פּלוצלעכן שרעק האָט אָבער מערען מער נישט געסטאַיעט קיין כוח איבערצוציען די טיר צו זיך און פאַרקייטלען זי. מיט אַ טעמפּן ווייטיק אין די אַקסלען האָט זי אַ ביסל נאָכגעגעבן, און אין אויפגע־עפנטן שפּאַלט פון טיר האָט קושקע דערהערט מערעס קייכנדיקן אָטעם און דערזען איר באַרוועסקייט, איר העמד אויף די נאַקעטע אַקסלען. איר צעקרימט פּנים איז געווען אַזוי בלאַס, ווי דער לייוונט פון העמד... איז נישטאָ מער קיין צוריק, קושקע פּרעסער! און אין דער ערד וועסטו שוין סיי ווי סיי ליגן...

האָט ער זיך מיט ביידע קלאַציקע פיס איינגעשפּאַרט אינעם ערדיקן פּאָל פון פּירהויז, און מיטן גאַנצן כוח, צום צווייטן מאָל אַ ריס געטאָן די שטוב־טיר. מיט צופיל כוח...

ווי אַ נייע אַרויפגעוואָרפענע משא, אויף אַן אומרואיקן וואָגשאָל, אַזוי האָט דער דאָזיקער ריס איבערגעוויגן מערעס פאַרצווייפלטע אָנ־שטרענגונג. און צוזאַמען מיט דער אויפגעפּראַלטער טיר האָט מערע אַ פלי געטאָן, ווי אַ ווייסער באַטשאַן איבערן שוועל און, נישט טויט נישט לעבעדיק, האַלב נאַקעט, אין בלויזן העמד, מיט צעפּלאָשעטע האָר אַרויפ־געפאַלן אויף קושקען, גלייך אָפּגעשפּרונגען פון אים און שטיין געבליבן אין מיטן פּירהויז.

מיט אויפגעריסענע אויגן האָט זי אָנגעקוקט דעם ווילדן גאַסט. ביים ליכט פון דער אויפגעפּראַלטער טיר האָט זי דערזען זיין פאַרשוואָמענעם נישט מענטשלעכן קוק, דאָס פאַרשאַרטע היטעלע אויפן פּליך, זיין שטיין דאָ מיט פעסטע צעשפּרייטע פיס, די רויקייט פון זיין פּנים. ס'איז געווען גענוג פאַר איר צו דערקענען, וואָס קושקע זוכט דאָ, אויף וואָס ער איז אַצינד קאַפּאַבל, און אַז ווערטער און קולות וועלן שוין דאָ אַצינד

נישט העלפן. וואָרום אויסער דעם פייער אין קושקעס אויגן איז דאָ פאַראַן עפּעס נאָך אַ געפערלעכערע זאַך. דאָס מעסער אפשר... פאַר וועלכן זאַוול האָט געוואָרנט.

און קושקע האָט ביים זעלבן שיין פון טיר דערזען דאָס, וואָס האָט, בלויז אַלס געדאַנק, געמאַכט צאַפּלען זיין זעקס־פודיקן גוף אויפן גע־לעגער אַ גאַנצע נאַכט, אַ סך נעכט. מערעס בלאַסע בריסט האָט ער דערזען; מיט גרינע אָדערלעך זענען זיי דורכגעוועבט. אונטערן קרום־פאַרשאַרטן העמד, אָן אַרבל, הענגען זיי אַראָפּ, ווי ווונדערלעך גרויסע פּירות, וואָס קיין אויבסט אין דער וועלט קען זיך צו זיי נישט גלייכן. צווישן זיי, ווי אַ צעגאָסן טייכל, פליסט אַ טייל פון איר צעפלאָשעטן צאָפּ. און די בלאַנקע באָרוועסע פּיס זענען געשפּאַנט, ווי ביי אַ ווייסן וואַסער־פויגל, וואָס קלייבט זיך אַוועקצופליען...

די געבוירענע שעמעוודיקייט, די נאַטירלעכע צניעות, האָט אָבער מערען גלייך אומגעקערט אַ טייל פון איר פאַרלוירענעם מוט. נישט אַראָפּנעמענדיק די אויפגעריסענע אויגן פון קושקען, האָט זי, מיט איין האַנט, אַ הויב געטאָן דעם אויסשניט פון העמד, כדי צו פאַרשטעלן איר ברוסט פון די חיהשע אויגן ביים פרעמדן מאַנסביל. איר האַלב־אָפענעם מויל האָט זי פאַרביסן, און ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל אָקעגן אַ יעגער־הונט, אַזוי האָט זי אַצינד אַריינגעקוקט אין קושקעס פאַר־סקאַליעטער מאָרדע אַריין. מיט פאַרצווייפלונג האָט זי געקוקט און מיט עפּעס אַ משונהדיקער נייגעריקייט פון אַ ווייב, וואָס דערזעט די מאַנס־בילשע גראָבקייט אין אַ גאַנץ נייעם נישט באַקאַנטן שיין... די קילקייט פון דער ערד אין פירהויז האָט געברענט אונטער אירע באָרוועסע פּיס, ווי הייסע קוילן. און ס'האָט זיך איר געדוכט, אַז פּונקט אַזוי, ווי אָקאָרשט, מיט די הענט פוןביידע זייטן טיר, אַזוי ציען זיי אַצינד איינס דעם צווייטן מיט די אויגן, ווער־זשע איז שטאַרקער? ווער וועמען וועט דאָ אַריבעררייסן צו זיך?

4.

אַפּנים קושקע איז אויך דאָ געווען שטאַרקער. זיין צעיושעטע גראָב־קייט האָט אַריבערגעוויגן. די מענטשלעכע שאַרפקייט פון מערעס קוק האָט אים נישט געגנומען. מיט אַ בייזן שמייכעלע אויפן רויטן פּנים האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרף אויף מערען. אַרומגעכאַפּט זי, און מערע מיט

איר מידן גוף און מיט איר גאַנצן נישט אויסגעברענטן צער פאַר די לעצטע טעג, איז אַ האַלב־אָפּגעשטאָרבענע געבליבן הענגען אויף קוש־קעס דיקע אָרעמס.

— נו, וואָס? דו!... אַסטראָזשניצע!...

מיט פאַרקריצטע ציין און מיט אַ זשעדנעם שושק האָט דאָס קושקע אַרויסגערעדט אויף מערעס אויער. מיט מאַנסבילשן נצחון און מיט פאַר־אַכטונג. מיט פאַראַכטונג אויך... וואָרום ער האָט זיך בשום אופן נישט געריכט, אַז אָט די מערע, סענדערס טאָכטער, פון וועלכער ער האָט אַמאָל געהאַט אַזאַ אָפּשניט, איבער וועלכער ער האָט זיך אַזוי פיל אָנגעליטן, זינט דער סעודה אין חברה קדישא, זאָל זיך אַרויסווייזן אַזוי שוואַך און אָפּהענטיק. אָט די הייס־בלוטיקע יונגע יידענע, וועלכע האָט אים אַמאָל אַזוי האַסטיק און אַזוי וואָגיק געבויקערט מיטן טאַטנס שטיוול, ווי מען בויקערט אַ גראָבן אָקס, וואָס פאַרקריכט אין היזק, זאָל אַזוי לייכט, אָן קולות און אָן ראַנגלעניש, אָפּלאָזן זיך ביי אים אַ האַלב־נאַקעטע אין די אָרעמס. האָט ער זיין פאַראַכטונג און ליידנשאַפט צו איר אויסגעדריקט אין גראָבע קללות, אין קריצן מיט די ציין:

— נו, וואָס, אַ? אַ בראַנד דיר אין דיינע.. בריסט אַריין!

— לאָז... לאָזט... — האָט זי זיך שוואַך געוואָרפן, געבעטן זיך אָפּנים. איר געזיכט איז געווען צעקרימט. פון עקלדיקייט צו קושקען? צי פון שרעק פאַר זיך אַליין, פאַר דער אייגענער מענטשלעכער שוואַכקייט?... מען קען נישט וויסן. זי האָט דאָס שפּעטער קיינמאָל אַליין נישט געוווסט. זי האָט נאָר געשעפּטשעט פאַרשמאַכט, מיט צעקרימטע ליפּן: „לאָז!... לאָזט!...” נישט־וויסנדיק, צי „אירצן” דעם איבערפאַלער, צי „דוצן” אים.

— לאָזן, אַ?... — האָט קושקע מיט בייזער פאַרליבטקייט איבערגע־פרעגט, און געפילט דערביי, ווי די גאַנצע זיסקייט און זינדיקייט פון מערעס לייב, פון וועלכער ער האָט אַמאָל פאַרזוכט נאָר איין טראָפּן, אין דער ווינטער־נאַכט, נאָך דער סעודה, די זעלבע נישט־פאַרגעסענע זיס־קייט זייט זיך אַצינד אין שפע, ווי אַ וואַרעמער טוי דורך מערעס העמד אויף זיינע גראָבע אָרעמס און בעמט אים דורך אַלע גלידער. אין דער דאָזיקער מינוט האָט ער זיך געפילט אָפּגעצאָלט פאַר אַלע בזיונות, בייזע נעכט און אָנגעווייטיקטן האָנאָר. דורך איר האָט ער דאָך אין גאַס און אין צעך פאַרלוירן זיין גאַנצן שטעל אַלס איינגעפונדעוועטער באַלעגאָלע

און געזעצטער מאַנסביל. און אַט האַלט ער זי איןביידע הענט ווי אַ קראַנקע הון.

ווי אַ דורשטיקער האָט ער מיט די צעמאַזאָליעטע הענט איינגעזאַפּט אין זיך אַט די ווייבערישע אָפּגעלאָזענע ווייכקייט. ער האָט זיך כמעט ווי איינגעהאַלטן נישט איינצובייסן זיך אין מערעס גלאַטן אַקסל, ווי אין אַ צייטיקן עפּל. און ווער ווייסט? ער וואָלט זיך אפשר דערמיט אַליין געזעטיקט און וואָלט זי אָפּגעלאָזן. פּאַרט אַ יידיש האַרץ. ער וואָלט אפשר רחמנות געקראָגן... „אָפּגערעכנט" זיך און געגנוג.

נאָר דורך דער אויפגעריסענער שטוב־טיר האָבן זיינע בלאָנדזשענדיקע אויגן דערזען מערעס בעט, אַזוי פּאַרפּירעריש צעוואָרפן, אַזוי פּרעך־אויסגעוואַרעמט, מיט רויטע און בלויע קווייטלעך אויף די איינגעפּרעסטע קישנס. אויסער מערען האָט זיך אויף זיי, מן־הסתם, אויך פּאַנדרע דער אָסטראָזשניק געבאָברעט... אַזאַ אָנבליק האָט אין קושקען ווידער צערייצט זיין אַכזריותדיקן באַגער. און מיט אַ פּעטן שמייכעלע פון אַ גראָבן יונג, וועלכער איז זיכער, אַז די געבראָטענע טויב, וועלכע איז אים אַריינ־געפאַלן אין האַנט, וועט שוין מער נישט אַוועקפליען, האָט ער נאָך גרע־בער אַרומגעכאַפּט מערעס שלאַנקן גוף און געמאַכט אַ האַסטיקע באַוועגונג אַריינצוטראָגן זי אין דער נישט אויפגעראַמטער שטוב, קעגן איר ווילן.

אדם און חוה אין פירהויז

1.

פונעם פלוצלעכן ברוטאַלן ריס פון אָרט, וואָס קושקע האָט זיך אַ ריס געטאָן, האָט זיך מערע אויסגעטשוכעט פון איר אָפּגעלאָזנקייט און אַ צאַפּל געטאָן זיך אין קושקעס אָרעמס. ווי אַן עלנטע וואָלפּיכע מיט פאַרשטשירעטע ציין אַ שליידער געטאָן זיך, ווען אַ קודלאַטער פאַר־ווילדעוועטער הונט באַפאַלט זי מיט זיינע זכרשע שטיק. צאַפּלענדיק אַזוי האָט זיך איר קאָפּ אויסגעדרייט צו דער אויפגעריסענער שטוב־טיר און אירע אויגן האָבן אויך דערזען דאָס צעוואָרפענע בעט. און גלייך דער־פילט וווהין קושקע רייסט זיך. אָט באַלד וועט איר חתונה־בעט ווערן דער קבר פון איר גאַנצן לעבן.. אויב זי וועט זיך לאָזן.

האָט זי זיך נאָך שטאַרקער אַ ריס געטאָן, מיט איין באַרוועסן, לאַנגן פוס דערכאַפּט דעם שוועל צווישן דער אָפענער שטוב־טיר און פירהויז, און איינגעקלעמט זיך אין שוועל מיטן צווייטן פוס. קושקעס רייסן זיך אין שטוב אַריין האָט אירע ביידע פיס נאָך מער איינגעדריקט אין שאַרפן ראַנד פון שוועל, געשניטן ווי מיט אַ טעמפּן מעסער. נאָר זי האָט נישט נאָכגעגעבן. אדרבא. דער קערפּערלעכער ווייטיק האָט זי נאָך מער אויפ־געוועקט צום קאַמף. זי האָט פּלוצלונג דערשפּירט דעם ריח פון קושקעס טרונק אויפן ניכטערן מאָגן, זיין דיקן נישט־פאַרגאַרטלטן בויך, דעם גאַנצן פרעמדן ריח זיינעם, פון גאָר אַן אַנדער בלוט ווי פאַנדרע איז און פון אַן אַנדער „פאַראַדע״... זי האָט אָבער אויך דערשפּירט, אַז נאַקעט ווי זי איז און אויסגעפּייניקט פון איר אומגליק און שבעה־זיצן, איז זי נישט געווען שטאַרק צו ראַנגלען זיך מיט אַזאַ מענטשן־אָקס און מיט אַזאַ הייסער ווילדקייט, ווי פאַריקן ווינטער, אינמיטן דער נאַכט. און אויסער זיך פאַר עקל און שרעק, האָט זי זיך איינגעקלעמט מיט די פיס אין שוועל, גענומען זוכן הילף מיט די הענט און מיט די אויגן. פאַר דער

פריטעלקע פאַרזוכט אָנצוכאַפּן זיך, געריסן זיך אויף צוריק צום פינצ־טערן פירהויז.

אין דער דאָזיקער שווערער רגע פון צאַפּלען זיך אין פרעמדע הענט, האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז ס׳איז נ י ש ט ז י, נאָר הדסה די שיינע שענקערקע, אין זיידע וואָיטעקס מעשה, ווען טימאָשקאָ דער האַלדז־שניידער שלעפּט זי צום בעט און ר׳ שבתיל איר מאַן ליגט אַ געבונדענער אויף דער פּאָדלאָגע... דאָרטן איז אַ גלגול פון אַ בער געקומען און געראַטעוועט. און ווער דאָ? אַ נס, אַ נס מוז געשען!...

אָבער דער נס איז דאָ געשען אַ סך אַנדערש, ווי אין וואָיטעקס מעשה. נישט קיין בער, נאָר אַ וויגעלע האָט זי דערזען. אין אַ טונקעלן ווינקל פון פירהויז איז דאָס וויגעלע אַרויסגעשווומען, ווי אַ וווּנק פון טויט, ווי אַ צייכן פון פּיין. דאָס וויגעלע פון פאַרשטאָרבענעם קינד. דאָס פּוסטע וויגעלע, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן ליילעכל.

דער שטאָלץ פון אַ פאַרביטערטער און גראָב באַליידיקטער מוטער האָט זיך אין איר אויפגעכאַפּט מיט אַ נייער קראַפט: ווי? און אָט דער חזיר ווייסט דאָך דאָס און באַפאַלט זי נאָך, ווען זי איז איינע אַליין אין שטוב?... און ביים האַרטן שטוב־שוועל, אין סאַמע מיטן, צווישן דעם פרעך־צעוואָרפענעם בעט אין שטוב און צווישן דעם טרויעריק בלייכן פלעק פון וויגעלע, אין פירהויז, האָט זיך צעפלאַקערט דער אמתער געראַנגל צווישן אַן „אדם" און „חוה". דער אייביקער געראַנגל אין אַ נייעם גלגול.

אינגאַנצן אַרויסרייסן זיך פון קושקעס קלעם איז שוין געווען צו שפּעט. אינעם ערשטן אויסברוך פון איר מוטערלעכן צאָרן און באַליי־דיקטן טרויער, איז מערען געלונגען אַרויסצורייסן נאָר איין אָרעם. מיט דער באַפרייטער האַנט האָט זי קושקען אַראָפּגעלאָזן אַ פּאַטש... אייגער פון יענע פּעטש, וועלכע זענען געווען באַרימט אין גאַנץ שקלאָוו צווישן אַלע מערעס נאָכלויפער, פאַר איר חתונה; וואָס אַפילו נח, איר באַשערטער, האָט אים נישט געקענט אויסמיידן.

אַראָפּגעלאָזט — און אין קאָפּ איז איר דורכגעפלויגן אַ מאָדנער געדאַנקל, ענלעך צו דעם, וואָס איז היינט פּאַנדרען געקומען אויפן זין, פירנדיק ציגל אין „הויפל", אפשר אין איין און דער זעלבער צייט, אַז... אַ ל ץ ק ע ר ט ז י ך א ו ם. אָט איז ווידער די זעלבע פירהויז... אַ מאַנסביל... און זי שלאָגט אים. אַמאָל האָט זי דאָ מכבד געווען פּאַנדרען. אַצינד אַ פרעמדן... אַמאָל איז פּאַנדרע אויך געווען אַזאַ „פרעמדער"...

צו איר גרויסער שרעק האָט זי אָבער גלייך באַמערקט, אַז איר מתנת־יד האָט נישט געמאַכט אַזאַ רושם אויפן גראָב־הויטיקן קושקען, ווי אַמאָל — אויף פֿאַנדרען. ס׳האָט אים אַ האָר נישט פֿאַרשעמט, דעם גראָבן יונג, און נישט באַטויבט. גיכער מער פֿאַרשיכורט ווי אויפגעוועקט. ס׳האָט געווירקט ווי אַ נייער טרונק בראָנפֿן מיט פעפער, וואָס מען דער־לאַנגט אַ זויפער. אויפן פּאַטש האָט איר קושקע געענטפערט מיט אַ האַר־טערן קוועטש אַרום די לענדן און מיט אַ זשעדנעם ריטש פון אַ גאַסן־הונט, ווען מען שטערט אים ביים איינגריזשען זיך אין אַ פעטן ביין.

— דו ווילסט דאָך מיך, דו אָסטראָזשניצע! — האָט ער געריטשעט דורך די ציין. — ווינטער האָסטו מיך געוואָלט איצטער אויך...

אַ צווייטער פּאַטש איז געפאַלן אויף קושקעס באַק, אַ ביסל אַ שוואַכערער. אויף אים האָט קושקע אָפּגעריטשעט נאָך בייזער, נאָך באַשטימטער:

— דערצייל מעשיות דיין פֿאַנדרען, דו כלבטע! איך ווײ—ייס!... קום, דו! אין דיין מאַמען אַריין!...

2.

מערען זענען קושקעס פאַרשוומענע ווערטער געווען קלאָר, און זיי האָבן דאָס אָפּגעשוואַכט איר צאָרן. ער איז דאָך געזעצט, קושקע בראַנד! און פון וואַנען ווייסט ער דאָס? זי האָט אים דאָך טאַקע געוואָלט אין יענער ווינטער־נאַכט. און נאָכן שלאָגן מיטן שטיוול געהאַט אויף אים רחמנות... זי האָט זיך אַפילו מודה געווען אין דעם פאַרן מאַן, נאָך זיין קומען פון אָסטראָג און זי האָט געוואָלט פֿאַנדרע זאָל מיט אים שלום מאַכן, פאַרגעסן, פאַרגלעטן. וואָרום זי איז כמעט אַזוי פול שולדיק, ווי ער... און אַ פונק פון דער דאָזיקער מאָדנער רחמנות, ווי צו אַ קראַנקן עטלעכע און פערציק יאָריקן יינגל, טליעט ביי איר אין האַרצן אויך אַצינד, אָט דאָ אויפן שוועל, אינמיטן פּאַטשן אים...

וואָלט קושקע נישט געווען קושקע און וואָלט ער, אָנשטאָט זידלען זיך, גערעדט שטיל, מיט געבעט, וואָלט זי נאָך אַפילו אַצינד רחמנות געהאַט, ווי איבער אַ גרויסן יתום. און ווער ווייסט צו וואָס אַזאַ רחמנות וואָלט געקענט דערגיין ביי אַזאַ אמתער נאַטור ווי מערע...

איז דאָך אָבער קושקע דער גרויסער גראָבער יונג, דער אָקס מיט קאָפּיטעס! האָט ער אויך דאָ פאַרפעלט, ווי אין יענער נאַכט, נאָך דער

סעודה. פון זיינע גראָב־ליידנשאַפטלעכע זידל־ווערטער האָט ער זיך אַליין צעהיצט און געמיינט, אַז פונקט אַזוי, ווי ביי אים, רופט זיך דאָס אָפּ אויך אויף מערעס פליישלעכקייט. ער האָט פאַרגעסן, אַז מערע איז נישט מער אויסגעהונגערט, נישט מער אויסגעבענקט נאָכן מאַנסביל, ווי דעמאָלט אין ווינטער. פאַרקערט, אַצינד איז זי אפשר איבערגעזעטיקט פון פאַנדרעס גבורה, און אָפּגעטעמפּט פאַר צרות פון איר קינדס טויט איז זי אויך. האָבן זיינע הייסע זידלערייען געהאַט ווייניקער ווירקונג, ווי מערעס פעטש אויף זיינע לעדערנע באַקן. „זונה, נפקא”! — האָט ער געריטשעט. — מיט זאַוולען שלאָפסטו, אַ? אויף קולאַיע פאַרבעטן אים, אַ? פון מיר מאַכסטו פענדזשע פאַר גאָרנישט, אַ? טו קום, כלבטע! אויב שוין אַזוי — זאָל זיין פאַר אַן אמת!...”

האָט מערעס צאָרן פון דאָס ביי אויפגעפלאַקערט. ער זידלט און זי פאַטשט. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ משוגענער געוועט אויפן שוועל פון שטוב. לאָמיך זען, אַ שטייגער, ווי לאַנג דיין באַק וועט אויסהאַלטן און ווען מיין דלאָניע וועט מיד ווערן!

אָבער אַזוי ווי איין האַנט, מערעס, איז נאָך געווען פאַרקלעמט אין קושקעס אָרעמס, זענען אירע פלינקע און שאַרפע פעטש געפאַלן נאָר אויף איין באַק און אויער, און ווי קאָכעדיקע וואַסער, וואָס מען גיסט אויף איין אָרט, דורכגענומען קושקעס לעדערנע הויט. ער האָט אויפּגערעוועט פון ווייטיק אָבער נישט גענוג הויך מען זאָל הערן אין די שכנישע הייזער. די פאַרקלעמטע לאַפּעס האָבן זיך אויפגעמאַכט און אַ כאַפּ געטאָן זיך צו באַשיצן אויג און אויער.

אַצינד האָבן זיך פעטש און קולאַקעס אַ שאָט געטאָן פון צוויי גע־זונטע ווייבערשע הענט איבער זיין פליכעוואַטן קאָפּ. בלינד פאַר ווייטיק האָט ער אַריינגעטראָפן מיט איין לאַפּע אין מערעס צעפּאַטעלטן צאָפּ און אַ שלעפּ געטאָן זי ביז צו דער ערד. האָט זי אים גלייך אָפּגעענטפערט מיט אַ האַק פון עלענבויגן אין די ציין.

ווי צוויי גרויסע קעץ אין אַ זאַק האָבן זיי זיך געריסן, און אַלע מיטלען זענען געווען כשר. דער קאַמף איז אַצינד אָנגעגאַנגען אום דער שטוב־טיר, ווער פוןביידן עס וועט זי אָפּשלאָגן פאַר זיך. מערען האָט זיך געוואָלט איינשליסן אין שטוב און קושקע האָט געזען — נישט דער־לאָזן. לייכטער איז עס אָנגעקומען קושקען. ער איז געווען באַשטיוולט און אָנגעטאָן. שווערער איז עס געווען מערען. וואָרום אויסער שלאָגן און דראַפּען זיך, האָט זי נאָך געמוזט באַשיצן איר נאַקעטקייט,

נישט דערלאָזן דאָס העמד זאָל אין גאַנצן אַראָפּפאַלן פון די אַקסלען. דערפאַר איז זי אָבער געוועזן יינגער און פלינקער. אין דער אונטערשטער שורה האָט איינעמס מעלה אויסגעפילט דעם צווייטנס חסרון, און דער קאַמף איז געווען אַ גלייכער. האָבן ביידע הייס געסאָפּעט און געקריצט מיט די ציין, אָבער נישט פאַרלוירן דעם קאָפּ און נישט געשריען, כדי נישט אָנמאַכן צופיל טומל, נישט אַרויסרופן קיין אָנגעלויף מיט לייטישן געלעכטער. „אַי, מאַמע!" האָט מערע געקוויטשעט פאַרביסן, ווען קושקע האָט זי געצויגן פאַרן צאָפּ. „אין דיין מאַמען אַריין!" האָט איר קושקע אָפּגעענטפערט מיט האַרץ און אַליין, מיט אַ פאַרשטיקטן ברום, געכאַפּט זיך פאַר די ציין: „אוי—אוי—כלבטע!"

קושקען איז אָבער באַלד קלאָר געוואָרן, אַז די „אָנפירונג" איז אַרויס פון זיינע שווערע לאַפּעס. פון אַריינטראָגן די „נפקא" אַ צאַפּלדיקע אין שטוב אַריין און אַריינפרעסן זי אין איר צעוואָרפענעם בעט קען דאָ מער קיין רייד נישט זיין. די חיה האָט זיך אויפגעכאַפּט אין סענדערס טאָכ־טער. און ער אַליין איז שוין צו ווייט פאַרקראָכן. און די שאַנדע צו שלאָגן זיך מיט אַ האַלב־נאַקעטער יידענע און אַנטלויפן מיט אַ צעהאַקטן אויג און מיט צעבלוטיקטע ציין איז גרויס. ער האָט אַלץ געוואָרפן אין קאָן און פאַרלוירן. טו זאָל דער מעסער מאַכן אַ סוף!

3.

ריטשענדיק און טוליענדיק ז'עם צעפּאַטשטן קאָפּ אין די פּעטע פּליי־צעס, האָט זיך קושקע איינגעשפּאַרט, מיטן ברייטן געזעס, אין דער אָפענער שטוב־טיר, כדי אָפּצושניידן מערען דעם וועג צום איינשליסן זיך. און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט ביידע ידים צו די כאָליאַוועס. צעמזיקט ווי ער איז געווען, האָט ער נישט קלאָר געדענקט, אין וועלכער כאָליאַווע דאָס מעסער שטעקט. און כדי נישט צו פאַרלירן קיין איבעריקע רגעלע — אַריינגעלאָזן ביידע גראָבע הענט אין די שטיוואַלעס. אין איין כאָליאַווע האָט ער אָנגעטאַפּט דאָס פלאַכע פלעשל בראָנפן און אין דער צווייטער... האַ־האַ, דאָס גלאַטע הענטל פון מעסער. ער האָט שוין פאָראויס דערפילט די זיסקייט פון זיין רציחה, ווי דאָס לאַנגע מעסער, וואָס איז ביי אים אָנגעגרייט זינט פאַנדרע איז צוריקגעקומען, וועט זיך אַריינ־גליטשן צווישן מערעס ריפּן. אין אָט דעם פאַרהאַסטן און באַגערטן לייב אין אירן.

אָבער אַרויסכאַפּן דאָס מעסער און צעפּאַכען זיך מיט אים האָט ער נישט פּאַספּעיעט. וואָרום מערעס אויגן זענען געוואָרן נאָדל־שאַרף ווי גאָר קושקע האָט זיך איינגעשפּאַרט מיטן געזעס אין טיר. מיט איר גאַנצן מהות האָט זי באַגריפן וואָס דאָ וועט פּאַרקומען, אויב זי וועט אַצינד נישט זיין אַנטשלאָסן און פלינק. איין איבעריקער ריר, איין אומזיסטער קער און דאָס מאוימדיקע טרעפט זי אין ברוסט אָדער אין רוקן. האָט זי אַ זוך געטאָן מיט די אויגן נאָך וואָפן. אינעם נאָענטסטן ווינקל, דאָרטן ווו דאָס שטוב־וועגעגל לויפט זיך צוזאַמען מיטן אָנגעבויטן פּירהויז, האָט זי עפּעס דערזען. איין טראַט פון איר איז דאָס געשטאַנען אָנגעלענט. זי האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס דאָס איז און זיך אַ כאַפּ געטאָן אָן דעם, ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך. די וואָגיקייט אין האַנט האָט איר געגעבן צו פילן וואָס דאָס איז.

ס׳איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער, ווי דער האַלבער א י נ ע ו ו י י נ י ק פון אַלטן כאָמעט, וואָס פּאַנדרע האָט געלאָזן פאַרריכטן און פאַרבייטן אויף אַ נייעם. דעם אָפּגענוצטן טייל האָט דער שאָרניק אָפּגעבראַכט און האָט עס דאָ אַוועקגעשטעלט, נישט וויסנדיק, אַז ס׳וועט מערען אַזוי צוניצקומען. סענדעריכע האָט דאָס געדערכגט צו פאַרברענען, ווי אַ שייט האָלץ, אין אויוון, און האָט פאַרגעסן. ס׳האָט געהאָט אַ געשטאַלט פון אַ צעלעכערטן האַלבן בויגל, אויבן לייכטער, אונטן —שווערער, און איז געווען אַן אָפּגענוצטער טייל פונעם זעלבן כאָמעט, אויף וועלכן פּאַנדרע איז אַמאָל געבליבן זיצן מיט אַ צעבלור־טיקטער נאָז און מיט אַ פאַרלאָפענעם אויג, נאָכן טשעפּען זיך צו מערען, בחורווייז... פול מיט אַלטע כוחות און מיט ר׳ סענדערס פרומען אָנדענקען איז אָט דער שטיק כאָמעט געווען. און ער האָט זיין אַלטע געטריישאַפט און כוח איבערגעגעבן מערען, ווי נאָר זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אין האַנט... אינעם הייסן מאָמענט, ווען קושקע האָט אָנגעכאַפּט דאָס מעסער און גענומען ציען, האָט אים איבער זיין אַראָפּגעבויגענעם רויטן קאַרק געטראָפן אַ טעמפּער און אומגעריכטער זעץ. אַ קראָקווע פון אונטער דעם פּירהויז־דאַך וואָלט זיך אָפּגעריסן און אים דערלאַנגט איבערן שאַרבן, וואָלט דאָס אים אַזוי נישט צעטומלט.

מיטן געצויגענעם מעסער אין האַנט האָט קושקע, וואַקלענדיק, צע־שפּרייט די פיס, ווי אַ באָסקע טרעגער, וואָס האָט נישט אויסגערעכנט זיין כוח און גענומען אויף זיך אַ צו שווערע משא. מיט אַ געצוווּנגענעם נייִן־נייִן, האָט ער צעשאָקלט דעם גרויסן פליכוואָטן קאָפּ, איין

טראָט געטאָן און אַ פֿאַל געגעבן מיטן פּנים צו דער ערד, ווי אַן אָנגע־שטיוולטע און אָנגעפּלודערטע הורבע פלייש. בוכץ אין מיטן פירהויז; און געבויטשעט ווי אַ טויט־שיכורער מיטן פּליך צו דער שוואַרצער ערד.

די אויפגעריסענע שטוב־טיר איז אַצינד געווען פריי. נישט לאַנג גע־קלערט, האָט זיך מערע, מיט דער פרייער האַנט, אָנגעכאַפּט ביי דער קליאַמקע, אַ שפּרונג געטאָן איבערן שוועל אין קאָך־שטוב, מיט דער גאַנצער קראַפט צוגעקלאַפּט די שווערע אָנגעפּעלצטע טיר און פאַרלייגט ביידע אייזערנע קייטלעך פון אינעווייניק. ראַץ, ראַץ! האָבן די אייזנס שאַרף אַ גרילץ געטאָן און אָפּגעשלאָסן. איר ווייבערשע העמד אַן אַרבל, וואָס איז איר נאָך קוים געהאָנגען אויף איין אַקסל, האָט זיך פון מערעס שפּרונג־אַריין אַראָפּגעגליטשט צו אירע געטאָקטע פיס. און נאַקעט ווי די מוטער חוה, איידער זי האָט געזינדיקט, מיט ווילד־צעפלאָשעטע האָר, מיט אויפגעבלאָזענע דינע נאָזלעכער, מיט פלאַקערנדיקע אויגן, מיט קייכענדיקע בריסט און מיט אַ משונהדיקן אויסגעבויגטן שטיק האָלץ אין האַנט, איז זי אַזוי געבליבן שטיין, האַרט ביי דער פאַרקייטלטער טיר, שווער געאָטעמט און געהאַרכט: צי דער באַזיגטער „אדם", דער באַטויב־טער קושקע בראַנד, אָטכאַיעט זיך שוין פונעם קלאַפּ, צי נישט.

זי האָט געהאַרכט און דריבנע געציטערט. די גאַנצע ווילדע סצענע, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אָפּגעשפּילט אין פירהויז, האָט זיך איר הייס געטומלט אין קאָפּ. זי האָט אַפילו נישט געוווסט, ווי אין איר טאַטנס הויז און אין איר געשפּאַנטער נאַקעטער געשטאַלט איז לעבעדיק געוואָרן אַ שטיק מענטשן־געשיכטע פון אור־אַלטע צייטן, פון דער שטיין־צייט אפשר, ווען דאָס פרייע ווייב האָט זיך געשיצט קעגן גראָבע איבערפאַלן, אין איר נאָרע; און מיט אַ שטיק שטיין, צי מיט אַ ביין, פאַרטריבן ווילדע זכרים, וועלכע געפעלן איר נישט.

נישטאָ מער וואָס אַנצווווערן

1.

קושקע האָט זיך אויסגעטשוכעט אין מערעס פּירהויז און געשאָקלט מיטן פליכעוואָטן קאָפּ, ווי אַ חולי־נופלים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער קילער האַלב־טונקלקייט, אויסגעשפּייט שוואַרץ און געדיכט. אָפּגעמיט אַ שטיק פּאַרקילט בלוט פון די צעהאַקטע ציין, אַוועקגעזעצט זיך. ווו איז ער דאָס דאָ אין דער וועלט?...

ער האָט גענומען שאַרן אַרום זיך און אָנגעטאַפּט זיין אייגענעם מעסער און מעכאַניש אַריינגערוקט אים אין כאַליאַווע. וועו, אַ שטייגער, איז דאָס אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט? און באַגרייפנדיק, אַז ער, קושקע, בכבודו ובעצמו, האָט געמוזט אַ פאַל־טאָן און אויסציען זיך פון מערעס אַ קלאַפּ מיט אַ שייט האָלץ איבערן קאַרק, האָט אים אַ הייסע כוואַליע בלוט אַ זעץ געטאָן אין פנים. ער איז רויט געוואָרן ווי פייער. פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין. און דערביי געפילט אַ מאָדנע ביטערע הנאה, וואָס דאָס האָט אים געשלאָגן מערע, סענדערס טאָכטער, די האַלב־נאַקעטע, די ווונדערלעכע הויכע מערע, וועלכער ער האָט אַזוי גראָב און אומברחמנות־דיק געשלעפּט צום צעוואָרפענעם בעט אין שטוב, און נישט דערשלעפּט. מיט אירע אַנטבלויזטע אָרעמס — געשלאָגן אים, אָט וואָס פון זיינע נאַכטיקע חלומות איז געוואָרן, און פון אַלע זיינע פּלענער צו נעמען זי מיט געוואַלד!... צעמזיקט האָט זי אים, די אָסטראָזשניצע. נאָך בעסער ווי דעמאָלט, נאָך דער סעודה. ווי אַ חזיר געשלאָגן אים אין פּירהויז. אַפילו איבערן שוועל האָט ער נישט פּאָספּעיעט אַריבערצוטראָגן איר ביסל נאַקעטקייט...

און באַלד האָט אים פון הייסער בושה אַ וואָרף געטאָן אין קעלט. די קעלט פון אַ נאָענטן סוף איז דאָס געווען, פון אָפּצאָל פאַר אַלע מעשים וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן. ער האָט באַגריפן, אַז דאָס פאַר־

טאַיעטע מורא האָבן פאַר פאַנדרען ביז אַהער איז געווען אַ שפּילכעלע אַקעגן דעם, וואָס עס וואַרט אויף אים פון היינט אָן. אַצינד איז שוין מער נישטאָ קיין צוריק. און קיין שום איבערבעטן זיך — איז דאָ נישט שייך. אפשר האָט זיך פאַנדרע געקווענקלט ב י ז אַ ה ע ר צו געבן אים די גוטע קלעפּ, אָבער נ אָ ך אַזאַ איבערפאַלן מערען אין מיטן העלן טאָג, עטלעכע טעג נאָך איר שבעה־זיצן, וועט שוין פאַנדרע נישט פאַרשוייגן, עס זאָל אים אַפילו אויסקומען צו גיין זעצן זיך אין אָסטראָג נאָך אַמאָל. קיינער אין דער וועלט וואָלט אַזאַ זאַך נישט דורכגעלאָזן. ער, קושקע אַליין, וואָלט דאָס נישט פאַרשוויגן אויף זיין אייגענער ווייב. כאָטש ליבן האָט ער זיין פעסיען ליב, ווי זאַלץ אין די אויגן...

זיצנדיק אַזוי אַ פּריטשמעליעטער, אויף דער קאַלטער ערד, האָט ער זיך צוגעהערט צו דער פאַרהאַקטער שטוב־טיר. דאָרטן האָט זיך גאָר־נישט געריירט. ווי אַ חיה אין נאָרע האָט זיך מערע פאַרטאַיעט. ווי אַ חיה, וואָס האָט אָקאָרשט צעמזיקט אַ צווייטע חיה, און לעקט אַצינד בלוט פון די נעגל...

קושקע האָט אַפילו נישט געטראַכט פון פּרווון רייסן די טיר נאָך אַמאָל. די טיר איז דאָך געוויס פאַרקייטלט און מערע איז שוין געוויס אַנגעטאָן און באַוואָפנט. ביסט גוט אין דער ערד, קושקע פּרעסער!... און מאָדנע איז דאָס, וואָס קיין שום כעס אויף דער „אָסטראָזשניצע" פילט ער גאָרנישט. נאָר אַ בענקשאַפט נאָך אירע נאַקעטע הענט, וואָס האָבן אים געשלאָגן. שאַרף ווי צאָן־ווייטיק איז די בענקשאַפט און אַזוי שטאַרק ווי געזיסטע בראָנפן...

— אפשר גאָר אונטערצינדן די שטוב מיט דער פירהויז, מיט דער נפקא צוזאַמען?...

קושקע האָט בייז געטאַפּט זיינע פלודערן. שיעור נישט געוויינט. דאַכט זיך, וואָס ער איז נישט קיין פּיפּקע־רויכערער, ווי זיידע וואָיטעק, און טראָגט נישט מיט קיין שוועבעלעך. נאָר בייגאַכט... אָט בייגאַכט וועט ער אונטערצינדן. איז נישט זיין נאָמען קושקע בראַנד, אויב ער וועט סענדערס „סאַפּאָכע" נישט אונטערצינדן ... אַזוי האָט קושקע פאַרזיכערט זיך אַליין. כאָטש פילן האָט ער געפילט, אַז ס'איז נאָר אַ תירוץ, אַ פאַלשע טרייסט, כדי וואָרפן אַ ביינדל דער אייגענער אָפּהענטיקייט, וואָס קען שוין מער פון בלאָטע נישט אַרויס. אַ באַהאַלטענע שרעק האָט אים אונ־טערגעשושקעט, אַז ביז דער נאַכט וועט דאָס מער אַזוי נישט געדויערן. עס קען מער נישט געדויערן. ביז פאַרנאַכט וועט אים שוין פאַנדרע דער

אַסטראָזשניק אויפזוכן. און מ׳וועט זיך איינקלעמען איינער אין צווייטן, ווי צוויי משוגע געוואָרענע הינט, איבער איין הינטיכע.

אָט די פּאַרטאַיעטע שרעק האָט אים אויפגעהויבן פון דער ערד, געצווונגען — אָפּצווישן שטילערהייט דאָס צעבלוטיקטע פּנים און פּאַ־וואַלינקע, ווי אַ גנב, אויפפּראַלן די טיר פון פירהויז, וואָס ער אַליין האָט פריער אָפּגעריגלט הינטער זיך, כדי אָפּצושניידן מערען יעדן וועג צום אַנטלויפן. ווייך, ווי אונטערגעבעט מיט געוואַטע, האָט דער אייזערנער, געקאַרבטער ריגל ווידער אַ כאָרכל געטאָן אונטער זיינע פאַרזיכטיקע פינגער. און אַלץ אַזוי ווי אין חלום, ווי אין אַ שווערן חלום.

אויפגעוואַכט האָט ער זיך דערפילט נאָר דעמאָלט, ווען די זון־ליכ־טיקייט, אויף דער מיטן שטויביקער גאַס, האָט אים אַ זעץ געטאָן אין צעפּאַטשטן און צעמזיקטן, מיט בושה און שמאַרץ פאַרגאָסענעם פּנים.

2.

אַ בלאָז פון אַ שופר האָט אים דערמאָנט, אַז ס׳איז אלול־צייט און ס׳איז נאָך פרי. אינעם נאָענטן ליובאַוויטשער בית־מדרש האַלט מען ערשט נאָכן צווייטן מנין. לייט טוען תשובה. לייט זענען זיך מכין צו די ימים־נוראים, אויסבעטן אַ גוט יאָר. און דו, קושקע — פאַרשפּילט דיינע טעג און יאָרן. קאָפּ אָן דער וואַנט, קושקע!

קיין לעבעדיקן נפש זעט מען נישט אויף דער פרימאָרגנדיקער גאַס. פונדעסטוועגן קוקן אויגן פון אַלע זייטן. די פּלעקענער פון אוגערקע־גערטנער ווייסן ווער דו ביסט. דער דאַך פון ליובאַוויטשער בית־מדרש איז אָנגערוקט, ווי אַ מאַכיקע יאַרמלקע, איבער האַרבע פיר־עקעדיקע אויגן, אַזוי גרויס ווי פענצטער...

אַ דאָרפישער פויערל, אַ באָרוועסער, פירט ערגעץ־ווו אַ וועגל האָלץ און קייט געשמאַק אַ שטיק שוואַרץ ברויט. אָבער קושקען דוכט זיך, אַז אויך אָט דער גויעצל נעמט אים דורך מיט פינצטערע קוקערלעך. און, אַראָפּרוקנדיק דעם פאַרשמאָלצעוועטן באַלעגאַלישן דאַשיק איבערן נאָז, לאָזט זיך קושקע לויפן מיט האַסטיקע טריט הינטער די גערטנער־צוימען, צו דער נאָענטער אָזערע, צו איר זומפּיקן, מיט אייאיר און טראַסטינעס באַוואָקסענעם ברעג. אַלע שקלאָווער געשלאָגענע חזירים לויפן אָטכאַיען זיך אין בלאָטע, אויפן ברעג וואַסער. טאָ לויף־זשע, קושקע, אויך! פאַר־שטעק די רילע דיינע! ביסט נישט בעסער ווי אַ געשלאָגענער דבר־אחר.

אַ יידענע מיט אַ שייט האַלץ האָט דיך געשלאָגן. קריך ווייטער נישט אין אַ פרעמדן פירהויז נאָך קאַרטאָפליעס!...

אַ מין זיסקייט פון נקמה אָן זיך אַליין האָט קושקע געפילט פון אָט די בייזע מחשבותלעך, כמעט הנאה געהאַט פון פייניקן זיך אַליין; און דאָס פאַרגרעבטע האַרץ האָט דערביי שטיל געוויינט. אַזוי איז ער מיט די ברייטע שטיוול אַריינגעלאָפן אין אַ געמויזאַכץ, צווישן די הויכע טראָסטינעס.

דאָס זאַפטיקע גראָז אויפן געמויזאַכץ איז נאָך געווען גוט פייכט פון טוי. נאָר קושקען האָט דאָס נישט געאַרט אַ וואָרף צו טאָן זיך אינעם גרינעם באַהעלטער. נישטאָ קושקע.

אין אַ בלאָטקעלע אַרומגעזוימט מיט וואַסער גראָזן האָט ער, ווי אין אַן איינגעראַמטן שפּיגעלע, דערזען זיין צעפלאַמטן פּנים, די אָנגעגראָלענע נאָז, די צעקראַצטע אויבערשטע ליפּ, די פאַרלאָפענע אויגן. און כדי אין גאַנצן איבערצייגן זיך, אַז ס׳איז ע ר אַ ל י י ן, האָט ער געפּרוווט אַ דריי טאָן מיטן בייקישן האַלדז און דערשפּירט אַ טעמפּן ווייטיק אין נאַקן. ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג. ע ר אַ ל י י ן זיצט דאָ אין געמויזאַכץ. מיט אָט די רויטע, גראָבע פינגער געלאָזן גוטע סימנים ביי דער נפקא אויפן לייב, צעקוועטשט איר די זייטן. די בלאַסע ליטקעס אירע צוסיניאַקעוועט... און גאָרנישט אויסגעפּירט. פע, פע!

— אפשר שעכטן זיך?... איין פּיר מיטן מעסער. כיק!... און אויסגיין דאָ איינער אַליין. שטיל, אָן רעש, אָן לייטישן געלעכטער. אָפּגעפּידלט, קושקע!...

ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך, אַזוי האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַר זיין לעצטן ראַטונעק, פאַר זיין מעסער אין כאַליאַווע. ליג, חזיר! נישטאָ מער וואָס אָנצוווערן.

נאָר דאָ האָט זיך, צו זיינע באַטויבטע אויערן, דורכגעשלאָגן אַ ווייטע האָרמאָשקעריי. פון דער שול־גאַס זייט האָט דאָס דער ווינט אָנגעטראָגן אַ מין געשטויב פון קולות. אַך, יאָ! דאָרטן פּרוּוון ליימערלעך איינצולייגן ר׳ ישיעלעס חורבה־וואַנט. כניאַקעס העלפן זיי. קריכן פון דער הויט.

דאָס האָט קושקען געבראַכט אויפן געדאַנק, אַז אָן פאַנדרען וועט מען זיך דאָרטן נישט באַגיין. פריער, שפּעטער — ער וועט שוין קומען, דער אָסטראָזשניק, און באַרימען זיך מיט זיין שוואַרצער גבורה: אָט, אָן מיר, הייסט דאָס, איז גאָרנישט!... טאָ פאַרוואָס עפּעס שעכטן זיך?... וואָס עפּעס זיין אַזוי גוט און פרום? וואָס עפּעס אַוועקגיין פון דער וועלט

ווי אַ נעבעכקע, איבערלאָזן אַזאַ מערען, די גאַנצע מערען, פאַר דעם אָסטראָזשניק? אַ מכה!...

אַז ער, קושקע בראַנד, אַ פרעמדער מאַנסביל, האָט עפּעס אויך אַ געהיימען חלק אין מערען, איז ער כמעט ווי געווען זיכער. מיט זיין דיקן בלוט האָט ער דאָס געפילט, זינט דעם ערשטן איבערפאַל זיינעם, אין מיטן דער נאַכט נאָך דער סעודה. און נישט קוקנדיק אויף די דעמאָלטדיקע קלעפּ מערעס, מיטן טאַטנס שטיוול, און אויף די יעצטי־קע — מיט אַ שייט האָלץ, האָט ער ערגעץ־ווו פאַרט געשפּירט, אַז אין גאַנצן גלייכגילטיק צו אים איז מערע נ י ש ט. די קלעפּ האָבן ביידע מאָל געהאַט אַ באַזונדער טעם, אַ יצר־הרעדיקע זאַלציקייט. ער, קושקע, איז נאָר אַ מגושמדיקער שלימזל, און די הענט זענען ביי אים ווי פּאָד־קאָוועס. אַז ער וויל אַ שמייכל טאָן, שילט ער און זידלט, און ווייסט קיינמאָל נישט פון וואָסער זייט אָנצוכאַפּן דאָס ווייב. ווייל ער איז אַ פרעסער. אַזוי עסט ער פלאָדן און געפילטע בלינצעס. ווייסט קיינמאָל נישט מיט וואָס זיי זענען געפילט. צי מיט קעז, צי מיט געברוינטע פעטע מעל. כאַפּט ער און לאַפּט און שלינגט, בשעת אַנדערע האָבן הנאה פון יעדן ביסן. אַזוי איז ער זיך אַלעמאָל באַגאַנגען מיט פעסיען — זיין אָפּגעפּאָרענע ווייב. אַזוי האָט ער געמיינט טאָן מיט סענדערס טאָכטער אויך. און זי, נאָכן לאָזן זיך, האָט זיך אַרויסגעגליטשט, ווי אַ הייסע בלינצע, פון האַנט. שוין צוויי מאָל אַזוי איז ער געבליבן מיט אַ צעברענטן מויל, און צווישן די ציין אַ ביסן נישט געקראָגן. בלייבט זי אַציגד אין גאַנצן פאַר פאַנדרען... אין גאַנצן? אַ מכה! זאָלן בעסער ביידע גיין אין דער ערד מיטן קאָפּ. ביידע. ער און פאַנדרע צוזאַמען.

— ביידע, ביידע! — האָט פאַר זיך קושקע געחזרט ווי אַ באַנומע־נער. — ביידע!

ער האָט זיך אַפילו צעשמייכלט פון אַזאַ צוטשעפּעניש־געדאַנק. ס'איז אים קלאָרער געוואָרן אין קאָפּ פונעם דאָזיקן וואָרט, ווי פון חלשות־טראָפּנס פאַר נעילה. דאָס גיין אין דער ערד אַריין פאַר דער צייט האָט באַקומען אַ ציל, „ביידע, ביידע!...” האָט ער געסמאַקעוועט און געקוקט אין דער באַלויכטענער בלאָטקע, ביים געמויזאַכץ, ווי אין אַ שפּיגל. ער האָט מיט באַרואיקונג דערזען, ווי זיין אָנגעדראָלענער פּנים גלייכט זיך אויס, ווערט מענטשלעכער, און די אויבערשטע אָנגעשוואָלענע ליפּ צע־שמייכלט זיך אונטער דער געדיכטער געלער וואָנסע.

ווי אַזוי „ביידע”?... ס'איז פּראָסט און פּשוט. ער, קושקע, וועט זיך

אַריינשטופּן צווישן עולם לעבן ר׳ ישיעלעס חורבה. ער וויל כלומרשט אויך העלפן ציען די שטריק. און דווקא האַנט ביי האַנט מיט פֿאַנדרען. ווו פֿאַנדרע, דאָרטן ער. ווער קען אים דאָרט שטערן? אַלעמענס הענט וועלן דאָך זיין פֿאַרנומען און אַלעמענס אויגן — געווענדעט צו דער צעוויגטער חורבה־וואַנט. פֿאַנדרעס אויגן אויך... אָט וועט ער, קושקע, אים העלפן „פֿאַרדינען אַ מצווה״ — כאַ־כאַ! אַנשטאָט ציען די שטריק, וועט ער ציען פֿון כאַליאַווע עפּעס גאָר אַן אַנדער מאַכערייקע, און אַריינזעצן פֿאַנדרען אין נאַקן. ווו מערע האָט אים געשלאָגן מיט אַ שייט האָלץ, דאָרטן זעצט ער פֿאַנדרען אַריין דאָס מעסער. אין טומל וועט דאָס גיין ווי אַ מזמור. און אפשר וועט די וואַנט איינפֿאַלן אויףביידן! — איז נאָך בעסער. אויף ביידן, אויף ביידן...

3.

ער האָט זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן פֿון זיין נאַסן אָרט אין גראָז. נאָר באַלד באַרעכנט, אַז ס׳איז נאָך צו פֿרי. פֿאַנדרע קען נאָך, סיי ווי סיי, פֿון „הויפּל״ נישט זיין צוריק. ער קען ערשט קומען צו וואַרעמעס. סיידן די מערידאַלניקעס וועלן איינוואַרפֿן די וואַנט ביז זיין קומען. נאָר ס׳איז אַזוי מעגלעך זיי זאָלן רירן די וואַנט אַן אָסטראָזשניק, אַזוי ווי ס׳איז מעגלעך ער און דער אָסטראָזשניק זאָלן אַצינד ווערן גוטע ברידער... איז בעסער אויסרוען זיך דאָ אין דער שטיל, אַרומוואַשן דאָס בלוט אַרום מויל; לאָזן אָפּקילן די אויגן, נעמען אַ טרונק בראָנפֿן פֿון פֿלעשל און אָפּטאָן די זאַך מעשה־מענטש. כאָטש דאָס לעצטע מאָל אין לעבן נישט כאַפּן און נישט שלינגען און נישט ברענען זיך. ס׳איז דיר נישט קיין הייסע בלינצעס, קושקע פּרעסער!...

ווי אַ פֿאַרמשפּטער צום טויט, וואָס אַלץ לויכט אים אויף, מיט אַ מאָדנער העלקייט, אונטער שווונג פֿון תלינס האַק, אַזוי איז פּלוצלונג קושקען אַלץ העל און קלאָר געוואָרן. פֿון דער אָקאָרשטיקער טעמפּער צעטומלטקייט איז ער איבערגעגאַנגען צו אויסרעכענען אַלץ אין פּינטל, צו באַוואָרענען יעדער קלייניקייט.

און אָט די זעלבע כיטרע אויסגערעכנטקייט האָט טאַקע קושקען אויפֿ־געהויבן פֿון אָרט און געפֿירט אים צו ר׳ ישיעלעס חורבה אין דער ריכטיקער צייט. לויטן ווייטן פֿאַרשוומענעם טומל אויף דער שול־גאַס האָט קושקע משער געווען, ווען דער עולם כניאָקעס איז מיד געוואָרן

פון אומזיסטע אָנשטרענגונגען, און ווען מ׳האָט געשיקט זוכן נח פאַנדרען. עפּעס ווי ער, קושקע, וואָלט געווען אַ בייזער יאַגד־הונט, פאַרשטעקט צווישן טראָסטינעס און אייאיר, און פאַנדרע — אַ ווילדע און פרייע חיה, וואָס קומט אָן רואיק און איז גאָרנישט נישט חושד... אַלץ וואָס ער האָט אויסגערעכנט, זיצנדיק אין באַהעלטער און ציטערנדיק פון פלעשל, איז געשען. און ווען ער, קושקע, אַן אויסגערוטער און אַנטשלאָסענער, האָט זיך דערנענטערט צו דער חורבה, האָט גראָד דער אויסגעמאַטערטער עולם געמאַכט פאַנדרען אַ וואַרע.

ווי אַ לאַנג־דערוואַרטעטער גענעראַל איז פאַנדרע אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פאַדוואָדע און נאָך אים — זאַוול זיין אַדיוטאַנט, מיטן צעבראָ־כענעם דאַשיק און מיט די פאַרלאָטעטע שטיוול. רייבנדיק זיך די גרויסע הענט, איז פאַנדרע מיט זיינע לייכטע לייבן־טריט, צוגעטראָטן צו די אָפּגעלאָזענע קאַנאַטן.

איין רגלע איז קושקע אַליין שטיין געבליבן און מיט טיפער קנאה אָנגעקוקט אָט די אייזערנע זיכערקייט און זיין שונאס טראָט. די שמחה פון העלפן שוואַכערע האָט אַרויסקוועלט פון יעדער באַוועגונג זיינער. דער רויטער שטויב פון בייע ציגל, וועלכע ער האָט געשלעפּט אין „הויפל״ אַ גאַנצן פרימאָרגן, האָט אים באַדעקט, פון קאָפּ ביז די פיס, מיט אַ מין יום־טובדיקייט, מיט אַ פרישער צופרידנקייט. און דער געזונ־טער פּנים, מיט די גרויע אויגן, האָבן אים געשיינט פון פאַרזוכן דעם כשרן טעם פון פרנסה, נאָך אַזאַ לאַנגן „זיצן״ אין טרפהנעם אָסטראָג.

און קושקע האָט דאָ, אין זיין לעצטער פאַרצווייפלונג, דערפילט, אַז אַזאַ טראָט און אַזאַ פּנים פעלן אים און האָבן אים אַלעמאָל געפעלט. דאַכט זיך,ביידע — באַלעגאָלעס, גראָבע יונגען און פונדעסטוועגן... ס׳איז אַ געווירץ אַזאַ, וואָס מאַכט גוטמוטיק און פריי און באַליבט; וואָס געפעלט אַזעלכע ווייבער, ווי מערע איז, און רייצט אויף אַזעלכע היגטישע נשמות, ווי ביי אים... ער, קושקע, איז פאַרשאַלטן צו כאַפּן און שלינגען און וואַרפן זיך אויף פרעמדע פלייש, ווען דער באַלעבאָס איז אַוועק פון שטוב.

מחמת דעם פריילעכן טומל אַרום פאַנדרען האָט קיינער נישט באַ־מערקט קושקעס אָנקומען. מ׳האָט אַפילו נישט באַמערקט, אַז דאָס פּנים איז ביי אים צעקראַצט, די אויבערשטע ליפּ — געשוואָלן און די אויגן— פאַרלאָפן מיט בלוט. אַזאַ פאַרהאַוועטקייט אַרום אים האָט קושקען דווקא זייער גוט געפּאַסט. ער האָט שוין געהאַט בדעה אַ לאָז צו טאָן זיך נאָך

פאַנדרען, אָבער אַ פּאַסקודנינקער באַנומענער קולעכל האָט אים געטראָפן, ווי אַ פליוך פּאַמינעס אין צעפּאַטשטן פּנים:

ניטשיינע האָב איך אַ פלי געטאָן,
דאָ אויכעט, דאָ!
פון ר׳ סענדער מיטן שטענדער
דאָ טאַקע דאָ.
אָי, צעדראַפּעט און צעליאַפּעט —
איכאַ—איכאַ—כאַ!

ער קוקט זיך אום — זי איז דאָ חיה־שרהקע!... וואָס דען? זי וועט דאָ נישט זיין? אָן איר וועט מען זיך אפשר באַגיין ביי אַזאַ אָנגעלויף?... מיטן ברודיקן פּעקעלע אויף די אָרעמס, אָנשטאָט אַ זויג־קינד, שטייט זי דאָ אָן אַ זייט, צווישן די אַרויסגעטריבענע מחוץ למחנה: צווישן זיידע וואָיטעקן מיט זיין פויערישער פּיפּקע און צווישן פּיווקען, פּעטער אוריס חדר־יינגעלע. פון אונטער איר ברודיקן קאָפּ־טיכל קוקט זי אַרויס אַזוי פאַרשייט, ווינקט אים, דאַכט זיך, אונטער מיט איין שוואַרצן משוגענעם אויגל. און די דינע קנייטשעלעך, אַרום איר דיקן מויל מיט די יצר־הרע ליפּן, טאַנצן און שפּרינגען. אָט־אָט פּלאַצט זי פאַר אייגעהאַלטענעם געלעכטער. און בשעת־מעשה שטייט זי גרייט, מיט אַ זייטל, צו אַנטלויפן מיט באָרוועסע לייכטע פיס, ווי נאָר קושקע וועט זיך אַ וואָרף טאָן צו איר...

אָבער קושקע וואָרפט זיך נישט. ער בלייבט נאָר שטיין אַ פאַרגאַפטער פון איר זמרל, וועלכן קיינער הערט דאָ נישט אינעם טומל, נאָר ער אַליין, און וועלכער ווערט געזונגען דריבנע און געמיין נאָר צוליב זיין כבוד וועגן. פון וואַנען, אַ שטייגער, ווייסט זי שוין, די משוגענע, אַז ער איז „געפלויגן״?... דערמאָנט זי דאָס אים, וואָס זי האָט אַמאָל אונטערגעקוקט הינטער סענדערס שטוב, אין יענער ווינטער־נאַכט, נאָך דער סעודה? אָדער לייענט זי אויף זיין פּנים דאָס, וואָס איז אָנגעשריבן מיט מערעס נעגל און דלאָניעס?... נישט אַצינד איז אַ צייט צו עסקן זיך מיט אַזאַ „סאַמאָסעץ״!

און ווי איינער, וואָס וואַרפט זיך קאָפּ־אַראָפּ אין אַ קאָכיקן אָפּגרונט, אַזוי האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אין געדיכטן עולם אַריין.

איינגעלייגט די וואַנט

.1

דער עולם האָט דערוויילע, פריי געמאַכט פאַנדרען אַן אָרט. געגעבן אים, אַזוי צו זאָגן, דעם אויבנאָן ביים קאַנאַט:

— לאָזט אים! לאָזט אים!... — אַזוי האָט מען זיך איבערגעשריגן מיט נייעם מוט, און אַליין אָנגעהאָנגען זיך אויף די אָפּגעלאָזענע גראָבע שטריק, ווי די צאַפּלדיקע פישלעך ביים פישער אויף אַ שפּאַגאַט. קאָפּ אויף קאָפּ און אָרעמס איבער אָרעמס. דערפילנדיק אַזאַ פרישן יונג צווישן די פאַרשוויצטע און אָפּגעמאַטערטע לייבער, האָבן זיך אַלע געשטופּט אין זיין נאָענטקייט, כדי וואָס קירצער צו ציען די יניקה פון זיין אומבאַרירטער גבורה.

אין דער געדיכטער שטופּעניש פון לייבער האָט זיך אָבער פאַנדרע נישט געפילט ווי עס באַדאַרף צו זיין. נישט גענוג האַלט האָט ער דאָ געהאַט פאַר זיינע שטאַרקע און צעשפּרייטע פיס. האָט ער דערפאַר אָפּגעלאָזט דאָס שטיקעלע קאַנאַט, וואָס מען האָט אים געגעבן אין די הענט, אַ גיי געטאָן פאָראויס, פאַרן גאַנצן עולם, און אָנגעכאַפּט — פון פאָרנט, דאָרטן, ווו דער קאַנאַט איז אינגאַנצן פריי פון הענט, מחמת דער גרויסער סכנה.

ער האָט נאָר איין מאָל אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צום עולם. אָפּגעמאָסטן מיטן קוק די מחנה יידן הינטער זיך. וויפל, הייסט דאָס, זיי פאַרמאָגן כוחות און וויפל ער מוז דאָ צולייגן פון זיין אייגענעם כוח, און איז אויף אויג געבליבן שטיין מיט דער איינגעקשנטער וואַנט. אַ מעסט געטאָן זיך אויך מיט איר. די טויטע מאַטעריע האָט דאָ אָנגעקוקט דעם לעבעדיקן ווילן מיט אויפגעריסענע פוסטע פענצטער־לעכער: האַ? ווער איז ד אָ ס? עפּעס נישט דאָס...

— פאַנדרע! — האָט מען אים צוגעשריען, — נישט אַזוי נאָענט!...

אָנשטאָט אָן ענטפער האָט פאַנדרע אַ וויג געטאָן מיט די פּלייצעס פון פּאַרנט אויף הינטן, אָנגעצויגן די דיקע קאַנאַטן און גלייכצייטיק אַ ברום געטאָן פון די פולע לונגען אַרויס, אַזוי שטאַרק און אַזוי מוטיק, אַז די בלעכערנע פּאַנפּע פון „קוליע־בחצוצרות״ איז דאָ געבליבן אין גאַנצן איבעריק. מען האָט זי כמעט ווי מער נישט אָנגעהערט.

און דער עולם האָט גלייך אונטערגעכאַפּט דעם טאַקט פון זיין ציען און אים נאָכגעטאָן. פאַנדרע פון פּאַרנט, זיי — פון הינטן. אין זיינע ברייטע פּלייצעס, אין זיין מסירת־נפש און אין זיין שטיין פון פּאַרנט זענען זיך, דאַכט זיך, צוזאַמענגעלאָפן אַלע ביזאַהעריקע אומזיסטע באַ־מיאונגען פון גאַנצן עולם, זייער נייע התעוררות און לעצטע האָפענונגען. און ווי די בעילה־טעגער פון מידע דאַוונער אינעם געזאַנג פון אַ גוטן חזן, אַזוי האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן זייער הודזשעריי מיט פאַנדרעס ברומען.

אפנים דער צוגעקומענער כוח איז אַריינגעפאַלן ווי אַ גרויסע הכרעה (איבערוואָג) אין קהלשן וואָגשאָל. וואָרום עס האָט זיך דערהערט אַ מאָד־נער טרוקענער קרעכץ. די פליגל־וואַנט פון דער חורבה האָט זיך צום ערשטן מאָל פאַר היינטיקן טאָג אַ וויג געטאָן און אָנגעשלאָגן זיך, מיט איר מיטן, אָן די קרום־אָנגעשטעלטע בערווענע־שפּאַרעס.

— אָט־אָט־אָט! — האָט זיך דער עולם צעריטשעט מלא־שמחה, וואָס די ערשטע עטלעכע צי מיט פאַנדרען צוזאַמען זענען אַזוי געראָטן.

— קוקט, קוקט! — האָבן אַנדערע קולות געוואָרנט.

— זי שאָ—קלט זיך!

— אָסטאָראָזשנע!

אַפילו דער צען־יאָריקער פּייווקע אוריס, וועלכער איז דאָ געשטאַנען אָן אַ זייט לעבן זיידע וואיטעקן און דאָס האַרץ האָט אים געקאָכט דער־פאַר, וואָס די דערוואַקסענע האָבן אַזוי מבזה געווען זיין הילף, איז גאָר נתפּעל געוואָרן פון פאַנדרעס צי, און זיין קינדערשער כעס האָט גענומען אָפּגיין.

— אפשר, טראַכט ער, בין איך טאַקע נישט דאָס „מייזעלע״ אין דער מעשה מיטן „זיידקען מיט דער ריבן״, וואָס עס שפּילט זיך דאָ אָפּ? אָט ווער דאָס מייזעלע איז! פאַנדרע דער באַלעגאָלע... נישקשה פון אַ מייזעלע! לויט דער מאָס פון דער „ריבן״, וואָס איז אַזוי גרויס ווי די חורבה־וואַנט, פּאַסט אַזאַ „מייזעלע״... נאָר פאַרוואָס שלעפּט עפּעס

דאָס מייזעלע פון פאַרנט? אין דער כרעסטאָמאַטיע שטייט דאָך, אַז עס שלעפּט פון הינטן. הע־הע! ווו — איך, דאַרטן — ער...

אַפילו וואָיטעק האָט אַרויסגענומען זיין פויערישע פּיפּקע פון מויל און געררופן צו פאַנדרען מיט אויפגעלויכטענע זיידישע אויגן:

— עי, נח! עי, עי!...

האָט ער אים דערמיט געוואָרנט, ער זאָל זיין פאָרזיכטיקער? וואָרום עס איז נאָך דאָ אַ מערע אויף דער וועלט... האָט ער אים דערמיט גע־וואָלט נאָך מער אויפמונטערן?... נח האָט סיי ווי סיי נישט געהערט זיין אַלטיטשקן קול. מיט לייב און לעבן אַריין אין זיין מי. אָנגעיאָכט אויף זיך אַלע יאָכן פון שטאָט:

— ראַז!

דעמאָלט האָט חיה־שרהקע אויפגעעפנט איר משוגענעם מויל, מיט ווייסע גרויסע ציינער, און אויסגעזונגען נאָך קושקען, וואָס האָט זיך פון איר אָקאָרשט אָפּגעטראָגן:

ניטשיינע האָב איך אַ פּאַל געטאָן
זאָ טאַקע, דאָ.
נאָכן קושקע מיט זיין דושקע
אונדז צו לאַנגע יאָר.

נאָר מחמת דעם באַגייסטערטן רעש האָט זיך קיינער מער נישט אומגעקוקט אויף אירע נביאות. אַפילו קושקע אַליין האָט זיך מער נישט אומגעקוקט. און ווער וועט זיך דאָ איינהערן אין אַזעלכע פאַנפאַטע, דריבנע לידעלעך, ווען דאָס לעבעדיקע האַלט אין מיטן מנצח זיין די טויטע מאַטעריע, און דאָס באַוועגלעכע — אַזאַ טעמפּן און פאַרגליווערטן גולם?

— דנוואַ (דוואַ)! — כאַפּט אונטער „קוליע־בחצוצרות" מיט זיין בלעכערנע נאָז, — טנו, טנו! פּאַסטאַנרעט זינרך אינדעלעך (פּאַסטאַרעט זיך, יידעלעך!).

נאָר אומזיסט איז דאָ קוליע דער בלעכער אַריינגעפּאַרן מיט זיינע „טראָמפּייטן", דערמאָנט אָן זיך... יידן באַפליגלט, מיט אַ בייעם חשק, אויסצומישן די כוחות מיט פאַנדרעס גבורה, האָבן נישט קוליען געענט־פערט צום טאַקט, נאָר פאַנדרען. זיי האָבן זיך נאָר אַ ווייילענקע אויסגע־רוט און ווי נאָר פאַנדרע האָט אַ ברום געטאָן „דוואַ!" האָבן זיי אַלע אויף איין מאָל אַ ריס געטאָן און מיטגעברומט ווי אַ ברייטע, שוימיקע כוואַליע:

— דוואַ—אַ!

און דווקא גויאיש: „דוואַ!"... וואָרום ווי יידן קומען נעענטער צו עשוס עלעמענט, ווי נאָר זיי טרעפן אַריין מיט זייערע קרעפטעלעך אין גראָבע אַנשטרענגונגען, אַזוי הויבן זיי גלייך אָן צו רעדן רוסיש...

די וואַנט האָט אַ ציטער געטאָן. פון אירן אַ פוסטן פענצטער האָט זיך אָפּגעריסן אַ ציגל און אַרויסגעפאַלן מיט אַ „בום" איבער די אונטער־געשטעלטע הילצערנע שפּאַרעס; ווי אַ מוטנע שווערע טרער פון אירע שאַרבן־אויגן... זי אַליין האָט, דאַכט זיך, דערפילט, אַז אירע מינוטן זענען שוין געציילט.

אין דער קהלשער פריילעכקייט איז דורכגעלאָפן אַ דריבנער ציטער פון געפאַר. אַ קוואַצקען פון ווייבער האָט די דאָזיקע געפאַר נאָך מער אויפגעבלאָזן. מען האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי זיי זענען פון אַלע זייטן צוזאַמענגעלאָפן, די שטוביקע סעדיכעס. ווייבער מיט קאָשיקעס און ווייבער מיט קאָכלעפל און ווייבער מיט שפּיזלען און האַלבע זאָקן אין די הענט. און יעטוועדער יידענע האָט אימיצן געגומען אויפן אויג ביי דער קהלשער אַרבעט. ווער דעם מאַן, ווער אַ לייבלעכן ברודער און ווער אַ ווייטן קרוב. לויט דער שאַרפקייט אָדער שוואַכקייט פון קוויטש וואָלט מען געקענט דערקענען, ווי נאָענט אָדער ווי ווייט דער אָנגעשריענער מאַנסביל שטייט צו איר משפחה... אין גאַנצן האָבן די יידענעס דערמאָנט אָן צעשראָקענע פישערקעס ביים ברעג ים, בשעת די ווייטע זעגל־שיפלעך וואַרפן זיך און די פישער וויאָסלעווען מיט די לעצטע קרעפטן... דאָ האָט זיך די חורבה־וואַנט געשאָקלט אינעם שטורעם פון קהלשע כוחות, די מאַנסביל האָבן זיך מיטגעשאָקלט און אויפגעמונטערט איינער דעם צווייטן, געכראָבערעט זיך. און די ווייבער האָבן זיך געטאָן דאָס זייעריקע און געקוויטשעט:

— לייבעצקע! זע... היט זיך!

— דער ערשטער מוזטו זיין? אברעמעלע?

— שמחהלע, צי אָן אַ זייט! אָן אַ זייט!

— לייזשקע, רייס זיך נישט אַזוי! וועסט זיך נאָך אָנרייסן...

— אוי, אוי, הירשל!

די מאַנסביל האָבן אָבער די ווייבערע זייערע דאָס מאָל נישט געפאָלגט, נישט געקענט פאָלגן, נישט געצויגן „אָן אַ זייט", ווי די אָדער יענע שרע־קעוודיקע יידענע האָט געקוויטשעט. יעדער איינער איז געווען פאַרפלאָכטן אין צווייטן. אַלע פאַר איינעם, איינער פאַר אַלעמען. האָט מען געצויגן

בהברותא אַזוי שטאַרק, ווי די כוחות האָבן געטראָגן. און פֿאַנדרע איז דאָ געווען דער גאַנצער אָנפירער:

— ראַז־דוואַ! ראַז־דוואַ!

די שווערע חורבה־וואַנט צעוויגט זיך נאָך שטאַרקער. מען זעט ווי דער שפּאַלט אירערביים ווענגעל ווערט ברייטער. שטיקער ציגל און וואַפּנע שיטן זיך פון איר אויבן, פאַלן ווי אַ צעבראָכענע קרוין פון איר וויסטקייט, פון איר אַלטער הערשאַפט איבער דער גאַנצער שול־גאַס. מיט יעדן שאָקל, וואָס זי טוט, שלאָגט זי אַריין אַלץ טיפער אין דער ערד די קרום־אָנגעשטעלטע שפּאַרעס אַנטקעגן איר מיטן, אונטערדרייסנדיק אַזוי זיך אַליין, דעם אייגענעם אַלטן פונדאַמענט.

2.

אין אַזאַ קריטישן מאָמענט, אויף וועלכן שטאָט האָט געוואַרט פון אין דער פרי אָן, ווען די וואַנט האָט שוין גענומען וואַרפן מיט ציגל און שפּריצן מיט וואַפּנע, האָט זיך קושקע דורכגעשלאָגן צווישן עולם און אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאַנאַט, האַדט היגטער פאַנדרעס פּלייצעס. דער עולם האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ כראַבֿרעקייט פון אַ מענטשן, וואָס וויל זיך שטעלן אויפן צווייטן געפערלעכן אָרט נאָך דעם שקלאָווער שמשון־הגיבור. מ׳האָט אַלע מאָל געוווסט, אַז קושקעס משפחה קאָנקורירט מיט ר׳ סענדערס משפחה. ווער זאָל דאָס וויסן וואָס ביי קושקען איז היינט אויפן האַרצן?... אין דער אמתן האָט קושקע אויסגערעכנט אַזוי: מיט איין האַנט וועט ער כלומרשט העלפן ציען דעם קאַנאַט און מיט דער צווייטער האַנט — דאָס מעסער פון כאַליאַווע און בינו־לבינו, אין טומל און קהלשער מורא פאַר דער סכנה, וועט ער —

נאָר וואָס איז שייך „אויסצורעכענען״ ביי אַזאַ נישט־אויסגעשלאָפענעם, פאַרצווייפלטן, האַלב־שיכורן און געשלאָגענעם קושקען? אפשר האָט ער נאָר געוואָלט נישט דערלאָזן פאַנדרען אַנטלויפן, ווען די וואַנט וועט איינפאַלן, אָפּשניידן אים דעם וועג מיטן אייגענעם שווערן גוף און אומקומען מיט אים צוזאַמען? ביידע, ביידע... אין דער ערד מיטן קאָפּ ביידע!... אַזוי ווי ער האָט פריער געכיכיקעט, ליגנדיק אין אייאיר.

וואָס ביי קושקען זאָל דאַרטן נישט געווען זיין אויפן האַרצן — איינס איז זיכער, אַז ווי נאָר ער האָט דערזען פאַר זיך פאַנדרעס גע־זונטן קאַרק, זיינע דריי־אַרשיניקע פּלייצעס, איז קושקען באַפאַלן אַ וויל־

דער צאָרן. די ציינער, וועלכע האָבן נאָך ווי געטאָן פון מערעס פעטש, האָבן זיך פאַרקלעמט: צי די מיאוסע וואָגט וועט אייבפאַלן, צי נישט — ער, קושקע, קען מער נישט לעבן אינעם שרעק, אַז אָט־אָ דער אָסטראָזש־ניק וועט אים שלאָגן. אָט גלייך מוז נעמען אַ סוף! אָט דאָ אויף אָן אָרט. קיין איבעריקע מינוט נישט וואַרטן.

און די פרייע האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און געגומען כאַפּן די ברייטע כאַליאַווע.

אָבער נישט אַזוי גיך איז דאָס אים געלונגען. דאָס ריטמישע ציען פון אַזאַ מאַסע הענט האָט אים, קושקען, מיטגעריסן, ווי אַ שווערע כוואַליע: עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד מיטגעוויגט נאָך פאָרנט און נאָך הינטן.

האָט זיך קושקע קעגן זיין אייגענעם ווילן געמוזט שאָקלען מיט קהל צוזאַמען און צו דער טיפעניש פון כאַליאַווע, צו פאַנדרעס גליק, נישט דערגאַנגען. זיין אומזיסטע אָנשטרענגונג האָט אין אים נאָך מער צע־פלאַקערט די גערירשנטע שנאה, וועלכע ציט שוין איר יניקה פון גאַנצע דורות קאָנקורענטן, אין פרנסה און אין כוח... די זעלבע שנאה, וואָס האָט אים געטריבן צו פאַרשמייסן „שמענדריקן" — ר׳ סענדערס געכאַליעטן פערדל — אויף טויט; צו באַפאַלן צוויי מאָל מערען, איין מאָל מיט גוטן און איין מאָל מיט בייזן, און גאַרנישט אויספירן. און אָט די ווילדע און שלאַנקע באַלעגאָלטשיכע בלייבט אין גאַנצן פאַרן אָסטראָזשניק, פאַר אָט דעם־אָ!...

און פאַנדרע? האָט ער געוווּסט, וואָס פאַר אַ טרפהנע יוכע עס קאָכט הינטער אים? ער האָט דאָס נישט געקענט וויסן. ער האָט אַפילו קושקען אין די אויגן נישט געזען, נישט באַמערקט ווען יענער האָט זיך אַריינגעשטופּט צווישן אים און עולם, הינטער זיינע פּלייצעס. ער האָט אים נאָר דער־שפּירט ווי אַ ריח פון סמאַלענעס, ווי די אָנגעלאָדנקייט פאַר אַ שטורעם.

און געשען איז דאָס אַזוי:

פאַרטאָן אין זיין הייסער אָנשטרענגונג און מסירת־נפש, האָט פאַנדרע געצויגן מיטן גאַנצן כוח די קאַנאַטן, געשאָקלט זיך צו דער חורבה־וואַנט, ווי אַ חזן צום עמוד, און מיט דער זעלבער אחריות פון אַ שליח־ציבור, וואָס ווייסט, אַז אויף אים לייגט זיך אָן דער גאַנצער עולם און העלפט אים מער קרעכצן ווי זינגען.

פונדעסטוועגן האָט ער, דורך שווייס און היץ און פאַרהאָוועטקייט, פּלוצלונג דערפילט עפּעס אַ פרעמדקייט הינטער זיך. דערפילט, אַז עפּעס באַרעט זיך דאָרטן, גייט נישט אין טאַקט, פּלאָנטערט זיך.

האָט ער, נישט אָפּלאָזנדיק די שטאַרקע הענט פון שטריק, אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ, דערזען קושקעס קרומלעכן קוק און זיין צעדראָפּעטן נישט־געוויינלעך אויפגעלאָפּענעם פנים; און ס׳האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. פונקט אַזאַ פּייערל אין די רויטע אויגן האָט אַמאָל געהאַט טשורילאָ קאַטאָרזשניק, זיין שונא, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט, געפירט פון קאַנוואָי, אין מאַהליוועֶר וואַלד. קושקעס פּלוצלעכע נאָענטקייט איז אים אויך אויסגעקומען פאַרדעכטיקט. דאָס נאַטור געפיל האָט אים אונטער־געזאָגט, אַז די סכנה דאָ, פון פאָרנט, ווו די צעטרייסלטע וואַנט קען פּלוצלונג איינפאַלן, איז נישט אַזוי גרויס, ווי די סכנה, וואָס האָט זיך פאַרטאַיעט פון הינטן. האָט ער פון צוויי סכנות אויסגעקליבן די קלע־נערע און, ציענדיק די שטריק, בכיוון אַ וואָרף געטאָן די ברייטע פּלייצעס אויף צוריק און אַזוי שטאַרק, אַז קושקע בראַנד האָט גלייך פאַרלוירן דעם אָנהאַלט ביי די שטריק, אָפּגעשלאָגן זיך אָן דעם עולם ציער פון הינטן, און אַרויסגעשטויסן געוואָרן אָן אַ זייט דורכן דרוק פון קהלשע כוחות.

איז קושקע נאָך מער צעקאָכט געוואָרן. ער האָט נישט באַגריפן די ערנסטקייט פון פּאַנדרעס מאַנעוור. אים האָט זיך געדוכט, אַז פּאַנדרע ווילצלט זיך דאָ מיט אים, שטויסט אים גראָב אַרויס מיטן געזעס פון קהל, ווי אַ באַלעבאָס שטויסט אַוועק, אום ווינטער, אָן אָרעמאַן פון דער הייסער הרובע אין בית־מדרש. אים האָט זיך געדוכט, אַז פּאַנדרע האָט דאָ געפונען דעם ריכטיקן אָרט צו פאַרטשעפּען אים, כדי צו אָנהויבן מיט אים די אָפּרעכענונג פאַר קריכן צו מערען... ער האָלט אים, הייסט עס, פאַר צו שוואַך און נישטיק צו אָנהויבן מיט די הענט, ווי מיט אַ גלייכן, הויבט ער אָן מיטן געזעס...

באַפרייט פון דער קהלשער כוואַליע, וואָס האָט אים אָקאָרשט גע־וואָרפן אַהין און אַהער און נישט געלאָזן צוצוקומען צו דער כאַליאַזווע, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיין וואַפן ווי אַ באַנומענער. אָבער אָנצילן זיך מיטן געצויגעגעם מעסער אין פּאַנדרעס אַ שוואַכע שטעלע איז געווען נישט אַזוי לייכט. וואָרום פּאַנדרעס אויבערטייל פון גוף האָט זיך געשאָקלט מיטן גאַנצן עולם צוזאַמען, אָקעגן דער חורבה־וואַנט, ווי אַן אומרו פון אַ גרויסן זייגער. און קושקעס אָרעם האָט אויך געציטערט פון אויפרעגונג... און דאָ דאַרף מען דערלאַנגען איין מאָל און נישט איבערחזרן; נישט לאָזן דעם „אָסטראָזשניק“ קומען צו זיך...

דערפילט פּאַנדרע, אין וויגן זיך אויף איין אָרט, אַז הינטער אים

איז געוואָרן פרייער. די סכנה פון הינטן איז אַוועקגעשטויסן געוואָרן. נאָר זי איז ערגעץ־ווו דאָ נאָענט, גאָר נאָענט. דאַרף מען קודם כל וואָס גיכער אָפּפּטרן די וואַנט...

פאַרדאַפּלט ער די כוחות און גיט אַ ריס דעם קאַנאַט איין מאָל און צוויי מאָל. און מיט יעדן ריס, ווי האַמער אויף האַמער, איבער אַ ריזיקער קאָוואַדלע, גיבן אַ זעץ די קהלשע כוחות הינטער אים, גיסן זיך צוזאַמען מיט זיין גבורה און דערשיטערן אַזוי דעם לעצטן ווידער־שטאַנד פון דער איינגעשפּאַרטער וואַנט. זי שאָקלט זיך שוין צו אים אַ קרעכצנדיקע, אַ האַלב־באַזיגטע און סטראַשעט מיט פוסטע פענצטער־לעכער. ס׳הייסט: „אויב שוין אַנידערפאַלן, איז מיט דיר צוזאַמען!...״ מוז מען זי האַלטן אויפן אויג און מיט דעם צווייטן אויג זוכן קושקען, וווּ ע ר איז דאָ אַהינגעקומען מיטן רויטן פייערל אין קוק.

זוכנדיק אים אַזוי, אינעם שטויב און געפּילדער פון צעכראַבּרעטע מאַנסביל און קוויטשנדיקע ווייבער, דערכאַפּט פאַנדרע, מיט איין אויג, אויפן אַנטקעגנדיקן גאַנעק פון דעם רבס מויערל, דעם בלייכן אויסגע־צוואָגענעם פּנים פון רב — ר׳ ישיעלעס איידעם, און די פאַרקרימטע איידעלע צורה פון דער יונגער רביצין אונטער פאַריק. עס טוט זיי, ווייזט אויס, ווי ביז צום וויינען, וואָס צוליב זיי און זייער טובה־וועגן איז אויסגעבראָכן אין מיטן העלן טאָג אַזאַ האַרמידער מיט אַזאַ סכנות־נפשות. דאָס גיט פאַנדרען צו אַ באַזונדער מוט און אַנטשלאָסנקייט צו פאַרענדיקן וואָס גיכער די אומזיסטע ענויים און האַרץ־קלאַפּעניש פון אַזעלכע טייערע יידן. פאַרגעסט ער אין גאַנצן אויף זיך און וואַרפט אַריין זיין גאַנצן כוח ווי אין אַ פּלעט אַריין. געווינען אָדער פאַרשפּילן. און וואָס עס מוז זיין — זאָל זיין...

עס גיט אַ מוראדיקער קראַך אַקעגן אים. ער פּאַספּעיעט נאָר צו באַמערקן, אַז די אויבערשטע האַלבע וואַנט פון חורבה האָט זיך אַ בוק געטאָן אַראָפּ און פּליט, ווי אַן אַראָפּגעריסענער דאַך, איבער די קרום־אָנגעשטעלטע בערוועגע־שפּאַרעס. פּונקט ווי די ליימערלעך האָבן לכתחילה אויסגערעכנט. און אין דער זעלבער מינוט, ווען דער אויבערשטער טייל פּראַלט אַראָפּ איבער די שפּאַרעס, פאַלט דער אונטערשטער טייל וואַנט אַריין א ו נ ט ע ר זיי. ווי אַ מין גרויסער שטיינערנער ספר, וואָס פאַרמאַכט זיך פון שטורעם, אַזוי קלאַפּן־צוזאַמען מיט דונער און שטויב־וואָלקן, איין האַלבע וואַנט אַקעגן דער צווייטער העלפט. אַלץ ווי די ליימערלעך האָבן אויסגערעכנט.

נאָר איין זאַך האָבן זיי נישט אויסגערעכנט. זיי האָבן בפירוש נישט געקענט אויסרעכענען, אַז אַ טייל פון די אונטערגעשטעלטע שפּאַרעס, וואָס שקלאָווער זעגער האָבן געשענקט צוליב אַזאַ קהלשע מצווה, זענען צוגעלעגן, פון טשערוואַטאָשיגע דורכגעלעכערט און וועלן נישט אויס־האַלטן דעם אָנפּראַל פון דער גרויסער וואַנט־משא, פון קהלשע כוחות און פון פּאַנדרעס שטורמישער גבורה. האָבן זיי טאַקע אײן אײן אָרט נישט אויסגעהאַלטן; אַ ביסעלע לינקס פון פּאַנדרען, דאָרטן, ווו קושקע בראַנד איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן, האָבן זיי זיך איבערגע־בראָכן מיט אַ הילך פון איבערגעטריקנטע פּוסטע העלצער. און ווי אַן אויפגעריסענע שטיק הרעבליע געלאָזן דורכשפּרינגען אַ גאַנצן שטראָם פון גרויסע און קליינע שטיקער ציגל און וואַפּנע. ביזקל די אַקעגנדיקע הייזער האָבן זיי דערגרייכט.

אינעם שטויב־וואָלקן, אינעם קראַך פון געשפּאָלטענע העלצער, צע־קנאַקטע ציגל און טינק גיט עפּעס אַ שימער פּאַר פּאַנדרעס אויגן. אַ דריי־פּודיקער צוזאַמענגעהאַרטעוועטער שטיק פּליט, ווי אַן אונטערגעשאָסענער רויב־פויגל, גלייך אויף אים. כדי דאָס אויסצומיידן, גיט זיך פּאַנדרע אַ וואָרף אַן אַ זייט און דערפילט, אַז זיין אַרבל טרענט זיך, מיט אַ גע־וואַלד ריס ביים סאַמע פּלייצע. אימיצער האָט דעם אַרבל געהאַלטן איינ־געקלעמט ווי מיט צוואַנגען. אין דער זעלבער סעקונדע וואַקסט אויס אַקעגן אים קושקע בראַנד, וועלכן ער האָט געהאַט פאַרלוירן פון אויג. אָן אַ היטל דערשיינט קושקע, מיט צעשויבערטע פּעקלעך געלע האָר פוןביידע זייטן פּליך, מיט משוגע־אויפגעריסענע אויגן, מיט פּאַרסקאַליעטע ציין. מיט אַ גרויסן מעסער צילט ער אים אין ליגקן שלייף. ער איז אַזוי באַנומען, קושקע, אַז אים אַרט אַפילו נישט די סכנה פון דער קראַכנדיקער וואַנט. טויב איז ער און בלינד צו אַלץ אַרום און אַרום. אין די רויטע אויגן ברענט נאָר איין אומענדלעכע שנאה, איין ווילדער געדאַנק: „אַ טויט מיר און דיר!...”

אָפּוואָרפנדיק דעם קאָפּ אָן אַ זייט, פּאַספּעיעט נאָך פּאַנדרע קורץ און הייזעריק אַ בריל צו טאָן:

— קושקע, לויף!...

און נישט פּאַרלירנדיק קיין איינציקן צאָל באַוועגונג אומזיסט, ווי אַלע מאָל בשעת ער איז אין גרויס געפּאַר, ציט פּאַנדרע אויס זיין וואָרף־טאָן דעם קאָפּ מיטן גאַנצן קערפּער נאָך רעכטס, דאָרטן, ווו לויט זיין השערה זענען די בערוועגע־שפּאַרעס גאַנץ געבליבן און דאָס פעלד פון

די פליענדיקע ציגל איז קירצער. אַ האַסטיקער צי נאָך רעכטס, אַ וואָרף דעם נאַקן און די פּלייצעס און אַ דריי זיך אויס, ווי פון אונטער אַ מורא־דיקן שליאַבאַם, וואָס פאַלט אַראָפּ, און אַ לאָז איבער דעם אויפגעטרענטן אַרבל אין קושקעס פאַרקראַמפּטער לאַפּע. אַזוי מיידט ער אויס דעם אָנגעצילטן מעסער און פליענדיקן שטיק מויער צוזאַמען. ער ראַטעוועט זיך און פילט מיט מוטנעם שרעק, אַז קושקעס האַמעטנער גוף דינט אים דערביי, ווי אַ ווייכער פאַנצער אַקעגן דעם שווערן שטראָם ציגל, וואָס האָט זיך דאָ דורכגעריסן... אַלע איבעריקע פּרטים ווערן פאַרשווומען אין גע־ברום פון דער איבערגעבראָכענער חורבה־וואַנט, אין ווייבערישן קוויטש, אין געלויף פון אַ סך פיס.

און נישט איין מאָל, שפּעטער מיט יאָרן, נאָכדעם וואָס איז דאָ געשען, ווען פאַנדרע האָט זיך איבערגעלייגט אַלע קלייניקייטן פון אַזאַ מוראדיקן מאָמענט, האָט ער זיך גאַנץ קלאָר פאַרגעשטעלט, אַז ווען נישט קושקעס אָנגעצילטער מעסער, וואָלט ער, פאַנדרע, זיך נישט אַזוי האַסטיק אַ ריס געגעבן פון אָרט. ער וואָלט זיך בכלל נישט פאַנאַנדערגעקליבן, צי מען דאַרף לויפן רעכטס, צי לינקס. און דאָס וואָס איז געשען מיט קושקען וואָלט געוויס געשען מיט אים אַליין. ס׳איז אַ גאָט־זאַך.

און קושקע? קושקע אַליין מיט פאַנדרעס אַרבל אין איין האַנט גיט וואָגיק אַ פּאָר אַריין אין פאַרהאַסטן, מיט בלוט און גבורה אָנגעגאָסענעם האַלדז. נאָר אָנשטאָט אַריינצוטרעפן אין אַ ווייכן לייב, גיט זיך דער שפּיץ מעסער אַ זעץ אָן אַ שטיק פאַרהאַרטעוועטע ציגל און וואַפּנע און שפּרינגט אַוועק. און ער אַליין גיט אַ פאַל אויפן פּנים און ציט זיך אויס. דאָס, וואָס איז פריער געשען ביי מערען אין פירהויז, האָט זיך דאָ איבערגעחזרט. דער זעלבער טערעבענץ איבער קאַרק, ווי ביי מערען אין פירהויז. נאָר דאָ איז די שייט האַלץ צען מאָל אַזוי שווער און שפּיציק און מערע איז צען מאָל אַזוי שטאַרק... זי באַגנוגנט זיך נישט מיטן באַטויבנדיקן טראַסק אַליין. זי באַראַבאַנעוועט אים איבערן גאַנצן גוף מיט אַ סך, אַ סך קולאַקעס... און יעדער קולאַק איז אַזוי שווער ווי אַ ציגל. ביזקל ביין דערגייט יעדער שלאָג. אַצינד שטיקט זי אים מיט איר גאַנצן ריזיקן גוף. אויפן רוקן זיצט זי ביי אים, אירע שפּיציקע בריסט זענען צעפּלאַשעט, ווי דער געדיכטער שטויב פון ציגל און וואַפּנע. אַזאַ מכשפה!

— האַ־האַ־האַ! — אַזוי לאַכט זי און בויגט זיך אַראָפּ צו זיין אין בלוט איינגעגנורעטן פּנים. איר געלעכטער איז גראָב ווי שפּרינגענדיקע

שטיקער מויער און אירע צייגער רויטלען זיך ווי ציגל אין וואַפּנע־רעמע־לעך. גלוסט זיך אויך קושקען אַ לאַך טאָן מיט ביטערן יאוש און קען נישט. אַ מוראדיקע יצר־הרעדיקע זיסקייט, אויסגעמישט מיט שאַרפּע ווייטיקן, צעגיסט זיך אים איבערן הוט־השדרה. נישטאָ קיין אָטעם. שוואַ—רץ — — — — — —

און ערגעץ־ווו אַרויף שול־גאַס לויפט שוין חיה־שרהקע מיטן לאַנ־גינקן פּעקעלע אויפן אָרעם. פריער פּאַר אַלעמען לויפט זי מיט באָרוועסע פיס און זאָגט אָן די שלעכטע בשורה אין די אָפענע פענצטער. און אַ משו־געגנע שמחה קייכט ביי איר אין בולטן מויל:

נאָכן קושקע מיט זיין דושקע,
איכאַ, איכאַ־כאַ!

די חיה שרייט אין מערען

.1

„...הקיצור, איינגעפאַלן און באַדעקט אַלעמען. ווער ס'איז נאָר גע־שטאַנען צו נאָענט. ווער ס'איז דעמאָלט, נישט היינט געדאַכט, אַוועק מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ, ווער אָן אַ נאָז, ווער אָן אַ באַק, נאָר איינער איז מער אין גאַנצן נישט אַוועק..."

אין אַ בייזער שעה האָט דאָס לייבעצקע גאָרגל דער עלטסטער פון די ליימערלעך, געמוזט אַרויסרעדן. וואָרום דאָס אַלץ, מיט וואָס ער האָט, מיט אַ טאָג פריער, אָנגעשראָקן די זיידענע פּוסטאָפּאַסניקעס, איז היינט מקוים געוואָרן. איינפאַלנדיק, האָט ר' ישיעלעס חורבה־וואַנט צעבלוטיקט אַ סך קעפּ און נעזער. דער שקלאָוווער פּערשעל האָט געהאַט אַרבעט ביז פאַרנאַכט. און איינער איז מער אין גאַנצן נישט אַוועק. קושקע בראַנד איז געווען דער „איינער".

האָט דערפאַר לייבעצקע דער ליימער געהאַט האַרצקלאַפּעניש; גע־מיינט, אַז ער איז שולדיק. אַ ייד דאַרף נישט האָבן קיין צו לאַנגע צונג. מען פּראַוועט נישט קיין ליצנות ביי אַזאַ געפערלעכע מלאכה. מען ווייזט נישט דעם טייוול קיין דרך...

און צוריק קלערנדיק — האָט דאָ אפשר אויך זיידע וואָיטעק אַ חלק... די פּיפקע, די פּיפקע זיינע! פּונקט ווי משה־לייב דער פּאָדריאַטשיק האָט ער זיך דאָ צערויכערט... נישט אומזיסט, הייסט דאָס, האָט אים, לייבעצקען, אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן דערזעענדיק וואָיטעקס פּיפקע. און כך הוה! וואָס עס איז געשען אויף רישקאָקי מיט צען יאָר צוריק, איז אויך דאָ געשען. דאָרטן — משה־לייב דער פּאָדריאַטשיק, דאָ — נישט מיר נישט דיר —קושקע בראַנד.

קאַלעמוטנע אויפן האַרצן איז אויך געווען פּייוועקן, אוריס חדר־ייִנגל. נישט טויט, נישט לעבעדיק, איז ער אַנטלאָפן אַהיים באַלד נאָכן אומגליק;

צו מומע פייגעס וואַרעמעס נישט צוגעריירט זיך. ער, נישט קיין אַנדערער ווי ער, איז דאָ שולדיק! די צונג, די צונג זיינע!... נאָכן אַוועקיאָגן אים פון די שלעפּ־שטריק האָט ער דאָך געשאָלטן, אַז... מ׳זאָל געהרגעט ווערן!.. און אָט איז מען געהרגעט געוואָרן!...

זיידע וואָיטעק איז אָבער געווען זיכער, אַז נישט קיין אַנדערע, ווי חיה־שרהקע די משוגענע, האָט דאָ צוגעדינט. זי, אַ בייזער יאָר אויף איר! — האָט דאָך געהאַלטן אין איין אונטערזינגען „נאָכן קושקע מיט זיין דושקע...״ און ס׳האָט נאָך אין שקלאָוו נישט פּאַסירט, אַז חיה־שרהקעס געזאַנגעלע זאָל אימיצן נישט מזיקן. אך, אך! באַצייטנס געדאַרפט אַוועק־טרייבן זי פון ר׳ ישיעלעס חורבה. נישט געדאַרפט דערלאָזן. גיי, שלאָג זיך מיט אַ משוגענער! פונדעסטוועגן... אַך, אַך!... האַרט לעבן אים האָט זי דאָך די גאַנצינקע צייט געפּאַנפעט און ער — גאָרנישט. געשטאַנען און געפּיפּקעט.

ווער ס׳האָט זיך געגומען דאָס לעבן מער ווי אַלע, דאָס זענען געווען דער מתנגדישער רב, ר׳ ישיעלעס איידעם, און צערטל — די איידעלינקע רביצין זיינע. פּאַר זייערע אויגן איז געשען אַזאַ זאַך. און דורך וועמען? דורך ז י י ע ר ח ו ר ב ה. די ירושה פון ר׳ ישיעלען, עליו־השלום, האָט גורם געווען יידיש בלוט זאָל פאַרגאָסן ווערן!... מ׳האָט זייביידן געמוזט מינטערן.

געקומען צו זיך — איז דאָס ערשטע, וואָס דער שמש האָט דערהערט פון רב, געווען אַ פאַרשטיקטער יאָמער, ווי פאַר די תקיעות אונטערן אַראָפּגעלאָזטן טלית:

— מ׳עט גוזר־תענית זיין!

ווי אַ בליץ האָבן זיך דעם רבס ווערטער צעטראָגן איבערן שטאָט. אַ חושך איז אָנגעפאַלן אויף די פרומע מתנגדים. נאָר די חסידים פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, אָנהענגער פונעם חסידישן מורה־הוראה, זאָל לעבן, זענען געווען אַ ביסל קילער. זיי האָבן נאָר געגומען שמעקן טאַבאַק מיט האַרץ, הויבן מיט די אַטלאַסענע פּלייצעס, קוקן מיט אַ ווינק אייגער צום צווייטן: אַ תענית גאָר? פאַר גאַנץ שטאָט? המ... מיר האָבן דאָך געלערנט אין גמרא, אַז... „די, וואָס טוען אַ מצווה ווערן נישט געניזוקט״ (שלוחי מצוה אינם נזוקין). הייבט ווי אַזוי זענען דאָס יידן געניזוקט געוואָרן ביי טאָן אַזאַ מצווה? טרייבט מען, ווייזט אויס, איבער ר׳ ישיעלעס גדלות, עליו־השלום. דורך זיין חורבה איז דאָס געשען...

האָבן דאָס דערהערט די מתנגדים פון דער קאַלטער שול, די לייב־גוואַרדיע פון דעם רב, זאָל לעבן, זענען זיי אַריין אין גרימצאָרן:

— שיכורים, זיידענע גאַרטעלעך, נאַסע פּאותלעך! האָט דאָך טאַקע ר׳ ישיעלע, עליו־השלום, נישט געוואָלט, בשום־אופן נישט געוואָלט איינוואַרפן זיין אָפּגעברענטן מויערל. נישט איינוואַרפן, נישט איבערבויען. ספרי־תורות זענען דאָרט פאַרברענט געוואָרן בשעת דער גרויסער שריפה. האָט ער דערפאַר נישט דערלאָזן... איז דאָך גאָר אַ פאַרקערטע ראיה, אַז זיין וואָרט איז געווען פייער. אש־להבה. אָט האָט מען אַ טשעפּ געטאָן די חורבה, איז געוואָרן חושך...

צו פּעטש איז עס שיעור געקומען.

האָט זיך גאַנץ שטאָט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ און אויסגעגאָסן דעם כעס צום נייעם פּריסטאַוו, צו זיין קאָפּ און לייב און לעבן! דורך אים, דורך אַזאַ צורר־היהודים, הייסט דאָס, איז געקומען צו אַזאַ תוכחה אויף די פּריוויליקע איינרייסער פון ר׳ ישיעלעס וואַנט, אויף קהלשע מצווה־טוער. וואָס וואָלט אים, אַ שטייגער, געאַרט, דעם ערל מיט די קנעפּלעך, די חורבה זאָל בלייבן שטיין ווי זי איז געשטאַנען? ס׳איז דאָך נישט קיין ביין אין זיין טרפהנער האַלדז!

אַז עטלעכע אונטערגעשפּאַרטע סלופּעס זענען געווען אַנגעפּוילט און נישט אויסגעהאַלטן דעם אָנפּראַל פון דער וואַנט און פון מענטשלעכע כוחות, דאָס האָט קיינער נישט געוואָלט וויסן. אַז אַ העלפּט ציגל האָט זיך אַזוי אַרום דורכגעריסן און געפּלעטט מוחות — אויף דעם האָט קיינער נישט געקוקט. איין מאָל פאַר אַלע מאָל:

— הענט און פיס, רבונו של עולם, זאָל זיך דער פּריסטאַוו ברעכן, אַזוי ווי קושקע האָט זיך געבראָכן!

גאָר אַנדערש, אַנדערש ווי אַלע, האָט אָפּגעשאַצט די זאַך „מאָדיע מיטן אמת״. ער האָט זיך אָקאָרשט, מיטן פאַרעכאָד, אומגעקערט פון מאָהליוו, ווו ער האָט גענומען אינסטרוקציעס נאָכן אַרעסט פון האַצע קירזשנער, ווי ווייטער צו פירן שקלאָווער חברה ציציליסטן. דערהערט פון זיינע חברים, ביים ברעג דניעפּער, וועגן דער מעשה מיט צעשפּאָלטענע קעפּ און מיט קושקען האָט ער אַזוי געזאָגט:

— דעם אמת, חברים, מוז איך אייך זאָגן. אַן אַלטע וואַנט איז איינגעפאַלן, כדי אָפּצוראַמען אַן אָרט פאַר עפּעס נייעס. איז דערביי געניזוקט געוואָרן אַ ביסל „אַלטוואַרג״. עס מאַכט נישט אויס, חברים! אַזוי דאַרף זיין!

האָט מען זיין קורצע דרשה אויסגעהערט מיט אויפגעריסענע אויגן און אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געטראַכט זיך: אַז דאָס שניידט ער זיך, „מאָדיע מיטן אמת״, אויף האַצע דעם הינקענדיקנס דרך. מיט זיין לשון וויל ער רעדן. האַצע, דאַכט זיך, און, פונדעסטוועגן, פאָרט נישט האַצע.

מלא־שמחה פון דער גאַנצער בלוטיקער געשעעניש איז געווען נאָר איין איצקע, איצקע דער משוגענער. געכיכיקעט האָט ער, געצויגן דאָס דראָטענע בערדל פון אונטן אַרויף, געשפּייט און אַרומגעקוקט זיך צי קיינער הערט נישט. הסר־דעה ווי ער איז געווען, האָט ער פונדעסטוועגן מורא געהאַט, ווי אַ קלאָרער, מ׳זאָל זיך נישט דערוויסן פון זיין הנאה און געבן קלעפּ. אַהאַ! די חורבה אַליין האָט זיך פאַר אים אָפּגערעכנט. אַהאַ! נישט פאַרגונען איצקע זאָל פאַרברענגען זיינע נעכט אין ר׳ ישיעלעס חורבה? נישט פאַרגונען איצקע זאָל שפּריגען ווי אַ קאָזיאָל פון די פּוסטע פענצטער, איבערשרעקן דינסט־מיידלעך? פאַרקלאַפּט אַלע לעכער מיט ברעטער? איז נאַט אייך, כי־כי־כי! נאַט אייך!...

.2

אָבער אויסער „מאָדיע מיטן אמת״ און איצקע דער משוגענער, זענען נאָך דאָ, געלויבט דער אויבערשטער, געגנוג ווייכע הערצער אין שקלאָוו. בשעת די קצבים האָבן קושקען, אַ גוסטדיקן, אַוועקגעטראָגן אין דער יידישער באָלניצע, האָבן פרומע און נישט פרומע נאָכגעשאָקלט מיט די קעפּ:

— העז, אַ מענטש האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר אַ קהלשער זאַך! און אָט...

אמת, אינעם גרויסן רעש פון אַנטלויפן און קוויטשעריי פון ווייבער, בשעת די וואַנט איז איינגעפאַלן, האָט קיינער נישט געזען, ווי אַזוי קושקע בראַנד האָט דאָ „געהאָלפן״. אַז זיי וואָלטן געזען, וואָלטן זיי אפשר גערעדט נישט בעסער פון מאָדיע דעם „ציציליסט״.

אמת, אונטער די שווערע, פאַרבלוטיקטע שטיקער ציגל און וואַפּנע, אַרום קושקען, האָט מען געפונען אַ מעסער מיט אַ פאַרבויגטן שפּיץ, נאָר קיינעם איז אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז ס׳איז קושקעס. אפנים ביי אַ בעל־מלאכה פון שייך אַרויסגעגליטשט זיך... מ׳האָט נאָכגעפרעגט ביי די ליימער, ביי די קצבים, ביי קוליע דעם בלעכער. אָבער אַלע האָבן זיך מיט אַ שפּלדיקער מינע אָפּגעשאָקלט פון דער מאָדנער מציאה.

אמת, איין קושקעס פאַרקראַפּטער לאַפּע האָט מען געפונען אייגגע־ קלעמט אַן אָפּגעטרענטן גראָבן אַרבל. מ׳האָט דאָס ביים גוססדיקן נישט געקענט אַרויסציען פון צווישן די צעקרימטע פינגער. דער אָנגעלאָפענער דאָקטאָר חישין האָט אָבער נישט דערלאָזן צו טאַרמאָשען צופיל אַזאַ שווער פאַרוואונדעטן. און אַזוי, מיטן פרעמדן אַרבל אין פויסט, האָט מען אים אַוועקגעטראָגן אין דער יידישער באַלניצע.

איין נח פאַנדרע וואָלט אפשר יאָ געקענט דערציילן וועמעס אַרבל דאָס איז. ער וואָלט געקענט דערציילן, אַז די מצווה, וואָס קושקע האָט דאָ געטאָן, האָט געהאַט אַ גלאַנץ פון אַ מעסער און פון בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. נאָר גראָד ער האָט זיך נישט אָפּגערופן. נישט געשטופּט זיך צווישן די נייגעריקע און נישט דערציילט. זיין נאַטירלעכע עניוות האָט אים נישט דערלאָזט צו געבן, הויך אויפן קול, געזעגנט דעם מוראדיקן פסק וואָס דאָ האָט געטראָפן קושקע בראַנד — זיין דם־שונא. פאַרקערט, ער איז ביי זיך געווען שטאַרק אַראָפּגעפאַלן, וואָס דורך זיין אַריינוואַרפן די גאַנ־ צע גבורה, אינעם לעצטן ריס טאָן דעם קאַנאַט, איז די וואַנט צו גיך און צו שטורעמדיק איינגעפאַלן און אָפּגעטאָן אַזעלכע מעשים. און צו־ זאַמען מיט דער נאַטירלעכער פרייד, וואָס ער אַליין איז ניצול געוואָרן, סיי פון קושקעס מעסער, סיי פון דער איינגעפאַלענער וואַנט, האָט זיך אים אַלץ געדוכט, אַז ער איז דאָ עפּעס שולדיק.

ווי אַן אַראָפּגעקייקלטע שווערע וואָג ביי אַן אָפּגעריסענער וואָגשאָל, אַזוי האָט זיך פאַנדרע דערפילט צווישן די הורבעס ציגל און וואַפּנע. אַזוי האַמעטנע, און איבעריק, און אומגליקלעך האָט ער זיך דערפילט. וואָס האָט ער דאָ נאָך צו זוכן צווישן די שפּרינגענדיקע, קוויטשענדיקע, זשוואַווע יידעלעך ? די גאַנצע פרייד פון געבן הילף און זיך מוסר־נפש זיין האָבן זיי שוין ביי אים אָפּגענומען. אַציגד קען מען זיך שוין באַגיין אָן אים...

האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויפן אָפּגעריסענעם אַרבל און אויפן גאַנצן זשעדנעם טומל אַרום די געניזוקטע, וועלכער איז אים מיט אַמאָל געוואָרן פרעמד און פריקרע ; און פאַרשעמט, ווי אַ גרויסער פאַרזינדיקטער יינגל, פאַוואָלינקע אַרויפגעכאַפּט זיך אויף זיין ליידיקער פאַדוואָדע און אַ טרייב געטאָן דאָס אויסגעליגענע שוואַרצע פערדל. דעם פערדס ליטקעס האָבן זיך צעטאַנצט פאַר זיינע בלאָנדזשענדיקע, מיט שווייס־ פאַרגאָסענע אויגן. שוואַרץ אויף דער נשמה איז אים געוואָרן פונעם פערדס זאָדעק. אָט וואָס עס לאָזט זיך שטענדיק אויס פון זיין גוטן

ווילן, פון זיין סטאַרען זיך פאַר קהל!... איין מערע, זיין ווייב, וועט אים אפשר פאַרשטיין. צו איר מוז ער אַצינד לויפן, מיט איר מוז ער זיך טיילן, דערציילן איר אַלץ וואָס ס'איז מיט אים דאָ געשען. ווי אַ חדר־ייִנגל איז ער אַפילו גרייט מקבל באהבה זיין מערעס פסק, דערפאַר, וואָס ער קריכט שטענדיק אין סכנות און טוט זיך אַליין אָן די גרעסטע צרות און פאַרגעסט אויף זיין ווייב און היים. מיט פאַרגעניגן וועט ער לאָזן פאַלן אַלע אירע שטעכיקע ווערטער איבער זיין קודלאַטן, מיט ציגל און וואַפנע פאַרשטויבטן קאָפּ, אַבי זי זאָל אים דערנאָך אויסהערן וואָס צווישן אים און קושקען איז היינט פאַרגעקומען, און זאָל זי אים באַרואיקן און זאָל זי אים אַראָפּנעמען אַ שטיין פון האַרצן. דערנאָך... דערנאָך מעגן זיך שוין אַלע דערוויסן. אויב מערע וועט זאָגן יאָ — מעגן זיך אַלע דערוויסן.

פונעם געדאַנק אַליין ווי אַזוי ער, פאַנדרע, וועט באַלד ווערן קליין און שוואַך לעבן מערען זיין ווייב, ווי אַ פאַרזינדיקטער דרדקי־ייִנגעלע, און ווי אַזוי מערע וועט אויסוואַקסן, גרויס און קלוג, ווי אַ מאַמע, אַפּריער בייז, דערנאָך גוט — פון דעם אַליין איז אים געוואָרן לייכטער.

נאָר צו אַ ז אַ אויסרעדן זיך דאָס האַרץ, ווי פאַנדרע האָט זיך פאַרגעשטעלט, איז בכלל נישט געקומען.

.3

שוין דערנענטערנדיק זיך, מיט דער שווערער פאַדוואָדע, צו דער שטוב, איז פאַנדרען געוואָרן קשה, וואָס מערע לויפט אים נישט אַנט־קעגן. וואָרום באַלד נאָכן קראַך פון דער וואַנט האָט זיך פונאַנדערגע־טראָגן אַ קול איבער דער שטאָט, אַז סאיז געשען אַ גרויסער אומגליק. האָבן זיך פון אַלע טירן אַרויסגעשאָטן ווייבער מיט בריהש־פאַרבונדענע קאָפּ־טיכלעך און מיט פאַרטוכער און געלאָזן זיך לויפן זוכן זייערע מענער. מ'איז געלאָפן צו ר' ישיעלעס חורבה, אויף דער שול־גאָס, פאַרביי פאַנדרעס פאַדוואָדע, און, לויפנדיק און קייכענדיק, געפרעגט וואָס דאָרטן איז געשען. מ'האָט אָנגעכאַפּט וועמען מ'האָט באַגעגנט. אויך פאַנדרען האָט מען געוואָלט פאַרהאַלטן. נאָר פאַנדרע האָט זיך נישט געלאָזן. ער האָט זיך געאײַלט אַהיים. טרייבנדיק מיט פינצטערן אימפּעט זיין פערדל, האָט ער דער אָדער יענער ייִדענע פון וואָגן־אַראָפּ צוגעוואָרפן:

— אַזוי אַלעמען — גאָרנישט, נאָר קושקען...

— וועלכן קושקען? וועלכן?

— קושקע בראַנד!

מיטן מויל האָט פּאַנדרע אַראָפּגעברומט צו די פּאַרסאַפּעטע יידענעס, מיט די הענט געפּאָכעט און געצויגן די לייצעס און מיט די פּאַרשעמטע אויגן געזוכט מערען.

נישטאָ מערע.

אַפילו ווען ער איז שוין צוגעפּאָרן מיט דער פּאָדוואָדע צו דער שוויגערס הייזקע, איז אים מערע אַלץ נישט אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן.

האָט ער שוין דערפילט, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק.

באַדעקט מיט וואַפּנע און ציגל־שטויב, פּאַרשוויצט און אָן איין אַרבל, ווי אַ צוריקגעקומענער פון אַ פּאַרלוירענער שלאַכט, אַזוי האָט זיך פּאַנדרע אַריינגעמאַכט אין שטוב. און כך הוה: ווי נאָר ער איז איבערגעטראָטן דעם שוועל, אַזוי האָט ער דערזען מערען ביים קאָכשטוב־טישל, דער פּנים איינגענורעט אין פּאַרוואָרפענעם אָרעם, און כליפּעט. דער אויזון איז ערשט קוים פּאַנאַנדערגעהייצט... אַבי ער, נח, איז געווען זיכער, אַז ער קומט צו שפּעט צו וואַרעמעס און מערע וועט דערפאַר זיין ברוגז.

— מערע, מעריינעלע... — האָט ער גענומען שטאַמלען — זע... וואָס איז מיט דיר?

מערע האָט שווער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. און מאַן און ווייב האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אויסגעלופּעטע אויגן. מ'האָט זיך קוים דערקענט. וואָרום מערעס פּנים און האַלדז און פּאַרקאַטשעטער אָרעם זענען געווען באַדעקט מיט בלויע צייכנס, די פּאַרווייניטע אויגן אונטערגעשלאָגן. און פּאַנדרע, אָן איין אַרבל, מיט מוטנע און בלאָנדזשענדיקע אויגן און מיט ריטשקעלעך שווייס אויסגעמישט מיט ציגל־שטויב אויף די באַקן — איז אויך געווען נישט שענער:

— נח! — האָט מערע שטיל אַ געשריי געטאָן — מיט... מיט קושקען געשלאָגן זיך?

פּאַנדרע איז געבליבן שטיין פּאַרגאַפּט און געשוויגן.

— זאָג, זאָג! — שרייט מערע.

— זע... און וואָס איז דאָס? — ווייזט נח אויף אירע בלויע צייכנס.

שרייט מערע נישט צו דער זאַך:

— אָנגעפאַלן אויף דיר מיט אַ מעסער?

שטאַמלט פּאַנדרע:

— פון וואַנען ווייסטו?

— איך, איך ?... — כליפּעט מערע מיט אַ צעקרימטן שמייכל — פון וואַנעען א י ך ווייס ?

און נאָך די ערשטע פאַרפּלאָנטערטע שטאַמל־ווערטער, ווו איינער האָט נישט געענטפערט אויפן צווייטנס שאלה און איינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער צווייטער רעדט, האָט מערע דערציילט, כליפּענדיק און פאַרלירנדיק דעם סדר דערציילט: וואָס קושקע בראַנד האָט זיך דאָ היינט פּרי פאַרמאָסטן אָפּצוטאָן מיט איר, ווען זי איז געווען איינע אַליין, אין בלויז העמד... ברוין און בלוי האָט ער זי געמאַכט, קושקע. נאָר דער שטיק אָפּגעשיילטער כאָמעט האָט זי געראַטעוועט פון זיינע לאַפּעס. אַט שטייט נאָך דאָ דאָס שטיק האָלץ, וואָס שאַיע דער רימער האָט אָפּגעבראַכט מיטן פאַרריכטן כאָמעט!... ווען נישט דאָס — וואָלט זי אפשר מער נישט געקענט זיין זיין ווייב. קושקע וואָלט זי... וואָלט אפשר גענומען זי מיט געוואַלד.

— מיט... מיט געוואַלד? — שטאַמלט פאַנדרע — וואָס הייסט?

נאָר גאָר פּלוצלונג גיט ער ווילד אַ קריץ מיט די שטאַרקע ציין.

— ווי קען מען נעמען מיט געוואַלד? כהע.. מערע סענדערס מיט געוואַלד...

— וואָס כהע? — קוקט אים מערע אָן.

— כ׳געדענק נאָך דיין פּאַטש, — מאַכט פאַנדרע אַ נישט שיינע מינע — אַט דאָ אין פּירהויז... ווען כ׳האָב דיך, פאַר דער חתונה, געוואָלט נאָר אַ טשעפּ טאָן...

— ער האָט געצויגן אַ מעסער, — ענטפערט מערע קאַלט און טרוקן.

— קעגן דיר אויך אַ מעסער? — שפּרינגט פאַנדרע אויף — וואַ־אָס?

— אויך? — מאַכט מערע צעשראָקענע אויגן — און אויף דיר?

— זאָלסט וויסן, — שרייט פאַנדרע רויט פאַר כעס און נישט ענטפערנדיק איר צו דער זאַך — זאָלסטו וויסן, אַז ס׳איז אויס קושקע! אַ מיאוסן סוף האָט געהאַט דיין קושקע! טאַקע זייער רעכט אויף דיין קושקען!

— מיין קושקע? — הויבט מערע באַליידיקט מיט איין פּלייצע — וואָס עפּעס מיינער? וואָס —

זי בלייבט אָבער שטיין אין מיטן וואָרט. אירע אונטערגעשלאָגענע אויגן עפענען זיך ברייט אויף. אירע ליפּן ווערן בלאַס און ציטערן:

— וואָס האָסטו מיט אים געטאָן? — שעפּטשעט זי — זאָג, זאָג!

— איך מיט אים? — פאַרקרימט זיך פאַנדרע — טפו!

— וואָס האָט ער מיט זיך געטאָן? — שרייט מערע פּלוצלונג אויף — זאָג, זאָג!

— האָסט זיך גוט דערשראָקן, וואָס? — אַזוי ציט נח אומישנע, און וווּנדערט זיך אַליין, וואָס אָנשטאָט פריערדיקער רחמנות אויף קושקען, פילט ער אַצינד נאָר אַ ברענענדיקע נקמה, — ר׳ ישיעלעס חורבה האָט אים „געטאָן״. אָט! הענט און פיס האָט זי אים געבראָכן...

— ער האָט זיך אומישנע אונטערגעשטעלט! — שרייט מערע — נח! אומישנע...

— ווי?... אומישנע? — קרימט פאַנדרע איבער — דו זעסט מיין אַרבל? פאַרוואָס פרעגסטו עפּעס נישט, ווו איז דער אַרבל?

— ווו איז ער? — פרעגט מערע ווי אַ פאַרגליווערטע.

— זיין מלאכה! אָט וואָס ער האָט היינט אָנגעראַבאָטעוועט, דיין קושקע...

און קייכענדיק מיט אַן אָפּגעריסענעם אָטעם און מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן, דערציילט פאַנדרע, וואָס ביי ר׳ ישיעלעס חורבה־וואַנט איז געשען.

מערע בלייבט זיצן מיט אָפענע שטאַרע אויגן. אין האַלדז איז איר טרוקן און ביטער. אַצינד איז זי טאַקע זיכער, אַז קושקע האָט זיך, אויף אַזאַ אופן, דעם לעבן גענומען. נישט שטעכן פאַנדרען איז דאָ געווען דער עיקר. ניין. זי ווייסט דאָס אַצינד אויף געוויס. זי פילט... ס׳איז נאָר געווען אַן אויסרייד פאַר זיך אַליין. אַז מ׳וויל אויף אַן אמת אימיצן הרגענען לאָזט מען דאָס נישט אויף דער לעצטער מינוט, גראָד דעמאָלט ווען די וואַנט פאַלט איין. אומברענגען זיך אַליין האָט ער געוואָלט.

גיט זי מיט אַמאָל הייזעריק אַ פרעג:

— ווי איז ער געשטאַנען צו דיר, נח? האָסט, דאַכט זיך, געזאָגט — מיטן רוקן צו דער וואַנט...

— וואָס איז דיר די נפקא־מינה?

— ס׳איז אַ גרויסע נפקא־מינה.

— ווי דו וואָלסט געווען דערביי — מאַכט נח — מיטן רוקן! אויף דער וואַנט האָט ער זיך אַפילו נישט אומגעקוקט.

— געצילט מיטן מעסער? געמאַכט שהיות?...

— יאָ, דאַכט זיך, אַז... אַז...

— איך בין שולדיק! — גייט פּלוצלונג מערע אַרויס מיט אַ בייעם געוויין — איך, איך!...

הויבט פאַנדרע מיט די פּלייצעס:

— איז וואָס־זשע האָסטו געזאָלט טאָן, מערע? לאָזן זיך...

— נישט געדאַרפט אים שלאָגן אַזוי, — צאַפּלט זיך מערע — נישט געדאַרפט...

4.

אַ קלאַג צום קרופּניק אין יענעם שפּעטן נאָכמיטאָג. ער האָט גאָר־נישט געהאַט יענעם טעם, אויף וועלכן פאַנדרע האָט זיך געריכט אַ גאַנצן פרימאָרגן, צוליב וועלכן ער האָט זיך אַזוי הרחבהדיק אָנגעפּלודערט היינט אינדערפרי, אָנגעשטיוולט זיך און אַזוי פריילעך געהאָרעוועט ביי דער פריצטע אין „הויפל״. נייך, דער מחיהדיקער טעם פונעם ערשטן כשר־פאַרדינטן קרופּניק, נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר אָסטראָג, האָט ער נ י ש ט געהאַט. נאָר עפּעס אַ ביטערלעכן בייגעשמאַק פון צעגאָסענער גאַל, ווי צוגעברענט פון אייפערזוכט... פאַנדרע האָט געלאָזן שטיין, כמעט פול, די טיפע באַלעגאָלישע שיסל. דעם שווערן לאַבן ברויט אין גאַנצן נישט אָנגערירט. ער האָט אַ וויש געטאָן די קליינע שוואַרצע וואָנסעלעך און פאַרטראַכט זיך:

— הייסט דאָס, האָט זי אים טאַקע געוואָלט?.. אַפילו היינט?...

און נאָך שאַרפער, נאָך בולטער, ווי היינט הינטערן באַרנבוים, נאָכן אָנשרייען פון זשאַנדאַרניק, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער וועט דאָ מער נישט קענען זיין, אַז ער וועט זיך דאָ שוין מער נישט קענען איינלעבן. און שעפּטעלע דעם גנבס ווערטער, אויפן מאָהליוועער שליאַך, האָבן אַזוי דייטלעך אָפּגעקלונגען אין די מאַטע אויערן...

„...ווו ווערסטו אַהינטאָן דיין כוח, פאַנדרע? אַציגד... נאָך דעם ווי מ'האָט דיר אָנגעטאָן די געברענטע צרות אומזיסט און אומנישט?... מיינסט אפשר, אַז דו וועסט אַציגד ווייטער קענען פירן די מערידאַלניקעס פ ו ן פאַרעכאַד און צ ו ם פאַרעכאַד? יידענעס מיט קאָשיקעס אַרומ־פירן און קוים דערהאַלטן די נשמה?... ס'איז נישט פאַר דיר, פאַנדרע! געדענק!״

— איז ער דאָך גערעכט, דער גנב! — שאָקלט צו זיך נח מיטן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ — עס גייט נישט מער. עס קלעפּט זיך נישט. איבערגעריסן די לייצע. מיט דער אייגענער מערען גייט עס נישט מער. עס סקריפּעט, ווי אַ נישט געשמירטער ראָד. אַוועק מוז מען פון דאַנען. אַוועק...

איז מען געזעסן יעדער אין זיין ווינקל און געשאָקלט צו זיך אַליין קוים־קוים, ווי בשעת אַ שטילן ווידוי־זאָגן. דער נישט דערגעסענער קרופּ־ניק שטייט אויפן טיש און קילט זיך אין דער ליימענער שיסל. פֿאַנדרע עסט נישט. און מערען, ווי עס ווייזט אויס, אַרט דאָס נישט. אייבער וואָרט דער צווייטער זאָל אים איבערבעטן. כאָטש קריגן האָט מען זיך, דאַכט זיך, נישט געקריגט. נאָר קיינער בעט נישט איבער.

— וואָס איז מיט איר געוואָרן? — ווערט ביי זיך פֿאַנדרע אומרו־איק — זינט דאָס קינד איז געשטאָרבן איז זי אויס מעגטש. אָט צו גוט, אָט צו שלעכט...

פֿון דער זייט האָט אויף איר פֿאַנדרע געקוקט, און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער דערקענט אין איר אַציִנד יענע חיה פֿון איר קינדער־ווידערדיקער פֿייערדיקער מיידלשאַפֿט, וועלכע האָט אים אַמאָל אַזוי גע־שלאָגן און צעבלוטיקט, בשעת ער האָט זיך געחתנט צו איר. געשלאָגן און צעבלוטיקט, אַמאָל — אים, היינט — קושקען. אינעם זעלבן פּירהויז... און וואָרפֿט זיך און שליידערט זיך נאָך. וואָס וויל זי אַציִנד?... אַ מאָדנע זאַך — אַזאַ נקבה ווי מערע. מ׳איז מיט איר קיינמאָל נישט זיכער, מיט סענדערס טאָכטער. שוין, דאַכט זיך, געהאַט אַ קינד, פֿאַרלוירן דאָס קינד — און גאָרנישט. טשעפּעט מען זי, אָט די חיה, איז זי קאַפּאַבל די אויגן אויסצוקראַצן. אַנטלויפֿט מען אַ צעמזיקטער — איז זי צערייצט?... פֿאַרוואָס איז זי צערייצט? דאָס בעסטע וואָלט אפשר געווען אַציִנד, אָט ווי ער שטייט און גייט, מיט דעם שטויב פֿון ציגל אין די האָר, אָן אָן אַרבל, מיטן איבערגעלעבטן דאָפּלטן טויט־שרעק, ביי ר׳ ישיעלעס וואַנט אַ... וואָרף צו טאָן אויף דער נישט פֿאַרבעטער בעט אָט די נישט צופֿריי־דענע חיה, און טאָן דאָס וואָס קושקע האָט געוואָלט טאָן, מיט הייסער גראָבקייט, מיט זידל־ווערטער, מיט נייע בלויע צייכנס אויף איר בלאַסן, נישט געזעטיקטן לייב. דאָס וואָלט זי אפשר באַרואיקט און זי וואָלט צוריק געוואָרן מערע, זיין מערע־מעריינעלע, זיין „צעפּצעכעלע״, זיין „פֿאַיעטאַנטשיק״...

נאָר ווער טוט אַזעלכע זאַכן אין מיטן העלן טאָג, ווען שטאָט גייט אויף רעדלעך און קושקע גייט אויס אין שפּיטאָל?...

באַצווונגען די חיה

1.

מיט גיכע און סמאָרענדיקע טריט, אַזוי ווי עס הילכן צושנאַפּערטע און צו גרויסע שטיוול, מיט אויסגעקרימטע אָפּצאַסן, איז אָנגעקומען זאַוול, קושקעס געוועזענער שמייסער. אין זיין אויסגעהונגערטן פּנים האָבן די שוואַרצע אויגן געגליט מיט פּאַרטאַיעטער נקמה. באַר ער האָט זיך, קענ־טיק, איינגעהאַלטן, כדי נישט אויסצושיסן זיין גאַנצע אויפרעגונג מיט איין מאָל און כדי הנאה צו האָבן פון דער נקמה ביסלעכווייז.

— נו? — גיט פּאַנדרע אַ פרעג, ווי גאָר ער האָט אים דערזען. וואָרום ער האָט דערקענט, אַז זאַוול איז אָנגעלאָדן מיט די „לעצטע נייעס".

— וואָס נו? — קוקט זיך זאַוול אום אויף מערען אין ווינקל, כדי צו זען, אויב זי איז אויך נייגעריק. אָבער מערע דרייט אַפילו דעם קאָפּ נישט אום. איינגעוויקלט אין איר שטוב־פּאַטשיילע זיצט זי און שווייגט.

דערפילט זאַוול, אַז די בייזוויליקע פרייד מוז מען דאָ אין גאַנצן איינהאַלטן.

— המ... — מאַכט ער כלומרשט גלייכגילטיק — כ'קום אַהער גלייך פון באַלביצע. די גאַס איז דאָרטן שוואַרץ פון מענטשן...

— נו, נו!... — שלעפּט אים פּאַנדרע פאַר דער צונג.

— וואָס, נו? — ציט זאַוול די ווערטער — מיט קושקען איז „פּלאָכע" (שלעכט). ער איז נאָך דערווייל נישט געקומען צו זיך. זעט אויס, זאָגט מען, ווי אַ פאַרבינטעוועטער פּאַק וואַטע מיט איין אויג און מיט אַ... האַלבן מויל, און פון מויל, נישט... נישט פאַר אונדז געדאַכט, גיסט זיך בלוט...

— און דער דאָקטאָר? וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

— איין דאָקטאָר? צוויי דאָקטוירים! ביידע דאָקטוירים פון שטאָט.

דער דאָקטאָר קראָל האָט שוין אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועקגעפאָרן. ער איז דאָך עפּעס אַ יחסן. האָט פּיינט אומזיסט צו היילן אַ נאַש־בראַט. דאָקטאָר חישין איז פּאָרט אַן אונדזעריקער... זיצט ער נאָך דאָרטן. נאָר זאָגן זאָגט ער אויך... אפשר, זאָגט ער, וועט ער דערציען ביז האַלבע נאַכט, אפשר נישט...

און ווי זאָוול דברט אַזוי, הויבט מערע אויף פּאַוואָליע דעם קליינעם קאָפּ מיטן שווערן צעפּלאָשעטן צאָפּ. איר פּנים איז בלאַס, אירע אויגן פלאַמען. באַמערקט דאָס זאָוול שמייסער און נעמט דאָס אָן אַלץ פאַר אַ גוטן סימן. זי האָט, הייסט דאָס, אין דער שטיל אויך אַ ביסל נקמה, וואָס איר אַמאָליקער איבערפאַלער אין מיטן דער נאַכט, נאָך דער ווינטערדיקער סעודה ביי חברה קדישא, איז אַזוי באַשטראָפן געוואָרן. פאַרגעסט ער זיך און גייט אַרויס מיטן גאַנצן שמייסערישן לשון:

— וואָס איז דאָ לאַנג צו דרייען אַ קאָפּ, ברודער נח? העגט און פּיס האָט ער זיך צעבראָכן, דער קושקע פּרעסער. ד אָ ס, זאָגט חישין, וואָלט מען נאָך געקענט אויסהיילן. ביי אַזאַ גראָבן ביין, זאָגט ער, ווי קושקע, וואָלט מען נאָך געקענט, איז ביי אים אָבער דער גאַנצער חוט־השדרה — פּיר־וט! אין דריי ערטער צעקאַליעטשעט. דערפאַר, זאָגט חישין, איז פלאָכע. טאָמער וויניק — האָט ער נאָך ביי זיך אין כאָליאַוועז געהאַט אַ נישט־דערטרונקען פלעשל ספּירעט. ביים צעקוועטשן דעם פּוס, זענען אים די שטיקער גלאָז אַריין אין פליייש. אַלע אָדערן דורכגעשניטן. ד'אָס ביסל בראָנפן האָט זיך צעגאָסן... נו נו! גאָט האָט אים שוין איינמאָל אָפּגעצאָלט.

בלאַס, ווי קרייד, הויבט זיך מערע אויף פון אָרט. אירע ליפּן ציטערן.

— און דו? — שטעלט זי אויסביידע אויגן אויף זאָוולען, — דו פּסקנסט דאָס? דו ביסט בעסער? דו?

מאַכט זאָוול אַ טראָט אויף צוריק. ער איז באַטויבט פון מערעס פלוצלונגדיקן כעס. ער זעט, אַז ער האָט דאָ אַ ביסל איבערגעפּעפּערט. נאָר די חוצפּה פון אַ שמייסער רעדט פון אים אַרויס, כמעט קעגן זיין ווילן:

— זע, זע! — גיט ער זיך אומישנע אַ ווענד צו פּאַנדרען — וואָס שטעלט זי זיך אַזוי איין, וואָס? איז ער אפשר נישט געקראָכן אַהער אין מיטן דער נאַכט, קושקע, ווען דו ביסט, נישט היינט געדאַכט, געווען אין אָסטראָג? וואָ־אָס?

שאָקלט פּאַנדרע פינצטער צו, נישט קוקנדיק אויף קיינעם:

— וואָלסט נאָך געוווסט, וואָלסטו, וואָס דער קושקע האָט נאָך היינט גע... געוואָלט אָפּטאָן. היינט ראַנעטשקע...

כאַפּט זיך זאַוול אָן פּאַר פּאַנדרעס אומגעריכטער הילף און שמונצערט מיט די ליפּן:

— אַזוי? היינט אויך, זאָגסטו? אײ־אײ!

אויסער זיך פּאַר כעס, שפּרינגט מערע צו צו נחן. אירע אויגן שיסן פייער:

— שווייג שוין בעסער! געפונען פּאַר וועמען אויסצוגיסן די „געפּיי־לעכצן". שווייג!

איצט געפינט זאַוול דעם ריכטיקן אָרט צו באַליידיקן זיך. ער האַלט דאָך עפּעס בלאָט מיט נחן — איז ער ביי זיך תקיף:

— כ'ווייס דאָך... — פּאַרדרייט ער דאָס מויל מיט אַ גראָבן צווייי־דייטיקן שמייכל, — וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן...

— וואָס ווייסטו? — גיט זיך צו אים מערע אַ קער. דאָס האַרץ בלייבט איר שטיין. איר אויג איז פאַרשטיינערט. אירע ציין פּאַרביסן. זי מיינט, אַז זאַוול שטויסט זיך אויף עפּעס אָן. אַז ער גיט דאָ אַ ווינק אויף איר פּאַרבאָרגענער לוסט צו קושקען.

— איך? — דערשרעקט זיך זאַוול פּאַר איר קוק — כ'האָב גע... איך מיין... איך ווייס גוט, אַז איר זענט מיר אַ שונא. דאָס דערלאָזט א י ר נישט נחן אַרויפצונעמען מיך אויף דער קעלניע...

אַ שטיין גייט מערען אַראָפּ פון האַרצן. זי דערקענט, אַז איר חשד איז אומזיסט. זי קען שוין אָבער איר אָנגענומענעם טאָן נישט ענדערן. עס רייצט זי אויך דאָס, וואָס זי באַהאַלט עפּעס פּאַר איר נחן, פון איר אייגענעם מאַן. איר גראַדע נאַטור האַלט דאָס נישט אויס. גליטשט זי זיך מיט איר צאָרן ווי פון אַ באַרג־אַראָפּ.

— כ'גיב דיר קיין שום חשבון נישט אָפּ! — רעדט זי האַרט און קלאָר צו זאַוולען — האָסט גאָרנישט צו זאָגן אויף קושקען. ביסט צען מאָל ערגער! דאָס האָסטו געפּירט אַהער דעם בער! דו! מיינסט כ'ווייס נישט? ווער האָט זיך, דאַמאָלט ווינטער, באַהאַלטן הינטער דער סוכה? האָסט געוואָרט אויף דיין חלק נאָך קושקען... ניין?

— מערע! — שטעלט זיך פּאַנדרע צווישן איר און זאַוולען — ביסט משוגע, ביסטו!

— לאָז, נח! — שטופּט אים מערע אָפּ — עס מוז אַמאָל אַרויסגיין אַלצדינג. קושקע בראַנד איז כאָטש געווען אַ מאַנסביל. געגאַנגען אויף

טויט און אויף לעבן. ווייב און קינדער פאַרגעסן. די גאַנצע פּרנסה גע־שטעלט אין קאָן. מיט צעך צעקריגט זיך. אַזוי איז ער מיר נאָכגעלאָפן... און וואָס אָט דער דאָ? ווי אַן אָפּגעבריטער הונט. ווי... ווי...

— מערע, מערע! — כאַפּט זי פּאַנדרע אָן.

— לאָז! — רייסט זיך מערע אַרויס מיט בייזער ליידנשאַפט — ווי אַ הונט. יאָ. פעטע ביינדלעך האָט זיך אים געגלוסט קלייבן נאָכן בער. ער אַליין האָט מיט גאַרנישט ריזיקירט. באַהאַלטן זיך הינטער דער סוכה און אָפּגעוואַרט... נאָר עס האָט זיך נישט איינגעגעבן, און ער איז אַראָפּ־געפלויגן פון קושקעס קעלניע — לעקט ער דיך. לכתחילה מורא געהאַט פאַר דיינע קלעפּ. דערנאָך באַקלערט זיך, אַז מען קען נאָך פון דעם מאַכן אַ קרעמעלע און פאַרקויפן דעם געוועזענעם באַלעבאָס שטיקלעכווייז. אַצינד, ווי דו קוקסט אים נאָר אָן, האָט ער שוין טענות, וואָס מען טיילט מיט אים נישט די גרויסע גליקן פונעם אויסגעבאָרגטן פערדל. ער דרייט נאָך מיט דער נאָז: א י ך דערלאָז נישט...

— שאַ, שאַ, שאַ! — האָט נח געפּאָכעט מיטביידע הענט און דאָס פּנים האָט זיך ביי אים פאַרקרימט. ער איז געווען רירנד אין זיין אומ־באַהאָלפנקייט לעבן דער צעקאָכטער מערען. ווי אַ לייב איבער אַ זידנדיקער שלאַנג האָט ער געפּאָכעט מיט די לאַפּעס.

— וואָס „שאַקעסטער", וואָס? — נעמט זיך מערע נישט איין — כ'האָב שוין גענוג געשוויגן. כ'האָב אפילו אָט דעם נייעם חברל דיינעם פאַרבעטן אויף „קולאַיע", אַ גליקלעכע קולאַיע געווען...

מערען פאַרקוועטשט אַ ווילדע דאָס האַרץ. זי דערמאָנט זיך אָן איר קינד. נאָר באַלד שטאַרקט זי זיך ווידער.

— אַ יינגל ביסטו, נח! אַ גרויסער חדר־יינגל. מען קען דיר אַלץ איינשמועסן. קושקען האָט ער פאַרפירט. דיך פירט ער נאָך עד־היום פאַר דער נאָז. ביסט נאָך מער יינגל פאַר קושקען, ביסטו! מיינסט אפשר אין בודקע, „אונטערבאַרג", האָט ער דיך באַגעגנט על פּי צופאַל? טאָג און נאַכט האָט ער דיך דאָרטן אָפּגעוואַרט, כדי איבערכאַפּן דיך גלייך ווי דו קומסט פון אָסטראָג, איבערשמירן דיך מיט האָניק. אָט, זאָל ער מיר קוקן גלייך אין די אויגן און זאָגן — אַז נישט!

פּאַנדרע קען מער נישט צוזען זאָולס צער, ער קען אים אין פּנים נישט קוקן. עס טוט אויך ווי, וואָס מערע האָט געקראָגן אַזאַ לשון און וואָס זי אַליין נעמט זיך אַזוי דאָס לעבן. צעפּירט ער מיט ביידע גרויסע הענט:

— אָבער... וואָס עפּעס מיט אַמאָל, מערע? פאַרוואָס האָסטו מיר פריער נישט געזאָגט?

— כ'האָב פריער געוואָלט, עס זאָל זיין שלום. — פאַרטייטשט אים מערע מיט אַ מאָדנער אַנטשלאָסנקייט — כ'האָב דיר אַפילו געזאָגט, מען זאָל פאַרבעטן צו דער „קולאַיע״ אַזאַ... שונא ווי קושקע אויך. אַפילו אים... עס זאָל זיין שלום. עס וואָלט געווען גלייכער. האָסטו מיך נישט געפאָלגט. איז אָט וואָס עס האָט זיך פאַרקאָכט. איצטער אַרט מיך שוין מער נישט...

— איצטער — נישט?

— ניין! איצטער אַרט מיך מער נישט. אַז קושקע איז אַזוי... האָט אַזוי פאַרגאָסן זיין בלוט... פאַר מיר... — אַרט מיך מער נישט...

דערזעט שוין פאַנדרע, אַז זי רעדט ווי אַ באַנומענע, ווי עפּעס אַ נישט־גוטער וואָלט אין איר אַריין און אַ דריטער מענטש שטייט נאָך אויך דערביי און האָרכט, פאַרלירט ער אין גאַנצן דעם מוט.

— מערע, מעריינעלע, — בעט ער זיך — זאָל מיך נעמען אַ פּאַפּלעקסיע, דאָ אויף אַן אָרט... איך דערקען דיך גאָרנישט...

נחס אומבאַהאָלפנקייט און זיינע ווייכע ווערטער טרעפן מערען ווי אַ פליוך קאַלטע וואַסער. זי בלייבט אַ ווײַלע שטיין. אַוועק די גאַנצע בייזקייט. אויסגעשאָסן דעם פולווער. מיט וואַקלדיקע טריט לאָזט זי זיך צום ווינקל, זעצט זיך אַוועק, אַ געבראָכענע, אויף דעם פריערדיקן אָרט.

— אַך־כאַ, — גיט זי פון דאָרטן אַ לאַך אַרויס שטיל און ביטער — קענסט מיך נאָך טאַקע נישט, נח, וואָס פאַר מרשעת עס שטעקט אין מיר. איצטער ווייסטו!

— נו, נו! — לאָזט זיך צו איר פאַנדרע, ווי ער וואָלט געהאַט בדעה איבערצובעטן זי, אַרומנעמען.

— גיי, גיי! — פאַכעט זיך פון אים מערע אָפּ מיט ביידע הענט — אַ כלבטע בין איך — אָט וואָס! אַזוי האָט קושקע מיך געזידלט. געוואָרגן און געזידלט: „אַ כלבטע ביסטו, אַ כלבטע!״... אַזוי האָט ער מיך טאַקע געזידלט.

פאַנדרע האָט נישט ווו דאָס פּנים צו באַהאַלטן: נאַ־נאַ! אַציינד זידלט זי שוין גאָר זיך אַליין. פריער אים געזידלט, דערנאָך זאָוולען, איצטער זיך אַליין. ער דערפילט אומקלאָר, אַז די באַליידיקטע, נישט־באַפרידיקטע חיה זידלט דאָס פון איר אַרויס. קושקע האָט זי היינט פרי צערייצט, האָט זי זיך פאַר כעס אָפּגעריסן פון קייט, די חיה, און דראָפּעט זיך.

דערהויפט איז זי אין כעס דערפֿאַר... וואָס ער, פֿאַנדרע, איז אַזוי יאָלדיש און אָפּהענטיק. וואָס ער ווייסט נישט ווי אַזוי צו בינדן זי צוריק צום קייט. אַזאַ גרויסער און געזונטער מאַנסביל און קען זיך קיין עצה נישט געבן. פֿאַר אַלץ און פֿאַר אַלעמען סטייען ביי אים כוחות און מוט, פֿאַר איר — נישט.דערפֿאַר ברענען ביי איר אַזוי די באַקן, דערפֿאַר טרייבט זי אים אַזוי פֿון זיך... זיין שווער בלוט גיט זיך אין אים אַ ריר. אַ בייזער באַגער כאַפּט אים אַרום צו לעשן אין איר דעם טרפֿהנעם, נישט געזונטן דורשט. צו מאַכן זי פֿאַרגעסן אָן קושקעס ווילדער חוצפּה, אָן אַלע מאַנסבילן אין דער וועלט... נאָר טאָן עפּעס קען ער נישט איצט, זאָל איז דאָ. פֿאַנפֿעט ער, נישט ווייסנדיק, ווי אַזוי צו בלייבן מיט איר אויג אויף אויג. עפּעס נישט צו זאָגן פֿאַנפֿעט ער, נישט צו איר:

— נאַ, זעט איר דאָך!... זי... זי ווייסט שוין גאָרנישט וואָס זי רעדט. אָט!...

כאַפּט זיך זאָל אָן פֿאַר פֿאַנדרעס נישט-דייטלעכע ווערטער, ווי פֿאַרן לעצטן אָנהאַלט, כדי נישט אַוועקגיין פֿון שטוב מיט בזיונות. פֿאַרדרייט ער איין האַלבן מויל אָן אַ זייט. כלומרשט מיט גוטמוטיקער קאַטאָוועס פֿון אַ געניטן מאַנספֿאַרשוין:

— אפֿשר נישט, אַ?... אָט אַזוי זענען זיין אַלע... די נקבות.

פֿון זיין פֿאַרלעגנהייט פּירט נחן אַרויס מערע אַליין. זי האָט דערכאַפּט נחס קרומלעכן קוק, זיין באַזונדערן סאַפּען מיט דער נאָז. זי האָט גוט געקענט די דאָזיקע סימנים.

— איך ווייס יאָ, וואָס איך רעד! — שרייט זי אויף פֿון איר ווינקל — איך וויל נישט, ער זאָל מער גיין אַהער אין שטוב... טראָגן די פּאַטשט... אין מיין טאַטנס שטוב...

אַ צעטומלעניש איז אָנגעפֿאַלן אויף זאָלען ער האָט דערזען, אַז דאָ קאָכט עפּעס ווי אין אַ קעסל. נאָר ווו דאָס פֿייער ברענט און פֿון וועלכער זייט מען קען דאָ לעשן — דאָס האָט ער נישט געוווּסט. ער האָט זיך נאָר, ווי אין טונקלקייט אָנגעשטויסן, אַז דאָס אומגליק מיט קושקען האָט דאָ אויפֿגעבלעזלט די גאַנצע שטוב, צערייצט ווייב קעגן מאַן. און אַלץ שווימט איצטער אַרויף ווי נישט-פֿרישע פֿעטס אויף קאָכיק וואַסער. וואָס מער ער וועט דאָ שטיין, אַלץ מער וועט ער זיך אָפּבריען. אַ מוראַ-דיקע, נישט-באַהאַלטענע שנאה האָט זיך צעפֿלאַקערט אין זייבע הונגעריקע אויגן. „טאַקע אַ כלבטע!" האָט ער געוואָלט אַ געשריי טאָן צו מערען.

נאָר די מורא פאַר פאַנדרען האָט אים אָפּגעהאַלטן. האָט ער זיך באַגנוגנט מיט געבן אַ רוק־אָן דעם צעהאַקטן דאַשיק איבער די אויגן, באַלעגאַליש־קרום, מיט איין זייט מויל צעשמייכלט זיך, און הויבנדיק מיט איין אַקסל און בורטשענדיק עפּעס אונטער דער נאָז, אַרויסגעמאַכט זיך פון שטוב. ניין, אַז פון זיין הייניטיקן ברענגען אַזעלכע „גוטע נייעס" אין סענדערס שטוב וועט זיך אויסלאָזן אַזאַ טייך, האָט ער זיך בכלל נישט געריכט. אַלץ די כלבטע, די „פאַרדאַניכע", סענדערס טאָכטער, אין איר טאַטנס טאָטן אַריין!

2.

ווי נאָר זאַוול איז אַרויס פון שטוב, האָט עס ביי מערען געפּלאַצט אין האַלדז, ווי אַן איבערגעצויגענע סטרונע: פּוק!... און מיט אַ זינגענדיקן געוויין וואַרפט זי זיך אַריין אין דער נאָך נישט פאַרבעטער בעט, וועלכע האָט נאָך היינט פרי אַזוי צערייצט דעם צעווילדעוועטן קושקע בראַנד. אַלץ, וואָס זי האָט זיך אָנגעליטן פון היינט אינדערפרי, זינט זי איז געבליבן איינע אַליין אין שטוב: דער פאַרצווייפלטער קאַמף אין בלויזן העמד מיט קושקען, דער באַזונדערער געפיל פון חרפה אויסגעמישט מיט באַגער אין אַלע אברים, איר ווייבערישער נצחון, דערנאָך — די פּלוצלונגדיקע ידיעה פון קושקעס בראָך ביי דער חורבה־וואַנט, איר סומנע זיכערקייט, אַז צוליב איר האָט זיך דאָס קושקע גענומען דאָס לעבן, איר נישט קענען מער איינהאַלטן דעם פאַרבאָרגענעם האַס קעגן אָט דעם גע־מיינעם זאַוול שמייסער, איר פּלוצלונגדיקער אויסברוך פון צאָרן און זידלעריי, אָט דאָס גאַנצע צוזאַמענגעלויף פון געשעענישן און דערשיטער־רונגען אין איר אָנגעווייטיקט האַרץ, וואָס איז נאָך ווייט נישט פאַרהיילט נאָך סענדערקעס טויט, — דאָס אַלץ האָט מיט איין מאָל אַריבערגעוויגן יעדן ווידערשטאַנד פון ווילן און שטאָלץ, און זי איז אַריינגעפאַלן אין ספּאַזמעס, מיט אַ קוויטש, וואָס זי האָט זיך באַמיט צו דערשטיקן אין קישן.

פאַנדרע האָט שטילערהייט פאַרקייטלט די שטוב־טיר און מיט ווייכע, בערישע טריט צוגעלאָפן צו איר בעט, כדי צו באַרויקן זי. נאָר אַ פייער פון אייפערזוכט האָט אים געסמאַליעט אין האַרצן, געמאַכט זיין רחמנות אויף מערען קילער, צוריקגעהאַלטענער.

— נו, מערע, מערע, גענוג וועט זיין.

ער גיעט זי מיט זיין גרויסער האַנט איבער איר איינגעגנורעטן קאָפּ און עס גלוסט זיך אים ווערגן איר געטאָקטן האַלדז אין איין און דער זעל־בער צייט.

מערע ענטפערט נישט, נאָר אירע פּלייצעס ציטערן דריבנע. זי קעמפּט מיט זיך אַליין, זי באַמיט זיך איינהאַלטן איר נישט שיינעם געוויין.

און מיט אַמאָל גייט פאַנדרען אַליין אויס דער אָטעם. זיין שטאַרקע גאָמבע מיט דער געגאָלטער בלויער גריבעלע הויבט אָן צו שפּרינגען. ער דערמאָנט זיך וואָס אים איז איינגעפאַלן היינט ביי די אָרשער ברעמ־לעך, אַנטלויפנדיק אויף דער פאָדוואָדע פון זשאַנדאַרניק.

— אַך, מערע! — ברומט ציטערדיק זיין קול — לאָמיר גאָר אַוועק פון דאַנען! אַוועקגעפאָרן... נישט קיין קינד, נישט קיין פריינד. אַלע זענען זיי אַזוי. רשעים. אויף קיינעם קען מען זיך נישט פאַרלאָזן. געמיינט, זאָוול איז אַ גוטער פריינד. און אָט...

מערעס אָקסלען הערן אויף צו ציטערן. זי האָט זיך באַהערשט. זי האָרכט. איבער איר קאָפּ גיסט זיך פאַנדרעס בעטנדיקער קול, ווי אַ בוימאייל:

— לאָמיר אַוועק קיין אַמעריקע, מערע! יידענעס מיט פאַרבונדענע פּערינעס און מיט טעפּ איינגעמאַכטס לאָזן זיך אויך אַוועק אַהין. פאַרוואָס נישט מיר?...

אונטער זיין איינגעהאַלטענעם כליפּ, וועלכער ברומט ווי אַ פאַר־בלאָנדזשעטע בין, ווערט מערע אין גאַנצן אַנטשוויגן. זי דרייט זיך אום און ציט צו זיך מיטביידע אָרעמס זיין שטאַרקן פאַראומערטן קאָפּ, ביז ער לייגט זיך געבעט צווישן אירע בריסט.

אונטער אַזאַ פלוצלונגדיקן איבערגאַנג, פון פרעמדקייט צו הייסער צאַרטקייט, ווערט נח אַנטשוויגן. זיי קוקן אָן איינער דעם צווייטן מיט באַגייסטערונג. איןביידנס אויגן ברענט אַ מין רעליגיעזער פייער, ווי ביי פאַנאַטיקער־סעקטאַנטן, ביי וועלכע דאָס געשלעכט ווערט אָן אָפּגאָט, וועלכע שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך אין זייער הייסן עקסטאַז, אַפילו פאַר בלוט. פאַרקערט — וואָס מער גרויזאַמקייט — מער פרומקייט, מער איבערגעגעבנקייט.

מיט אַ פאַרגליווערטער תּפילה אין די אויגן האָט מערע, צום ערשטן מאָל נאָך דער חתונה, געצויגן אָט דעם אָפּגאָט צו זיך. מיט אַ הייליקער פרעכקייט האָט זי דאָס געטאָן און מיט אן אומבאַקאַנטער ציטערדיקער

פאַרגעטערונג. ערגעץ־ווו, אויף די ציגל פון אַ צעבראָכענעם מזבח, וואָס זעט אויס ווי ר׳ ישיעלעס איינגעפאַלענע חורבה־וואַנט, האָט נאָך נישט אָפּגעטריקנט קושקע בראַנדס פאַרגאָסן בלוט, און זי דינט דאָ דעם אָפּגאָט פון קרבן, זי פאַלט פאַר אים, זי קושט אים. די פוסטקייט אין שטוב, נאָכן פאַרשטאָרבענעם קינד, די ליכטיקייט פון טאָג אין די פענצטער פאַרשטאַרקן נאָך די אויסערגעווײנלעכקייט און די שיכּרות פון דינען אַזאַ לעבעדיקן, אַזאַ משונהדיקן בלינדן אָפּגאָט.

— איז ביסטו טאָקע אַ כלבטע ?... — אַזוי מורמלט צו פאַנדרע, אויך ווי אַ שיכּורער.

— אַ כלבטע, נח ! אַ גרויסע כלבטע.

— וועל איך אין דיר ממיתן די כלבטע.

— ממית, ממית — רעדט מערע ווי פון היץ און ציט אים אַלץ שטאַרקער צו זיך — קיין גאַנץ שטיקל לייב זאָלסטו אין מיר נישט לאָזן. ברוין און בלוי מאַך מיך...

— וואָס טוט זיך מיט דיר היינט, מערע ? — קעמפט נאָך נח אַ ווײלע. ער האָט פאַר איר אַ ביסל מורא. נאָר איר ווילדער באַגער גיט זיך אים איבער צו טאָן איר רצון ביזן סוף. איין חסרון איז נאָר דאָ, וואָס זי אַליין איז צו נאָכגיביק. זי וואָלט זיך בעסער נישט געדאַרפט לאָזן. מיט געוואַלד וואָלט מען זי געדאַרפט נעמען, אַזאַ ווי זי איז איצט.

פאַנדרעס געזונטער נשמה איז בעצם פּריקרע אַזאַ קרענקלעכער אויס־ברוך פון מוטער־חוהס ליידנשאַפטן, ביים סאַמע שטאַם פון עץ־הדעת, מיט דער רויט־גליענדיקער פרוכט אין דער שמאָלער ווייבלעכער האַנט. נאָר מיט זיין אויפגעברויזט בלוט און מיט אייגענער צערייצטקייט דעם גאַנצן טאָג האָט ער באַגריפן, צום ערשטן מאָל אפשר אין לעבן, באַגריפן די פינצטערע תהומען וואָס דאָס ווייב טראָגט אין זיך. די טונקעלע קעלערן פון גן־עדן האָבן זיך אים אַנטפּלעקט. און עס גלוסט זיך מוראדיק אַריינ־קוקן אויך אין זיי. ער האָט פיבערדיק דערשפּירט די הייליקע אומפאַר־שעמטקייט פון אַריינדרינגען אין פרעמדן לייב, ווי אַ רוצח מיט זיין מעסער, ווי אַן אַריינברעכער אין פרעמדן אוצר, און שרייען : ס׳איז מיינע, מיינע, מיינע ! איך מעג אַלץ !

אָבער טונקל זענען די קעלערן פון גן־עדן. זיינע אויפגעריסענע גרויע אויגן זעען דאָ גאָרנישט. ער טאַפּט דאָ נאָר אין דער פינצטער מיט האַמעטנע, מאַנסבילישע לאַפּעס. פינצטער.

ווי אַ פאַרבלענדטער האָט ער געגומען רייסן פון איר אירע לייכטע

שטוב־קליידער. דערדריקן, דערשטיקן די חיה מוז ער איצט אין ווייב, אָפּברעכן אירע שאַרפֿע נעגל, אָפּנעמען איר פֿרייהייט, אָנבינדן זי אין קייט. אָה, די חיה וועט אים נאָך דאַנקען דערפֿאַר. אָט דאַנקט זי שוין, דאַנקט און בעט זיך:

— טו מיר ווי, נח! ביסט צו גוט צו מיר! זיי צו מיר שלעכט. טו אַזוי ווי ער האָט געוואָלט טאָן, אַזוי ווי ער...

— דו ביסט אַ כלבטע, מערע!

און ער האָט געטאָן איר רצון. ער האָט געמוזט טאָן. ער האָט מער נישט געהאַט זיין אייגענעם ווילן, נאָר זיין רויען כוח אין לייב. אין מיטן פֿון זיין גבורה איז געזעסן אַ פֿרעמדער ווילן, מערעס ווילן. זי פּראָוועט מיט אַלע איינע חושים. שפּילט ווי אויף אַ פֿידל איבער זיין גוטסקייט און בייזקייט, איבער זיין שטילקייט און שטורעם.

ערשט אַצינד. זייענדיק אינגאַנצן אין איר רשות, האָט ער טעמפּ באַגריפֿן, וואָס פֿאַר אַ באַהאַלטענער טייוול עס האָט אַלעמאָל געשטעקט אין זיין מערען, און פֿאַרוואָס זי האָט מיידלווייז געשלאָגן אַלע מוטיקע בחורים, וואָס האָבן זי געטשעפּעט. און אויך איצטער אַלס ווייבל... אָט די אַלע, וועלכע זי האָט געשלאָגן, האָט זי באַגערט. נאָר זיך אַליין אויף צו להכעיס, דעם אייגענעם טייוול אויף צו להכעיס, געשלאָגן זיי און געבלוטיקט. אים, פֿאַנדרען, האָט נאָר אָפּגעגליקט. ער האָט זיי אַלעמען געירשנט. ער פֿאַרטרעט זיי אַלעמען ביי סענדערס טאָכטער. מוז ער איר דערפֿאַר אויסצאָלן מזומן פֿאַר זיי אַלעמען. נישט שעמען זיך, נח! נישט קמצענען.

— נאָך, נאָך! — ענטפֿערט מערע, ווי אַ ווידערקול אויף זיינע ברויזנדע געדאַנקען, אויף זיין ערלעכער איבערגעגעבנקייט צו איר, צו זיין ווייב.

קאַטערינושקען אין מיקיטאָס שייער, אין מאַקאַראָווקי, האָט זי אים איצטער דערמאָנט, נאָר אַ סך בייזער און צאַפּלדיקער און מוטיקער ווי קאַטערינושקאַ. דאָרטן, אין מאַקאַראָווקי, גייענדיק פֿון אָסטראָג, האָט ער זי באַגנבעט, מערען זיין ווייב, טאָ זאָל זי איצטער צוריק באַקומען איר חלק. אַלץ, אַלץ זאָל זי צוריק באַקומען אַזאַ ווייב, אַזאַ וווּנדערלעכע כלבטע. אַ געזונט אין אַלע אירע ביינדעלעך. אַ דאַנק דיר, גרויסער גאָט, וואָס דו האָסט באַשאַפֿן אַזאַ ווייב!

✡

פון זייער טשאַד האָבן זיי זיך ביידע געגומען אויסטשוכען ערשט דאַמאָלסט, ווען די קליאַמקע אין פירהויז האָט אַ קלאַפּ געטאָן.

ווי פאַרזינדיקטע גרויסע קינדער, וואָס וואַרטן אויפן קאַנטשיק, וועלכער דאַרף קומען און באַשטראָפן פאַר געגנבעטע עץ־הדעת־עפּל, אַזוי האָבן זיי זיך, מיט פאַרטאַיעטן שרעק אין האַרצן, אַרויסגעריסן איינער פון צווייטנס אָרעמס. אָט איז דער קאַנטשיק געקומען!... קוים וואָס זיי האָבן פאַספּעיעט צו ברענגען זיך אַ ביסל אין אָרדענונג.

אימיצער האָט געריסן די צוגעקייטלטע שטוב־טיר און אומגעדולדיק געבורטשעט.

פאַנדרע האָט געמאַכט אַ פּנים פון אַ פאַרהאָרעוועטן מענטשן, וואָס מען האָט אָקאָרשט אויפגעטרייסלט פון טיפן שלאָף. אַזוי איז ער צוגעלאָפן צו דער טיר און אָפּגעקייטלט.

אָן אַ גוטן־טאָג האָט זיך אַריינגעקייקלט אין קאָכשטוב מלך „מעבר־יבק" פון חברה קדישא ווי אַ פוכטשער היי האָט ער זיך אַריינגעקייקלט מיט זיין ברייטן געזעס און מיט זיינע שוואַרץ־גרויע קוטשעראַווע, צוזאַמענגע־ רינגלטע האָר פון קאָפּ און באָרד און וואָנסעס. אין זיינע בערישע שווער־ באַברעמטע אויגעלעך האָט געצינגלט יענער פריילעך־ביטערער פייערל, וועל־ כער שפּילט ביי אים שטענדיק, ווען ער זאָגט אָן די נאָענטע, אַז דער גוסס איז שוין געוואָרן אַ בר־מינן... דאָס זעלבע פריילעך־פייערל איז דאָס געווען, ווי בשעת אַוועקטראָגן סענדערקעס טויטן גופעלע אין אַן אויסגעבעטן קערבעלע. כאָטש דער גאַנצער אויסדרוק פון זיין באַוואַקסענעם פּנים איז געווען פינצטער ווי געוויינלעך.

אַריינגעקייקלט זיך און גלייך אַ בורטש געטאָן:

— נאַ, ביסט דאָך דאָ!

— האָ? — דערשרעקט זיך פאַנדרע און צעעפנט דאָס מויל — איר דאַרפט מיך?

נישט ענטפערנדיק פאַנדרען, פאַרקאַטשעט מלך „מעבר־יבק" איין פּאָלע פון זיין ראַצעמאָרענער קאַפּאָטע און הויבט אָן ציען פון איין הויזן־ קעשענע עפּעס אַ לאַנגע טונקעלע זאַך.

— אָט, — מאַכט ער — קושקע שיקט דיר אָפּ!

אַ טויטער איז פאַנדרע געבליבן שטיין. ער קוקט זיך צו און דערקענט זיין אייגענעם אַרבל, וואָס קושקע בראַנד האָט ביי אים אָפּגעריסן.

— נעם, נעם! מאַכט צו אים מלך „מעבר־יבק" און דאָס ביטרע פייערל

צעשפּילט זיך אין זיינע בערישע אויגעלעך — קיין בלוט איז אויפן אַרבל נישטאָ. אַזוי וואָלט מען דעם אַרבל געמוזט מקבר־זיין מיט אים צו־זאַמען.

— שוין נאָך אַלעמען? — פרעגט נח מיט אַן אָפּגעשטאָרבענעם קול.

— נאָך נישט, — קראַצט זיך מלך אין דער קוטשעראַווער פּאַטילני־צע — נאָר מסתמא נישט לאַנג נאָך...

ווי אין אַ חלום נעמט פאַנדרע צו זיין אַרבל, טאַפּט אים און באַמערקט אַפילו נישט, אַז מערע איז אויסגעוואַקסן הינטער אים אַ מאַטע, אַ בלאַסע, אַן אַנגעטאָנענע.

מאַכט מלך אומגעדולדיק:

— טו קום שוין! קושקע רופט דיך!

— ער... מיך?

— ער האַלט ביי שטאַרבן. ער וואַרט אויף דיר...

אַריבערשפּרינגענדיק מיט זיין בערישן קוקעלע אויף מערען, גיט ער אַ שטעק מיט זיין קורצן און גראָבינקן פינגער אין דער לופטן:

— און אויף דיר אויך!

מלך „מעבר־יבק" דוצט דאָך אַלעמען. ער פילט זיך אומעטום ווי גאָטס פאַראַמשטשיק, אָנגעשטעלט פון חברה־קדישא. און באַשאַפן געוואָרן און אויסגעוואַקסן איז ער ספּעציעל צוליב דעם, כדי אַריבערצופירן אַלע שקלאָווער פאַרבייאיקע יידן אויפן עולם־האמת. מאַכט ער זיך דערפאַר קיין צימעס נישט פון יונג און אַלט, אַפילו פון יונגע שיינע ווייבלעך, ווי מערע איז. עט! סוף כל סוף זענען זיי דאָך אַלע זיינע קונדן. פריער, שפּעטער....

פאַנדרע און מערע האָבן זיך שטומערהייט אָנגעקוקט. אַ שטומע עצה געפרעגט איינער ביים צווייטן מיט די אויגן. און פאַנדרע האָט קוים־קוים אַ שעפּטשע געטאָן:

— גיין?

— מ'מוז גיין נח! — איז מערע גלייך געוואָרן אומרואיק — קום, קום!

אַליין געכאַפּט און אָנגעוואָרפן אויף זיך די גרויסע שטוב־פּאַטשיילע.

פון איר וויכן קול און ווייכער באַוועגונג האָט פאַנדרע קלאָר דער־זען, אַז די צערייצטע חיה אין מערען, זיין ווייב, איז שוין אין גאַנצן באַצוווּנגען.

קושקע אין שפּיטאָל

.1

דער שקלאָווער שפּיטאָל איז גאָר אַ געהויבענער שפּיטאָל, מיט אַ גרויסן אָפּגעלאָזענעם סאָד; און אַ ביסטרע וואַסערל פּלייצט דורך צווישן די בוימער און פאַלט אַריין אין דניעפּער. די צוויי קאַמערן פאַר קראַנקע מאַנסביל און ווייבער זענען גרויס און ליכטיק, און דאָס גרין פון סאָד קוקט אַריין אין די פענצטער. אַפילו די טירן פון איינגאַנג זענען געהויבענע. האַלב פון גלאָז מיט געצאַצקעטע ראַמען. און אַלערליי קאָלירטע שייבעלעך זענען אַריינגעפּאַסט צווישן די הילצערנע צאַצקעס, ווי איבער אַן ארון־קודש להבדיל, כמראה הקשת (אין געשטאַלט פון אַ רעגנבויגן)... איז דאָך די קשיא, ווי אַזוי קען זיך דאָס שקלאָוו, פאַרגינען האָבן אַזאַ באַלניצע? איז דער תירוץ: טאַקע נישט שקלאָוו, נישט איר עשירות און נישט איר פאַנטאַזיע האָבן אויסגעבויט אַזאַ בנין. נאָר דווקא אַ ייד פון דער פרעמד, וואָס האָט געהאַט אי עשירות אי פאַנטאַזיע, און וועלכער האָט געהייסן שמחה טשאַרנער. ער האָט אָבער גאָר אומגעריכט פאַרלאָזן שקלאָוו, געיאָגט און געפּלאָגט פון אַ בייזן מזל, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט. גאַנץ שקלאָוו האָט ביי אים דאַמאָלסט געכאַפּט מציאות, נו, האָט חברה „רופא־חולים" אויך געכאַפּט אַ מציאה.

אַ געהיימנישפולער פאַרשוין איז ער געווען אָט דער שמחה טשאַרנער. אַליין אַ שיינער, אַ מאַנסביל, מיט אַ גרויסער שוואַרצער און צעפעכערטער באָרד; זיין ווייב אַן „אַסאַבע", ווייס ווי מילך, מיט סאַמעטענע אויגן; און זיינע דריי טעכטער — איינע שענער פאַר דער צווייטער, האָבן זיי זיך אַלע געהאַלטן פון מענטשן אָן דער זייט. אַפילו זייערע זייער זעלטענע געסט, פלעגן אויך אָנקומען מיט פאַיעטאָנען פון דער ווייט. אַלע אומבאַקאַנטע אין גרויסשטאָטישע היטעלעך און קאַפּעליושן.

אָנגעקומען איז שמחה טשאַרנער פון ערגעץ־וו מיט אַ מטמון געלט.

וואָרום ער האָט באַלד אָפּגעקויפט ביי דער פּריצטע דעם שענסטן פּלאַץ אין מיטן שטאָט, אויף דער „פּאָזניע״ (פּליין), לעבן דער אַלטער אָפּגעברענטער קאַזאַרמע פון יעקאַטערינאַס צייטן, ווו עס וואַקסן די צוויי הונדערט יעריקע דעמבעס און פאַרבינדן צוויי שליאַכן ווי אַ מין גרינער שאָטנדיקער קאָרידאָר.

אָפּגעקויפט אַ שטיק ערד און באַלד אַ נעם געטאָן זיך בויען הייזער. אַ גאַנצן קוואַרטאַל אויסגעבויט פון די בעסטע געהילצן און פון געברענטע ציגל. קאַכליעס מיט צאַצקעס פאַר די הרובעס — אויסגעשריבן פון מאָהליוו און פון וויטעבסק. געפּלאַנצט סעדער אַרום די הייזער און פאַרדונגען זיי פאַר גוט געלט. און אויף זיין אייגענער הויז, מיט קאָלירטע שייבעלעך אין איינגאַנג, געלאָזן אַרומשפּאַצירן לעבעדיקע פּאַוועס. שבת פאַר מנחה לויפט גאַנץ שקלאָוו קוקן אויף די פּאַוועס. ווי זיי צעלאָזן דאָס די עקן אין גרויסע רעדער און האָלדערן. מען אָטכאַיעט זיך פּשוט מיט די גאָלדיקע ווונדערלעכע פאַרבן פון די פּאַוועס. עס זעט גאָרנישט אויס ווי פעדערן, נאָר ווי געשטוקעוועטע קייזערלעכע בראָקאַטן. קוקט מען מיט אָפענע מיילער. העט, וואָס אַ ייד אַ נגיד, אָן אַן עין־הרע, פאַרגינט זיך! פּאַוועס אויפן דאַך. הייבט אויב אויפן דאַך אַזוי פיל עשירות — וואָס טוט זיך ביי אים א ו נ ט ע ר ן דאַך? פון זיינע שווערע קאָמאָדן אין שלאָפציממער לאָמיר שוין בעסער נישט רעדן.

אויף איר מילך־ווייסן האַלדז האָט די טשאַרניכע געטראָגן דריי ראָנדן טונקעלע פּערל, ווי פון דער זון אָפּגעברענט. זעלטענע פּערל. פון דעם האָט מען גערעדט, אַז גאַנצע פיר טעפּ מיט אַזעלכענע פּערל האַלט שמחה טשאַרנער באַהאַלטן אויפן בוידעם. נישט קיין ווייסע פּערל, נאָר דווקא שוואַרצע. און אין וואָס לייגט מען אַריין אַזעלכע טייערע זאַכן? — אין טעפּ. קיין בעסערע כלים פאַר שוואַרצע פּערל האָט זיך גאָר שמחה טשאַרנער דער נגיד נישט געקענט אָפּזוכן. און פּונקט פיר טעפּ. נישט דריי און נישט פינף, נאָר דווקא פיר. און ווו באַהאַלט מען אַזעלכע אוצרות זיי זאָלן גאַנץ זיין? אויפן בוידעם. קיין בעסערער אָרט פאַר שוואַרצע פּערל איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. אונטערן דאַך פּרייען טעפּ מיט פּערל, איבערן דאַך שפּאַצירן אַרום פּאַוועס. אַ מלוכה, נישט קיין יידיש הויז.

און מ׳האָט אַזוי לאַנג געקוקט און מקנא געווען די פּאַוועס, ביז מ׳האָט אַן עין־הרע געגעבן. נישט אַנדערש — אַן עין־הרע געגעבן. וואָרום גאָר אין גיכן האָט דער שוואַרצער שלימזל גענומען פאַרפאָלגן ר׳ שמחה טשאַרנער. זיין פּנים איז געוואָרן אַלץ פינצטערער און פינצטערער, ביז עס איז

געוואָרן חושך ווי די ערד. מ׳האָט אים געזען לויפנדיק עטלעכע מאָל אין סטאַן, און מ׳האָט געגומען דערציילן, אַז ער באַקומט סטראַשונקעס פון ערגעץ־ווו און בעט ראַטונעק ביים פריסטאַוו. דערנאָך, ווייזט אויס, האָבן די סטראַשונקעס אָנגעהויבן מקוים ווערן. זעקס מאָל האָט מען זיינע הייזער אונטערגעצונדן, און דער פריסטאַוו מיט זיינע דיעסאַטניקעס האָבן דאָ, ווייזט אויס, גאָרנישט געקענט העלפן. דריי מאָל האָט מען זיינע הייזער אָפּגעראַטעוועט און דריי פון זיי האָבן פאָרט אָפּגעברענט. גאַנץ שקלאָוו איז געווען אויף פון די געהיימע אונטערצינדער. האָ, וואָס? מען קלינגט שוין ווייטער? מ׳האָט שוין מסתמא ווידער אונטערגעצונדן ר׳ שמחה טשאַרנער. שוין נישט פרעגנדיק איז מען געלאָפן אויף דער „פאָזניע״, הינטער יעקאַטערינאָס קאַזאַרמע. אויב אַ שריפה, איז עס ביי שמחה טשאַרנער אויף דער „פאָזניע״.

און איין מאָל איז גאָר ר׳ שמחה טשאַרנער געקומען פון וועג מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ. אַוועקגעלייגט זיך אין בעט אויף גאַנצע צוויי וואָכן און אויפגעשטאַנען מיט אַ גרויסן שראַם אויפן שטערן. פון דאַמאָלסט אָן האָט מען מורא געקראָגן פאַר זיין נאָענטקייט. ווי קינס צייכן האָט זיך דער שראַם געררויטלט אויף זיין שיינעם ווייסן שלייף. און מיט אַ שושק און מיט פאַרקוועטשן איין אויג האָט מען זיך איבערגעשמועסט אין דער שטיל:

— אוי, אָי, יידן! ס׳איז עפּעס נישט קיין גלאַטע מעשה...

פון דאַמאָלסט אָן, אַז מען האָט זיך מיט אים באַגעגנט אויף דער שמאָלער הילצערנער קלאַטקע אין גאַס, האָט מען אויף גיך, ווי ריצנאַייל, אַראָפּגעשלונגען דעם „גוט מאָרגן״, און באַלד אַ נעם געטאָן זיך אָן אַ זייט, מוחל געווען די גאַנצע קלאַטקע און אַוועקגעלאָזן זיך טיאָפּען אין בלאָטע. אַבי ר׳ שמחה טשאַרנערס שלימזל זאָל זיך נישט אָנקלעפּן...

די פּאַוועס זענען פאַרשווונדן געוואָרן פון טשאַרנערס דאַך. און מ׳האָט בפירוש נישט אָנגעהויבן צו וויסן, צי מ׳האָט זיי, מחמת גרויסע צרות, פאַרגעסן קאָרמענען און זיי זענען געפגרט, צי מ׳האָט זיי אַוועקגעשענקט, כדי נישט צו וואָרפן זיך מער אין די אויגן מיט אויסטערלישע עשירות און מיט גבירישע קאַפּריזן. צי אפשר האָבן עס גאָר אַוועקגעגנבעט, די פּאַ־וועס, טשאַרנערס שונאים; די געהיימע אונטערצינדער, די נישט געכאַפּטע קאָפּ־שפּעלטער...

מיט די פיר... פונקט פיר טעפּ מיט שוואַרצע פערל אויפן בוידעם האָט עפּעס אויך געמוזט טרעפן אַ סיבה. וואָרום דאָס דיקע, גרין־באַ־

פאַרבטע בלעך אויף ר׳ שמחה טשאַרנערס דאַך, האָט מען איין מאָל אין דער פרי, נאָך אַ שטורעמדיקער נאַכט, דערזען ברייט אויפגעריסן. מאָדנע שוואַרצע לעכער האָבן חושכדיק אַראָפּגעקוקט פון דער פריילעכער משופּע־דיקער גרינקייט, לעבן סאַמע לייטער ביים קוימען. אמת, אַ סך פון די צוויי הונדערט יעריקע דעמבעס, אויף דער פּאָזניע, זענען פונעם זעלבן נאַכטיקן שטורעם איינגעפאַלן, קוימענס האָבן זיך אָפּגעשאָטן. נאָר — אַ טשיקאַווע זאַך! קיינער האָט בשום־אופן נישט געוואָלט גלויבן, אַז דער זעלבער שטורעם ווינט האָט צעריסן ר׳ שמחה טשאַרנערס דאַך. „אייסעך וואָס!” האָט מען פילדייטיק געהויבן מיט סוטולע פלייצעס, ווינט, שמינט! טאַקע אַ גרויסער ווינט, נאָר... נאָר... טשאַרנערס שונאים האָבן זיך, מאָלט אייך אויס, גאַנץ פיין באַנוצט מיטן ווינט, כדי קיינער אין שטוב זאָל נישט הערן, אַז מען רייסט אויף די בלעכן און מען גנבעט אַרויס די... פיר טעפּ מיט שוואַרצע פּערל.

משמעות — אַ שטיקל אמת איז דאָ טאַקע געווען. וואָרום נישט אַלע אויפגעריסענע בלעכן, פון טשאַרנערס דאַך, זענען געשטאַנען דיבאָם, אויפגעפּעכערטע פון שטורעם. אַ טייל פון זיי זענען געהאָנגען אַריינגע־בויגטע אין די דאַך־לעכער, צווישן די קראָקוועס, ווי מיט שווערע דלאָטעס און האַמערס אַראָפּגעשלאָגן.

באַלד נאָך דעם, און מיטן זעלבן וועג ווי די פּאַוועס, זענען אַוועק די ברוינע פּערל פון דער טשאַרנערכעס הויכער ברוסט. און שקלאָווער קרעמער, וואָס האָבן זיך אין יענע טעג אומגעקערט פון מאָהליוו, האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי אַליין, מיט זייערע אייגענע אויגן, האָבן געזען ווי ר׳ שמחה טשאַרנער גייט אַרויס פון אַ דאָרטיקן משכנות־הויז, עפּעס גאָר־גאָר אַ פאַרזאָרגטער. אַ פּנים, הייסט דאָס... אַז, אַז... האַ? ווי זאָגט איר?

אַזוי האָט דאָס געדויערט, ביז דער לעצטער גרעסטער אומגליק האָט ווי אַ דונער אַריינגעשלאָגן אין טשאַרנערס הויז. מ׳האָט נאָך נישט פּאַספּעיעט צו פאַרפאַרבן די לאַטעס פון נייע בלעכן אויפן דאַך, און ר׳ שמחהס מיטעלע טאָכטער, סלאַווע, אַ הויכע בלאַסלעכע קראַסאַוויצע, איז נעלם געוואָרן. צוויי טעג און נעכט האָט מען זי אַרומגעזוכט; און געפונען האָט מען זי אַ דערטרונקענע, אינעם נישט טיפן וואַסערל, וואָס פלייצט דורך אין גרויסן סאָד ביי די טשאַרנערס און פאַלט אַריין אין דניעפּער. ס׳איז פריער קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז אַזאַ הויכע סטאַטנע מויד קען זיך דאָרטן דערטרינקען, און מ׳האָט זי דאָרטן נישט געזוכט.

געפונען אין וואַסער האָט מען זי אַן אַנגעטאָנענע און איר רוסיש ביכל, וואָס זי האָט געלייענט, האָט זיך געוואַלגערט אויפן ברעג. ניין, אַן געוואַלד קען זיך אַ דערוואַקסענער מענטש אין אַזאַ וואַסערל נישט דער־טרינקען, הייסט דאָס, אַז פרעמדע רוצחישע הענט האָבן דאָס געטאָן...

אַ כמאַרע האָט זיך זינט דעם אַראָפּגעלאָזט איבער שמחה טשאַרנערס הויז. פּונקט ווי דעם באַלעבאָס אַליין האָט מען זיין שטוב גענומען אויס־מיידן, ווי אַ פאַרכישופטן נעסט פון כל־ערליי אומגליקן. גאָט זאָל אונדז שומר־ומציל־זיין, זאָל ער!

אין שמחה טשאַרנערס שוואַרצער באָרד האָבן זיך, באַלד נאָך „שבעה", באַוויזן סיווע ציילן האָר. ער האָט גענומען הוסטן. די טשאַרנעכע האָט זיך מער אין מאַרק נישט באַוויזן. אָנשטאָט איר האָבן איינגעקויפט אירע דינסט־מוידן. אויף קיינעמס שאלות נישט געענטפערט. געהאַלטן מויל. און אַלץ איז דאַכט זיך אַוועק כשורה. פון די געווייסטע קוימענס אויפן גרינעם דאַך איז געגאַנגען אַ רויך, פורן האָבן געפירט געהילץ אויף דער פאַזניע און אָפּגעלאָדן אַקעגן שמחה טשאַרנערס שטוב, כדי אָפּצובויען די אָפּגעברענטע פליגל־הייזער.

נאָר עפּעס אומגעריכט, אין איין העלן טאָג, איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז שמחה טשאַרנער פאַרט אַוועק און פאַרקויפט אַלצדינג, בכל מכל כל. פון זיין פיאַנע, אויף וועלכער די דערטרונקענע שיינע טאָכטער האָט געשפּילט, ביז די הורבעס געהילץ אַקעגן זיין הויז. און אַלע זיינע הייזער און נישט־פאַרבויטע פלעצער פאַרקויפט ער אויך.

איז אַוועק אַ כאַפּן מציאות. ווער אַ קאָמאָד, ווער אַ טיש, ווער אַ בעט. מ'האָט פאַרזעצט אַ משכון און געקויפט מציאות. ווי די אויסגעהונגערטע פעלד־הינט אַ טויטן לייב, אַזוי האָט מען שמחה טשאַרנערס צעטראָגן.

דער נייער נגיד, אַקעגן די יאַטקעס, האָט איינגעהאַנדלט די פאַראָבלטע פיאַנע פאַר אַ שבוש. און דער שמש פון בית־מדרש, ווו די טשאַרנערס האָבן געדאַוונט — דעם פאַרזילבערטן סאַמאָוואַר. אַנדערש ווי פון אַ פאַר־זילבערטן סאַמאָוואַר פאַסט אים מער נישט צו טרינקען טיי, דעם ליאַדען שמש! און שטאָט אַליין האָט זיך אויך אונטערגעגאַרטלט, אין אַזאַ הייסער מינוט פון מציאות, און אָפּגעקויפט שמחה טשאַרנערס שענסטע הויז, זיין אייגן הויז, מיט די קאָלירט שייבעלעך אין דער געצאַצקעטער איינגאַנג־טיר און מיטן וואַסערל אין סאָד.

אַ טונקעלער פאַרהאַנג האָט, זינט דאַמאָלסט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער שמחה טשאַרנער און איבער זיין גאַנצער אַנטלאָפענער פאַמיליע. פון

ווערמען אַנטלאָפן? וווהין אַוועק? אין וועלכער שטאָט באַהאַלטן זיך מיט די בני־בית? וואָס טוט ער און פון וואָס לעבט ער אין דער פרעמד? — דאָס אַלץ איז געבליבן אַ סוד, אַ שוואַרצער סוד, ביז צום היינטיקן טאָג. אַזוי שוואַרץ און אָנציִענד, ווי די פיר טעפּ מיט טונקעלע פּערל, וואָס זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן פון זיין בוידעם.

מילא, אַוועקגעפאָרן — פאָרט געזונטערהייט! אַן אַנטלאָפענעם תושב פאַרגעסט מען ווי אַ טויטן. זיין הויז מיטן גרינעם דאַך, ווו פאַוועס האָבן אַמאָל אַרומגעשפּאַצירט, איז אָבער שטאָט גוט צונויף געקומען. הילצערנע בעטלעך האָט מען דאָרטן אָנגעשטעלט, אויסגעבעט מיט שטרויענע מאַטראַצן. און באַלד האָבן זיך פון אַלע קאַמערן אויסגעוועפּט די גוטע ריחות און פאַרפומען פון טשאַרנערס טעכטער — דער אָפּקלאַנג פון זייער מיידלשאַפט, פון זייער איידלקייט, פון זייער אומעטיקער גבירישקייט. און פון די גרויסע פענצטער און פון דער גלעזערנער געצאַצקעטער טיר האָט אַ שפּאַר געטאָן מיטן כאָליערע־ריח פון קאַרבאָלקע, מיט גראָבן יאָדאָפאָרם און מיט היסטערישע וואָלעריאַנקע. פון שמחה טשאַרנערס הויז איז געוואָרן אַ שפּיטאָל.

2.

אין דער גרעסטער קאַמער פאַר קראַנקע מאַנסביל, ווו עס זענען געשטאַנען נאָר עטלעכע בעטלעך, האָט זיך קושקע בראַנד געבומען אויסטשוכען פון דער געדיכטער שוואַרצקייט, וואָס האָט אים פּלוצלונג דערדריקט, בשעת ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַריינפאָרן בח פאַנדרען מיטן מעסער אין שלייף. זיין באַוווּסטזיין האָט זיך געגומען אַרויסגראַבלען פון מיש־מאַש און ווייטיק ווי פון אונטער אַ באַרג אָפּשיט און ציגל. אַך, יאָ. אַצינד דערמאָנט ער זיך: פון מערען איז אין דער לעצטער מינוט געוואָרן אַ שטיינערנע מאָוים־גרויסע נקבה מיט שפּיציקע בריסטן און מיט אַ דורנערדיקן געלעכטער, מאָדנע ענלעך צו אַ וואַנט פון אַ מויער, וואָס גיט אַ פאַל איין...

האָט קושקע געפּרוּווט אַ ריר טאָן אַ האַנט און נישט געקענט, אַ פוס — און נישט געקענט. די אויגן געפּרוּווט אויפמאַכן — שוואַרץ! בלייבט נאָר — שרייען. עס שרייט זיך אָבער נישט. אַ טויט־שרעק האָט דערשיטערט דאָס ביסל לעבן וואָס טליעט נאָך אין אים. און ער איז ווידער געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטער.

האָט די „זיצערקע" אַ קוק געטאָן, אַ שאָקל געטאָן מיטן טשעפּטשיק און איז אַרויס. איז אַריין דער פערשעל, צוגעהערט זיך מיט אַ שוואַרצן טרייבעלע צו קושקעס ברוסט, און אַ מעקע געטאָן:

— מ׳נע... ער דיאָוועט נאָך.

און הויבנדיק מיט די סוטולע פּלייצעס, געלאָזן זיך גיין צו דער טיר. פאַר דער סאַמער טיר אָפּגעשטעלט זיך און אַ זאָג געטאָן, נישט צו דער סטעליע, נישט צו דער זיצערקע:

— אַ... אַ גבר אַ ייד!

נישט נאָר דעם פעלשערס מיינונג איז דאָס געווען. חישין דער דאָקטאָר און קראָל זיין קאָנקורענט האָבן אויך אַזוי געזאָגט. זיי האָבן זיך ביידע נישט געקענט אָפּוווּנדערן, וואָס דער גרויסער פליכעוואַטער און פאַרבינטעוועטער קאָפּ לעבט נאָך, וואָס דאָס האַרץ שלאָגט נאָך, בשעת דער גאַנצער קערפּער איז שוין, כמעט אַזוי גוט, ווי אָפּגעשטאָרבן. נישט קוקנדיק, וואָס זינט די ווּיבאָרעס אויף ראַבינער זענען ביידע דאָקטוירים געווען אויף מעסערס, און אַז איינער האָט געזאָגט טאָג האָט דער אַנדערער געזאָגט נאַכט, און אַז איינער האָט געזאָגט ריצנאייל, האָט דער צווייטער געזאָגט ריבאַרבערים — זענען זיי אויף דער מיינונג, ביי קושקעס בעט, מושוה געוואָרן: אַ זעלטענער גבר אַט דער קושקע!...

און ס׳איז קיין חידוש נישט. עס רעדט זיך נאָר אַזוי אַצינד „קושקע". קושקע בראַנד איז בכלל נישט מער ענלעך צו אַ מענטשן, נאָר צו אַ שניי־באַבוק מיט בלוט־פלעקן, צו אַ ווייסער מומיע פאַרבינטעוועט מיט וואַטע און מיט גיפּס און מיט מאַרלע, פון וועלכער עס קוקט אַרויס נאָר איין האַלב געשלאָסן אויג און איין שטיקל מויל מיט אויסגעזעצטע ציין. טאַקע אַזוי, ווי זאָוול שמייסער האָט דערציילט ביי פאַנדרען אין שטוב, דער גאַנצער שטאַרקער קערפּער איז געווען פאַראַליזירט דורך דאָס צעקאַליעטשען די חוט־השדרה. געלעבט האָט נאָר דער קאָפּ. מ׳שטיינס־געזאָגט — געלעבט. באַוווסטלאָז איז ער געלעגן אויף דעם שטרויענעם קישן, נאָך דער לעצטער חלשות; און נאָר אַ דינער כריפּ האָט אין אים געזאָדן, געצויגן זיך, ווי אין אַן אָפּגעקילטן סאַמאָוואַר.

נאָר ביסלעכווייז האָט, אינעם קנויל פון ווייטיקן און וואַטע און פאַרגעסנקייט, ווידער געגומען אויפגיין אַ העלער פלעק. פון מוטנע־גרוי איז דער פלעק געוואָרן געלב, גאָלדיק. דערנאָך — ליכטיק. און קושקעס איינציקער, האַלב־אָפענער אויג האָט דערקענט אַ פירעק פון פענצטער. אין פענצטער גרינען אַרייןביימער. די בלעטער שיטערע, האַלב־פאַר־

געלבטע. און צווישן די בלעטער העגגען נאָך פּירות, גרויסע לאַנגע באַרן. „גדוילען" הייסן זיי אין שקלאָוו. ווו האָט ער דאָס געזען אַזעלכע גדוילען? אַנומלטן, אָפּפּירנדיק דעם צעמזיקטן זשאַנדאַרניק פון סטאַן אין יידישן שפּיטאָל, האָט ער געזען פּונקט אַזאַ פענצטער און פּונקט אַזעלכע באַרן. פון שמחה טשאַרנערס סאָד האָבן זיי אַריינגעקוקט. ער האָט געהאָלפן אַוועקלייגן דעם ערל אויף אַ בעטל און געדעקט. און דאָ שטייען עפּעס אויך בעטלעך... איז ער אפשר אויך אין שפּיטאָל?

נעענטער צום פענצטער איז געלעגן נאָך אימיצער אַ גרויסער, אַ שווערער, מיט אַ פאַרבינטעוועטן האַלבן פּנים. דערזען, אַז קושקעס אויג פינטלט, אַז זיין קאָפּ איז אומרואיק, האָט עס גויאיש אַ כאָרכל געטאָן אין יענעמס האַלדז און אַ כריפּלער פאַנפאַטער קול האָט מיט אַן אָפּענער בייזוויליקייט אַ פרעג געטאָן:

— העי, זשיד! לעבסט?...

קושקע האָט נישט געענטפערט. ערשטנס, האָט זיך ביי אים די צונג נישט באַוועגט. און צווייטנס, האָט ער געהאָט עפּעס וויכטיקערס ווי מאַטערן זיך און רעדן מיט כריפּלע גויאים. קודם כל מוז ער פאַרשטיין, ווי ער קומט אַהער, אין שכנות מיט דעם גוי. דאָס איז אפשר טאָקע דער זשאַנדאַרניק, וועלכן ער אַליין האָט אַהער געבראַכט אויף זיין בריטשקע און געהאָלפן אַוועקלייגן...

— שווייגסט? — האָט זיך דער ערל ווידער אַמאָל צעפּאַנפעט — מ'האָט דאָ געראַבאַטעוועט אַרום דיר ביזקל זיבעטן שוויס. ווילסט אַ „דאָכטור"? איז אַ „דאָכטור" (דאָקטאָר). נאָך אַ דאָכטור? אָט איז ער דאָ! ווילסט אַ „כפערשעל"? אָט איז ער דאָ! אַ זיצערקע — אויך. דער גאַנצער זשידאָווסקער שפּיטאָל איז געגאַנגען כאָדאָראָם. „שאַ" און „שאַ"!.. נישט רעדן און נישט אויסשפּייען. ניע־טאָ־שטאָ אַרום מיר. נישט אַן אייעריקער... טאַק־טאָ בראַטעץ! המ... און ווער, לאָמיר זאָגן, פּרימיערנאָ, האָט דאָס דיר אַזוי מכבד געווען? נישט די זעלבע חברה, די בונטאָוושטשי־קעס, די קראַמאָלניקעס? אין זייער מאַמעס מאַ־מען... שווייגסט? נו, שווייג דיר, שוויג! שלעכט שטייט דיין עסק. טאַק־טאָ!... איך וועל אָבער נישט שווייגן. אָט וועל איך אויפשטיין, וואַ־אַ־רט! איך וועל שוין יאָ געפינען ווער ס'האָט מיך צעקאַליעטשעט... אַ גרויסע קונץ אין דער פינצטער... איינעם אַליין. ניטשאַוואָ! איך וועל שוין געפינען!...

קושקע האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַפילו נישט קלאָר פאַרשטאַנען וועמען דער גוי סטראַשעט אַזוי. ער האָט נאָר פאַרשטאַנען, אַז

ס׳איז טאַקע דער זשאַנדאַרניק, וועלכן אימיצער איז אַריינגעפּאַרן מיט אַ שטיק האָלץ, אין דער נאַכט פון דער אָבלאַווע אויף די ציציליסטן, אין מיטן פעלד, הינטער די אָרשער ברעמלעך. געמאַכט פון אים אַ „קאַנקלעט״ פון חזירשן האַרבן פּרצוף און באַק־ציינער. זינט דאַן היילט מען אים דאָ. וואָרום שטאָט וויל זיך אויספיינען, דערווייזן דעם בייעם פּריסטאַוו וויל מען, אַז מ׳האַלט נישט מיט די יונגע חברה־לייט, אַז פּאַר פּראַוויטעלסטווע איז ביי שטאָט נישט שייך — ייד צו גוי...

ביי קושקען אין אָפּגעלעבטן קאָפּ האָבן זיך אַרומגעטראָגן גאָר אַנדערע זאַכן: שטיקלעך צעריסענע בילדער פון אַ פּאַרטאַג. ווען איז דאָס געווען? היינט? נעכטן? ניין, שוין לאַנג, לאַנג... עס גרויט אין דרויסן. פּעסיע זיין ווייב רופט אים פון פענצטערל. און ער קריצט מיט די ציין און לאָזט זיך אַוועק צו מערען — סענדערס טאָכטער. אָן דעם באַלעגאָלישן גאַרטל לאָזט ער זיך אַוועק... אַ געראַנגל אין קילן פּירהויז. אַ זעץ אין פּאַטילניצע. דערנאָך ליגט ער אין אייאיר ביי דער אָזערע, אַ געשלאָגענער, און שפּיגלט די געשוואָלענע נאָז אין אַ וואַסערל. דערנאָך — ר׳ ישיעלעס חורבה. אַ האַרמידער פון אַ סך יידן, מצווה־טוער. האַ־האַ און האַ־האַ סטאַרען זיי זיך אַלע אינאיינעם. און ער לאַכט זיך אויס פון דער גאַנצער מצווה. ער ציט דאָס מעסער הינטער פּאַנדרען. און אַלץ קייקלט זיך אין תהום אַריין. פון יענעם אינדערפרי אָן קייקלט ער זיך אין תהום... ס׳האָט אַנדערש נישט געקענט זיין. אויס מיט דיר, קושקע!

אינעם דאָזיקן תהום פון געפאַלנקייט און נישט־מענטשלעכע יסורים שאַלט ערגעץ־ווו אויף איין מענטשלעכער געשריי. איין ברידערלעכער קול, אַ וויי־געשריי פון אַ מענטשן וואָס וויל אים באמת ראַטעווען:

— קושקע, לויף!

ווו, אַ שטייגער, האָט ער דאָס געהערט אַזאַ וואָרענונג? אין דער לעצטער מינוט האָט ער דאָס דערהערט. ס׳איז שוין געווען צו שפּעט.

אַ ליכט גייט אים אויף, ווי אָקאָרשט דאָס פּיר־עקיקע שטיק ליכט פון פענצטער. נאָר אַ טיפערע, אַ זיסערע ליכט. ס׳איז דאָך געווען דעם אָסטראָזשניקס קול. בחקע פּאַנדרעס קול. און גראָד דאַמאָלסט ווען ער, קושקע, האָט אים געהאַלטן פעסט ביים אַרבל און די וואָנט האָט זיך צעשאָקלט... אַן אמתע טויט־שרעק האָט געגרעוועט פון זיין שונאס האַלדז: „קושקע, לויף!״ ווי האָט דאָס דער פּאַנדרע געהאַט קאָפּ צו וואָרענען אים? ער האָט דאָך גוט געזען ווער עס צילט אים מיט אַ מעסער אין שלייף. נישט דער שרעק פאַרן מעסער איז דאָס געווען, נאָר דאָס זאָרגן זיך

פאַר זיין אָנפאַלער, פאַר קושקע פרעסער, וועלכער האָט פאַרשמיסן זיין בעסטן פערדל, געקראָכן צו זיין ווייב און אַרומגעזוכט אים אַ שיכורער מיטן מעסער אין כאַליאָווע...

אַצינד שאַצט ער דאָס אָפּ. אין יענער רגע האָט ער נישט פאָספּעיעט אָפּצושאַצן אַזאַ ברידערלעכן געשריי. וואָרום עפּעס אַ שפּיציקע משא האָט אים אַ זעץ געטאָן אין רוקן, אַרויפגעוואָרפן זיך אויף אים פון הינטן, און געשלאָגן אים ווי מערע, ווי אַ גרויסע שטיינערנע מערע געשלאָגן אים און געכאָכאָטשעט. יעדער „כאַ־כאַ" ווי מיט אַ שטיק ציגל. דערנאָך איז געוואָרן שוואַ—אַרץ...

אַ וואַרעמע ליבלעכקייט צעשפּרייט זיך אים איבערן טייל פאַרבינ־טעוועטן גוף, וועלכער לעבט נאָך. עס באַרואיקט די מוראדיקע יסורים ווי אַ באַלסאַם. אַ מין שווערע לאַסט פון שנאת־חנם פאַלט אים אַראָפּ פון אָפּגעשוואַכטן האַרצן. געטראָגן, געטראָגן די לאַסט און אָט האָט ער זיך באַפרייט. אַלץ וואָס איז פריער געווען אַזוי וויכטיק צו זיין אין כעס — פאַרלירט דעם ווערט. ער גיט אַ שמייכל צו זיך אַליין מיטן האַלבן, גאַנץ־געבליבענעם מויל: אַי, קושקע, ביסטו דאָס אַ בלייענער פויגל! געצויגן, געצויגן דאָס מעסער און נישט דערצויגן. ביי מערען אין פירהויז געצויגן, דערנאָך ביי דער חורבה־וואַנט, און נישט דערצויגן. אפשר געבוג מוט נישט געהאַט? בעסער אַזוי, קושקע! נישט דערצויגן. שעם זיך, אַז דו ווילסט. אַבי קיינעמס בלוט נישט פאַרגאָסן. בעסער אַזוי, קושקע! ווי? טאַקע קיינעמס נישט?

קושקעס איינציקע, נישט פאַרבינטעוועטע אויג הויבט אָן צו פינטלען גיך, גיך. ער איז אין ספק צי דאָס צווייטע מאָל ציען דאָס מעסער, ביי ר' ישיעלעס וואַנט, האָט טאַקע קיינעם נישט געשאַדט. ער געדענקט גוט, אַז מיטן אָנגעצילטן מעסער האָט ער זיך יאָ צעפּאָכעט. נאָר צי האָט ער געטראָפן פאַנדרען אין שלייף, צי נישט — דאָס געדענקט ער מער נישט.

אַן אומרואיקייט הויבט אין אים אָן צו וואַקסן. אַן אומרואיקייט און אַ גלוסטעניש, אַזוי שטאַרק ווי אַ הייסער דורשט, צו זען נח פאַנדרען אַ גאַנצן, אַ געזונטן.

דער פאַרבינטעוועטער קאָפּ זיינער הויבט זיך אָן צו וואַרפן. דאָס אויג דרייט זיך, און דאָס שטיקל מויל שרייט, אַזש עס טריפט פון אים מיט פרישע טראָפּנס בלוט אויף דער ווייסער מאַרלע.

— ע... מע... — דערהערט זיך אַ נישט־מענטשלעכער בעטנדיקער קול.

— מע—ע! — מישט אים איבער דער גוי מיט דער פאַרבונדענער באַקביים פענצטער — טאַק־טאָ, בראַטעץ!

— מע—העם—לעם—מעל... — באַרואיקט זיך נישט קושקעס קאָפּ.

ביז די „זיצערקע" מיט איר נישט זייער זויבערן פאַרטוך, וועלכע דינט דאָ סיי אַלס „שוועסטער" סיי אַלס קעכין, איז אָנגעלאָפן פון קאָכשטוב און געבליבן שטיין ביי קושקעס בעט אַ פאַרגאַפטע, וואָס אַזאַ „פאַרביי־איקער" האָט נאָך כוח צו מעקען, צו פאַרלאַנגען.

— קושקע, ווילסט עפּעס? — בויגט זי זיך פאַוואָליע איין איבער דעם פאַרבונדענעם קאָפּ.

— פאַ—פאַי—פאַנ—, — באַמיט זיך קושקעס קאָפּ צוזאַמענצובינדן איין וואָרט — גיי־גיכ—גיי—אָה!

האָט די זיצערקע אָנגעהויבן טרעפן ווי אַ רעטעניש דאָס וואָס קושקעס קאָפּ מיינט דאָ צו זאָגן:

— פּעסיע? דיין ווייב? זי איז דאָ אין פירהויז. זי וואַרט. דער דאָקטאָר האָט נישט געהייסן אַריינגיין. זי קומט. וואַרט.

— הן—הן—ניי—ניע! — האָט קושקעס קאָפּ געפרווווט שאָקלען זיך אויף „ניין".

— פאַן—פאַן—ניע! — האָט איבערגעמישט דער קראַנקער זשאַנדאַר־ניק ביים פענצטער — טאַק־טאָ, בראַט! נישט קיין „פאַן", ניע! שלעכט זענען דיינע געשעפטן...

און נאָך אַ היפּשע ווײַלע האָט זיך די זיצערקע אָפּגעמוטשעט מיט קושקען. פּעסיע איז אָנגעלאָפן מיט אַ יאָמער. דער פערשעל האָט זי קוים אַרויסגעפירט צוריק. ס'האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן. קושקעס קאָפּ האָט זיך נישט געוואָלט באַרואיקן. אַלץ געמעקעט, געבעטן עפּעס, געכליקעט ווי אַ קינד. ביז מלך „מעבר־יבק" איז אָנגעקומען. מלך איז צוגעגאַנגען און דערגאַנגען אַ טאָלק. חברה־קדישא האָט אים נאָר געשיקט אָפּצוואַרטן, מיט אַ פעדערל אין האַנט, די יציאת־נשמה ביים פאַרבייאיקן קושקען, זאָגן מיט אים ווידוי... אָבער ער, מלך „מעבר־יבק", דער געניטער אַרויס־באַגלייטער פון אַלע פאַרבייאיקע אויף יענער וועלט, וועלכער קען דאָס שטאַמלען פון כל־ערליי גוססדיקע, ער האָט זיך באַלד פאַנאַנדערגעקליבן אין דעם טעלעגראַם־לשון פון קושקע בראַנד, אַז דאָס מיינט ער פּ אַ נ ד־ר ע ן... זיין לעצטער רצון איז צו זען זיך מיט פאַנדרען און מיט מערען זיין ווייב. בעטן ביי זיי מחילה וויל ער...

בייזע אויגן

1.

אַן אומעט פון פאַר ימים־נוראים איז געלעגן אויף דעם פאַרוועלקטן גראָז פון שקלאָווער „פּאַזניע", ווען פאַנדרע און מערע זיין ווייב האָבן זיך דערנענטערט צום יידישן שפּיטאָל. דער אלול האָט צעשאָטן פון זיין טאָרבע אָפּגעבליאַקעוועטע שטיקער גאָלד און ליכט אין די בלעטער פון די דעמבעס — די צוויי הונדערט יאָריקע ריזן, וואָס זענען נאָך גאַנץ געבליבן פון אַלע שטורעמס. הורבעס פון נישט אויסגעגוצטע בערווענעס, דראַניצעס און לאַטעס זענען נאָך געלעגן ביי די לאַנג אָפּגעברענטע הייזער אויפן פּאַזניע — ירושה פון ר' שמחה טשאַרנער, פון זיינע שריפות און פון זיין אַנטלויפן... פון דער חרובער, לאַנגער קאַזאַרמע, פון יעקאַטע־רינאַס צייטן, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שוואַרצע סטאַיע מיט קראָען און געלאָזן זיך פליען מיט פויגלשע הפקרדיקע געשרייען צום עק שטאָט. דאָס האָט פאַרשטאַרקט דעם אָנזאָג אויף אָסיען, אויף תשובה־צייט, און אויפן סוף פון מענטשן.

אָנגעזאָפּט מיט דער אַרומיקער מרה־שחורה האָבן זיך פאַנדרע און מערע זיין ווייב אויפגעהויבן אויף די טרעפּלעך פונעם גלעזערנעם גאַניק מיט די קאָלירטע שייבלעך. שווער, ווי אַ בערנפּירער, איז זיי פאַראויסגע־קראָכן, מיט די קורצע פיס און ברייטן געזעס — מלך „מעבר־יבק". ער פאַראויס און זיי — נאָך אים; ווי אָנגעבונדן אָן אַ קייט. פון אַלע שווערע איבערלעבענישן, פאַר היינטיקן טאָג, זענען זיי ביידע, מאַן און ווייב, געוועזן דערדריקט און נישט זיכער אין טראָט. כמעט צופרידן, וואָס אימיצער פירט זיי צו אַזאַ נישט געשמאַקן באַזוך, און זיי דאַרפן נאָר נאָכגיין און זיך ל אָ ז ן פירן.

די שיינע גאַניק־טיר האָט, ביים עפענען זיך, אויפגעטרייסלט אַ הענג־גלעקל. און אַז יענער איז פאַרשטומט געוואָרן, האָט זיך, אין דעם ברייטן

פירהויז, דערהערט אַ פּאַרשטיקטער יאָמער. אויף אַ באַנק איז געזעסן אַ יידענע און ביטער געוויינט.

מערען האָט אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. זי האָט זיך עפּעס דערפילט שולדיק אינעם פאַרשטיקטן געוויין. אַליין נישט געוווּסט, פאַרוואָס.

— ווער איז דאָס? — גיט זי אַ פרעגביים וועגווייזער, ביי מלך „מעבר־יבק”.

— זי? — גיט זיך מלך אַ קראַץ אין באָרד — ס'איז דאָך פּעסיע. המ...

— וועלכע? זיין ווייב?

די פאַריאָמערטע יידענע איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַנגעשפּיצט זיך. דערהערט, אַז מ'רעדט פון איר, האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון אונטער דער פאַטשיילע, און אַ שאַרפער קוק פון צוויי אָנגעדראָלענע אויגן האָט מערען געטראָפן, ווי מיט אַ מעסער. זי האָט נאָך נישט פאָספּעיעט אָפּ־צוווענדן דעם קאָפּ פונעם שטעכיקן בליק, ווי אַ גיי־אַרויס מיט אַ נייעם געוויין און מיט מאַרק־לשון, פון דער זעלבער יידענע, האָט זי נאָך שמערצ־לעכער געטראָפן:

— אָט גייען זיי! מיינע רוצחים...

דאָס האָט אין פעסיען אויפגעקאָכט די שנאה פון צוויי משפחות, וואָס קריגן זיך שוין אַרום דורות־לאַנג און קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן. עס האָט פעסיען אויך געמוזט באַקאַנט זיין, אַז דורך מערען זענען גע־קומען אַלע קושקעס בזיונות. זינט ס'איז אַוועק אַ קלאַנג איבערן שטאָט, אַז סענדערס טאָכטער האָט קושקען געבויקערט מיטן טאַטנס שטיוול, האָט ער דאָך אָנגעהויבן צו טרינקען, קושקע. אָפּגעלאָזן זיין פּרנסה, צעריסן זיך מיט אַלעמען אין צעך, זי און די קינדער געשלאָגן...

נאָר מערען איז איינגעפאַלן דאָס האַרץ פון אַזאַ יאָמער מיט אַזאַ לשון. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פּעסיע ווייסט שוין אַ סך מער... אַז אַלץ וואָס איז הייַנט געשען ווייסט זי אויך.

אַ טיר האָט זיך אויפגעמאַכט אין אַ גרויסער ליכטיקער קאָך־שטוב, און נאָך אַ צווייטע טיר. אַ זיצערקע איז זיי אַרויס אַקעגן. נאָר מלך „מעבר־יבק” האָט איר געגעבן אַ צייכן זי זאָל אַוועקגיין. און מערע און פאַנדרע האָבן זיך, ווי די אָפּגעבריטע, אַריינגעכאַפּט אין דער מאַנסבילשער אָפּטיילונג פון שפּיטאָל און געכאַפּט אָטעם. די שפּיטאָל־לופט האָט זיי אָבער בכלל נישט דערקוויקט נאָך אַזאַ אויפרעגונג. דאָ איז געשטאַנען אַ ריח פון קאַרבאָלקע און יאָדאָפאָרם. און נאָך עפּעס אַ ביי־גערוך איז דאָ געווען, וועלכער האָט פאַנדרען דערמאָנט זיין אַמאָליקע קצבישע פּאַדיאָור־

קע, פאַר וועלכער ר׳ סענדערס פערד האָבן מורא געהאַט, און די קוילער־שטיבל הינטער דער שטאָט. ס׳איז געווען דער זיסלעכער געשטאַנק פון אָפּגעשטאַנען בלוט. אפנים, אַז אויך דאָ האָט זיך היינט אַזוינס עפּעס געגאָסן... קושקעס אפשר?

אינעם רויטלעכן שיין פונעם אלול־פאַרנאַכט האָט זיי אַקעגן געקוקט איין גאַנץ־געבליבענע שטאַרע אויג פון אַ גרויסער ליאַלקע. עפּעס גרויסע קינדער האָבן דאָ גרויזאַם געשפּילט, אַריינגעלייגט אין בעט אַ מענטשן־גרויסע צעבראָכענע ליאַלקע און אַרומגעוויקלט זי מיט וואַטע. קוקט זי אַצינד אַרויס פון דער רויט־באַפלעקטער מאַרלע מיט איין שטאַרן, אַ קאַ־פּעלע פאַרמאַכטן אויג... אַן אויסטערלישע שפּיל און אַזאַ אמתדיקע!

און שטיל זענען מיט אַמאָל געוואָרן די טריט פון די דריי אַנגעקומענע פאַר גרויס דרך־ארץ. ווי אויף געוואַנט אַרויף. ווי זיי וואָלטן אַנגעטראָטן אויף דער שאָטנדיקער פאָלע פון טויט אַליין.

פרעגט מערע ביי מלכן, קוים־אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם:

— פאַרוואָס זיצט זי עפּעס... פּעסיע, אין פירהויז?

ענטפערט מלך מיט אַ קראַץ אין דער דראָטענער באָרד, ווי אַלע מאָל ווען ער קומט אין פאַרלעגנהייט:

— אַז... אַז זי מאַכט באַלד קולות־געוואַלדן, מאַכט זי... האָט חישין דער דאָקטאָר אָנגעזאָגט: למען השם!... זי איז אים מקצר די לעצטע מינוטן, איז זי...

— פונדעסטוועגן... — הויבט מערע גאַנץ פאַרגאַפט מיט די פּלייצעס — אַ ווייב!...

גיט זי מלך אַ ברי־אָפּ מיט די בערישע ביסטרע אויגעלעך:

— אַז קושקע אַליין וויל נישט... אָט! געשיקט בעסער נאָך דיר...

און נישט וואָרטנדיק, ווי אַזוי מערע וועט אויפנעמען אַזאַ אָנצור־הערעניש, גיט ער אַנטשלאָסן אַ גיי צו און אַ בויג זיך איבער, איבער קושקעס פאַרבינטעוועטן קאָפּ:

— נו, אָט איז דאָ פאַנדרע און זיין פאַנדריכע...

דאָס אויג קושקעס לעבט אָפּ, רייסט זיך אויף. אַ רויטלעכער פונק פון אָונט־שיין ברענט אין סאַמע שוואַרצאַפּל. און פאַנדרע דערקענט קושקעס אויג, וואָס האָט נאָך היינט בייטאָג געגליט, אונטער דער צע־שאָקלטער חורבה־וואַנט, מיט אַ ווילדן גלאַנץ פון רצחנות. אַצינד איז דאָס זעלבע אויג פול מיט גנאָד און מיט מענטשלעכן גוטן אומעט.

.2

נאָר ער האָט נאָך נישט פֿאַספּעיעט אַריינצוקוקן טיפֿער אין קושקעס אומעט, און אַ מאָדנע אומרואיקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט, ווי אין דער נאָענטקייט פֿון אַ פֿאַרטאַיעטער געפֿאַר. ס׳איז עפּעס געווען איבער זיינע קרעפֿטן. ווי אַ בייזער שרץ וואָלט אים אָנגערירט מיט אַ טאַפּ־האָרן אין נאַקן.

ער גיט אַ דריי דעם קאָפּ — כך־הוה! צוויי אַנדערע אויגן באַטראַכטן אים. אין אַ ברייטן פֿאַנישן פּרצוף־פּנים זיצן זיי. די נאָז און איין באַק פֿונעם פּרצוף זענען אויך פֿאַרבינטעוועט מיט מאַרלע. פֿון אַ בעטל לעבן פֿענצטער ציט זיך דער קוק, אַ קלעפּיקער און אַ מוטנער, ווי ביי אַ וואַ־סער־שרץ. וואָס, אַ שטייגער, האָבן אָט די פֿרעמדע קוקערס צו אַרומטאַפּן אים? ער קען זיך בשום אופֿן נישט דערמאָנען, ער זאָל אָט דעם פֿאַרענ־דערטן, האַלב־מאַסקירטן פּרצוף ערגעץ־ווו האָבן געזען. און פֿונדעסטוועגן פֿילט ער, פֿאַנדרע, אַז אַ טיפֿע שרעק קריכט אים פֿון האַרצן אַראָפּ צו דער קני.

— נו־נו! — רופֿט אים מלך „מעבר־יבק״, ער זאָל צוגיין נעענטער צו קושקעס בעט. אָבער פֿאַנדרע רירט זיך נישט. ער קוקט גאָר אין אַן אַנדער זייט.

ווערט שוין מלך אומגעדולדיק:

— נח! נו?

גיט זיך פֿאַנדרע אַ כאַפּ און אַ טראַט־צו. ער באַמיט זיך זיין גראָבלעך און קאַלטבלוטיק, גיט ער אַ ווונק מיט איין אויג צו מלכן:

— און ווער איז דאָס יענער יאָלד? לעבן פֿענצטער...

— אָך, דער? — פֿאָרט זיך מלך אַריין מיט די פֿינגער אין דער דראָ־טענער באָרד — אַן ערל.

און גיט צו אַ ביסעלע שטילער:

— ששש אַ!... ס׳איז יענער, וועלכן מ׳האָט מכבד געווען בשעת דער אַבלאַווע, ביי די אָרשער ברעמלעך, אַ מאַהליוועד זשאַנדאַרניק.

ס׳איז אַ גליק, וואָס די אָוונט־ליכטיקייט אין שפּיטאָל איז געווען קאַרג, פֿאַרטונקלט פֿון די בוימער אין סאָד, און דאָס וואָס פֿאַנדרע איז אַציינד געשטאַנען מיטן רוקן צום פֿענצטער, ווען נישט — וואָלט דער ערל געוויס באַמערקט, ווי די קאָלירן בייטן זיך אין פֿאַנדרעס געזונטן פּנים. אָבער, אַז מען שעפּטשעט זיך איבער אים האָט ער, ווייזט אויס, יאָ

דערשפּירט. וואָרום ער האָט מיט כריפּלען פּאַרדאַכט און פּאָנפּאַטע אַ ריטש געטאָן פון זיין געלעגער:

— נו, טשאַוואָ טאַם?

ס׳הייסט: פון וואָס רעדט מען דאָרטן?

ווי אַ ווידער־קול פון אַ שווערער איבערלעבונג האָבן די פּאָר ווערטער גראָב אָפּגעקלונגען אין פּאַנדרעס אויערן. אַנומלטן, אין יענער נאַכט פון דער אַבלאַווע, בשעתן שפּרינגען פון פענצטער און לויפן צווישן די פינצטערע גערטנער, האָט שוין פּאַנדרע געהערט אַזאַ כריפּלען און חוצפּהדיקן קול, נאָר אָן דער פּאָנפע:

— סטאָי—אָי! דערזשי—י!

אַפּנים די צעקאַליעטשעטע נאָז האָט אַצינד צוגעגעבן דאָס פּאָנפען... הייסט דאָס, אַז נישט אומזיסט האָט ער דערשפּירט אַזאַ שנאה אינעם ערלס קוק. דער ערל, ווייזט אויס, האָט עפּעס אויך דערשמעקט; ווי אַ געשלאָגענער הונט דערשמעקט זיין שלעגער פונדערווייטנס....

און ווי אַלעמאָל, בשעת אַ גרויסע געפאַר, באַהערשט זיך פּאַנדרע מיט אַלע כוחות. אַזוי ווי בשעת יאַשקע דער מסור איז אים געקומען אויסי פרעגן, אַזוי איצטער. ער דערמאָנט זיך, אגב, אַז בשעת ער האָט פון הינטער דעם בוים, מכבד געווען דעם זשאַנדאַרניק, מיט אַ ביין־ברעכענדיקן קנאַק אין פּנים, איז געווען שטאָק־פינצטער. און דער אָנגעלאָפענער ערל האָט בשום אופן נישט געקענט זען זיין פּנים, נישט זיין וווקס, נישט זיינע מלבושים. גייט דערפאַר איבער זיין באַהאַלטענער שרעק פאַרן זשאַנדאַרניק אין אַ מין אַרויספּאָדערונג. גיט ער פּאַוואָליע אַ קער דעם שטאַרקן קאָפּ צום ערלס געלעגער און וואַרפט אים צו מיט פריינדלעכער גלייכגילטיקייט, טרייבט אַ ביסל איבער:

— דאַ ניטשאַוואָ, זעמליאַק! (גאָרנישט, לאַנדסמאַן!).

און דרייט זיך ווידער אויס צו מלך „מעבר־יבק״, ווי איינער וואָס בינדט אָן אַן איבערגעריסענעם געמיטלעכן שמועס:

— קיין אַנדער אָרט נישט געפונען פאַר... אָט אַזאַ?...

שאָקלט אים מלך צו, ווי אַ בער, וואָס באַקומט אַ ביסן:

— אונדזערע באַלעבאַטימלעך!... געוואָלט אויספיינען זיך פאַרן פּריסטאַוו. און דער ערל טוט איין זאַך: ליגט און טשעפּעט זיך. אַלע חולאים קרימט ער איבער...

נאָר פּלוצלונג דערמאָנט ער זיך, מלך, אַז ער רעדט דאָ פון זייטיקע זאַכן. גיט ער בייזלעך אַ צי פּאַנדרען פאַרן אַרבל:

— גיי שוין צו! אַ סוף!

פּאַנדרע האָט, מיט געמאַכטער זיכערקייט, אַ שפּרייז געטאָן און שטיין געבליבן האַרט ביי קושקעס בעטל. ער פון איין זייט, מערע, מיט דער אַנגערוקטער שטוב־פּאַטשיילע, פון דער צווייטער זייט. ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו פילן, ווי די אויגן פון צעמזיקטן גוי דרינגען דורך זיין ברייטן רוקן, וועגן־אָפּ, ווי אויף אַ וואָגשאָל, זיינע פּלייצעס, זיינע אָרעמס. צי ס'איז דער, וועלכער... אַ? דאַכט זיך נאָר אַזאַ גבר קען געבן אַזאַ זעץ...

און ווי אַ בליץ איז פּאַנדרען דורכגעלאָפן דער צוטשעפּעניש־געדאַנק, וועלכער עגבערט אים אַזוי אָפּט די לעצטע צייט, אַז... אַלע וועגן לויפן זיך סוף כל סוף צוזאַמען און מען קען פון אייגענע מעשים נישט אַנטלויפן. פריער, שפּעטער... און עפּעס איז דאָ אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דעם טשו־רילאָ־קאַטאָרזשניק, וועמען ער האָט צעבראָכן די נאָז אין אָסטראָג, און צווישן אָט דעם צעמזיקטן מאָהליוער זשאַנדאַרניק. איין קוק איז ביי זייביידן. פריער־שפּעטער וועט ער זיך נאָך מיט זיי באַגעגענען...

דעם ערלס מוטנע אויגן אין נאַקן און דאָ, אָקעגן אים — א י י ן אויג. קושקע בראַנדס גאַנץ־געבליבן אויג... ווי צווישן צוויי מאַגנעטן איז פּאַנדרע געבליבן הענגען. די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען און צע־רודערונג פון היינטיקן טאָג האָבן זיך פּלוצלונג געלאָזט פילן. ער האָט פאַרביסן אַ ליפּ. נאָר ס'האָט נישט געהאָלפן. ווען עס דויערט נאָך איין ווײַלע, וואָלט דער מאַגנעט פון הינטן אַריבערגעצויגן. ער, פּאַנדרע, וואָלט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און, קריצנדיק מיט די ציין, וואָלט ער צוגע־שפּרונגען צום ערלס בעט:

— האָסט נישט וואָס צו קוקן, חזיר! ס'האָב איך דיר דערלאַנגט אין באַק הינטערן בוים... ועסט שיסן, אַ?

3.

נישט אַנדערש — פּאַנדרעס מזל האָט אים אויך דאָ אַרויסגעהאָלפן. ווארום דאָס שפּיטאָל־גלעקל האָט ערגעץ־ווו אַ קלונג געטאָן. קולות האָבן אויפגעהודזשעט; די טיר צו דער מאַנסבילשער אָפּטיילונג האָט אויפגעע־פּראַלט און, מיט אַ יללה, האָט זיך אַריינגעריסן פּעסיע, קושקעס ווייב. נאָך איר — זאַוול דער שמייסער, מיט זיינע פּאַרלאַטעטע גרויסע שטי־וואַלעס, וואָס מאַכן אַן אַזאַ הילכיקן רעש. נאָך זיי לויפט נאָך דער

קורצינקער „פערשעל" און פּאַכעט אומבאַהאָלפן מיט ביידע דיקע הענט־לעך. די זיצערקע טוט אויך, וואָס זי קען און העלפט דעם פערשעל אויסטענהען זיך:

— שאַ—שאַ! וואָס איז דאָס! איר זעט דאָך!...

די אומגעבעטענע געסט פאָלגן אָבער נישט און שטופּן זיך ווייטער. אין זאַוולס אויגן ברענט אַ צו להכעיס פייער. אפנים — ע ר האָט דאָס אויפגעבונטעוועט קושקעס ווייב — וואָרום אויף אים האָט זי געהאַלטן אין איין אָנווייזן, געשטעלט אים פּאַר אַן עדות און געשריען:

— אָט זאָלן מענטשן זען! שונאים מעגן? אַ ווייב טאָר ני—ישט! ראַזבאָיניקעס!...

— שאַ—שאַ! — האָט זי מלך „מעבר־יבק" באַגעגנט מיט דער זעל־בער הענט־פּאַכעניש, ווי דער „פערשעל". נאָר אַלס גאָטס פּאַראָמשטשיק, וואָס פירט אַריבער מענטשן אויפן עולם־האמת, האָט ער דאָס געטאָן מיט אַ סך מער ווערדע און אַנטשלאָסנקייט:

— שטיל זאָל דאָ זיין!

פאַר אים האָט זיך פּעסיע יאָ דערשראָקן. איר „מענה־לשון" האָט זי אָבער מער נישט געקענט איינהאַלטן:

— איר... ר' מלך אויך? בו—בו!... אויף ווע‏מען לאָזט ער מיך, מיט פּיצלעך קי—קינדער... בו—בו!

דערפאַר איז אין גאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן דער צו להכעיס געפיל אין זאַוול שמייסערס אויגן. קושקעס איינציקע אויג אין וואַטע, דאָס בלוטיקע לעכל אָנשטאָט אַ מויל, מלך „מעבר־יבקס" פּייערלעכקייט, מערעס און פּאַנדרעס שווייגן פון ביידע זייטן בעט, דאָס גאַנצע בילד האָט אים גע־טראָפן ווי אַ טעמפּער זעץ אין חוצפהדיקן פּנים. ער איז בלאַס געוואָרן און געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. נישט אַהער און נישט אַהין.

און דאָ ווערט נאָך קושקעס איין־איינציק אויג אומרואיק. זיין פאַר־בינטעוועטער קאָפּ הויבט זיך אָן צו וואָרפן. און פון דעם בלוטיקן לאָך, אָנשטאָט אַ מויל, הויבט זיך אָן ציען אַ קול, אַ נישט־מענטשלעכער קול, גיכער אַ הייזעריקער ציגלען־זיך פון אַ האַלב געשאָכטענעם צאַפּ:

— אוי, אַה—אַה! אַ אוי—אויס—פיה—ררר! —

— אַרויספירן! — פאַרטייטשט גלייך מלך „מעבר־יבק" פאַר אַלעמען. און נאָך שטרענגער טייטשט ער דאָס איין פּעסיען:

— יידענע אייבע! אַז אַ גוסס הייסט, מוז מען פאָלגן.

— פרעמדע מעגן, פרעמדע—ע? — רעוועט פעסיע — אָט די טייערע פריינד זיינע—ע...

מיט דער סומאַטאָכע באַנוצט זיך זאַוול שמייסער. ער קומט צו זיך, לויפט צו קושקעס בעט און בויגט זיך צו אים צו.

— באַלעבאָס! — רוימט ער אים איין מיט אַ ציטערדיקן קול, ווי מען רוימט איין אַ סוד — איך... איך בעט אייך מחילה. זייט מיר מוחל!...

— אייכל, אייכל, — שאָקלט קוים־קוים קושקעס קאָפּ אויף דער האַרטער שפּיטאָל־קישן. זיין אויג שטייט שטאַר.

מערע און פּאַנדרע קוקן זיך איבער. זיי פאַרשטייען זיך איינער דעם צווייטן אויפן ווונק. עס געפעלט זייביידן זאַוולס פלוצלעכער מחילה־בעטן ביי זיין געוועזענעם באַלעבאָס. אין וועלכן ער האָט נאָך דאָ, מיט אַ פּאָר שעה צוריק, געהאַט אַזאַ בייזע נקמה. אַ פאַרדאָרבענער יונג דאַכט זיך? און פאָרט אַ יידיש האַרץ.

— גע—גע... אַ אוי—גע... — שטאַמלט קושקעס קאָפּ און וואַרפט זיך — פעס... זאַוו... אוי—גע... אָה, אָה!

— פעסיע און זאַוול זאָלן אַרויסגיין, — פאַרטייטשט גלייך מלך „מעבר־יבק".

און, נישט מאַכנדיק מער קיין שהיות, שפּרייט ער אויסביידע דיקע אָרעמס זיינע, שאַרט צוזאַמען פעסיען מיט זאַוולען און פירט זיי אַזוי, פריינדלעך אָבער אַנטשלאָסן, גלייך צו דער טיר.

— איר זעט דאָך! — טענהט ער צו זיי מיט געבעט — אַ... ווידוי. מען טאָר נישט. איין ווילעטשקע נאָר. איין ווילעטשקע.

דער ווידוי

1.

אויסער מלך „מעבר־יבק" און אויסער דעם פּאַרבינטעוועטן ערל ביים פענצטער איז קיינער נישט געבליבן אין שפּיטאָל, בשעת קושקע בראַנד האָט זיך מתודה געווען פאַר פאַנדרען און פאַר מערען זיין ווייב.

— נעה... נענט!... — איז קושקעס צעקאַליעטשעטער קאָפּ ווידער געוואָרן אומרואיק, באַלד ווי מ'האָט אַרויסבאַגלייט די נישט־געבעטענע געסט.

— נעענטער, נעענטער! — האָט דאָס גלייך איבערזעצט מלך „מעבר־יבק" אויף מענטשלעכן לשון.

— נען־נען! — האָט געגומען איבערמישן דער קראַנקער ערל ביים פענצטער, וועלכער האָט זיך דאָ געפילט ווי ביים טאַטן אין ווייגאָרטן. — טאַק־טאָ בראַט!

— שווייג דאָרטן! — האָט אויף אים מלך „מעבר־יבק" אָנגעשריען — דאָ איז דיר נישט קיין שענק.

דער ערל איז געבליבן ליגן פאַרגאַפּט, וואָס אַ ייד אין אַ קאַפּאָטע האָט אַזאַ העזה קעגן אים — אַ מאָהליוועער זשאַנדאַרביק, וועלכן שקלאָווער זשידעס האָבן אַזוי צעמזיקט — האָט ער נאָר עפּעס קורץ אַ סטראַשע געטאָן, אָפּגעבורטשעט און אַנטשוויגן געוואָרן.

האָט זיך מערע מער נישט געקענט דערוואַרטן, ביז קושקע וועט אָנהויבן רעדן מיט רמזים און מיט האַלבע ווערטער. איר לאַנגלעכער געטאָקטער קין האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען:

— קושע, רב, רב קושע! כ'האָב נישט... גע...גע...

שרייט אויף איר אָן מלך „מעבר־יבק" מיט אַ שאַרפן שושק:

— צעטומלט אים נישט! לאָזט אים!

פון דער נאָענטקייט צו דעם, וועלכער גייט דאָ אויס פאַר זייערע

אויגן, פון דעם, וואָס קושקע האָט אַלעמען געהייסן אַרויסגיין און זיי לאָזן, און בכלל פון אַלע דערשיטערונגען ביז אַהער, איז מען עפּעס געוואָרן פאַרוועבט צוזאַמען. און קושקעס טעלעגראַם־לשון איז געוואָרן זייער אַלעמענס לשון. זיי האָבן אים אָנגעהויבן פאַרשטיין אויפן ווונק, ווי אין אַן ענגער משפּחה, ווו איינער איז שטום און אַלע רעדנדיקע פּאַסן זיך צו אים אָן.

— אי—איכ׳ל... אַליי—דע... דע... מייכל... עטען! — אַזוי טריפט הברותווייז פון קושקעס פאַרבלוטיקטע ליפּן און זיין איינציק אויג איז געווענדעט צו מערען.

— איך אַליין דאַרף מחילה בעטן! — פאַרטייטשט מלך. נאָר ער באַמערקט שוין, אַז זיין טייטש איז איבעריק. פאַנדרע און מערע פאַר־שטייען אים.

— מוחל, מוחל! — שאָקלט צו אים מערע, און גרויסע טרערן שטייען איר איןביידע ברוינע אויגן.

— אַ דאַנ, אַ דאַנ!... — באַמיט זיך קושקעס קאָפּ אַרויסצוברענגען פון זיך אַ מענטשלעך וואָרט און עס געלינגט אים.

— אַ דאַנק! — קלינגט פּלוצלונג אָפּ קלאָרער. און אַלע דריי רעדנ־דיקע אַרום אים קוקן זיך איבער. דער „שטומער" פון דער ענגער משפּחה הויבט אָן צו רעדן.

— דו אוי... נייך! — פּירט איבער קושקע זיין אָפענעם אויג אויף פאַנדרען. און פאַרענדיקט קלאָרער:

— נח, דו אויך... אייכעל!

— מוחל, מוחל! — שאָקלט צו אים פאַנדרע מיטן שטאַרקן קאָפּ — גאָט זאָל אונדז שוין אַלעמען מוחל זיין!

— אָט, אָט! — רירט זיך קושקעס קאָפּ אויפן קישן, און אַ פרייד שיינט אים אויף אין גאַנץ־געבליבענעם אויג. — אַלע, אַלעמ!... אָט!

די אָנגעלאָפענע הייסע טרערן הויבן אָן גיך־גיך צו קאַפּען פון מערעס אויגן. זי רוקט אָן די פאַטשיילע — קושקע זאָל דאָס נישט זען.

— ני—ני—וויינ—מער... ניט. — שטאַמלט צו איר קושקעס צעבלו־טיקטער מויל פון פאַק וואַטע אַרויס.

— נישט וויינען, מערע! — פאַרטייטשט איר פאַנדרע שטילערהייט.

נאָר מערע גיט צו אים אומגעדולדיק אַ וואָרף מיט איין פּלייצע:

— כ׳פאַרשטיי שוין!

און אויפגעטרייסלט פון מערעס טרערן, אמתע טרערן פון מערע

סענדערס אויגן, נאָך וועלכע ער האָט אַזוי געלעכצט אין די פאַרוואָגלטע נעכט, צוליב וועלכע ער האָט פאַרשפּילט זיינע בעסטע יאָרן, פלאַמט אויף דאָס לעצט ביסל לעבן אין דעם פּאַראַליזירטן גוף. שטאַרקט זיך קושקע ווי אַ לייב. אַנטשטומט ווערן אַלע ווייטיקן פון די האַלב־טויטע אברים. אָבער דער קאָפּ לעבט, די צונג איז זיכערער, דער קול קלאָרער. און דערשטוינט ווערן אַלע דריי עדות פון זיין אָקאָרשטיקן אומבאַהאַל־פענעם ווידוי. אַ דייטלעכן באַפעל דערהערן זיי פלוצלונג פון קושקעס צעבלוטיקטע ליפּן:

— פעסיען!... רופט פעסיען!

.2

פעסיע איז אַריינגעלאָפן מיט דער פאַטשיילע אויף איין פּלייצע און מיט צעפּלאָשעטע גרויע האָר, אויפגעעפנט אַ מויל און שוין געוואָלט אָנהויבן געוואַלדעווען לויט איר נוסח. זי איז אָבער גלייך פאַרשטומט געוואָרן פון דעם, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אירע אָנגעשוואָלענע אויגן:

קושקעס פאַרבינטוועטער קאָפּ איז אַצינד געווען אַ ביסל אויפגעהויבן און אָנגעלענט אויף מלך „מעבר־יבקס" דיקע דלאָניעס. סיי קושקעס קאָפּ, סיי מלכס — האָבן געלויכטן, הייס באַגילדט, אינעם רויטלעכן אָפּשיין פון דער אלולדיקער אָוונט־זון, און צעפּאַסעיועט דורך דינע שאָטנס פון צווייגן, ווי מיט געהיימנישפולע צייכנס. קושקעס איין־איינציק אויג האָט שטאַר און פריידיק געשטראַלט, פאַרגלאָצט ווי ביי אַ גוטן יידן בשעת תורה־זאָגן. און פוןביידע זייטן בעט, אין טיפן שאָטן, זענען, ווי די שוואַרצע שומרים, געשטאַנען מערע און פאַנדרע איר מאַן. מערעס הויכער וווקס איז געווען איינגעבויגן און איר פאַטשיילע אַראָפּגערוקט איבערן פנים, ווי דער טלית ביי אַ חסיד פאַר די תקיעות. ביידנס הויכע טונקעלע פיגורן זענען דורך שוואַרצע שאָטנס געווען צוזאַמענגעוועבט מיטן בעט, ווי אַ טייל פון קושקעס צופוסן. מאוימדיק און פייערלעך איז דאָס געווען. אין אָט דער פייערלעכער מינוט האָט טאַקע פאַנדרע אַליין פאַרגעסן, אַז אימיצער, אַ שונא, קוקט אויף אים פון הינטן; און מערע — אַז פעסיע האָט זי אָקאָרשט געשאָלטן...

אַ פרומע שרעק האָט פעסיען אַרומגעכאַפּט ביי אַזאַ אָנבליק. אַ פאַר־גאַפטע, מיט אַ האַלב־אָפענעם מויל, איז זי שטיין געבליבן. צום ערשטן

מאָל אין איר לעבן צוזאַמען מיטן מאַן, האָט זי, דאַכט זיך,דערפילט, אַז קושקע שטייט העכער פאַר איר, אַ סך העכער. זיין פרעסן איז געווען אַן אָנשטעל, זיין שיכורן — אַן אָנשטעל. אָבער זי איז אַלעמאָל געווען אַ קליינינקע, אַ נישטיקע, אַ נעבעכדיקע. האָט איר אייגענעם מאַן נישט געקענט.

— הער נאָר, פעסיע, דו זאָלסט הערן!... — האָט קושקע מיט איבער־מענטשלעכער אָנשטרענגונג געגומען רעדן, ווי נאָר פעסיע איז אַקעגן אים שטיין געבליבן.

ווי אַ באַנומענע האָט אים פעסיע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. מורא געהאַט צו קוקן אים גלייך אין אויג אַריין.

האָט קושקע ווייטער גערעדט, אויף וויפל ס׳האָבן אים דערלויבט די אַרויסגעזעצטע ציין:

— כ׳האָב באַרעדט סענדערן, עליו השלום! געגראָבן אונטער אים, ווען ער האָט געלעבט און ווען ער איז געשטאָרבן. זיינע קינדער האָב איך שלעכטס געטאָן, מערען, זיין טאָכטער, בין איך באַפאַלן ווי אַ גוי אַ רוצח, און נחן, זיין איידעם —

— קושע, לאָז!... — פאַרשעמט זיך פאַנדרע און קערט אָפּ דעם קאָפּ. אַ רויטער שטראַל טוט אים אַ שפריץ אין פנים. זיינע שטייפע ליפן זענען פאַרדרייט ווי פון צאָן־ווייטיק.

אָבער קושקע קימערט זיך נישט אַציגד איבער פאַנדרעס שעמעוודי־קייט. ער הערט נאָר דעם קול פון זיין האַלב־אָפּגעשטאָרבענעם האַרץ, פון זיין געוויסן:

— „לויף, קושקע!״ — האָסטו צו מיר, נח, היינט אַ געשריי געטאָן... בשעת דער גרעסטער סכנה... אויף זיך אַליין נישט געקוקט. דאָ האָב איך דיך דערקענט. ווער דו ביסט און ווער איך בין.

קושקעס קאָפּ האָט אָפּגעכאַפּט אָטעם:

— פעסיע! אַז מען גראָבט אַ גרוב אויפן צווייטן... ווייסטו דאָך! אָט בין איך אַריינגעפאַלן. גוט אַזוי.

— פעסיע! מיין טאַטע האָט זיך געקריגט מיט ר׳ סענדערן. איך — מיט סענדערס קינדער. איך וויל נישט, אַז מיינע קינדער זאָלן מיינען, אַז זיי קומט נאָך עפּעס אַרויס. נחס פאַדעשקע בין איך נישט ווערט און מערעס אויך נישט. אַזוי זאָלסטו זיי זאָגן: דער טאַטע האָט געזאָגט...

אַ מאָדנער שוידער איז דורכגעגאַנגען נחס שטאַרקן גוף. קושקעס זינגענדיקער קול האָט אים דערמאָנט דאָס לערנען חומש אין חדר,

דאָס געזעגענען זיך פאַרן טויטן פון יעקב אבינו מיט זיינע קינדער און קינדס־קינדער. מיט וואָס פאַר אַ געהויבענעם טרויעריקן ניגון דער רבי האָט דאָס איינגעטייטשט: „האָספו... — זאַמלט אייך צוזאַמען קינדער פון יעקבן, און כ'וועל אייך טאָן זאָגן, וואָס עס האָט מיט אייך טאָן־טרעפן אין די לעצטע טעג!"... עפּעס אַ גרויסער טאַטע זעגנט זיך מיט גאַנצע דורות, מיט פעלקער; איצטערדיקע, שפּעטערדיקע. און יעדער וואָרט איז ווי אַ בליץ אין אַ שוואַרצער כמאַרע. די האָר האָבן זיך אים דאַמאָלסט אויפ־געשטעלט אונטערן היטל, פונעם רבינס ניגון און טייטשווערטער... אַצינד פון קושקעס קול און פון ז י י נ ע ווערטער — אויך אַזוי. די זעל־בע אימה.

מיט פאַרדאַכט האָט ער זיך איינגעגעסן אינעם פאַרבינטעוועטן רויט־באַלויכטענעם פנים אַקעגן אים: אָט דאָס איז קושקע פּרעסער? אָט דאָס איז דער גראָבסטער יונג אין באַלעגאָלישן צעך?...

און קושקע, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט באַשטעטיקן, אַז פאַנדרעס שוידער איז נישט קיין אומזיסטער, ווענדעט זיך גלייך צו אים, קוקט אים אָן מיט זיין רויט־פאַרגלאָצטן אויג. און מען זעט, אַז קושקע זאַמלט די לעצטע כוחות זיינע, זיין לעצט ביסל לעבן און פאַרשטאַנד, כדי אַרויס־צוזאָגן אין אַ פּאָר ווערטער אַלץ, וואָס מען קען, אַלץ אויף איין מאָל. אַריינכאַפּן וואָס מער. נאָר אַ פאַרדעכטיקטער כאָרכל אין האַלדז שטערט אים אַ ביסל:

— נח! כ'האָב געלעבט, אַ לעבן געלעבט פאַר זיך, נאָר פאַר זיך. פרעסן, זויפן, הולטאַיעווען. דו, נח, פאַר אַלעמען... אָט ווייסטו איצטער...

— נח... ביסט ווי שמשון אין „שוואַרבע". ווי שמשון־הגבור ביסטו אין שטאָט. מיט די קינדער פון מערען דיין ווייב וועט מען זיך בענטשן. זע... גאָט וועט אייךביידן העל — אָה!...

ער האָט נאָך, ווייזט אויס, געהאַט וואָס צו זאָגן. נאָר זיין גאַנצע איבערנאַטירלעכע אָנשטרענגונג אַרויסצורעדן זיך מיט אַזאַ קאַליע גע־וואָרענע כלי, האָט פלוצלונג אָפּגעלאָזן. איבערגעצויגן די סטרונע. דאָס אָפענע אויג זיינס האָט גענומען ציטערן, ווי אַ ליכט וואָס גייט אויס. און דאָס לעצטע וואָרט „העלפן" איז זיך פאַרגאַנגען מיט אַ זיפץ און מיט אַ כאָרכלען.

מלך „מעבר־יבק" האָט עפּעס גענומען מאַכן מיט די דיקע ליפּן, אַראָפּ־געלאָזט קושקעס קאָפּ אויפן קישן און מיט די פרייע דלאָניעס גענומען אומגעדולדיק פאָכען אויף פאַנדרען און אויף מערען:

— נו, גוט... איצטער גייט... גייט!

.3

פֿאַרדרייט און פֿאַרקרימט פֿון שטיקן אין זיך די טרערן, איז מערע אַרויס פֿון שפּיטאָל. און פֿאַנדרע האָט זי, האַלב־אַרומגענומען, געפֿירט אַהיים.

אַרויסצוגיין פֿון שפּיטאָל און וויינען הויך אויפֿן קול האָט דאָך נישט געפּאַסט. דאָס וואָלט געהייסן אָנטרעטן פּעסיעס רעכט. וואָס פֿאַר אַ פּנים וואָלט דאָס געהאַט, ווען אַ פֿרעמד ווייבל זאָל באַוויינען אַ פֿרעמדן מאַן מער ווי די אייגענע?

פֿאַנדרע אַליין האָט סתם נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. דערהויבן איז ער געווען און דערשלאָגן אין איין און דער זעלבער צייט. דערשלאָגן — פֿון מענטשנס סוף, פֿון קושקעס לעצטע יסורים; און דער־הויבן פֿון אַזאַ גרויסן ווידוי. קושקעס הייסע ווערטער האָבן אים צעגומען און געשטאַרקט, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ מיט זייער וואָגיקייט און געגעבן מוט צו נייע מעשים. די גאַנצע סצענע אין שפּיטאָל,ביים לעצטן פֿייער פֿון טאָג, האָט אים באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז סיי גוטע, סיי בייזע מע־שים ווערן נישט פֿאַרפֿאַלן. פֿריער — שפּעטער, אַלץ רעכנט זיך אָפּ און אַלץ צאָלט זיך אָפּ.

פֿאַרזונקען אין אַזאַ פֿיבערדיקן טראַכטן, האָט ער געפֿירט מערען זיין ווייב קרום איבער דער גראָזיקער „פּאָזניע", דערפֿירט זי בשלום ביז דער חרובער אַלטער קאַזאַרמע פֿון יעקאַטערינאַס צייטן, און געהאַט בדעה פֿאַרקירעווען אַהיים.

נאָר דאָ האָט מערע נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון זיין אָרעם, צוגעטוליעט זיך צו דער שטיינערנער קאַלטער וואַנט און אַרויס מיט אַ געוויין.

ס'איז שוין געווען פֿינצטער, פֿייערלעך פֿון לאָמפּן האָבן שוין דאָ און דאָרט געציינגלט אין די טונקעלע ווייטע גאַסן. און אין דעם ליידיקן מרה־שחורהדיקן פּלאַץ האָט זיך מערעס געוויין אָנגעהערט טיפֿער און געצויגענער. עס האָט אָפּגעהילכט אין די פּוסטע פֿענצטערלעך פֿון דער אַלטער קאַזאַרמע. און מאָדנע נישט־גלייכטאָניקע ווידער־קולות האָבן פֿון דאָרטן אָפּגעענטפֿערט. וויינענדיקע נשמות פֿון פֿאַרמוטשעטע זעלנער פֿון יעקאַטערינאַס צייטן, קאַנטאָניסטן — פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן. אַלע די, וועלכע זענען דאָ געפּייניקט געוואָרן מיט אוממענטשלעכער

דיסציפּלין. יידישע חדר־ייִנגלעך, אפשר, וועלכע מ׳האָט אַמאָל אָפּגע־ריסן פון דער מאַמעס פאַרטוך און פאַרשפּאַרט דאָ און געשמדט און געשלאָגן מכות־רצה...

אַ פאַרציטערטער איז פאַנדרע געוואָרן. אַלע מעשיות פון זיידע וואָיטעק און פון סענדערן, עליו־השלום, האָבן דאָ אויפגעלעבט דורך מערעס געוויין. איז ער צו איר צוגעפאַלן און גענומען בעטן זיך:

— מערע, מערינקע! אין מיטן שטאָט? פון אַלע גאַסן וועט מען זיך דאָך באַלד צוזאַמענלויפן....

האָט זיך מערע נאָך שטייפער פאַרוויקלט אין איר וואָלענער פאַ־טשיילע. פאַרשטיקט אַזוי איר נישט־אָנשטענדיקן געוויין. אָבער פאַנדרעס טרויעריקע דערהויבנקייט איז שוין סיי יוי סיי געפאַלן פון איר גאַנצער הנהגה. מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין דער טונקלקייט, צי קיינער גייט נישט, צי קיינער הערט נישט. אַלע טייוואָלים האָבן זיך, דאַכט זיך, היינט אַרויסגעלאָזן צו יאָגן אים פון שרעק צו שרעק און פון איין פּלאָג צו אַ צווייטער: פון פאַרטאַיעטן זשאַנדאַרגיק, הינטערן בוים ביי די ברעמלעך, צו דער וואַנט פון ר׳ ישיעלעס חורבה; פון דער חורבה־וואַנט צו קושקעס מעסער; פון מעסער צום ווילדן ברוגז מיט מערען, דערנאָך די מיאוסע קריגערייַ מיט זאַוול שמייסער, פון זאַוול׳ען צום צעמזיקטן גוי אין שפּיטאָל, וועלכער האָט אים, דאַכט זיך, דערקענט, געטאַפּט מיט די מוטנע אויגן; וועלכער וועט אים נאָך מסתמא קיין גוטס נישט טאָן אַזוי גיך ווי די באַק וועט זיך אים פאַרהיילן. דערנאָך קושקעס גסיסה.. זיין אייגן ווייב האָבן די ליצנים אַרייַנגענומען אין שפּיל. אָט וויינט זי שוין ווייטער. וואָס וויל זי אַצינד? שוין, דאַכט זיך, נאָך אַלעמען, ביי איר — נאָך נישט. זי איז נאָך נישט פאַרטיק...

אַ שלעכט געפיל האָט זיך אין אים ווידער אַ צאַפּל געטאָן, ווי אַ שפּין דערהערנדיק אַ פליג. דאָס זשעדנע מענטשעלע, וואָס צאַפּלט זיך ביי יעדן, ווען מען רירט אָן זיין אייגנטום, אָדער דאָס וואָס ער רעכנט אַלס זיין אייגנטום... האָט זי, הייסט עס, פאַרט געוואָלט קושקען, ווען ער האָט גע־לעבט; און באַוויינט אים נאָך אַצינד, ווי אַ חתן וואָס איז געשטאָרבן פאַר דער חופה?... זעט, זעט, זי קען גאָרנישט פאַרגעסן...

און כדי צו פאַרטויבן אין זיך דעם ווייטיק פון אָט דאָס קליינינקע נישט פאַרגינערישקייט, האָט ער מערען אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט און, האַסטיק און נישט צו דער זאַך, גענומען אַרויסרעדן פון זיך דאָס, וואָס האָט זיך אים אַ גאַנצן טאָג געבאָמבלט אין מוח:

— מערע, דו הערסט? איך זאָג דיר, לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען!...
קיין אַמעריקע לאָמיר אַנטלויפן.

מיט ליידנשאַפטלעכער בייזקייט האָט ער פון זיך אַרויסגעוואָרפן די עטלעכע ווערטער. דאָס האָט געווירקט. דאָס געוויין איז פאַרשטומט געוואָרן. מערעס איינגענורעטער קאָפּ האָט זיך אָפּגעריסן פון דער אַלטער שטיינערנער וואַנט. די פאַטשיילע האָט זיך אויפגעשפּאָלטן און מערעס ליבלעכער פּנים וואָס איז מאָגער געוואָרן פאַרן היינטיקן טאָג האָט זיך באַוויזן צווישן די פאָלדן. אַ נאַכטיקע פויגל־ווייב צווישן צוויי ווייכע וואָליקע פליגלען.

נאָר פאַנדרע האָט די דאָזיקע באַוועגונג אָנגענומען אַלס פאַלש. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מערע איז אַצינד ווייט פון אים, נאָך ווייטער ווי וואָרעמעס־צייט, איידער ער האָט זי אַזוי שטורמיש און אַזוי נאָכגיביק געטרייסט. האָט ער דערפאַר איר ליבלעכן פּנים אויפגענומען מיט געדיכטע אָנגעכמורעטע ברעמען:

— שוין ווייטער אָנגעהויבן, אַ? ווייניק דיר?

מערע האָט ווייך אַ שמייכל געטאָן אין דער פאַלדיקער ראָם פון איר פאַטשיילע, אויסגעשטרעקט אַ האַנט און געפּרווט אַ גלעט טאָן די האַרטע באַק זיינע:

— מיין מאַן!...

אָבער נח האָט ברוגזדיק אָפּגעקערט דעם קאָפּ און אַ שווייגנדיקער געלאָזן זיך גיין, און מערע, מיט נישט זיכערע טריט, נאָך אים.

אַז זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט, האָט מערע אָפּגעזיפצט און אַ זאָג געטאָן קורץ און שטיל:

— אַך, נח, נח!

און מער האָט זי שוין דעם גאַנצן וועג ביזקל דער שטוב נישט גערעדט מיט אים.

ווי אין יענער נאַכט, ווען ער איז געקומען צוריק פון אָסטראָג, האָט ער אויך אַצינד אירע סתם ווערטער אָנגענומען אַלס ווייבערשע חנדלעך, כדי צו מאַסקירן זיך, כדי עפּעס צו פאַרדעקן. אין דער אמתן האָט זי אים דערמיט נאָר געוואָלט זאָגן, בעטן אים, ער זאָל גאָרנישט מיינען. אַצינד אַז קושקע איז אַזוי ביטער געשטאָרבן — אוודאי נישט. זי האָט אים דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז זי דאַרף קיינעם נישט, אַז ער איז ביי איר איינער און פאַרטרעט ביי איר אַלע מענער אין דער וועלט. זי האָט נאָר געמיינט זאָגן, אַז אַלס טאָכטער פון מוטער־חוה פאַרשטייט זי ערשט אַצינד

וואָס פאַר אַ פייער עס האָט געברענט אין אָט דעם קושקע בראַנד, אַזוי שטאַרק געווען דער פייער און אַזוי טיף געברענט, ביז עס האָט אים אַליין פאַרברענט אויף אַש. אַ שווערער יונג געווען אָט דער קושקע. אַ רויער נפש. יאָ. אָבער אַזעלכע ליידנשאַפטן ווי עס האָבן געבושעוועט אין אָט דעם יונג וואַלגערן זיך נישט אין שטויב פון שקלאָווער גאַסן. ניין. אָט דאָס פאַרשטייט זי אַצינד, און נאָר ד אָ ס האָט זי באַוויינט, לעבן דער אַלטער וואַנט אויף דער פּאָזניע, ווי לעבן אַ מצבה... ער, נח, מעג עס אויך פאַרשטיין. ער איז דאָך אַזאַ גוטער, אַזאַ שטאַרקער...

אין איר פשוטקייט האָט זי בלויז קיין פּאַסיקע ווערטער נישט געפונען, האָט זי זיך דערפאַר באַגנוגט מיט די פּאָר אָרעמע ווערטער:

— אַך, נח, נח!...

אַ פּאָהיבעל אויף הינער

1.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס אַזוי:

אין די שקלאָווער קיכן האָבן באַלעבאָסטעס באַמערקט אַ מאָדנע אומרואיקייט ביי די „פּרייסן״... פּרייסן זענען אַפילו בטבע אַ זייער אומרואיקע נאַציע. רק מען לויפט אַרום אויף אַלע זעקס פיסלעך און רק מען מאַכט מיט די וואָנצעס און רק מ׳איז פאַרשמייעט. נאָר אַט ד י ערב ימים־נוראימדיקע אומרואיקייט איז שוין באמת געווען נישט געוויינטלעך. צופיל האָט זי זיך שוין געוואָרפן אין די אויגן. אַט לויפט מען זיך צוזאַמען ווי אויף אַ שריפה. מען טאַפּט זיך איינער דעם צווייטן מיט די לאַנגע, געלע וואָנסעס, און אַט צעלויפט מען זיך ווי פון אַ שוואַרצן פעפער. די לאַנגע בייכלעך זענען ביי אַלעמען בלאַסלעך, דורכזיכטיק־ברוין, ווי אָפּגעברענט פּאַפּיר, און אין דער פרי געפינט מען זיי טויט־אויסגעלייגט אויפן מילכיקן בענקל, מיט די דאַרע פיסלעך אַרויף.

איז דאָך גוט? מ׳ווערט פּאַוואָליע פּטור פון די פּרייסן, אָן סם און אָן אויסצורויכערן זיי... ניין. נאָך בעסער! וואָרום מ׳האָט באַלד געגומען באַמערקן די זעלבע חתונה מיט מייז און מיט שטשורעס. עפּעס זענען זיי מער נישט אַזוי פלינק צו אַנטלויפן, ווען מען איבעראַשט זיי. גיבן אַפילו קיין צייכן נישט, די קרובים זייערע, מיט אַ מייזישן פּיוף, ווי זייער שטייגער איז, ווען זיי זענען ביים בעסטן געזונט: „פּיר־פּיו! אַ מענטש גייט...״

אָפּט מאָל דערזעט מען אַפילו, אַז זיי שלעפּן נאָך די הינטערשטע פיסלעך זייערע, ווי די חזירימלען וואָס מ׳האָט געשלאָגן אין יידישע גערטנער. כאַטש נעם און שיק זיי אין דראַכלע אַריין אויף פּאַפּראַווקע. זיי זענען נעבעך אַזוי שוואַך די מייזלעך, אַז אַפילו יידישע יענטעוואַטע הינער צעכראַבען זיך און פּיקן זיי אין קאָפּ און אין ווידל, ווען זיי

דערטאַפּן איינע אַזאַ אין אַ ווינקעלע. קען מען שוין נישט צוזען דעם צער פון גאַטס באַשעפענישן און מ׳שיקט אויף די קראַנקע מייזלעך אַן די קאַץ, זי זאָל זיך אַ ביסל גיכער ספּראַווען מיט זיי. פּוילט זיך אָבער די קאַץ באַכצולויפן אַזעלכע שלימזלדיקע מיאוסקייטן. זי האַלט זיך אַן אַ זייט, ווי אַ שצעגאַליכע אין הענטשקעס, מיאַוקעט און וואַשט זיך די לאַפּקעס, ווי איינע זאָגט: „פּע, חלשות! מיט אַזעלכע מיאוסקייטן זאָל איך מיך באַשעפטיקן?...״ ווי אַן אויפגעקומענע נגידיכע אויף געבאַקטע קאַרטאָפליעס, אַזוי קרימט זי זיך, די קאַץ.

מיט אַ טאָג שפּעטער הערט מען שוין אין מיטן דער נאַכט אַ מאָדנע שפּרינגערײַ אין קיך, אַ קדחת־טאַנץ. און צו מאָרגן פרי געפינט מען זיי, די קראַנקע מיאוסקייטן, מיט די הענט בייכלעך אַרויף, מיט פאַרקאַר־טשעטע לאַפּקעס. און אין די אָפענע פּיסקלעך — געלע ראָפּע. זעען אויס ווי די פאַרסמטע. כאָטש קיין מייזן־גיפט האָט קיינער נישט געשטעלט. און צווישן אונדז רעדנדיק, וועמען ליגט דאָס אין קאָפּ ערב ראש־השנה צו עוסקן זיך מיט מייז?

איז מילא, באַכאַמאָל אַ שיינע ריינע כפרה! צום האַרצן האָט זיך דאָס קיינער אין שקלאַוו נישט גענומען. דער שוואַרץ־יאָר אַליין האָט זיך אָנגעזעצט אויף אַזעלכע צוויי פּלאָגן אין די יידישע הייזער. הלוואי זאָל מען פון זיי צום בייעם יאָר אין גאַנצן פּטור ווערן.

און מ׳וואָלט אַן דעם פאַרגעסן, ווי מ׳פאַרגעסט אַן אַלץ. אָט, להבדיל, איז ערשט איין וואָך צייט נאָך קושקע בראַנדס טויט און מ׳הויבט שוין אויך אָן צו פאַרגעסן אַן אים, אַן דער אלמנה זיינער מיט די פיר קינדער, אַן ר׳ ישיעלעס חורבה, אַן אַלע יידישע געפּלעטעטע מוחות...

אַריין אין נאָז איז די זאַך באַלד נאָך די ערשטע סליחות, ווען די זעלבע סימנים פון דער חולאת האָבן זיך באַוויזן ביי הינער אויך. און גראַד ביי אַזעלכע הינער, וואָס האָבן זיך צעכראַבּרעט און געפּיקט די קראַנקע מייז.

ווי אין הינערפּלעט גייען זיי אַרום די עופות, האָבן אויפגעהערט צו עסן און לאָזן, פונדעסטוועגן, אומעטום איבער זייערע הינערשע סמנים. שטעלן זיך אומעטיק אַוועק אונטער אַ סטרעכע און שטייען. און נישט אויף איין פיסל שטייען זיי, ווי בשעת אַ רעגן, נאָר דווקא אויף ביידע פיס. אויף איין פיסל קענען זיי זיך, ווייזט אויס נישט האַלטן פאַר שוואַכקייט. די בלאַסע אויגן־פאַרטעכלעך האָבן זיי אַרויפגעצויגן פון אונטן אַרויף. די קאַמען זענען געלבלעך־בלאַס און קיין אָסיענדיקע זמירות זינגען

זיי נישט. קיש קיש! טרייבט מען זיי אַוועק פון איין אָרט, האָצקען זיי זיך אַוועק, מיט הכנעה, קוואָקטשען נישט און קאָקאָדאַקען נישט, ווי זייער שטייגער איז, ווען זיי פילן זיך באַליידיקט אין די טיפסטע הינערשע געפילן. ווייסט מען נישט וואָס דאָס איז. געניטע באַלעבאָסטעס מיינען אַ שאַלעכץ איז זיי אָנגעוואַקסן אויף די הינערשע צינגער פון צופיל האָבער עסן. וואָלט מען געדאַרפט אַראָפּנעמען... נאָר ווער האָט דאָס צייט צו עוסקן זיך מיט הינער ערב ראש־השנה? ביז כפּרות־שלאָגן זאָלן זיך שוין די עופות, מיט זייער אכילה, אליין אַן עצה געבן.

וואָלט מען נאָך אַלץ נישט געשטאָרבן פאַר אומעט. גייט אָבער אַ דריי טעג נאָך די ערשטע סליחות אַרויס אַ קלאַנג, אַז ביים נייעם נגיד, אַקעגן די יאַטקעס, זענען אויסגעפאַלן אַלע הינער און הענער זיינע, וואָס ער האָט זיך אָנגעגרייט אויף כפּרות, פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. מיכאַלקע דער סטאָראָזש זיינער איז אַריינגעקראָכן אין קאַטוך מיט אַן אָפּגעגוצטער פאָמיעלע, געוואָלט ריין־מאַכן לכבוד ראש־השנה. אַז ער קערט דאָס נישט אַרויס איין הינדל, אַ צווייטע, אַ דריטע. דעם גאַלעגאָנעם האָן, נאָך צוויי הענער. די יונגע הינדלעך, וואָס האָבן זיך היי־יאָר אויפֿגעהאָדעוועט אין הויף. קיין פאַלקע אויף אָפּפאַסטן זיך יום־כּיפּור איז נישט געבליבן. גיי שלאָג כּפּרות מיט פּגרים!

האָבן זיך נאָך יידן בעלי־בטחון, אין ווייטע ווינקלען פון שטאָט, געהאַלטן ביי זייערס:

— ווייסיך וואָס, אַ טכויר מסתמא....

ווי איז אָבער דער דין, אַז אַלע שכנים פונעם נייעם נגיד האָבן צו־מאָרגנס געגומען אַרויסקערן געפאַלענע הינער פון די קאַטוכן? און צו איבערמאָרגן איז עס אַוועק איבער דער גאַנצער יאַטקע גאַס, פון דניעפּער ביז דער אָזערע. איז דאָך נישט שייך צו זאָגן, אַז אין צענדליקער הייזער האָבן זיך מיטאַמאָל פאַרפירט טכוירן. בפרט, אַז מ׳האָט ביי די הינער אויף די העלדזער נישט געפונען קיין שום סימן פון דערשטיקונג.

איז שוין געוואָרן אַ שטיקל בהלה. האָבן זיך געליטענע און נישט געליטענע באַלעבאָסטעס צוזאַמענגעלייגט און גערופן ר׳ גרשון יאָצרע. ער איז דאָך עפּעס אַ גאַנצער טעווע... ווערע... אַ „וועטערינאַר" ווערט דאָס אָנגערופן. פאַרשטייט אַ קרענק ביי בהמות. איז אפשר ווייסט ער אויך וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש ס׳איז געקומען אויף די עופות?

איז ר׳ גרשון יאָצרע געקומען מיט זיין לאַנגן איינגעבויגענעם רוקן און מיט זיין לאַנגן איינגעבויגענעם שטעקן אין האַנט, מיטן מאוסן פּנים פון

אַ באָבע־יאַכנע און מיט די געציילטע סיווע האָר פון אַ סריס אויף דער צעקנייטשטער גאָמבע, און מיט אַן אָנגעשטרענגטער מינע פון אַ מענטשן וואָס האָט אָקאָרשט פאַרזוכט ריצנאייל. אַ קוק געטאָן מיט שלאָנגישע אויגן אויף די געפּגרטע עופות, אַ טשעפּ געטאָן זיי מיטן שפּיץ שטעקן. זיין פאַרשמאָדערטע האַנט אַפילו נישט געוואָלט מטריח זיין. אַזאַ מפונק מיט אַמאָל געוואָרן. דערנאָך האָט ער אָפּגעריבן דעם שפּיץ שטעקן אָן דער ערד, אָנגעשטאָפּט זיך ביידע נאָזלעכער מיט שמעק־טאַבאַק, אַ וויש געטאָן זיך מיטן אַרבל און אַרויס מיט אַ ניס און מיט אַ קול פון אַ צעבראָכענער דראַניצע:

— אָפּטשכי, באַלעבאָסטעטשקעס! אונדז אַלעמען צו געזונט און צו לאַנגע יאָר.

מען מוז, מאַכט ער, נעמען און אויסגראָבן אַ גרוב, אַריינקערן אין גרוב די געפּגרטע עופות, מאַכט ער, פאַרשיטן מיט אומגעלאָשענע וואַפּנע, פאַרגיסן מיט פּראַסטער קאַרבאָלקע און פאַרשיטן. אָט וואָס, מאַכט ער, באַלעבאָסטעטשקעס מען מוז באַלד טאָן.

— און ווי, ר׳ גרשון, — פרעגט מען איים — היט מען אָפּ די גאַנץ־געבליבענע עופות?

— די גאַנץ־געבליבענע, — מאַכט ר׳ גרשון יאַצרע — איז גלייכער אָוועקצוטראָגן צו ר, אליה דעם שוחט, נישט וואַרטן..

— ר׳ גרשון, ר׳ גרשון! — כאַפּן זיך באַלעבאָסטעס מיט די פינגער ביי דער באַק — וואָס רעדט איר? און כפּרות?

— כפּרות? פרעגט איבער ר׳ גרשון יאַצרע —אַ געזונט צו אייך, באַלעבאָסטעטשקעס! דער פּריסטאַוו, מיינט איר, וועט אייך גיין קוקן כפּרות־שמאָרעס? דער המן האָט שוין עפּעס דערשמעקט, גייט אום פון שטוב צו שטוב און הייסט באַגראָבן די געפאַלענע הינער און די קראַנקע — לעבעדיקערהייט. אַ טאַטערשע האַרץ...

אפשר צום ערשטן מאָל אין לעבן איז ער דאָס מאָל געווען ערלעך, ר׳ גרשון דער טעווע... וועטעריגאַר ווערט דאָס אָנגערופן. וואָרום ביי „מורקעס״, ביי קראַנקע בהמות איז ער אַלע מאָל געווען יד אחת מיט די קצבים. שטענדיק אָנגעשראָקן די באַלעבאָסטעס ביי יעדער קלייניקייט, כדי מען זאָל זיך איילן און פאַרקויפן די קראַנקע בהמה פאַר אַ שבוש. די שנאה צום שטאָטישן רשע, צום פּריסטאַוו, האָט פון אים דאָס מאָל אַרויסגערעדט און דאָס רחמנות אויף יידיש געלט.

האָבן זיי זיך צובריהט, די ווייבער, און נאָך איידער די מאַנסבילן

זענען געקומען פון דאַונען, געכאַפּט און אויסגעגראָבן איין ברודער־קבר הינטער די יאַטקעס, אַריינגעקערט אַהין אַלע געפאַלענע עופות, באַשאָטן מיט וואַפּנע, פאַרגאָסן מיט שוואַרצע קאַרבאָלקע, אַלץ ווי ר׳ גרשון האָט אַן עצה געגעבן, און פאַר איינע הוצאות אַריינגעקערט אין גרוב אַלע געפגרטע מיאוסקייטן.

מ׳קען נישט זאָגן עס זאָל געווען זיין אַ גרויסער כבוד פאַר די יידישע כשרע הינער צו ליגן אין איין גרוב מיט אַזעלכע אומריינע שרצים. נאָר וואָס טוט מען נישט אין אַ צייט פון אַזאַ סכנה? מ׳האָט מורא געקראָגן די לעבעדיקע הינער זאָלן די מיאוסקייטן נישט פּיקן און אַליין נישט פגרן.

ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט.

פון דער יאַטקע־גאַס איז עס אַוועקגעשפּרונגען ווייטער. געסקע נאָך געסקע האָט עס אויפגערודערט און אַוועקגעשפּאַצירט איבער דער שול־גאַס. איבער „נעווסק״, פון די אָרשער ברעמלעך ביזקל דער גרויסער מיל. ווו אַ יידיש הויז, נישט פאַר מענטשן געדאַכט, דאָרטן אַ געפאַלענע הון, אַן אויסגעצויגענער האָן, אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטע היי־יאָריקע פּיסקליאַטע. מ׳האָט שוין קלאָר דערזען, אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ קלעפּיקער חולאת. גריבער האָבן זיך געגראָבןביים ברעג אַזערע און אין פעלד, אויף יענעם זייט דניעפּער. וואַפּנע האָט זיך געשאָטן ווי שניי און שוואַרצע קאַרבאָלקע האָט מיט איר שווערן בייז־אָנזאָגנדיקן געשטאַנק פאַרשמעקט די שטאָט, פאַרטויבט דעם ריח פון גוטע אויבסט, וואָס שקלאָווער בשמים־הענדלער האָבן אַראָפּגעבראַכט אין מאַרק אויף „שחיינו״...

און וואָס זאָל מען דאָ מאריך זיין? אַ טאָג נאָך ראש־השנה איז שוין דריי־פערטל שטאָט געבליבן אָן אַ האָן אויף אַ מאַנסבילשע כפרה, און אָן אַ הון — אויף אַ ווייבערשע.

אינעם חסידישן געגנט, אַרום ליובאַוויטשער בית־מדרש, איז נאָך געבליבן אַן אַלטער תרנגול ביים פעטער אורין און ביי מומע פייגען זיין ווייב. גראָד אָט דער משונהדיקער האָן, וואָס קרייען קרייט ער הייזעריק, ווי נאָך אַ שיכרות, און לויפט אַרום כל־ימו מיט אַן אָפּגעהאַקטן עק און מיט ברייטע פעדערדיקע פלודערן און מיט קורצע פאַרקיילעכדיקטע פליגלען איבערן אויסגעוואַקסענעם נישקשהדיקן בייכל. זעט ער דערפאַר אויס, ווי אַ בחורעץ, וועלכן טאַטע־מאַמע האָבן געוואָלט מאַכן פאַר אַן איידעלן מענטש; האָט מען אים אָנגעטאָן דעם טאַטנס סורדוט מיט קיילעכדיקע פאַרצייטיקע פּאָלעס, וואָס איז אים געבליבן פון די חתן־יאָרן. זיצט אָבער אויפן

בחורעץ דעם טאַטנס „קעטעווע" ווי אַ פראַק אויף אַ באַלעגאָלע, איבער אָנגעקנייטשטע ברייטע פּלודערן. לויפט ער אַזוי אָרום, דער תכשיט, אַן איידלמאַן פון הינטן און אַ גראָבער יונג פון פאָרנט, און פּרעסט און זויפט און הולטאַיעוועט. און אַך־און־וויי, וואָס פאַר אַ פנים דעם טאַטנס שמאָלער סורדוט מיט די קיילעכדיקע פאָלעס עס האָט אויף אים!...

אַצינד, אַז אַלע קאָנקורענטן זיינען זענען, געלויבט דער אויבערשטער, אויסגעפּגרט, אַ מיתה־משונה איינגענומען, איז דאָך באמת געקומען די ריכטיקע צייט צו פּיקן ביי אַלע שוועלן, כאַפּן ברעקלעך אין אַלע הויפן, אויפגראַבלען אַלע מיסטן און הולטאַיעווען מיט די עטלעכע איבערגעבליי־בענע הינער־אלמנות אין גאַס. מ׳דאַרף זען אַריינכאַפּן, וואָס מען קען. היינט געלעבט, מאָרגן קען מען ליגן מיט די פיסלעך אַרויף אין אַ גרוב מיט וואַפּנע. איז חי — קוקע־רעקו! אַז געלעבט, זאָל זיין געלעבט!

מיט אויגן פול קנאה האָבן שכנים פון גאַס געקוקט אויף פּעטער אוריס האָן. אַן אַנדערש מאָל וואָלט אַזאַ האָלצערנער תרנגול אַפילו אין אַ לאָקשן־זופּ נישט געטויגט. ווער וואָלט זיך דאָס גאָר אונטערגענומען אָפּצוקאָכן און אָפּצופּאַסטן זיך מיט אַזאַ אַלטער „שקורע"? אַצינד, אין אַזאַ פּאָהיבעל־צייט אויף הינער, איז אַפילו אַזאַ הייזעריקער תרח אויף דערהויבן געוואָרן: העז אַ ייד האָט הצלחה! אַ קאַסאָקער, דאַכט זיך, אָט דער אורי, אָבער זיין כפּרה האַלט זיך קרעפּקע...

אָט די מומע פייגע דערזען, אַז די אויגן גייען, שונא־ישראל, ביי די שכנים אַרויס פאַר קנאה, האָט זי דעם איין־איינציקן איבערגעבליבענעם האָן אירן, מיט די פעדערדיקע פּלודערן און אָפּגעהאַקטן עק, פאַרשלאָסן אין קאַטוך. זיך, הייסט עס, און זאָלן זיך יידן נישט אָפּעסן דאָס האַרץ!

קרייעט ער טאָג און נאַכט, אָט דער תרנגול, פון פינצטערן פּאָפּליץ אַרויס. ער גיט הייזעריק צו וויסן די עטלעכע איבערגעבליבענע עגונות זיינע, אַז ער לעבט, אַז ער וועט נאָך, מיט גאָטס הילף, אַרויס אויף דער פריי און וועט זיי טרייסטן. דערווייל זאָל מען אים, למען־השם, בלייבן טריי... קוקערעקו! ער לע־ע־עבט!

.2

דורך די גרויסע זאָרגן וואָס מ׳האָט זיך געזאָרגט, אַז מ׳וועט חס־ושלום היינטיקן יום־כיפור בלייבן אָן כפּרות, האָבן יידן אויף זיך אַליין נישט

געקוקט ווי מען באַדאַרף. ווו מ׳האַלט אין דער וועלט און וואָס מיטן אייגענעם געזונט טוט זיך.

אין יענע ימים נוראימדיקע טעג איז געשטאַנען אַ מאָדנער וועטער. דער זומער האָט זיך מישב געווען, אומגעקערט זיך מיט ווייסע פעדימער פון שפינוועבס און מיט אַ וואַרעמקייט... נישט קיין מחיהדיקע וואַרעמקייט, נאָר אַ פאַרעדיקע, אַ שווערע.

געוווינט איז מען, פון קדמונים אָן, אויפצושטיין צו די ערשטע סליחות און לויפן אין שול אַריין דורך אַ קאַלטן טומאַן. אַצינד טראָגט זיך גאָר אַ וואַרעמע פאַרע איבער דער ערד. און גייט אויף די זון, אַזוי הויבט דאָס אָן צו פרעיען, צו יערן און צו קריכן אין די ביינער.

פון אָט דער נישט-גוטער פייכטער היץ פוילן די אָפגעטרייסלטע און נישט־אָפגעטרייסלטע עפּעל אין די סעדער, די איינגעשטעלטע קרויט־פעסער אין די קעלערס יערן, און די האַלב־איינגעזייערטע אוגערקעס באַדעקן זיך מיט אַ שימל און צעקריכן אין די הענט ווי פּעטשאַ. די אויסגעגראָבענע קאַרטאָפליעס לאָזן פון זיך אַרויס בלאָסע וואָרצלדיקע וואָנסעס און פאַרלירן דעם טעם. און די קופּעס בוריקעס גייען אָפּ מיט רויטן זאַפט, ווי מיט בלוט. אין דער לופט צעלאָזט זיך עפּעס אַ זיסלעכער געשטאַנק, ווי פון נישט-זויבערע יאַטקע-קלעצער. פון דער שקלאָווער אָזערע קומען אָן די ריחות און פון אירע זומפּן, און קריכן אומעטום דורך; אַפילו דורך פאַרמאַכטע פענצטער. פון דעם זיסלעכן נישט-גוטן גערוך קריגן די ווייבער קאָפּ ווייטיק און מאַנסביל פאַרלירן דעם אַפּעטיט. בעמען זיי צו קאַפּעלעך בראָנפן און שעמען זיך מודה זיין, אַז מען פילט זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען. פאַרקערט, מען כראַבערט זיך נאָך אַקעגן די ווייבער: אָט, מען שטייט אויף פאַרטאָג צו סליחות, מען שלאָפט זיך נישט אויס, און פונדעסטוועגן... געלויבט דער אויבערשטער!

אָבער אין דער שטיל פאַרקאָכט זיך עפּעס. אין די בתי־מדרשים צו ערשטע מגינים ווערט עס שיטערער. דאָס קומט ד ע ר נישט. דאָס קומט י ע נ ע ר נישט. און פלוצלונג הויבט מען אָן רעדן דערפון, אַז אוגער קעס... יאָ, אוגערקעס איז גלייכער נישט צו עסן. וואָרום... עפּעס אַ מאָדנע זאַך היי־יאָר מיט די אוגערקעס. ווי נאָר מ׳עסט אוגערקעס, אַזוי פילט מען זיך עפּעס זייער נישט-פויגלדיק פון די אוגערקעס. הכלל, יידן, היט זיך מיט אוגערקעס!

האָט מען גענומען אויסמיידן ביים טיש סיי געזייערטע אוגערקעס און סיי אַזעלכע, וואָס מען רייסט נאָך אָסיען־צייט פון בייט, מיט די

פאַרגעלבטע בולבעוואַטע נעזער און מיט אויסגעקרומטע, פרישטשעוואַטע דינע בייכלעך. גויאים אויפן מאַרק זענען געשטאַנען מיט פולע זעק אַזעלכע שפעט־אוגערקעס, געהאַלטן אין איין אַראָפּלאָזן דעם מקח. אָבער קיינער האָט נישט געקויפט.

נאָר אויך אַזאַ אָפּהיטן זיך האָט נישט געהאָלפן. און באַלד נאָך ראש־השנה איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז אין שטאָט האָט זיך באַוויזן אַ מין חולאת. מען ברעכט, עס ציטערן די הענט, נאָר, אַז מען לייגט זיך אַריין אין בעט און מען לייגט צו הייסע פלאַשן צו די פיס, גייט דאָס אַריבער.

האָבן לצנים אָפּריער באַשולדיקט די יידישע קישקע. מ׳האָט זיך, הייסט דאָס, איבערגעגעסן מיט דעם פעטן, ראש־השנהדיקן צימעס, מיט עפל און האָניק. מ׳האָט באַשולדיקט דאָס שטיקל אָרעמע קאַווענע, איבער וועלכן מען מאַכט אין שקלאָוו שחיינו דעם צווייטן טאָג ראש־השנה, די פּאָר ווייַנטרויבן וואָס מען פאַרזוכט דעם איין־איינציקן מאָל אין יאָר, און וועלכע קומען אָן צוליב דעם זעלבן „שחיינו״ פון דער ווייט, און ליגן געפּאַקט אין זעג־האָלץ, כדי זיי זאָלן זיך נישט צעקוועטשן, און גיבן זיך דערפּאַר אָפּ מיט אַ ביטערקייט פון קאָרע. נאָר אָט... ס׳איז גאָרנישט! מען לייגט צו אַ הייסע פלאַש צו די פיס, גייט עס אַריבער.

אַ ביסל מער האָט מען זיך דערשראָקן, ווען דער פּריסטאַוו מיטן אוריאַדניק מיטן שטאָטישן „פּערשעל״ האָבן זיך זאַלבעדריט אַוועקגעלאָזט איבער די גאַסן. און נאָך זיי — די דעסיאַטניקלעך. האָאורילאָ און ליקסיי, מיט אַ וועגעלע וואַפּנע און מיט אַ גרויסער פלאַש קאַרבאָלקע. דאָס מאָל איז אָבער דער המן מיט זיין שיינער סוויטע נישט אַוועק איבער די יידישע גאַסן. נאָר אדרבא — איבער די גויאישע, אַרום די אָרשער ברעמלעך. קיין שום באַפעלן האָט ער דאָרט נישט אָפּגעגעבן, נישט געשריען, נישט געסטראַשעט און נישט געזידלט זיך. דווקא אָן קולות און אָן ליאַרם געלאָזט שיטן אומגעלאָשענע וואַפּנע, ווו אַ בלאָטיקע קאַנאַווקע; געלאָזן גיסן שוואַרצע קאַרבאָלקע, ווו אַ חזיר־שטאַל און ווו אַ הויפן מיסט. און אַלץ, ווייזט אויס, אויפן חשבון פון קאַזנאַ. שטיל, פיין.

זענען יידן געוואָרן מלא קנאה: וויבאַלד דער פּריסטאַוו זאָרגט זיך אַזוי פאַר גויאים, איז דאָך דאָס מסתמא נישט קיין גזירה נאָר אַ ראַטונעק. היינט פאַרוואָס קומט דאָס עפּעס פאַניע־חזיר אַזאַ גנאָד? און מיט וואָס זענען יידן ערגער?

האָט מען גענומען פאַרלויפן ליקסייען און האַורילאָן דעם וועג, און געטענהט און געבעטן זיך: סטייטש! מיט וואָס האָבן זיך יידישע גאַסן

פאַרזינדיקט? און ווען וועט איר קומען גיסן קאַרבאַלקע ביי אונדז?

האָבן זיך ליקסיי און האַווריליאַ אָפּגעפּאַכעט פון די זשוואַוועו יידן, אַזוי ווי פון פליגן און ווייטער נאָכגעשלעפּט זיך מיטן סאַניטאַרן וועגעלע נאָכן פּריסטאַוו און נאָכן אוריאַדניק.

האָט מען זיך אָנגעזעצט אויף יאַשקע דעם שערער, ער, הייסט דאָס, זאָל פאַרלויפן דעם וועג און אַ פרעג טאָן דעם פּריסטאַוו בכבודו ובעצמו: ס'טייטש! און פאַרוואָס? און היתכן? פאַרוואָס קומט מען עפּעס נישט גיסן מיט וואַפּנע און מיט קאַרבאַלקע אין די יידישע גאַסן?

יאַשקע דער שערער האָט שוין אַפילו נישט איין מאָל געכאַפּט אַן אָפּשניט ביים פּריסטאַוו, בשעת ער איז געגאַנגען זיך משתדל זיין פאַר קהל און בשעת ער האָט פאַרמסרט לייזשקע דעם פאַקנטרעגער פאַר זיינע טריף־פסלען... נאָר די האָפענונג צו ווערן בעענטער מיטן נייעם אדון האָט ער נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן. אדרבא, די לעצטע צייט, זינט ער האָט דערשמעקט ו ו ע ר עס האָט דעם זשאַנדאַרניק, בשעת דער אָבלאַווע, צעבראָכן דעם פּרצוף־פנים, און זינט פאַנדרעע האָט אים, יאַשקען, אַרויס־געוואָרפן פון שטוב, פאַרן קאַלנער, ווי מען וואַרפט אַרויס אַ הינטל — זינט דאַמאָלסט איז ער ביי זיך געווען זיכער, אַז ס'וועט אים סוף כל סוף געלונגען צו ווערן מיטן נייעם פּריסטאַוו „פּאַני־בראַט״, אַזוי ווי מיט דעם פאַריקן פּריסטאַוו. ווען נישט „אָברעמעלע די געקוילעטע קאַץ״, וועלכער האָט אים געסטראַשעט מיטן פּיסטאָל, וואָלט זיך אים דאָס שוין לאַנג איינ־געגעבן...

האָט זיך יאַשקע דער שערער געשטאַרקט, אַ פוץ געטאָן די אַרומגעע־שווירענע באָרד זיינע צווישן צוויי האַרטע באַרשטן, כדי זי זאָל שטיין ווי אַ לאָפּעטע. אַזוי איז ער פאַרלאָפן דעם פּריסטאַוו דעם וועג, פאַרנויגט זיך מיט גרויס הכנעה און איבערגעגעבן די יידישע טענות.

האָט דער פּריסטאַוו אַ דריי געטאָן איין דראָטענע וואָנסע און גע־הייסן זאָגן די אומגעדולדיקע יידעלעך אין שטאָט, אַז... ער פרעגט ביי קיינעם קיין עצות נישט, זוו פריער צו שפּריצן קאַרבאַלקע און ווו שפּעטער. און „וואַאַבשצע״ (בכלל), אַז ער וואָלט אָנגעהויבן פריער ביי יידן, וואָלטן זיי דאָך געמאַכט קולות און וואָלטן געשיקט די זעלבע שתדלנים מ'זאָל אויפהערן... טאָק שטאָ... כ'האָב דעם כבוד!...

וואָס איז דאָ געווען צו ענטפערן אויף אַזעלכע האַרבע רייד? אין האַרצן האָט מען דאָך זייער גוט געוווסט, אַז דער ערל איז גערעכט. האָט מען געשוויגן.

און אפנים אויף צו להכעיס, דערפֿאַר וואָס מ׳האָט אים געזאָגט דעות אין זיין רעזידענץ, איז דער נייער פּריסטאַוו דריי טעג אַרומגעגאַנגען איבער די גויאישע גאַסן און געסקעס, ביים דניעפּער אויף „זאַרעטשיע" און אויף רישקאַקי (נעמען פון שקלאָווער פאָרשטאָטן), דער סאַניטאַרער ווענעלע — נאָך אים. און אין די יידישע גאַסן אַפילו נישט אַריינגעשמעקט. און דאָ הערט מען פון בויד־ווייטיק און פון נישט־גוטקייט און פון קאָפּ־שווינדלעניש אַלץ מער און מער. האָט מען זיך שוין מער נישט פאַרלאָזן אויפן פּריסטאַווס יושר און אויף „קאַזנאַ" און אַליין גענומען טאָן וואָס מען קען. ס׳איז געוואָרן אַן אַנגעלויף נאָך וואַפּנע און נאָך קאַרבאָלקע. און די אַפּטייק האָט שטאַרק גענומען לייזן פאַר האָפמאַנס טראָפּנס, פאַר וואַלעריאַנקע און פאַר איגאַזעמצאָווס טראָפּנס. אַלץ אויסגעפּרוווטע מיט־לען, פון קדמונים אָן, צו שטאַרקן די געדערים. מ׳האָט די טראָפּנס גענומען אויף אַ שטיקעלע צוקער און אויפן ניכטערן האַרצן, פאַר די ברכות און פאַר טיי אַפילו.

שווערע טראָפּנס זענען דאָס געווען און שעהן לאַנג האָבן זיי זיך אָפּ־געשלוקערצט. דער „פּיטום־הקטרת", וואָס מ׳האָט געבראָכט אין בית־המדרש, פאַרן דאַוונען, האָט זיך דערפֿאַר אָפּגעגעבן מיט כאָלערע־ריחות. אַ קלאָג צו די געווירצן וואָס זענען אויסגערעכנט געוואָרן אין פּיטום־הקטרת! אין וואָס זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט און מיט וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעשלוקערצט:

— פּע!... הצרי — דער באַלזאַם והצפּרן — און די נעגעלעך, אר־וף! והחלבנה — און דער האַלבאַן מ׳פּע... מור — ווייראַך, קציעה — צענעשקע אוי! וכרכם און זאַפרען — מפּע־ע!

און אַזוי איז געגאַנגען מיט די אַלע איבעריקע געווירצן. מיט „קשט" און מיט „קלופּה" און מיט „קנמון" און מיט „בורית כרשינה"...

בין מנחה־למעריב זיצן זיך ביים ברייטן אויסגעלייגטן טיש אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, ר׳ ישראל גבאי און בערע רחמיאלס — זיין אויבער־שמש, און נאָך עטלעכע קלוגע יידן, און רעדן וועגן פּריסטאַוו און דערמאָנען אים דווקא נישט צום בייזן. אפשר צום ערשטן מאָל, זינט ער איז אָנגעקומען אַהער צו געוועלטיקן און צו פאַרביטערן אַלעמען דאָס לעבן, רעדט מען פון אים אַזוי.

מען דערמאָנט זיך, אַז שוין מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק נאָך פאַרן ברעכן די וואַנט פון ר׳ ישיעלעס חורבה, האָט שוין דער „אדון" „פּריקאַ־זעוועט" מען זאָל רייניקן די ברונימער, מ׳זאָל גיסן קאַרבאָלקע אין די

אָפּטריטן. כּלל, מ׳זאָל נישט שלאָפן זאָל מען נישט. באשר, אין וויטעבּ־סקער געגנט פאַלן הינער און עס פגרן מייז. זעגען דאָך אַלע געווען אש־להבה. פאָלג מיך אַ גאַנג! וויטעבסק... האָט מען אים דאָך, מאָלט אייך אויס, נישט געפּאָלגט, אומגעגאַנגען אַלע זיינע „פּריקאַזן" מיט כּלערליי שטיקלעך.

— און אָט זעט איר דאָך!... — זיפצט אָפּ ר׳ ישראל דער גבאי מיט כּוונה, און נעמט אַריין מיט כּוח די גאַנצע ווייסע באָרד זיינע אין קולאַק — משוגע איז דער ערל נישט געווען...

מאַכט בערע רחמיאלס דער אונטער־שמש:

— אָה, נו... פּכע! כעכע...

בערע רחמיאלס איז אַ שטיקל צבועק. זינט אַ סך יאָרן — אַ בעל תשובה. אין בית־מדרש זיצט ער קיינמאָל נישט ליידיק. רק ער „קייט" עפּעס שליימיק מיט די הוילע יאַסלעס. צי אַ קאַפּיטל תהילים — אויס־ווייניק, צי אַ שטיקל זהר — אין ספרל. צוליב דברים בטלים איז ער נישט מפסיק און ענטפערט אָפּ מיט שמונה־עשרה־לשון. ס׳הייסט, מיטן לשון וואָס מען באַנוצט זיך ווען מען שטייט שמונה־עשרה און די קאַץ כאַפּט זיך אַרויף איבער דעם זאַלץ־ברעטל: נו, אָה, אַך—אַך. אי—אי!

איז אָט מיטן „אָה, נו... פּכע..." האָט ער געמיינט צו דערמאָנען ר׳ ישראל דעם גבאי: כ׳מיין וואָס האָבן מ י ר בי י ד ע מורא צו האָבן?... מירביידע האָבן דאָך אונדזער רפואה צו גילדענאָדער און צו אַלע ווייטיקן, דהיינו: אַ מאַנאַפּאָלקעלע אין דער הינטער־קעשענע פון סורדוט און אַ שטיקעלע לעקאַך...

שווייגט ר׳ ישראל דער גבאי. „באָם־באָם־באָם", באַמקעט ער זיך פאַרטראַכט און גלעט זיך די באָרד. נאָר אין אַ מינוט אַרום זינגט זיך ביי אים ווייטער אַרויס מיט אַ זיפץ:

— איז דאָך דער ערל גאָר נישט אַזאַ שו—טה!

ענטפערט אים אָפּ בערע רחמיאלס:

— כע־כע.. אָה; נו!

דאָס מיינט צו זאָגן: ר׳ גבאי וואָס גייט אונדז אָן דער ערל, צי ער איז אַ שוטה צי נישט? מ׳גייט אין גאַס... ס׳כאַפּט אָן ביים האַרצן נעמט מען אַרויס די מאַנאַפּאָלקע. שהכל... אַ שטיקעלע לעקאַך... און טאַקע בורא מיני מזונות...

— באָם־באָם־באָם — ענטפערט ר׳ ישראל דער גבאי. ער איז מסכים. נאָר דער יושר שטילט אין אים נישט. זינגט עס פון אים אַרויס, אין

אַ ווײַלע אַרום, גאָר אומגעריכט, מיט נאָך מער ברייטקייט און מיט נאָך מער אָנערקענונג און מיט נאָך מער פּאָנפּע:

— איז נאָך דער ע—רל געווען אַ ח—כם!

— המ... אָ—אי, טפו.:: — איז בערע רחמיאלס נישט מפסיק ער קייט זיך זיין שטיקעלע תהילים און טענהט זיך אויס מיטן גבאי. ער קוקט אים אַריין אין הדרת־פּנים מיט שמאַלציקע אויגן־שפּעלטעלעך און מיינט צו זאָגן:

— אַך, וואָס!... מ י ר דאַרפן האָבן דעם ערלס חכמה? שהכל... בורא מיני מזונות... און גייען אַלע פּריסטאַוועס און אַלע דאָקטוירים צו אַל־די קאַדיק!...

פונעם דאָזיקן געהיימנישפולן לשון פאַרשטייען די אַנדערע שיינע יידן גאָרנישט. ס׳איז בערע רחמיאלס און דעם גבאיס סוד. דאָס האָט בערע רחמיאלס אויסגעלערנט ר׳ ישראל דעם גבאי, ווי אַזוי צו היילן גיל־דענאָדער. אין מיטן זומער ביים פאַרעכאָד האָט ער אים דאָס אויסגעלערנט. מ׳דאַרף אַלעמאָל האַלטן גרייט אין דער הינטער־קעשענע אַ קאָפּעלע משקה און אַ פאַרבייסעכץ. ס׳אַ רפואה צו אַלע שוואַכקייטן. מ׳גייט אין גאַס...

ישראל דער גבאי קען אָבער בשום אופן נישט פאַרגעסן, אַז אַ פּריס־טאַוו, אַ גוי אַ רשע, איז געווען אַ חכם הרואה את הנולד*, געזען, אַז אַ חולאת גייט אויף שטאָט. גיט ער אַ קוק מיט איין אויג אויף בערע רהמיאלס און אויף זיינע קלוגעטשקע רמזים און ציט פאַרטראַכט און מיט כוונה:

— איז דאָך דער אדון טאַקע געווען אַ—אַ חאַ—אַ—כים! — — — —

נאָר וואָס קען שוין העלפן דעם גבאיס הסכמה, אַז דער ערל איז געווען אַ חכם, אַצינד, בשעת יידישע בייכער, רחמנא־לצלן, ווערן שוואַ־כער־ פון טאָג צו טאָג. און חדר־יינגלעך נעמען שוין מיט אין חדר פלעשער מיט איבערגעזאָדענע וואַסער, כדי נישט צו טרינקען קיין רויע. גאַנצע שורות מיט פלעשער זענען אָנגעשטעלט אין יעטוועדער „חדר״ אויף דער ליעזשאַנקע און אין פראָסטן עולם שושקעט מען זיך, אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט. אַ שטראָף פאַר קושקע בראַנדס בלוט. פאַר קהל איז ער געפאַלן אונטער ר׳ ישיעלעס וואַנט פון חורבה. און אָט וויל ער נישט מוחל זיין, קושקע, זיין פאַרגאָסן בלוט.

---

* אַ חכם, וואָס זעט פאַראויס.

מען קעמפט איבער אַ האָן

1.

וואָס שוואַרצער עס ווערן די בייעסן אין שטאָט, אַלץ פרומער ווערט דער עולם. אַזאַ טבע האָבן שוין מענטשן. אַז עס ווערט ענג אויף דער ערד רייסט מען זיך צום הימל.

זימל דער פאַקנטרעגער און לייזשקע זיין שותף האָבן גלייך דער־שמעקט, אַז אַ כוואַליע פון פרומקייט גייט אויף שטאָט. האָט מען באַהאַלטן אַלע טרייף־פּסולס, מיט וועלכע מען באַזאָרגט אַלע אויפגעקלערטע יונגע־לייט און אַלע „באַרישניעס", און מ'האָט זיך ברייט צעלייגט אין די בתי־מדרשים מיט גאָלע כשרות. אַלץ גאָטספאָרכטיקע ספרים: סידורים, מחזו־רים, משניותן, מוסר־ספרים און קבלה, בתים און ציצית... אַזאַ לייזשקע, דאַכט זיך, אַזאַ אַפּיקורס, אַזאַ טרפהנער יונג, וואָס האָט פאַרפּלייצט גאַנץ שקלאָוו מיט „מעטאָדעס", גראַמאַטיקעס, מיט פּרוגס לידער און מיט וואַרשעווער העברעאישע ביכעלעך מיט ניקוד, איז כלומרשט אויך געוואָרן פרום, איבערגעצויגן אַ פאַרשמאַלצעוועטן טלית איבערן קאָפּ און איבער דער קיילעכדיקער היטעלע פון אַ „מאַראַזשעניק" און געשטעלט זיך ביי אַ גרויסן טיש מיט רומ"ל ספרים אין דער געמויערטער שול. אַפילו יהושוע מזח'ס יידישע מעשה־ביכלעך האָט ער באַהאַלטן, און אַנשטאָט זיי — אַרויסגעלייגט די שבחי הבעש"ט... געשעפט איז געשעפט! אַצינד האָט זימלס שטערן אויפגעלויכטן. האָט ער אָנגענומען זימלס דרך מיט אַלע זיינע העויות, בשעת דאַווענען און האַנדלען אין איין און דער זעלבער צייט. און גייען צו ייִנגלעך און טאַפּן מיט זשעדנע גישט־זיכערע הענטלעך לייזשקעס סחורה, אַזוי דערהערן זיי פון אים אַזאַ לשון:

— ברוך מרחם על הבריות... טשעפּע נישט! ברוך משלם שכר טוב ליראיו... אַ בענטשערל? צוויי קאָפּיקעס. מנאַם־מנאַם־מנאַם... פודה ומציל ברוך... אַוועק שייגאַץ! וברוך שמו!... דריי קאָפּיקעס, לאָז!... המהולל בפה

עמו... מנאַם־נאַם!..: נו, אָה, פאַרך איינער! מנאַם, מנאַם־נאַם...

שפּרינגען די ווייסע־חברהניקעס אָפּ פון טיש מיט ספרים און קוקן אָן לייזשקען אין פאַרשמאַלצעוועטן טלית און דערקענען אים נישט. עפּעס זימל דעם פאַקנטרעגערס גלגול איז אין אים אַריין. און זימל לעבט דאָך נאָך. צוויי זימלס...

יינגלעך! זיי ווייסן דען, וואָס הייסט פּרנסה?... און וואָס אמת איז אמת. אַזאַ לייזעכץ ווי ס׳האָט זיך היינטיקע ימים־נוראים געלייזט פאַר רומ״ל האָט מען שוין לאַנג נישט געלייזט. מ׳האָט צעצוקערט אַלע מחזור־רים; מ׳האָט צעכאַפּט אַלע תחינות ווי מצה־וואַסער. און ס׳איז אַוועק אַ גרויסע רעוויזיע איבער אַלע ארבע־כנפותן אין שטאָט. און טאָמער האָבן זיך שקאָלע־בחורים געשטעלט אַנטקעגן, האָבן טאַטעס געגעבן פּעטש:

— די ציצית באַוויַיז, פאַרך איינער!

מיט גרויס היץ און שטרענגקייט ווערט די ציצית־אַקציע דורכגעפירט אין יעטוועדער משפחה. איינגעמאַכט די פרישע וואָלענע פעדימער ווערן די ארבע־כנפותן אָנגעטאָן אויף די הערצער און רוקנס פון די יונגע חברה־לייט ווי די פּאַנצערס:

— נאָט, טראָגט!

ס׳הייסט: דאַרפן האָט מען אייך אינגאַנצן געדאַרפט לאָזן אָן ארבע־כנפותן, נאָר זאָל אונדזערס אַריבערגיין! פּקוח נפש איז בילכער.

נאָר אַפּנים, אַז ס׳האָט אויך נישט איבעריק געהאָלפן איינצושטילן דעם טומל אין שטאָט. וואָרום אין אַלע בתי־מדרשים אויף די קופּערנע האַנט־פּאַסן האָבן זיך באַוויזן צעטעלעך אונטערגעשריבן פונעם מתנגדישן רב און פון חסידישן מוראה־הוראה, אַז מען איז מתיר צו עסן פאַרן דאַווענען, אַפילו נעמען אַ ביסל משקה און פאַרבייסן. און למען־השם נישט לאָזן אָפּשוואַכן דאָס האַרץ. וואָרום „פּקוח־נפש״ איז דוחה שבת. נישט נאָר תפילה... ובזכות זה... און אַזוי ווייטער. ונאמר אמן.

האָבן אָבער די רבנישע צעטעלעך אויף די האַנט־פּאַסן געהאַט אַ פאַר־קערטע ווירקונג. אַנשטאָט צו שטאַרקן די יידישע געדערים, האָבן זיי זיי אָפּגעשוואַכט. די אויפרעגונג איז געוועז גרויס: איר פאַרשטייט ווו עס האַלט אין דער וועלט!... רבנים זענען מתיר, ברוך השם, צו פרעסן און צו זויפן פאַרן דאַווענען. נו, וועט מען גיין טאָן אַזאַ זאַך אין סאַמע מיטן עשרת ימי־תשובה? און אַז ס׳זאָל קומען אַ היתר פון הונדערט רבנים וועט מען פאָלגן? סיידן מ׳עט זען מאַכן בורא־מיני־מזונות פאַרן דאַווענען דעם מתנגדישן רב אַליין. דענסטמאָל וועט מען זיך מיישב זיין. נאָר אַזוי

ווי קיינער האָט דאָס מיט זיינע אויגן נישט געזען, האָט מען נישט געקוקט אויף זיין היתר.

און דאָ רוקט זיך דער יום־הדין — יום־כיפור — אַלץ נענטער. מען בלאָזט שופר פון די באַלעמערס אַראָפּ ווי מלחמה־צייט. קראַנקע בייכער ווערן מער, און כפרות — אַלץ וויניקער. און וואָס מער חולאים אין שטאָט, אַלץ שטאַרקער ווערט דער חשק צו שלאָגן כפרות. זאָל עס בעסער אויסגיין צום קאָפּ פון אַ גאַלאַגאַנעם האָן ווי צו אַ פרומען יידן. אויף אַ ראַבער הון זאָל עס בעסער געדאַכט זיין, ווי אויף אַ מאַמע פון קינדער. איז דער אַנגעלויף אויף כפרות געוואָרן גרויס, ד׳ ירחם!

אָבער די עופות וואָס די קורעלאַפּניקעס פירן אַרויס אויף שקלאָווער מאַרק קלעקן אויף איין צאָן. ערשטנס, זאָגן זיי, האָבן גויאים אויפגעהערט צו פירן עופות, און צווייטנס, זאָגן זיי: ווו קען מען זיך אָנבעמען אַזוי פיל עופות? און דריטנס, זאָגן זיי, האָבן זיי מורא איינצוקויפן צופיל עופות און איינשטעלן דאָס גאַנצע געלט זייערס אין סכנה. וואָרום היינט קויפט מען זיי איין די עופות און מאָרגן פגרן זיי אויס די עופות... אַ פּאַהיבעל אַזאַ אויף עופות.

הקיצור, אַזוי גיך ווי עס באַווייזט זיך אַ האָן צי אַ הון ביי די איבער־קויפערקעס אויפן מאַרק, אַזוי צעצוקערט מען דאָס. פּאַרמעגלעכע באַלע־באָסטעס דינגען זיך אַפילו נישט; און אָרעמע שרייען קולות־געוואַלדן, אַז מ׳שניידט זיי די הויט... ס׳איז אַ שאַנדע און אַ חרפּה צו דערציילן, צו וואָס די תאוה פון שלאָגן כפרות, פאַר זיך און מאַן און קינדער, קען דערגיין ביי כ׳וואַטסקע ווייבער. ס׳איז דערגאַנגען צו מיאוסע שלעגערייען אין מיטן מאַרק, צו אַראָפּרייסן די פּאַרוקן איינע ביי דער צווייטער און צו צעדראַפּעטע נעזער. און צוליב וואָס? צוליב אַ געלן תרנגול, צוליב אַ ראַבער הון.

האָבן באַלעבאָסטעס דערזען צו וואָס עס איז דערגאַנגען, האָבן זיי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף די קורעלאַפּניקעס און אויף אַלע זייערע ספּעקולאַציעס, געפעדערט זיך, אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, אויס־געשטעלט זיך אויף די שליאַכן הינטערן שטאָט, און אַליין אָפּגעוואַרט די גויאים פון דאָרף מיט לעבעדיקע עופות:

— כלאָפּיץ, כלאָפּיץ, פּיוועץ יעסט? (בחור, בחור אַ האָן האָסטו?).

— כאַזשאַין, כאַזשאַין, קאָלקי זאַ קורקע? (באַלעבאָס, באַלעבאָס, וויפל פאַר דער הון?).

נאָר די גויאים האָבן גלייך געכאַפּט דעם שניט, אַז יידן קאָכן זיך

עפעס צו פיל אין עופות און אַז מ׳איז פאַרלאָפן די איבערקויפערס דעם וועג, האָבן זיי גלייך אָנגעצויגן די מקחים אין הימל אַריין. און כדי אין גאַנצן נישט צו פאַרן אין שטאָט און וואַרטן אין מאַרק אויף קונים, דאָבן אַנדערע פויערים פאַרלאַנגט, מ׳זאָל אַלס צוגאָב צו אַן עוף, אָפּקויפן ביי זיי די אַנדערע סחורות: חזיר־האָר, ליקעס אויף מאַכן לאַפּטיעס, שאָפענע פעלכלעך אויף קאָזשוכן. טרפה שוועמלעך...

— שצאַטינו קופי פיווען דאַם! — קויף חזיר־האָר וועל איך געבן אַ האָן!).

— ליקו ביאַרי קורקו פּראָדאַם! (נעם די ליקע, וועל איך דיר פאַר־קויפן אַ הון!).

אַלץ מיני איידעלע זאַכן אַזעלכענע, וואָס קיין יידישע הויז־געזינד קען גאָר אָן זיי נישט אויסקומען...

האָבן ווייבער דערזען, אַז דער דאָרף־גוי כיטרעוועט, האָבן זיי אויך גענומען כיטרעווען. כדי נישט זיין געצווונגען צו איינהאַנדלען משונהדיקע גויאישקע סחורות איז שוין גלייכער צו קויפן יידישע. צי מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט, אַבי קריגן אַ כפרה אַ צוגאָב. וואַרפן זיי זיך כלומרשט זייער זשעדנע אויף די קוישן מיט אייער אין די גויאישע וועגענער.

— כלאָפּיץ, כלאָפּיץ, פּאָטשאָם טוואָי יאַיצאַ? (בחור, בחור, ווי טייער זענען דיינע אייער?).

און ערשט דערנאָך, אַז מען באַדינגט זיך אויף אַ מאַנדל אייער, גיט מען אַ פרעג אַזוי אגב־אורחא, דיפּלאָמאַטיש־באַשיידן:

— אַ פיווען יעסט? (אַ האָן האָסטו?).

געלינגט דאָס אַמאָל, און אַמאָל נישט. וואָרום בעלנים אויף אַ כפרה, דערהויפּט — אויף אַ מאַנסבילישער כפרה, זענען דאָ גענוג.

אַ פּאָר טעג פאַר יום־כיפור קענען שוין גאַלאַנטע מאַנסבילן נישט צוזען דעם צער פון די ווייבער, גאַרטלען זיי אונטער די לענדן און גיבן זיך אַ וואָרף אין דאָרף אַריין, ווער צופוס ווער מיט דער פור, כדי איבער־כאַפּן די כפרות ביים סאַמע קוואַל. נאָר אויך דאָרטן האָט אויף זיי געוואַרט אַ גרויסע אַנטוישונג.

אין דאָרף איז דער מצב פון די עופות געווען נאָך ערגער ווי אין שטאָט, ווו אַ כאַטע דאָרטן אַ קלאָג צו די הינער. אין אַ סך כאַטעס איז אַפילו נישט געבליבן קיין איין האָן אויפצוּוועקן פאַרטאָג דעם פויער צו דער אַרבעט.

דאָרף האָט דאָך אַפילו נישט אַזאַ טעווע... „וועטערינאַר״ ווערט דאָס

אָנגערופן, ווי גרשון יאָצרע, נישטאָ אַפילו ווער עס זאָל אין דאָרף אַז עצה געבן די געפּגרטע הינער צו באַגראָבן טיף אין דער ערד און אָפּצובאַזונדערן די קראַנקע פון די געזונטע. און אַ פּריסטאַוו מיט אַ סאָניטאַרן וועגעלע, וואָס זאָל באַשיטן די אומריינע ערטער מיט אומגעלאָשענע וואַפּנע, איז אויך נישטאָ. צו די זנאַכערס (מכשפים) אין דאָרף איז מען געלאָפן אָפּצושפּרעכן אַן אָפּשרעכעניש. האָט דאָס מן־הסתם געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. און די עופות זענען געפאַלן ווי די פליגן.

דערזען, אַז יידן טוען אַן דעם דאָרף אַזאַ כבוד, זענען די פּויערים געוואָרן שטייפער, פאַררויכערט די טיפע ליולקעס, געשפּיים און געדונגען זיך ביזן הייסן שווייס, ביז שונאי־ציון איז טרוקן געוואָרן אין די העלדזער. אָבער סוף כל סוף — אַלץ וועלוועלער ווי אויף די שליאַכן פאַרטאָג; און ווי אויפן מאַרק ביי די איבערקויפערקעס — אוודאי און אַוודאי.

קוועלן גאָר יידן אַן פון די מציאות, וואָס זיי האָבן איינגעהאַנדלט. פירן זיי די געבונדענע עופות פון דאָרף אין שטאָט, ווי די געפאַנגענע פון אַ שלאַכט. מען ברענגט זיי אַהיים און מען דערווייזט מיט אַ פילדייטיקן שמייכעלע דער ווייב, אַז... המ... אַ מאַנסביל איז פאָר נישט קיין יידענע. אַ מאַנסביל גיט זיך איין קער, דאַכט זיך, און אָט!... הכלל...

שניידט מען אָבער איבער די שטריקלעך ביי די געבונדענע עופות אונטער די פליגלען און אויף די פיסלעך, ליגן זיי נאָך אַלץ די שלימזלדיקע כפרות, ווי די באַצויבערטע און האָבן מורא אַ ריר צו טאָן זיך. שיט מען זיי אויס ווערימדיקן אַרבעס, כדי זיי זאָלן זיך פאַפּראַווען אײדער זיי וועלן גיין פון דער וועלט צום ווילזיין פון יידישע קינדער. קוקן זיי אָבער אויפן היגעריש מאכל מיט איין אויגל. ווי אַ האָן אין „בני־אדם” קוקן זיי און פון אָרט רירן זיי זיך נישט. שטעלט מען זיי אויף די פיסלעך מיט געוואַלד. מאַכן זיי אַ טראָט, צוויי טריטלעך, פאַלן אַנידער, פאַרוואַרפן די קעפלעך, פאַרציען די אויגן־פאַרטעכלעך איבער די קוקערס און אַ סוף... אויס מיט די עופות.

נישטאָ מער קיין געזונטע כפרות אין דאָרף. און דורך דער טרייסלעניש אין וואָגן, נישט געקאָרמעטע, געבונדענע, קומט אָן דער היגערשער סוף, אין דער יידישער פּרעמד, אַ סך גיכער, אַ סך טראַגישער, ווי ביי זיך אין דער היים אויף אַ גויאישקער קופּע מיסט.

.2

אַ טאָג פאַר ערב יום־כיפור האָט זיך געטאָן חושך. די לעצטע הענער אין שטאָט זענען צעפאַלן, און דער מרא־דאתרא, דער מתנגדישער רב, ר׳ ישיעלעס איידעם, אַזוי ווי דער חסידישער מורה־הוראה, זענען געבליבן אָן אַ ברעקל כפרה.

האָבן זיך מקורבים פון ר׳ ישיעלעס איידעם שטאַרק גענומען צום האַרצן און אַרויסגעשאָטן זיך פאַרטאָג מיט אַ לאַמטערנע אויפן שליאַך, הינטער דער שטאָט, כדי איבערצוכאַפּן אַן ערל מיט אַ ווייסן האָן. וואָרום ר׳ ישיעלעס איידעם זאָל חס־ושלום שלאָגן כפרות מיט אַ ראַבן האָן איז דאָך עק וועלט.

אָבער פונקט אַזוי שטאַרק האָבן זיך גענומען צום האַרצן די מקורבים פונעם חסידישן מורה־הוראה. זענען זיי אויך אויפגעשטאַנען פאַרטאָג מיט אַ לאַמטערנע און אויך אַוועקגעלאָזן זיך אויפן שליאַך.

האָבן זיךביידע קופּעס פון היציקע קאָנקורענטן געטראָפן לעבן דער גרויסער מיל, אויפן ברייטן הילצערנעם בריקל, וואָס איז איבערגעוואָרפן איבער דער הרעבליע. טאַקע דאָרטן, ווו די אָזערע פאַלט שטורעמדיק אַריין אין טיפן דניעפּער.

האָרט ביים „אונטערבאַרגער" פאַרשטאָט ציטערט דאָס בריקל איבערן האָסטיקן שטראָם און איז די גרענעץ צווישן שטאָט און אָנהויב שליאַך, וועלכער פירט אַרויף־באַרג קיין מאַקאַראָווקי. און מאַקאַראָווקי איז דאָס נאָענטסטע דאָרף. גויאים בעלי־גופן וווינען דאָרטן און האָבן אַ שם מיט זייערע געכאָליעטע עופות און קעלבער, וואָס זיי ברענגען אויפן שטאָטישן מאַרק.

האָבן זיך די אָנהענגער פון מתנגדישן רב געשטעלט ביי איין פּאַ־רענציע פון בריקל און די אָנהענגער פון מורה־הוראה ביי דער צווייטער פּאָרענציע. וואַרטן זיי, אַז גאָט זאָל העלפן און שיקן זיין ישועה פון מאַ־קאַראָווקי פאַר ביידע רבנים אין שטאָט.

וואַרטן זיי... און נייגעריקע זאַמלען זיך פון „אונטערבאַרג" און פון ברעג דניעפּער, כדי צו זען וואָס דאָ וועט זיין. וואָרום ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז נישט די מתנגדים און נישט חסידים וועלן דערלאָזן, אַז זייערע קעגנער זאָלן אויסכאַפּן די ערשטע כפרה. סיידן גאָט וועט צושיקן ווייסע הענער פאַר ביידן.

און גאָט האָט געהאָלפן... אַ גוי אַ בעל־גוף מיט אַ געזונטער שיקסע

פאַרן אַן אין אַן אויסגעבעטן פויערישן וואָגן. דער גוי רויכערט אַ פּיפּקע, וועלכע לאָזט זיך אים אַראָפּ מיטן טשובוק אין דער לאַנגער גרוילעכער באָרד. און די יונגע גויע בליט אונטער איר שוואַרצער כוסטע מיט בלאָסע מאָן־בלומען. איר פּנים איז קיילעכדיק ווי אַ ריבן און דער גהינום ברענט אין געשטאַלט פון אַ רויטער קאַצאַווייקע איבער אירע הויכע בריסט.

לאָזן חסידים אַראָפּ די אויגן. זיי ווילן דאָך נישט גיין אַריינשטופּן זיך מיט די אַטלאָסענע אַרבל צווישן אַן ערל און אַזאַ ערלטע און רייסן פון קאָשעק. נאָר די מתנגדים זענען טרוקענער. ווערן זיי נישט נתפעל און גיבן זיך גלייך אַ וואָרף צום וואָגן. איינער האַלט איין דאָס פערד ביים צוימל און די אַנדערע שטייען צו צו די אָנגעפּאָרענע:

— פיווען יעסט? (פאַראַן אַ האָן?).

— יעסט! (פאַראַן!) — ענטפערט דער ערל מיט דער פּיפּקע.

— יאָקי פיווען? ביאַלי? טשערניאַווי? (וואָס פאַר אַ האָן, אַ ווייסער, אַ שוואַרצער?).

אָבער צווישן די נייגעריקע זענען דאָ אויך אַ פּאָר קצבים, אָנהענגער פונעם חסידישן מורה־הוראה זאָל לעבן. שמחהלע טורערו, פאַנדרעס חבר פון אָסטראָג, איז אויך דאָ. ער אַליין איז אַפילו נישט אַזאַ פייערדיקער חסיד, נאָר דערלאָזן, אַז ליאַדע מתנגדימלעך זאָלן באַעולהנען ז י י ן מורה־הוראה, וועט ער געוויס נישט. אַ פּשיטא־שוין, אַז ער דערקענט אינעם אָנגעפּאָרענעם גוי מיט דער שיקסע זייִנעם אַ קונד פון מאַקאַראָוקי, וואָס אַלע מאָל פאַר חגא קויפט ער ביי אים אָפּ די פעטסטע זאָדיקעס. ס׳איז טאָקע דער זעלבער גוי, ביי וועמען מ׳האָט גוט צוגעביסן אין כאַטע, גייענדיק פון אָסטראָג. ס׳הייסט: ער, שמחהלע, האָט נאָר צוגעביסן, און נחקע פאַנדרע האָט נאָך אָפּגעטאָן אַ שענערע מעשה... גיט ער אַ רוף דעם ערל, ווי עפּעס גאָר אַ נאָענטן מחותן:

— העי, העי, מיקיטאַ! העי!

און שטופּט זיך אַריין צווישן די זשוואַוועע מתנגדימלעך מיט זיין האַרט־פאַרשמאַלצעוועטער פאַדיאָוקע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט קוילער־שטיבל:

— אַ הדיע פיווען? (ווו איז דער האָן?).

דערקענט מיקיטאַ דעם יידישן קצב. ער ענטפערט אים אָבער נישט. אדרבא, ער קערט גאָר אָפּ זיין גויאישקן פּרצוף און בלאָזט דעם רויך פון זיין פויערישער פּיפּקע אָן אַ זייט. המ... קלערט ביי זיך שמחהלע טורערו, דער ערל ווייסט שוין אַפּנים וואָס פאַנדרע האָט אָנגעראַבאָטעוועט מיט זיין שיקסע...

מיט שאַרפע ממזרישע אויגן, פון אונטער זיין באַראַשקענער היטל, נעמט ער אַדורך קאַטערינושקאַן אין וואָגן, מיקיטאַס טאָכטער. ער פרעגט זי, דאַכט זיך איר, מיט זיין שטעכיקן קוקעלע: „יאָ... אָבער וואָס בין איך שולדיק?...״

קאַטערינושקאַ לאָזט אַראָפּ די אויגן. זי ווערט רויט ווי איר קאַצאַווייקע אויף דער הויכער ברוסט. מטושטשערהייט טאַפּט זי אין וואָגן און דעקט אויף אַן איבערגעדעקטן קאָרב.

אין קאָרב זיצט אַ שיינער האָן. ווייס ווי מילך, מיט אַ הויכן דיבעם קאַם, מיט אויגלעך רויטע ווי קאָראַל. אַ מלוכה נישט קיין האָן אויף כפרות־שלאָגן.

צעברענען זיך די אויגן פון די שמשים און מקורבים פון רעכטס און פון לינקס. זשעדנע הענט שטרעקן זיך אויס צום ערל און צום קאָרב פון אַלע זייטן. ווי נאָדלען צו אַ מאַגנעט ציען זיי זיך:

— כאַזשאַין, העי כאַזשאַין! (באַלעבאָס, העי באַלעבאָס!).

— קאָלקי טעבע זאַ פּיוועו? (וויפל געבן דיר פאַרן האָן?).

— קאָלקי? העי, העי!

אָבער מיקיטאַ איילט זיך נישט. ער גיט נאָר קרום אַ קוק אויף שמחה־לען און דאָס פּנים גיסט זיך אים אָן מיט האַרבער שנאה. דערנאָך גיט ער אַ צי פון פּיפּקע, אַ שפּיי אויס מיט האַרץ צווישן די האָלאָבליעס פון וואָגן, און שניידט פּלוצלונג אָפּ דעם גאַנצן האַרמידער:

— קאַרבאָוואַניעץ! (אַ רובל!).

נאָר באַלד קריגט ער חרטה און שרייט זיך אַליין איבער:

— דוואַ!... אי ני־ני!... (צוויי. און נישט קיין קאָפּיקער!).

מאַכן די חסידים אַן אָנשטעל, אַז זיי זענען אויסער זיך פון אַזאַ מקח:

— משוגע ביסטו, כאַזשאַין! אַ „פּעטעך״, וואָס איז ווערט אַ... גילדן, צוואַנציק קאָפּיקעס — צוויי רובל?

שרייען זיי אָבער די מתנגדים איבער. בלאַסע פינגער שטופּן דעם ערל צוויי רובל אונטער דער נאָז:

— כאַזשאַין, אָט האָסטו צוויי רובל!

נעמט דער ערל אַריין דעם קאָרב מיטן האָן צווישן די קני און טרייסלט מיטן קאָפּ און מיט דער פּיפּקע:

— אַ ני, ני!

גיבן זיך צו אים אַ וואָרף די חסידים מיט די אַטלאַסענע אַרבל:

— כאַזשאַין, אָט האָסטו צוויי מיט אַ האַלבן רובל!

ווערן די מתנגדים אַ האָר נישט נתפּעל פון אַזאַ קאָנקורענץ:

— דריי, כאַזשאַין! דראַ־אַי!

ווערן די חסידים אש־להבה: הען, די מתנגדישע פּופּיקעס האָבן זיך צעשפּילט. ווי די גענדזלעקערס רייסן זיי זיך אויפן האַלדז... נאָר אָפּשטיין איז דאָך ניט שייך. מתנגדים זענען טאַקע די רייכסטע באַלעבאַטים אין שטאָט. נאָר ווייבאַלד עס האַנדלט זיך אום אַ כפּרה פאַרן מורה־הוראה, זאָל לעבן, איז אַ רובל קיין געלט נישט:

— פיר, כאַזשאַין! פיר! גיב דעם האָן!...

דערזעט מיקיטאַ, אַז דאַ גייט עפּעס גאָר אַ וואַזשנער גאַנג. זיין צווייגילדענער האָן ווערט גאָר־גאָר נתעלה פון מינוט צו מינוט. ס'איז גאָר נישט קיין האָן, אַן אוצר איז דאָס. אַ מתנה פון גאָט. פאַרציט זיך אים דער גאַנצער פּרצוף מיט אַ כיטרע פויערישער מינע. אָט אַ מאָדנע זאַך! אַלע קלוגע שטאָטישע יידן זענען מיט אַמאָל נאַריש געוואָרן; איין „דורען" גרעסער פאַרן צווייטן... כאַפּט ער און זעצט אַרויף דעם ווייסן האָן זיך אויפן קאָפּ, שטעלט זיך אויף אין וואָגן ווי גרויס ער איז, און רופט אויס איבער דער גאַנצער קופּע מיט נאַרישע יידן:

— אַשצשע! (נאָך!).

דאָס ראָד פון מענטשן איז, אָן עין־הרע, אויסגעוואַקסן. אין פאַרטאָגיקן ליכט זעט עס עפּעס אויס משונהדיק. די הרעבליע שרייט און מענטשן שרייען. דאָס וואַסער שוימט א ו נ ט ע ר ן בריקל, און א ו י פ ן בריקל שוימען צעקאָכטע מיילער. ווער עס קומט אָן מיט אַ פורל — דער בלייבט שטיין. מען קען שוין דאָ מער נישט דורכפאָרן. און איבערן גאַנצן טומל פון צעטרייסלטע בערד און צעפּאָכעטע אַרבל שטייט אַ הויכער ערל אין וואָגן, אין לייוונטענע אונטערגעבונדענע פלודערן. אים צופוסן, ביי זיינע לאַפּטיעס, זיצט איינגעקאָרטשעט אַ שיינע שיקסע, און אויף זיין פויערישער מאַגערקע איבערן קאָפּ — אַ האָן. און וואָס פאַר אַ האָן! ווייס ווי אָפּגעוואַשענע זינד... אָבער וויפל מען באָט אָן איז אים אַלץ ווייניק, דעם ערל.

— אַשצשע! — דרייט ער מיטן האַרטן קאָפּ און שפּייט האָפּערדיק צווישן די האָלאָבליעס.

— פינף רובל, כאַזשאַין!

— פינף מיט אַ האַלבן!

—אַשצשע! — קרימט זיך דער ערל מיט האַרץ, ווי איינער זאָגט: „אויך מיר אַ מקח!" — די פויערישע אויגן זענען ביי אים דערביי

פּינצטער, ביי מענטשן, וואָס מ׳וויל דאָ אָפּנאַרן, נאָר ער לאָזט זיך נישט, ניין.

— זעקס רובל!

— זיבן, זיבן! נאַ, קוק!

— וואָס טוט איר וואָס? — שרייען די חסידים צו די מתנגדים.

— און וואָס טוט איר? — שרייען די מתנגדים צו די חסידים.

— אַ שאַנדע און חרפּה! זיבן זילבערנע רובל פאַר אַ „פּעטעך״?

— זיבן מיט אַ האַלב, כאַזשאַין! אָט נעם!

— ס׳איז עבודה־זרה (געצנדינעריי) איז דאָס, נישט אַ כּפּרה!... אַכט קאַרבאָוואַנצעס!

.3

הקיצור עס איז שוין דערגאַנגען ביז ניין רובל און ביז ניין מיט אַ האַלב און דער ערל טרייסלט אַלץ מיטן קאָפּ „אַשצשע!״... די שיקסע אין וואָגן קריגט פּחד פאַר אַזאַ מקח און שלעפּט דעם טאַטן אירן פאַר די לייוונטענע פלודערן:

— טאַטקאָ! עי־עי, טאַטקאָ!

— ציץ! (שווייג!) — גיט אויף איר מיקיטאַ אַ טופּ מיט זיין לאַפּטיע אין וואָגן. ס׳הייסט: מיש זיך מיר דאָ נישט אַריין! און צום נאַריש־געוואָרענעם זשידאָווסקין עולם גיט ער זיך אַ ווענד מיט נאָך מער חוצפּה:

— אַשצשע!

— צען רובל! — שרייט איינער פון דעם מתנגדישן צד.

די קולות אַרום מיקיטאַן ווערן פאַרשטומט. פאַרגאַפטע מיילער עפע־נען זיך אויף. די אַטלאַסענע חסידישע אַרבל לאָזן זיך אַראָפּ. אָט, הייסט דאָס, צו וואָס אַ צוויי־זלאָטענער „פּעטעך״ קען דערגיין, אַז יידן פאַרלירן דעם קאָפּ...

און ווער ווייסט צו וואָס אַזאַ היציקע קאָנקורענץ וואָלט נאָך באמת דערגאַנגען, אפשר צו פּעטש און צו צעשליסענע קאַפּאָטעס אויך... ווען נישט שמחהלע טורערו.

שמחהלע טורערו האָט דערזען, אַז דער תרנגול האַלט ביים אַריבערגיין אין מתנגדישע הענט, איז ער געוואָרן מלא רציחה. ס׳האָט אים, אגב, אויך שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס מיקיטאַ איז מיט אים קידער־ווידער און

וואָס ער פאַרגינט זיך רייסן ביי יידן אַ הויט. נישט די זשעדנעקייט אַליין נאָך געלט, נאָר אויך אַ פאַרביסענע שנאה האָט ער אין דעם גוי דער־פילט... רוקט ער שמחהלע, פלוצלונג אָן די באַראַשקענע היטל זיינע ביז איבער די אויערן, ווי אַלע מאָל ווען ער ווערט אַנטשלאָסן, און קוקט זיך אום מיט אַ בייזן שמייכעלע אויף די צעהיצטע מערידאַלניקעס אַרום האָן:

— ששש־אַ! — שרייט ער אויס — משוגע זענט איר צי חסר־דעה? ס׳איז דאָך גאָר נישט קיין האָן, ס׳איז דאָך אַ ווייסע הון!...

— אַלע בייזע חלומות... שמחה! ווו זעסטו אַ הון?

— אָט דאָס איז אַ קאַם פון אַ „פעטעך״? קוקט!...

און נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין אַ ווייטערן פלפול כאַפּט ער אָן מי־קיטאַן פאַר אַ לאַפּטיע און שלעפּט אים:

— זעמליאַק, העי זעמליאַק! ווייז אָקאָרשט דעם עוף דיינעם! ס׳איז דען אַ פיווען? ס׳איז דאָך אַ קורקע!

— ברעשיעש! (דיי לייקנסט!) — גיט מיקיטאַ אַ ריס זיין לאַפּטיע פון שמחהלעס בינטל פינגער.

— באַוויז זעמליאַק! — שרייט צו אים אַרויף טורערו און די אויגן גליען ביי אים, — ס׳איז פאַר אַ ראַבין, זעמליאַק! אַ הון איז גאָרנישט ווערט...

האָט אָבער מיקיטאַ מורא אַראָפּצונעמען דעם האָן פון קאָפּ און פאַרטרויען אַזאַ טייערן אוצר אַזוי פיל צעיאַכמערטע יידן אַרום וואָגן. קוקט ער צו שמחהלען אַראָפּ מיט גרויס פאַרדאַכט און מאַכט צו אים מיט איין פּלייצע:

— ליזאַי סיודי!...

קריך. הייסט דאָס, אַהער אין וואָגן ווּעסטו זען.

לאָזט זיך שמחהלע טורערו נישט בעטן, שפּרינגט אַרויף אין מיקיטאַס וואָגן, גיט אַ כאַפּ דעם ווייסן האָן פון מיקיטאַס קאָפּ, נעמט אים פעסט אָן פאַר די געבונדענע פיסלעך און... איידער דער גאַנצער עולם קומט צו זיך פון איבעראַשונג — פּאַדאַוואַי דרייען דעם ווייסן האָן אַרום דעם אייגענעם קאָפּ און זינגען, ווי פון סידור אַרויס, הויך אויפן קול און מיט גרויס פרסום:

— זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי, זה התרנגול ילך למיתה ואני אלך לחיים טובים ארוכים ולשלום.

דער האָן פּאַטשט מיטביידע אונטערגעבונדענע פליגלען, ער פּראָ־

טעסטירט קעגן אַזאַ ווילקיר, קעגן אַזאַ יידישער פאַרגוואַלדיקונג פון הינערשע רעכט. נאָר שמחהלע טורערו הערט אים פאַר אַ פּיאַטאַק, ער גיט אים נאָך אַ דריי ביים קעפּל און אַ וואָרף אַראָפּ, דעם אָפּגעשלאָגענעם תרנגול, אין קאַטערינושקאַס שויס אַריין.

— קאָ־קאָ־קאָ־קאָרראָ־קאָ! — צעקאָקאָדאַקעט זיך דער האָן פון אַזאַ פלוצלעכן פאַל אַראָפּ.

און חסידים און מתנגדים צעהודזשען זיך אַרום מיקיטאַס וואָגן: גאַל־גאַל־גאַל. און נייגעריקע קאַטשען זיך פאַר גרויס געלעכטער. אַ סוף מיט דעם גאַנצן וועט־געלויף. אַן אָפּגעשמיסענע הושענא איז אַצינד דער האָן, נישט אַ ווייסע כפרה פאַרן רב זאָל ער לעבן.

— לאָטרע! — זידלט שמחהלען איינער אַ דיקער פון דער קופּע פאַרביטערטע מתנגדים, — דעם רב לאָזן אָן אַ כפרה?

— אויף דיין קאָפּ וועט דאָס פאַלן! — שילט אים אַ צווייטער, אַ דאַ־רער, אַ צאַפּלדיקער מתנגד.

גיט שמחהלען אַ טיאָכקע אין האַרצן פון אַזאַ הייסער קללה. ער האַלט נישט איבעריק פון מתנגדישע קללות, און פונדעסטוועגן...

שפּרינגט ער אַראָפּ פון וואָגן און גייט אַרויס מיט קצבישן לשון אַקעגן דעם צאַפּלדיקן מתנגד. ס׳איז אים אָפּילו אַ ביסל קאַלמוטנע, שמחה־לען, נאָר ער כראַברעט זיך:

— דו, מתנגדישע בן־פּקוע דו! מילכיקע לאָקש! צען קאָרבן אָן ערל פאַר אַ „פּעטעך״? און אַ מכה איז אים ווייניק?...

העלפן אים אונטער די חסידים, אין האַרצן צופרידן פונעם שטיקל, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן:

— אַ חלול־השם איז דאָס געווען, נישט האַנדלען אַ כפרה...

— און איר וואָס? — שטייען די מתנגדים נישט אָפּ — ווער האָט אייך געהייסן טרייבן דעם מקח?...

— מאַלאַדיעץ שמחה!

— אָט האָבן זיי איצטער אַ האָן!...

— זה כפּרתי — קאָ־קאָ־קאָ!

— אורראַ!

מיקיטאַ האָט דערווייל־וואָס אַרויפגעזעצט דעם ווייסן האָן צוריק אויפן קאָפּ. ער פּיפּקעט און וואַרט אַ מינוט דער עולם זאָל זיך באַרואיקן און מען זאָל זיך ווייטער נעמען דינגען. אָבער קיינער דינגט זיך נישט. מען לאַכט, נישט מען דינגט זיך. ווערט ער שוין אַ ביסל אומרואיק און שרייט אין טומל אַריין:

— יעדינאַצאַט קאַרבאָוואַנצעוו דאַשי?

ס'הייסט: עלף קאָרבן וועט איר געבן?

ענטפערט אים אַ דרייגאָרנדיקער כאַ־כאַ און כי־כי־כי. די צעקאָכטע יידן מיט די קאַפּאָטעס, וואָס האָבן זיך אָקאָרשט אַזוי הייס געדונגען, מאַכן מיט די הענט און צעגייען זיך גאָר. דורכן שיטער־געוואָרענעם עולם פאָרן שוין דורך די אַנגעזאַמלטע פורלעך.

קוקט מיקיטאַ מיט אַן אָפענעם מויל און הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך.

— העי, העי! — שרייט ער שוין מיט אַ דערשראָקענעם קול, — פּאַר צען קאָרבן נעמט! פּאַניטשי!

נאָר קיינער ענטפערט אים שוין נישט מער. אויסער איין שמחהלע טורערו.

שמחהלע טורערו שטייט נישט ווייט פון וואָגן, די באַראַשקענע היטל אַראָפּגעצויגן איבער די ממזרישע אויגן און רייצט זיך נאָך מיט אים:

— צוויי זלאָטעס אויב דו ווילסט, זעמליאַק נעם!...

— טפו! — שפייט מיקיטאַ אויס צווישן די האָלאָבליעס — צען קאָרבן! אי ניי־ני!

אָבער קיינער ווערט שוין מער נישט נתפעל פון זיין „ניי־ני". מען צעגייט זיך פון וואָגן, מען חוזקט, מען באָט אים אָן צולהכעיס מקחים: ווער אַ גריוונעצקע, ווער אַ פּיאַטאַקל.

בלייבט מיקיטאַ שטיין מיט צעשפּרייטע פיס, אין מיטן וואָגן, און מיט דער ווייסער אָפּגעשלאָגענער כפרה אויפן קאָפּ, ווי אַ געקרוינטער מלך, וועלכן קיינער אָנערקענט נישט מער... די אויגן זענען אים אויס־געלופּעט מוטנע; און אַ קאַלטער שווייס זעצט אים אַרויס פון אונטער דער וואַרעמער מאַגערקע. עס פּאַטופּיעט זיך נאָך נישט אין זיין פויערישן מוח, אַז די אַקציעס פון זיין האָן זענען שוין אויף אייביק געפאַלן אין כף־הקל אַריין. אַזוי פּלוצלונג? ווי אַזוי און פאַרוואָס?... עפּעס אַ כישוף האָט מען אים דאָ אָפּגעטאָן. ווי נאָר דער „ראַזניק" (קצב) האָט דעם האָן אַ דריי געטאָן אַרום קאָפּ, אַזוי איז געוואָרן אויס... צעלאָפן זיך אַלע...

מאַכט ער, מיקיטאַ, אַ וויינענדיקן פּנים און בעט זיך מיט אַ שיטערינקן קול, מ'זאָל אים כאָטש זאָגן וואָס דו טוט זיך:

— שאָזש העטאַ, בראַ־אַטצי?!... (וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס? ברי־דער!).

אַוועקגייענדיק דרייט זיך אום נאָר איין שמחהלע טורערו, און באָט אים אָן, כלומרשט מיט גרויס רחמנות:

— אַ זלאָטע, מיקיטאַ! אויב דו ווילסט... ס׳איז מער נישט, ווייל דו ביסט אַ זעמליאַק...

לאָזט זיך מיקיטאַ אַראָפּ אין אויסגעבעטן וואָגן, ווי איינער וואָלט אים אונטערגעבראָכןביידע קני. ער האַלט נאָך אַלץ דעם ווייסן האָן פעסט אין האַנט, און קוקט אים אָן. אָבער ער דערקענט אים עפּעס נישט...

— ווזבאַלאַמוטשיל מיגע פּיוניאַ, — אַזוי רעדט ער ווי אַ באַנומענער נישט צו זיך, נישט צום האָן, נישט צו יעקאַטערינושקאַן, זיין טאָכטער, משמעות צו אַלעמען דריי, — זשידאָווסקי ראַזניק ווזבאַלאַמוטשיל... טריאַסצאַ יעהאָ מאַטקאָ!

ס׳הייסט: ער האָט מיר צעטומלט מיין האָן דער יידישער קצב, אַ קדחת אין זיין מאַמקען אַריין!

די קהלשע כפרה

.1

פון דער גרויסער פאַרשטייגערונג אויף דעם ווייסן האָן, ביי מיקיטאַן אין וואָגן, איז דאָך גאָרנישט געוואָרן. שמחהלע טורערו האָט זי קאַליע געמאַכט. זענען די חסידים פון ליובאַוויטשער בית־מדרש געווען אויסער זיך: ס׳טייטש! דער מורה־הוראה אָן אַ כפרה! און אינעם חסידישן סידור מיטן נוסח פון האר״י הקדוש. מיט די פירושים פון הרב הגאון שניאור־זלמן פון ליאַדי, שטעכן פשוט אויס די אויגן די גאָלדענע ווערטער, ווי מ׳דאַרף זיך נוהג זיין ערב יום־כיפור:

„ערב יום־כיפור איז אַ מנהג צו קוילעגען אַ ווייסן האָן, וועל־כער הייסט „גבר״. און מען קוילעט אים ראַנעטשקע נאָך סליחות. וואָרום דאַמאָלסט איז דער פאַדים פון גנאַד „גובר״ אויף דער וועלט. קוילן מיר אים ווי אַ קרבן און ציען פון אים אַרויס בלוט, כדי צו פאַרזיסן די האַרבע דינים פון הימל, א. א. וו...״

אַזאַ שיינע כפרה וואָלט דאָך גראָד אַזוי גוט געפּאַסט אין אַזאַ אומ־רואיקער צייט, ווען פאַרדעכטיקטע חולאתן גייען אום איבערן שטאָט. נאָר וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן? נישטאָ קיין האָן אויף אַ רפואה.

איז געווען אַ גרויסער גערודער אין ליובאַוויטשער בית־מדרש באַלד נאָך די לעצטע יום־כיפורדיקע סליחות. אין דער גרויער פאַרטאָגיקער ליכטיקייט האָבן זיך געשוואַרצלט רעדלעך פון נישט־אויסגעשלאָפענע חסידים. וואָליקע בערד האָבן זיך באַרירט מיט די אויסגעבליטע שפּיצן. אַטלאַסענע פּלייצעס האָבן זיך געהויבן, שוואַרצע פרענדז פון גאַרטלען האָבן זיך געטרייסלט. און אליה דער שוחט, וועלכער קוילעט אַלע מאָל די כפרה פאַרן מורה־הוראה אין פירהויז פון עזרת־נשים, האָט געפאָכעט מיט זיין רויטער נאָז־פאַטשיילע ווי מיט אַ פאָן פון אויפשטאַנד:

— אַזאַ מעשה, אַי־אַי! יידן, ס׳איז עק וועלט!

— שאַ! — רופט זיך פּלוצלונג אָפּ בונים דער אונטער־שמש, אַ שטיק בהמה אַ ייִד, מיט אַ שווערער צונג, וואָס חזרט איבער יעדן וואָרט צוויי מאָל און דריי מאָל, און ווייסט פונדעסטוועגן וואָס ביי אַלע באַלעבאַטים פון ליובאַוויטשער בית־מדרש קאָכט זיך אין טעפּל. האָט ער זיך אָקאָרשט אַרומגעקוקט און דערזען, אַז פּעטער אורי איז אַרויס פּראַווען נקיות איז, הייסט דאָס, געקומען די ריכטיקע צייט צו מאַכן זיין איבערראַשנדיקע אַנטדעקונג.

— שאַ! — מאַכט ער געהיימנישפול און שטופּט זיך אַריין אין דער סאַמע געדיכטער רעדל. ער בלייבט שטיין, מיט צוויי אויסגעלופּעטע אויגן אָנגעשטעלט אויפן גבאי. דערשראָקן פון זיין אייגענער העזה ווייסט ער נישט צי ער זאָל ווייטער רעדן, צי נישט.

— הכלל, „שאַ" און „שאַ"! — מישט אים איבער ישראל דער גבאי — רעד, אַז דו רעדסט!

— ביי ר' אורין... — בויגט זיך צו אים צו בונים דער אונטער־שמש און סאָפּעט מיט דער פליישיקער נאָז — ביי ר' אורין דעם קאָסאָקן, אָט־אָ טאַקע ביי אורין... ער איז אָקאָרשט אַרויסגעגאַנגען ר' אורי...

— וואָס באַלעבעטשעסטו שוין ווייטער? — שרייט אויף אים אָן דער גבאי — אַז דו רעדסט, בונים, זאָלסטו רעדן!

גאָרטלט זיך אונטער בונים דער אונטער־שמש, נעמט צוזאַמען דעם גאַנצן כוח אין דער שווערער צונג און שיסט אַרויס מיט איין אָטעם:

— איז ביי ר' אורין דעם קאָסאָקן פאַראַן אַ האָן, ביי ר' אורין.

— אַ וואָ־אָס?

— אַ האָן ביי ר' אורין, אַן אמתער האָן...

— אַ ווייסער?

— נישט קיין ווייסער, אָבער אַ האָן, אַ לעבעדיקער האָן...

— בשעת הדחק — פּסקנט ר' בערע רחמיאלס דער צבועק — קען מען יוצא זיין מיט נישט אַ ווייסן האָן אויך.

— אַ געלער האָן טאַקע! — מישט זיך אַריין פּייווקע אוריס און באַשטעטיקט בונים דעם אונטער־שמשס מסירה.

פּייווקע, דער צען־יאָריקער חברה־מאַן, פאַרפעלט חס־וחלילה נישט קיין איין־איינציקן מאָל סליחות־זאָגן און שטייט אויף פאַרטאָג מיטן טאַטן צוזאַמען. פאַרשטייט זיך — נישט צוליב פרומקייט וועגן, נאָר צוליב שקאָצעריי און נייגעריקייט. ווו אַ רעדל, דאָרטן שטופּט ער דאָס נעזל, און ווו אַ שעפּטשען, דאָרטן שפּיצט ער אָן אַן אויערל און האָרכט. דער־

הערט פון וואָס דאָ ווערט גערעדט, איז ער גאָר נתפעל געוואָרן, וואָס בכבודיקע יידן פון ליובאַוויטשער בית־מדרש טאָפּן איבער אַלע פּעדער־לעך פון זייער אַלטן האָן, האָט ער זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן...

— ביי אייך איז טאַקע פאַראַן אַ האָן? — נעמט אים ר׳ ישראל דער גבאי אָן פאַר אַ הענטל און שלעפּט אים אַריין אין רעדל.

פון אַזאַ כבוד איז פּייוּקע אין גאַנצן צעטומלט געוואָרן. און פון צעטומלעניש האָט זיין קולכל געקראָגן אַ קוויטש, פונקט, ווי ביי יענ־קוצן — זונדל גאַטס גנבס אייניקל ביים ברעג דניעפּער:

— אין פּאָפּליץ ביי אונדז טאַקע... ווי איך בין אַ ייד!

— היינט וואָס־זשע שווייגט עפּעס דער טאַטע דיינער? — קוקט אויף אים ר׳ ישראל דער גבאי זייער שטרענג און גלעט זיך די באָרד.

— דער טאַטע? — קוויטשעט פּייוּקע, רויט ביז איבער די אויערן, — אָט ערשט... אָט וואַשט ער זיך ביים האַנט־פּאַס, דער טאַטע...

פּעטער אורי איז נאָך ווייט נישט פאַרטיק געוואָרן מיטן „אשר־יצר״, ווי מען איז שוין צו אים צוגעשטאַנען:

— ר׳ אורי! אַי־אַי ר׳ אורי!

— איר האָט דאָך, זאָגט מען, גאָר אַ וואַזשנעם האָן...

— היינט וואָס־זשע שווייגט איר?

הויבט פּעטער אורי פאַרלייגן מיטביידע פּלייצעס, ער קוועטשט און ציט די ווערטער פון דער ברכה, ער קען זיך כלומרשט גאָר נישט אָפּחידושן וואָס דער רבונו של עולם האָט באַשאַפן דעם מענטשן מיט לעכלעך און לעכלעך, מיט פּייפּלעך און פּייפּלעך... (נקבים נקבים, חלולים חלולים), אין דער אמתן נעמט גאָר אורי דערביי דורך, מיט שאַרפע קאַסאָקע אויגן, דעם בנאָק זיינעם. ער דערקענט פון פּייוּקעס פּנים, אַז דאָס האָט ער אויס־געזאָגט... אגב באַטראַכט ער זיך ווי אַזוי אַרויסצודרייען זיך פון־עם גבאי און פונעם אויבער־שמש. פאַרענדיקט ער אַזוי:

— אָה... אומהו... רופא כל בשר ומפליא לעשות... יאָ, ווערט דאָס אָנגערופן, דוכט זיך, אַ האָן... מיר דאַכט אָבער, אַז.:: אָן אָן עק דער האָן... האָבן מיר, ווערט דאָס אָנגערופן, געמיינט...

— נישקשה... — פּסקנט אָפּ בערע רחמיאלס דער צבועק, וואָס האָט פון תמיד אָן ליב צו זיין פרום אויפן צווייטנס חשבון, און פאַרציט דערביי די פּעטע אויגן־שפּעלטלעך — נישקשה ר׳ אורי, בשעת הדחק קען מען יוצא זיין...

— אויב זי, — מאַכט ר׳ אורי מיט די פּלייצעס — אויב מיין פייגע,

ווערט דאָס אָנגערופן, וועט נאָר וועלן איז... איז מהיכי־תיתי...

און כדי נישט לאָזן ר׳ אורי דעם קאַסאַקען חרטה האָבן, און כדי מ׳זאָל פּאַספּעיען קוילענען דעם מורה־הוראהס כּפּרה פאַרן דאַוונען, לויטן חסידישן מנהג, האָט זיך, אין דער גרויקייט פון ערב יום־כּיפּורדיקן פרימאָרגן, אַוועקגעלאָזט אַ חשובע דעפּוטאַציע צו דער מומע פייגען אין קיך אַריין.

2.

די דעפּוטאַציע איז באַשטאַנען פונעם גבאי ר׳ ישראל, פון בערע רהמיאלס — דעם אויבער־שמש, און פון בוגים דעם אונטער־שמש. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז נאָך זיי נאָכגעגאַנגען פעטער אורי, און זיינע קאַסאָקע אויגן האָבן געקוקט אויף דער פייכטער ערד: ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מזמור פייגע וועט אים באַלד אָפּשפּילן... פריש און פריילעך איז געווען נאָר איין פייוועקע. די שמחה, וואָס זייער אַלטער האָן האָט דער־לעבט צו אַזאַ גדולה, האָט אים געטראָגן ווי אויף פליגלען. איז ער געלאָפן פאָראויס דער גאַנצע כּפּרה־דעפּוטאַציע. ווי אַ יונגער קאָזיאָל פאַר די בהמות, להבדיל, און אַלע ווײַלע שטיין געבליבן און אומגעקוקט זיך מיט גרויס אומגעדולד אויף אַזאַ חסידישער געלאַסנקייט:

— גיט נאָר אַ קוק, ווי זיי שלעפּן זיך דאָס, די שלימאַזעלניקעס!

אַ פּאַרציטערטע איז מומע פייגע געוואָרן, דערזעענדיק פון קיך־פענצטערל אַזאַ פּאַראַד מיט אַזאַ חשיבות, מיט אַזעלכע בערד, „פּאַרטאַג מיט אַ לאַמטערנע". איז זי אַרויסגעלאָפן אַקעגן מיט דער בריהש־פּאַר־בונדענער טיכל אויפן קאָפּ און מיטן ברייטן פאַרטעך אויף די ווייכע לענדן.

אָפּגעגעבן דעם שיינעם גוט־מאָרגן און אַריינגעקליבן זיך אין קאָכשטוב, האָט דער עלטסטער פון דער דעפּוטאַציע, נישט קיין אַנדערער ווי ר׳ ישראל דער גבאי, אָנגענומען די ווייסע באָרד זיינע אין קולאַק, אויסגעבויגן זי צום פּנים ווי אַ שופר, אַ קוק געטאָן מיט גרויס כוונה אויף איר פרענזעוואַטן שפּיץ און גערעדט צו מומע פייגען אַזוי צו זאָגן:

— אַזוי און אַזוי, פייגע לעבן; ס׳איז אַ פּאַהיבעל אויף עופות אין גאַנץ שטאָט, אַז נישט געדאַכט זאָל ווערן אַזאַ ערב יום־כּיפּור! דער גאַנצער ליובאַוויטשער בית־מדרש איז געבליבן אָן אַ כּפּרה. אַפילו דער מורה־הוראה, געזונט און שטאַרק זאָל ער זיין!... און אַזוי ווי ביי איר איז גאַנץ־געבליבן אַ... אַ האָן... איז אַ מצווה... וואָלט געווען אַ מצווה אָפּ־

צוגעבן אים דעם מורה־הוראה. נישקשה, זי וועט צום „פיטעך" נישט צולייגן... מען מיינט נישט — שענקען, הס־ושלום...

פאַררויטלט פון בושה, וואָס דער סוד פון איר פּאָפּליץ איז אַנטפּלעקט געוואָרן אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, האָט איר נאָך דאָס ווייבעריש האַרץ שטאַרק געקלאַפּט... דער כבוד, וואָס ר׳ ישראל דער גבאי טוט איר דאָ אָן, איז גרויס, נישטאָ וואָס צו רעדן! אָבער ווי נעמט מען דאָס און מ׳גיט אַוועק דעם לעצטן האָן אין אַזאַ צייט פון הולאתן אין גאַנץ שטאָט, בשעת יעטוועדער איז נאָענט צו זיך אַליין און האָט נויטיק אָפּ־צושלאָגן כפרות פאַר זיך און זיין הויז־געזינד? זי וואָלט נאָר געוואָלט וויסן אויף טשיקאַוועס ווער ס׳האָט איר נישט פאַרגינען דעם אַלטן שטיקל־האָן אירן און אויסגעזאָגט?... זי האָט זיך אָבער געשעמט צו פרעגן. האָט זי קודם כל אַריינגעקוקט דעם מאַן אירן אין די קאַסאָקע אויגן. אויף שטום־לשון האָט דאָס געהייסן: „דו אַליין האָסט דאָס אויסגעזאָגט? איז דאָך נישט שייך..." האָט אָבער אורי אַ מאַך געטאָן מיט איין פּלייצע און אָפּגעקערט דעם קאָפּ. אויף שטום־לשון האָט דאָס געהייסן: „אסור אויב איך ווייס פון וואָס צו זאָגן!..."

פון אַזאַ געהיימען ענטפער איז מומע פייגע געוואָרן נאָך אויפגע־רייצטער. זי האָט גענומען ציען די שפּיצן פון איר קאָפּ־טיכל אויפן האַלדז און שטאַמלען.

— כ׳מיין... ווער ווייסט דאָס צי איך האָב יאָ אַ האָן צי נישט?... און־און־און...

— אַלע ווייסן, — מאַכט ר׳ ישראל דער גבאי, און גיט אַ קוק אויף בונים דעם אונטער־שמש — אייער בחורל האָט אויך געזאָגט...

האָט זיך שוין מומע פייגע מער נישט געקענט איינהאַלטן. און איידער פייווקע האָט זיך אומגעקוקט, האָט זי אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּלעם איבערן באַק לעיני כל ישראל. דאָס גאַנצע קווענקלעניש און האַרץ־קלעמעניש האָט זי אינעם פּאַטש אַריינגעלייגט.

אויף אַזאַ חרפה, פאַרן גבאים אויגן, אין דער העכסטער מינוט פון גדולה און טאָן אַזאַ שיינע זאַך לכבוד דעם חסידישן מורה־הוראה, האָט זיך פייווקע באמת נישט געריכט. ער האָט זיך אויך נישט געריכט, אַז די מאַמע זיינע וועט נישט דערפילן די דערהויבנקייט פון אַזאַ מינוט און וועט וועלן פאַרלייקענען דעם הייזעריקן האָן מיט אַזאַ בחינמדיקן פּאַטש. איז ער אַרויס מיט אַ ביטערן געוויין, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף בונים דעם אונטער־שמש:

— דאָס האָט ע ר פריער געזאָגט... אוי, אוי! ס׳איז אַ ליגן! איכ׳ל... ד ע ר נ אָ ך האָב איך געזאָגט...

האָט בונים נישט געוווסט ווהין דעם בייקישן פנים צו באַהאַלטן. שווער האָט ער געגומען מעקען מיט דער צונג. און כדי אָפצושוואַכן די פיינלעכקייט פון אַזאַ מינוט האָט בערע רחמיאל׳ס דער צבועק אַרויסגע־צויגן די רויטע פאַטשיילע פון הינטער־קעשענע, אַרייגגעטאָן אין איר די בכבודיקע נאָז זיינע און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ אמתן ימים־נוראימדיקן שברים־תרועה מיט אַ תקיעה־גדולה צום סוף.

נישט פאַרלוירן האָט זיך נאָר ר׳ ישראל דער גבאי. נישט אומזיסט איז ער גבאי און קען אויסקומען מיט אַלע היציקע חסידים מיט גוטן. האָט ער אויסגעשפרייט זיינע ביידע אָרעמס און אַריינגענומען פייווקעס קאָפּ צווישן זיינע קאַלטע הענט.

— שלאָגט נישט — מאַכט ער — דאָס קינד, פייגע! ס׳איז דאָך אַ קהלשע זאַך. אָט זעט! מפי עוללים ויונקים... קינדער פאַרשטייען דאָס אויך... אדרבא, אַ קניפּ אין בעקל איז ווערט אייער בחורל.

האָט זיך מומע פייגע אין גאַנצן פאַרלוירן, און אין איר אומבאַהאָלפנ־קייט אָנגעפאַלן אויף אורין איר מאַן:

— איז וואָס עפּעס שווייגסטו? אַלץ לאָזטו אויף מיר!...

האָט די גאַנצע קווענקלעניש אין אוריס הויז אויסגעזען ווי אַ מין שווערער פעקל, וואָס מאַן און ווייב וואַרפן איבער איינער צום צווייטן און קיינער וויל אים אויף זיך נישט נעמען... אַצינד, מיט איר אין כעס ווערן, האָט מומע פייגע אָנגעוואָרפן דעם גאַנצן פּאַק אויף אוריס פּלייצעס: „נאַ, טראָג אַליין! און מיך לאָז צורו...״.

דערפילט אויף זיך די גאַנצע אחריות פון דער באַהאַלטענער כפּרה, האָט זיך פעטער אורי אויסגעטשוכעט פון זיין שוואַכקייט: נאַ, אָט וועט ער אַצינד באַווייזן, אַז ווו אַ יידענע קווענקלט — דאָרטן איז אַן אמתער מאַנסביל קורץ און אַנטשלאָסן.

— וואָס שווייג א י ך? — חזרט ער איבער דעם ווייבס פאַרוואָרף — פאַר קהל וועט דאָס אָנגערופן.. אַז קהל הייסט... דער ליובאַוויטשער בית־מדרש, וועט דאָס אָנגערופן, בעט... פאַרן מורה־הוראה אַליין, וועט דאָס אָנגערופן — איז דאָך נישט שייך צו זאָגן. פאַר איינע הוצאות, וועט דאָס אָנגערופן, וועט שוין דער מורה־הוראה מזכה זיין יעטוועדערן, ס׳הייסט גאַנץ ליובאַוויטשער בית־מדרש, וועט דאָס אָנגערופן —

גאָט ווייס ווען פעטער אורי וואָלט זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון זיין

„ווערט דאָס אָנגערופן״, ווען נישט די מומע פייגע. מיט אַ צאָרנדיקן דריי אויס צו אים דעם אָנגעקאָפּטעטן רוקן, האָט זי איבערגעריסן די דרשה פון מאַנסבילשער אַנטשלאָסנקייט, אַ ריס געטאָן מיטן אָפּצאַס דאָס פּאָפּליץ־טירל אונטערן אויוון, און אַ כאַפּ געטאָן זיך פאַר איר אָפּגענוצטער פּאָמיעלע מיט ביידע הענט.

.3

גרויס זענען געווען די הייזעריקע קולות פונעם אַלטן גאַלאַגאַנעם האָן אָן אַן עק, בשעת מומע פייגע האָט אים געיאָגט, מיט איר אָפּגענוצטער פּאָמיעלע, אין דער פינצטערניש פון פּאָפּליץ. און אין הימל אַריין זענען געגאַנגען זיינע באַנומענע קולות, ווען מומע פייגע האָט אים געכאַפּט און געפּענטעט מיט שפּאַגאַט אַלס אַ קהלשן קרבן.

דערהערנדיק די מוראדיקע קוואַקצעניש פון אַ האָן, וואָס איז אַנט־דעקט געוואָרן אין די באַהעלטענישן פון אוריס הויז, אין אַזאַ צייט, ווען קיין הינערישע פּאַלקע איז נישט געבליבן אויף דער גאַנצער גאַס, זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן נייגעריקע שכנים פון דעם גאַנצן אַרום. מען איז שוין פריער געווען טשיקאַווע אויף דער חסידישער דעפּוטאַציע, און די זעלטן־געוואָרענע הענערשע געוואַלדן האָבן אַפילו פאַרשלאָפענע פוי־לאַקעס אַרויסגעטריבן אויף דער גאַס. דערזעענדיק דאָס פייערלעכע אַרויסגיין פון דער דעפּוטאַציע, פון אוריס פירהויז, מיטן געבונדענעם האָן אויף דעם שמשס הענט און מומע פייגעס פאַרשעמטן און אָנגעטיכלטן פּנים, האָט מען ערשט קלערער באַגריפן וועגן וואָס דאָ האָט זיך געהאַנדלט. און אַ היפּשע כאַפּטע נייגעריקע האָט זיך געלאָזן נאָכגיין. אַ לעבעדיקע לויה האָט מען געמאַכט מומע פייגעס באַהאַלטענעם, געפּונענעם און צום טויט פאַרמשפּטן „פּיטעטך״.

ניין. דער אמת מוז געזאָגט ווערן: צו אַזאַ לעצטן כבוד מיט אַזאַ פּאָמפּע איז אַפילו לייבע־האָרב דער פּראָצענטניק נישט דערגאַנגען, ווען מ׳האָט אים אַ דערשטיקטן געטראָגן צום יידישן גוטן־אָרט... געטראָגן, אויף זיינע אָרעמס, האָט דעם געבונדענעם פּיטעטך, בונים דער אונטער־שמש. פון ביידע זייטן — די חסידישע גוואַרדיע: ר׳ ישראל דער גבאי און בערע ר׳חמיאלס דער אויבער־שמש. הינטער זיי זענען נאָכגעגאַנגען, ווי גאָר נאָענטע קרובים נאָך אַ מיטה, אורי דער קאַסאָקער און פייוועקע זיין בנאָך מיט איין צעפּאַטשטער באַק, אָבער מיט גאַנץ פריילעכע אויגן.

נאָך זיי אַ פּאָר מנינים דערוואַקסענע און אַ סך נייגעריקע ווייבער אין פּאַטשיילעס. פאָראויס דער גאַנצער פּראָצעסיע זענען געלאָפן, ווי די שטאָפּעטן, ייִנגלעך מיט אַרויסגעשטעקטע עקעלעך פון די שפּענצערס. און פּונקט אַזוי ווי די העמד־עקעלעך זענען געווען אַרויסגעשטעקט זייערע ציגגלעך. און פון פאָרנט און פון הינטן האָבן זיך געטראָגן, ווי אַ הייר־שעריק, אַלע ווייסע הברהניקעס פן גאַס און פון זייטיקע געסלעך און ממזריש איבערגעשריען און איבערגעקוויטשעט זיך איינער מיט דעם צווייטן. אַזוי האָט מען פעטער אוריס תרנגול באַגלייט בתופּים ובמחולות ביזקל ליובאַוויטשער בית־מדרש, כדי צו שלאָגן מיט אים דאָרטן כפּרות און שעכטן אים פאַר קהלשע זינד און פאַר שטאָטישער בויך־ווייטיק אין אַזאַ ערנסטער צייט.

—אוררא! — האָבן די גאַסן־ייִנגלעך אָפּגעגעבן דעם קרבן גרויס כבוד — אוררא, אוריס האָן אָן אַן עק!

ס׳איז אָבער אַ גרויסע קשיא, צי אוריס האָן איז אַזאַ שטורמישער „פּאַטשאָט” געפעלן געוואָרן... און צווישן אונדז רעדנדיק: וואָס גייט אָן אַן ערנסטן באַיאָרנטן „פּיעטעך” דעם מורה־הוראהס זינד און קהלשע בויך־ווייטיק? משמעות, אַז ס׳איז אים טאַקע אַ האָר נישט געפעלן געוואָרן. וואָרום דערהערנדיק אַזאַ אוררא מיט אַזאַ פּאָמפּע מיט אַזאַ „ככה־יעשה” *, האָט ער דערשפּירט דעם טעם פון נאָענטן טויט און גענומען רייסן זיך פון די פּענטעס, וואָס מומע פייגע האָט אים געפּענטעט און פונעם שמשס אָרעמס. ס׳איז אים אַפילו געלונגען, דעם צעשראָקענעם האָן, צו באַפרייען איין אונטערגעשווירענעם קורצן פליגל. האָט ער מיט אים גענומען פּאַטשן איבער בונימס בהמהשן פּנים ווי מיט אַ לעבעדיקן פלעדערוויש. נאָר בונים דער אונטער־שמש איז אויך נישט קיין הינקענדיקער שניידער, האָט ער גלייך פאַרכאַפּט דעם האָנס צעבונטעוועטן פליגל אונטער דער גראָבער פּאַכווע זיינער און אַזוי, אין גאַנצן אַ געבונדענער, אַ האַלב־דערשטיקטער איז דער האָן ווייטער געטראָגן געוואָרן צום ליובאַוויטשער בית־מדרש.

פון אונטער דער פאַרשוויצטער פּאַכווע איז אים נאָר געלונגען אַרויסצושטעקן אַ פאַרגאָפּטן אָפּענעם שנאָבל, און זיינע מוטנע האַלב־פאַרמאַכטע אויגלעך האָבן טעמפּ צוגעקוקט ווי עס גייען פאַרביי קופּעס מיסט, אינטימע

---

* בשעת המן האָט מרדכין געפירט אויפן פערד האָט ער געמוזט שרייען: „ככה יעשה”!

ווינקעלעך מיט קראָפּעווע באַוואַקסן, אַלץ אַזעלכע ערטער ווו מ׳האָט געפּיקט זיסע ווערימלעך, ווו מ׳האָט זיך געוואָרפן אויף די לעצטע נאָכ־גיביקע היגער אין גאַס. ווען איז דאָס געווען? קאָ־קאָ־קאָ! גאָר נישט לאַנג איז דאָס געווען... אַ האָן איז טאַקע געגליכן צו גראָז פון פעלד...

אָנגעקומען מיט אַזאַ פּאַראַד צום ליובאַוויטשער בית־מדרש, האָבן זיך די טויערן, אַזוי צו זאָגן, פאַר בייגערדיקע און גאַסן־ייִנגלעך פאַרמאַכט. אַריינגעלאָזן האָט מען נאָר אייגענע חסידים און דאַוונער. און דעם גע־בונדענעם האָן האָט מען, דורך אַ הינטער־טיר, אַריינגעטראָגן אין עזרת־נשים, ווו מ׳האָט אים אַוועקגעלייגט אויפן ליידיקן אָרט פון דער זאָגערקע. איז דער האָן געלעגן און געקוקט מיט קיילעכדיקע אויגן אויף די היל־צערנע שווערע קראַטעס, וואָס טיילן אָפּ דעם עזרת־נשים פון די מאַנסביל. און זיין אָפּענער פּיפּיטש האָט געכאַפּט לופט ווי אַ האַרץ־קראַנקער.

ר׳ בערע רחמיאלס דער צבועק האָט זיך דערווייל אַוועקגעקאַטשעט מיט ביידע ווייבערישע באָקעס, צום מורה־הוראה, הינטערן עמוד, כדי אָנצוזאָגן אים די בשורה, אַז מ׳האָט, געלויבט דער אויבערשטער, דאָקאַ־זשעט אַ האָן, און ער קען, בעזרת השם יתברך, שלאָגן כפּרות און טאַקע תיכף ומיד... עליע דער שוחט איז שוין בודק דעם חלף אין עזרת־נשים. די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען און דער „פּאַדים פון חסד״ שוועבט נאָך איבער דער וועלט...

האָבן זיך טרערן געשטעלט אינעם יונגן מורה־הוראהס פאַרגלאָצטע אויגן, וואָס יידן זענען זיך פאַר אים מפקיר אין אַזאַ צייט, ווען יעטווע־דער זאָרגט פאַר זיך אַליין... ער דאַנקט, מאַכט ער, שאָקלענדיק מיט דער סייבעלנער שטריימל, דעם גבאי, דאַנקט ער, ער דאַנקט דעם אויבער־שמש, ער דאַנקט ר׳ אורין... נאָר אַזאַ קרבן קען ער נישט אָננעמען. חס ושלום.

האָט אויף אים בערע רחמיאלס אויפגעהויבן די פעטע שפּעלטעלעך פון די אויגן:

— ס׳טייטש, רבי! דאָס וועט דאָך הייסן מבייש זיין דעם גאַנצן ליוּ־באַוויטשער בית־מדרש...

האָט דער מורה־הוראה פאַרקוועטשט מיט כוונה ביידע אויגן און צע־שאָקלט זיך מיט דער הויכער שטריימל פון רעכטס אויף לינקס: מבייש זיין? חסס־ושלום! ער גייט נאָר אויפן דרך פון דוד המלך עליו־השלום, גייט ער. דוד המלך, ווען ער איז דורשטיק געוואָרן אין מיטן מלחמה־האַלטן, האָבן זיך דריי פון זיינע עלטסטע גבורים אַריינגעשפּאַלטן אין דער מחנה פון די פּלישתים און וואַסער אָנגעשעפּט אין טויער פון בית־לחם

און געבראַכט צו דודן. האָט דאָס דוד נישט געוואָלט טרינקען און אויס־געגאָסן פאַר גאָט. וואָרום ער האָט געזאָגט: גאָט באַהיט איך זאָל טרינקען דאָס בלוט פון מענטשן, וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען *.

איז ר׳ בערע רחמיאל נתפעל געוואָרן פון מורה־הוראהס תורה און פון זיין פאַרגלייכן אים, ר׳ בערען און ר׳ ישראל דעם גבאי און ר׳ אורי דעם קאַסאַקן מיט די דריי גרויסע גבורים פון דוד המלך. המ... שפּאַלטן דעם פינצטערן פּאַפּליץ פון דער מומע פייגען און אַרויסנעמען פון דאָרטן אַ לעבעדיקן האָן איז אפשר טאַקע נישט געווען קיין גרינגערע זאַך, ווי דעם טויער אין בית־לחם... איז ער גלייך געלאָפן און איבערדערציילט דעם מורה־הוראהס גוטסקייט און די חכמה זיינע אַלע מתפללים אין בית־מדרש. איז געוואָרן אַ גערודער: אָט וואָס פאַר אַ מורה־הוראה מיר האָבן! און אַלע האָבן דאָך געהאַלטן ר׳ מענדלען, דעם יורש פון פאַרשטאָרבענעם מורה־הוראה זכרונו־לברכה, פאַר אַ לעקיש, פאַר אַ „פייג אונטער אַ דע־כעלע״, וואָס אויסער שלייפן דעם „זין״ ביי תזזכרו אין קריאת־שמע, ווי אַ שטאָלענעם מעסער אָן אַ שאַרפשטיין, קען ער נישט... אָט, צום ערשטן מאָל איז אין אים נתגלה געוואָרן דער פינטל פון זיין פאָטער, עליו־השלום!...

האָבן זיך די „פני״ פון בית־מדרש אַ לאָז געטאָן הינטערן עמוד און צוגעשטאַנען בחברותא צו ר׳ מענדלען דעם חסידישן מורה־הוראה:

— רביניו, וואָס־זשע זאָל מען טאָן מיטן האָן?

האָט ר׳ מענדל, זאָל לעבן, אויפגעעפנטביידע אויגן, ווי אַ גרויסע ליכט וואָלט אים אויפגעגאַנגען. און מיט אַ קול פון זאָגן־חסידיש האָט ער גערעדט צו ר׳ ישראל דעם גבאי, צו בערע רחמיאלס, צו ר׳ אורין און צו ר׳ עליע דעם שוחט, אזוי צו זאָגן:

— זאָל ר׳ בערע רחמיאלס מוחל זיין און שלאָגן כפרות מיטן האָן פאַרן גאַנצן ליובאַוויטשער בית־מדרש, פאַר אַלע חסידים אין שטאָט און פאַר כלל־ישראל. און זאָל ער מזכה־זיין אַלע יידן, וואָס זענען געבליבן אָן כפרות היינטיקן ערב יום־כיפור... ר׳ בערע רחמיאלס איז דער אויבער־שמש, ער איז אין דער בחינה פון אַ דינער ביי אַלע מתפללים, שלא על מנת לקבל פרס *. געהערט אים אַזאַ כבוד...

זענען די נישט אויסגעשלאָפענע סליחות־זאָגער פון ליובאַוויטשער

---

* שמואל ב׳ קאַפּיט. כ״ג.

* נישט כדי צו באַקומען שכירות.

בית־מדרש צום צווייטן מאָל נתפּעל געוואָרן פונעם מורה־הוראהס רייד. ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג: דער רוח־הקודש פונעם נפטר־געוואָרענעם מורה־הוראה רעדט אַרויס פון זיין זון ר׳ מענדעלע, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!

זה כפרתנו!...

.1

ווער עס האָט נישט געזען דאָס קהלשע כפּרה־שלאָגן, אין יענעם איינ־דערפרי, פאַרן אויפגאַנג פון דער זון, דער האָט נישט געזען קיין שענערע סצענע אין דער וועלט.

אין סאַמע מיטן הויף פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, וועלכער איז אַרומגענומען פון אַלע זייטן מיט אַ הויכן פּלאַנקן, האָט מען אַרויסגע־טראָגן דער „זאָגערקעס" בענקל פון דער ווייבער־שול מיט פּעטער אוריס געבונדענעם האָן.

און בערע רחמיאלס, דער אויבער־שמש, איז אַרויפגעקראָכן אויף דעם דאָזיקן בענקל, מיט זיינע קרומלעכע שווערע פיס, אויסגעפּוצט ווי אַ „מאָ־נאַרכע" מיט זיין אַטלעסענער קאַפּאָטע, מיט זיין באַרימטער נאַפּאָליאָנקע אויפן קאָפּ און מיט דעם פלאָם־רויטן נאָז־טיכל אין דער הינטער־קעשענע. און דער גאַנצער עולם פון די ערב יום־כיפּורדיקע סליחות־זאָגער האָט אים אַרומגערינגלט אין איין געדיכטער שוואַרצער ראָד, מיט אָפענע סידור־רימלעך אין די הענט, גרייט אויפצונעמען דאָס כפּרות־שלאָגן איבער די אָנגעהיטלטע און אָנגעיאַרמלקעטע קעפּ.

אָפילו ר' מענדל דער מורה־הוראה האָט זיך געשטעלט דעם אויבער־שמש צופוסן, ווי איינער פון פּראָסטן פאָלק, נאָר זיין סייבעלנע שטריימל האָט אַרויסגעגעבן זיין הויכע ווערדע איבער דער גאַנצער קופּע פון שוואַר־צע טוכענע קאַרטוזן. שוין אָפּגערעדט פון פּייוּקע אוריס... אָפילו איצקע דער משוגענער האָט זיך אַריינגעשטופּט מלא־שמחה צווישן געדיכטן עולם, מיט זיין צעפליקטן סידורל. וואָרום ווו נאָר עפּעס אַן אומגעווייינלעכער צוזאַמענלויף, אַזוי לעבט ער אָפּ, ווי אַ פיש אין וואַסער. אין יעדער אויס־טערלישקייט דערשפּירט ער זיין עלעמענט. ער, איצקע, האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז שקלאָוו וועט פריער־שפּעטער אַראָפּ פון

זינען און פון אַלע שקלאָווער באַלעבאַטים, חסידים און מתנגדים, וועלן ווערן אַ סך איצקעס. נישקשה...

און בונים, דער אונטער־שמש, האָט פייערלעך דערלאַנגט בערע רחמיאלס מיט איין האַנט — דעם אַלטן סידור פון בית־מדרש, געשריבן אויף פּאַרמעט; און מיט דער צווייטער האַנט — דעם געבונדענעם האָן. און בערע רחמיאלס האָט דאָס אויפגענומען, שטייענדיק אויף דער זאָגער־קעס בענקל, ווי אַ מלך, נאָך קרוינונג נעמט אויף, פון אַ פּורפּורענער קי־שעלע, דעם גאָלדענעם קנויל פון הערשאַפט און דעם מלוכה־רוט...

אמת, דער מלוכה־רוט, ס׳הייסט דער געבונדענער כפּרה־האָן, האָט דאָ געהאַט גאָר־גאָר אַן אויסטערליש אויסזען. דהיינו: אַלס אַ צוגאָב צו זיינע פריערדיקע פּענטעס, אַרום די פליגלען און פיסלעך, איז נאָך דער „פּיעטעך״ אַצינד געווען אָנגעבונדן אַן אַ גאַנץ לאַנגן שטריקל. און דאָס שטריקל איז געווען צוגעבונדן צו אַ קורצן פלאָקן, ווי אַ קאַנטשוק צו אַ הענטל... דאָס אַלץ איז קונציק געווען צוגעמייסטערעוועט פון בונים דעם אונטער־שמש, כדי געבן ר׳ בערע רחמיאלס די מעגלעכקייט צו דרייען די כפּרה, נישט נאָר אַרום זיין אייגענעם קאָפּ, נאָר אַרום די קעפּ פון אַלע ליובאַוויטשער דאַוונער, אַן עין־הרע.

דעם טיפן געדאַנק פון אַזאַ לעבעדיקער תליה האָבן אַלע כפּרה־שלאָגער פאַרשטאַנען ערשט דאַמאָלסט, ווען בערע רחמיאלס האָט דעם גאַלאַגאַנעם האָן, אָן אַן עק, ברוטאַל געלאָזן אַראָפּהענגען פון קורצן פלאָקן... און באַלד גענומען טוליען זיך וואָס נעענטער צום בענקל און וואָס נעענטער צו דער כפּרה, ווי אונטער אַ שמאָלער סטרעכע בשעת אַ גוס־רעגן...

נישט אַזוי ערנסט, ווי די טאַטעס, זענען געווען די חדר־יינגלעך. אדרבא, זיי זענען שטילינקערהייט אָפּגעשטאַנען פון רעדל, כדי בעסער צו זען אַזאַ טשיקאַווע סצענע, ווי אַזוי בערע רחמיאלס וועט דאָ דרייען דעם איין־איינציקן האָן איבער אַלעמענס קעפּ. האָבן זיי אָבער די פרומע טאַטעס מיט גוטן און מיט בייזן, מיט זיסע רייד און פאַר די אויערן צוריק אַריינגעשלעפּט אין רעדל אַריין און אַוועקגעשטעלט אויף די ערטער:

— קום נעענטער, מיין זון!

— שקאָץ!

— שטיי, אַז דו שטייסט!

— הערשל, קום שטעל זיך אונטער דער כפּרה!

— זלמינקע, וווהין ביסטו אַוועק?
— ווי אַזוי וועט זיך בערע רחמיאלס דערלאַנגען?
— שטיי, דאָ יונגאַטש, שטיי!

קאָפּ אַראָפּ און מיט די געלבע דאַרע פּיסלעך אַרויף — אַזוי איז דער כפּרה־האָן געבליבן הענגען צו בערע רחמיאלס פּיס. און זיינע קורצע פליגלען, וואָס האָבן אַלעמאָל אויסגעזען, ווי אַ צו שמאָלע קעטעווע איבער אַ בייכיקער וועסט מיט ברייטע פּעדערדיקע פּליודערן, האָבן זיך אַצינד אין גאַנצן „צעשפּילעט", אָפּגעשטאַנען פון גוף, און אומבאַהאָלפן געווישט דעם שטויב פון בערע רחמיאלס שטיוול...

נאָר איין רגעלע האָט נאָך דער לעבעדיק־געהאָנגענער געפּרווט זיך אָקעגן שטעלן, געפּרווט פּאַטשן מיט די שווער־געוואָרענע פליגלען, אויפ־הויבן זיך פון אַזאַ פיינלעכן קאָפּ־אַראָפּ. דערזען, אַז עס איז פּונקט אַזוי שווער, ווי מיט הינערשע פּיסלעך קריכן אויף אַ גלייכער וואַנט, איז ער אַנטשטומט געוואָרן. און פאַרגאַפט, מיט אַן אָפענעם שנאָבל, גע־בליבן הענגען אויף זיין תליה, אין בערע רחמיאלס הענט, און מיט קיילעכ־דיקע אויגעלעך געקוקט פון אונטן אַרויף. אַלץ נישט געקענט כאַפּן דעם שכל, וואָס שקלאָווער ערד און הימל האָבן זיך אומגעדרייט. פון אויבן איז געוואָרן אַן אונטן און פונעם אונטן אַן אויבן...

יידן האָבן דאַך אַ ווערטל: „ער קוקט ווי אַ האָן אין בני־אדם!", ס'הייסט ווי אַ האָן אין דער תפילה „בני־אדם", בשעת כפּרות־שלאָגן. ביי אונדזער קהלשן האָן האָט דאָס, ברוך־השם, נישט געקענט געזאָגט ווערן; וואָרום ער האָט אַפילו נישט געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין „בני־אדם", כאַפּן מיט איין אויגל אַ הייליקן „אות" פאַר שחיטה... אַלץ וואָס ער האָט נאָך זוכה געווען צו זען אין זיינע לעצטע מינוטן און פון אונטן אַרויף איז געווען דער לעדערנער פאַרשמאָלצעוועטער אייבגאַנד פונעם אַלטן בית־מדרש־סידור, אַ סיווען שפּיץ פון בערע רחמיאלס באָרד; און איבער דעם — אַ מוטנעם באַגינען הימל. מער גאָרנישט.

2.

גאָרנישט קיין לייכטע אַרבעט האָט געהאַט אונדזער בערע רחמיאלס: האַלטן דעם שווערן פאַרמעטענעם סידור אין דער לינקער האַנט און דעם אַלטן האָן, אויף אַ לאַנגן קאַנטשוק, אין דער רעכטער. נאָר דער רבונו של עולם, וועלכער גיט כוח אַלע מידע, און די אחריות פאַר אַזאַ גרויסער

זאַך, וואָס דער מורה־הוראה, זאָל לעבן, האָט אויף בערע דעם אויבער־שמש אָנגעוואָרפן, נאָר זיי זענען אים בייגעשטאַנען. פון גרויס התעוררות האָבן זיך אים די פעטע אויגן־שפּעלטעלעך אָנגעגאָסן מיט זיסן בוימל. ער האָט זיך אַזש עטלעכע מאָל פּאַסמאַקעוועט, דערזעענדיק זיך אַליין אויף דער זאָגערקעס בענקל, אין מיטל־פּונקט פון אַזאַ עדה חסידים, וועלכע ער, דער אַמאָליקער בעל־תשובה, מוז דאָ מזכה זיין מיט איין כפּרה. האָט ער זיך באַלעקט מיט אַ האָניקדיקער מינע און געוואַרט ביז עס וועט ווערן שטיל. אָבער צוקוקנדיק זיך צו אָט די אַלע הכנות מיטן גרויסן פּרסום, האָט דער עולם אַלץ געזשומזשעט אַרום אים ווי אַ צעשראָקענער בינשטאָק. ביז בונים דער אונטער־שמש האָט אין זיין צעפּליקטן פּאַפּוסע־סידור אַ פּאַטש געטאָן „שאַ־אַ!" איז געוואָרן — שאַ.

און בערע רחמיאלס האָט זיך צעשאָקלט, אויפגעעפנט אַ מויל און אָנגעהויבן מיט אַ ווייבערישן גאַטספּאַרכטיקן קול און מיט אַ וויינענדיקן ניגון, לויט זיין געוויינלעכן צבועצקן שטייגער:

— אַי, טאַטע, ליבער פּאַטער! בני אדם יושבי חשך וצלמות... (מענטשן־קינדער, וועלכע זיצן אין חשך און אינעם שאָטן פון טויט...).

און אַלץ צוזאַמען — מיט איין שליימיקן זופּ און מיט איין טאָן. מ'וואָלט שיעור־שיעור געקענט מיינען, אַז דער „טאַטע־ליבער־פּאַטער" שטייט אויך פאַרשריבן, מיט געכתיבהטע אותיות, אינעם פאַרמעטענעם אַלטן סידור. נאָר קיינער, אויסער אים — בערע רחמיאלס — האָט דאָס ביזן היינטיקן ערב יום־כיפּור נישט געקענט איבערליייענען...

און אַזוי ווי קיין איינציקן צאָן אין מויל, אויסער זיינע פאַרהאַרטעוועטע יאַסלעס, האָט ר' בערע רחמיאלס נישט געהאַט, האָט זיך ביי אים דער ווייכער „פּ" פאַרדרייט אין אַ האַרטן „פ", און דער האַרטער „פ" אין אַ „טית". דער „שין" אין אַ „טשין" און דער „סמך" אין אַ „צדיק" און דער „צדיק" אין אַ „טשאַדיק". איז ביי אים דער גאַנצער „בני־אדם" מיט זיינע אייגענע צוגאָבן אַרויסגעקומען אומגעפער אַזוי:

— אַי, פּאַפּע ליפער טאַטער! בני־אַטעם יוטשווי כייטשעך וטשאַל־מאָוויץ....

און אַלץ מיט גרויס פּרסום און מיט טיפער יראת־שמים. אַ וואַנט וואָלט דאָס געקאָנט רירן. און דאָס געדיכטע ראָד פון סליחות־זאָגער אַרום אים האָט זיך טאַקע גערירט, צעשאָקלט זיך, צעבאַמקעט זיך און אונטער־געהאָלפן אויף אַלערליי קולות, איינער האָט געוואָלט אַריבערשרייען דעם אַנדערן. ביזקל הימל איז יענער קהלשער „בני־אדם" געגאַנגען. איצקע

דעם משוגענעמס קול איז אָבער געגאַנגען נאָך העכער. בונים דער אונ־טער־שמש האָט אים פּאַרטרויט, אַז די כפּרה וועט קהל צעטיילן צווישן זייביידן. האָט זיך שוין איצקע פּאָסטאַרעט כּשר צו פּאַרדינען זיין חלק...

קלאָגט ווייטער בערע רחמיאלס פון דער זאָגערקעס בענקל אַראָפּ:

— אַי, טאַטע ליבער פאָטער! אם יעטש עליו מלאך מליטש מינע אָלעפ לאַגיט לאָטעם יאָטשרע!...

און דער עולם כאַפּט אונטער מיטן גאַנצן ברען:

— אם יש עליו מלאך מליץ מני אלף להגיד לאדם ישרו...

אַזוי גייט דאָס אַ גאַנג ביז „מצאתי כפר". און אַ פּאַרגליווערטער פון שרעק און פון יידישן טומל הענגט, נעבעך, דער גאלאגאנער האָן מיטן קאָפּ אַראָפּ. זיין קאַם איז אָנגעגאָסן מיט בלויע בלוט און זיינע פליגלען שטייען אָפּ, ווי די פּאָלעס פון אַ שלעכט צוגעשפּילעטער געלער קעטעווע. און ער ווייס באמת נישט פאַר וועמען ער זאָל דאָ פריער אָפּקומען. פאַר זיין אייגענעם פאַרהולטאַיעוועטן לעבן מיט אַלע הינער פון גאַס, צי פאַר אָט די אַלע חסידימלעך, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט אַרום זיין לעבע־דיקער תליה.

נאָר ווי עס קומט צום אָרט פון דרייען די לעבעדיקע כפרה, אַזוי ציטערט דער האָן אויף. וואָרום בערע רחמיאלס דער אויבער־שמש גיט אַ הויב און אַ שטרעק אויס מיט כּוח דעם קורצן פלאָקן און הויבט אָן דרייען די כפרה אין ראָד, ווי אַ גרויסן וואַרף־שטיין. פלאַטערט אויף דער האָן און הויבט אָן פליען מיט אַ צעשראָקענעם קוואָקצען איבער די קעפּ פון אַלע כפרות־שלאָגער. דערביי זאָגט בערע רחמיאלס פון סידור נישט דאָס געוויינלעכע: „זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי..." נאָר דווקא אָן אויסערגעוויינלעכן: „זה חליפתנו, זה תמורתנו, זה כפרתנו, זה התרנגול ילך למיתה" א. א. וו.

אַ מאַידים אַ ייד איז בערע רחמיאלס. דער גרעסטער פלאָקן־שיסער וואָלט בעסער נישט געדרייט מיט זיין שליידער־שטאָק, ווי בערע רחמי־אלס — מיטן שווערן האָן אַרום די קעפּ פון די דאַוונער. און דער אויפ־געשווידערטער „פּיעטעך" פליט מיט בערע רחמיאלס כּוח אין דער באַגינען־לופט, פּאַטשט מיט די קורצע פליגלען אין קרייז און פאַרגייט זיך אין איין באַנומענעם, האַרץ־רייסנדיקן געשריי:

— פּראַ־קאַ־קאַ־קאַ — פּררראַ־אַק! און נאָך אַמאָל: „קאַ־קאַ־קאַ — קררראַ־אַק! און טאַקע אַ דריטן מאָל: פּראַ־קאַ־קאַ־קאַ — רררראַק!... ס'הייסט: געוואַלד, יידן, רחמנים־בני־רחמנים! וווהין פלי איך דאָס? קררראַ־אַק!

אַ קאָפּ פון אַ „פּיטעך״! וואָס ווייס ער און וואָס פאַרשטייט ער, און וואָס פּאָטופּיעט זיך אין זיין הענערישן מוח? גיי, דערציייל אים, אַז שלמה המלך האָט שוין לאַנג באַוואָרנט אַזאַ קשיא. „סובב־סובב...״, זאָגט ער אין קהלת, עס דרייט זיך און דרייט זיך דער ווינט און אַרום און אַרום קערט זיך אום דער ווינט... ביי שלמה המלך קערט זיך אום דער ווינט צום פריערדיקן אָרט, און ביי ר׳ בערע רחמיאלס קערט זיך אום דער כפרה האָן צום פריערדיקן פּלאָקן מיטן שטריקל און באַמבלט זיך צו זיינע פיס.

3.

דריי מאָל, אַזוי ווי דער מנהג איז, האָט בערע רחמיאלס אָנגעהויבן פון „בני־אדם״ און יעדעס מאָל מיט גאָר אַ פרישן „טאַטע ליבער פאָטער״, און דריי מאָל האָט ער געשלאָגן כפרות מיט אַ נישט געוויינלעכן נוסח: „זה חליפתנו, זה תמורתנו, זה כפרתנו...״ ס׳הייסט: דאָס איז א ו נ ד ז ע ר פאַרבייטעניש, דאָס איז א ו נ ד ז ע ר פאַרטוישעניש, דאָס איז א ו נ ד ז ע ר כפרה. און דריי מאָל האָט זיך דער האָן אָפּגערוט... אויף שונאי־ישראל געזאָגט געוואָרן אַזאַ אָפּרועניש! מיטן קעפּל אַראָפּ און מיט די פּיסלעך אַרויף, מיט אַ בלוי־אָנגעגאָסענעם קאַם און מיט אַן אָפּע־נעם שנאָבל. און יעדעס מאָל האָט ער דריי מאָל, נישט ווייניקער, געמוזט פליען אין קרייז, ווי אַ ווינט־מיל איבער די צוגעטוליעטע פרומע קעפּ און פּלייצעס פון די ליובאַוויטשער חסידים, פּאַטשנדיק און קוואָק־צענדיק מיט באַנומענע קולות־געוואַלדן. אין דעם טומל, וואָס דער אַלטער „פּיעטעך״ האָט אָנגעמאַכט, האָט קיינער נישט געהערט ווי איצקע דער משוגענער הירזשעט מיט זיין פאַרקייכטן דריבנעם געלעכטערל, אַריינ־רוקנדיק זיין רויטע דראָטענע בערדל אין זיין אָפּענעם סידורל. קיינער האָט אַפילו נישט חושד געווען, אַז איצקע איז אַציינד מלא־שמחה וואָס די מוחות ביי קהל האָבן זיך גערירט. אַזאַ מין סאָרט קליאַפּקע האָט זיך אַ ריר געטאָן. דער האָן שרייט אין מיטן הויף און חסידים שרייען אויך און ס׳איז חי־געלעבט! אַזוי לאַנג געוואַרט כי־כי־כי און אָט... דער־וואַרט זיך!

אַלע חסידישע אויערן זענען גאָר געווען פאַרשפּיצט אויף דעם מורה־הוראה ר׳ מענדעלעס קול. דער מורה־הוראה זאָל לעבן האָט דאָ געגומען שאַרפן און פיילן זיין זיבנגאָרנדיקן „זין״... אַלעמאָל, אין אַלע טעג פון

אַ גאַנץ יאָר, באַנוצט ער אים נאָר אין קריאת־שמע, צו „למן־תזזזכרו!...״ אַצינד, לכבוד אַזאַ קהלשע כפרות־שלאָגן און מחמת גרויס התעוררות און כוונה, האָט ער אים אַרויסגעצויגן פון שייד, דעם האַרטן „זין״, און גענומען שלייפן אים ווי אַ צעראַצטן שטאָלענעם מעסער אָן אַ נייעם שאַרף־שטיין:

— זזזה חליפתנו! זזזה תמורתנו, זזזזה כפרתנו!...

פונקען זענען געפלויגן פון אונטערן „זין״. און אין די חסידישע אויערן האָט זיך דאָס אָנגעהערט אַלס גאָר אַ באַזונדער כוונה, אַלס גאָר אַ זעלטענע באַמיאונג פאַרן רבונו של עולם, די קהלשע כפרה זאָל אָנגענומען ווערן ווי אַ קרבן פאַר אַלעמענס זינד, אין אַזאַ אומרואיקער צייט פון חולאתן, רחמנא־לצלן!

דער כפרה האָן האָט אָבער דעם „זין״ גאַנץ אַנדערש פאַרשטאַנען. ער האָט דאָס אָפּנים פאַרשטאַנען ווי אַ שלייפן דעם חלף צוליב זיין כבוד־וועגן. וואָרום, דערכאַפּנדיק אין פלי איבער די קעפּ, אַזאַ „זזזה חליפתנו״, האָט אים יעדעס מאָל אָנגעכאַפּט אַ העזערישע ספּאַזמע, און זיין קוואָקץ איז געוואָרן גרילצענדיק, ווי אייזן איבער גלאָז...

מער ווי אַלע איז געווען פאַרנומען פּייווקע אוריס. מיטן מויל האָט ער געבראָקט דעם „בני אדם״ פון איין סידורל מיטן טאַטן. מיט די אויערלעך האָט ער זיך צוגעהערט צו אַלעמענס שטייגערלעך ביים שלאָגן כפרות, און מיט די פלינקע אויגלעך האָט ער נישט דורכגעלאָזן קיין איין איינציקע באַוועגונג פון בערע רחמיאלס אויפן בענקל, און קיין איינציקן פלי פונעם אַלטן גאַלאַגאַנעם האָן איבער די קעפּ, וואָס קהל האָט כמעט מיט געוואַלד אַרויסגעשלעפּט פון זיין מאַמעס פּאָפּליץ... ער האָט אַפילו פּאַספּעיעט צו זען דאָס, וואָס קיינער האָט נישט באַמערקט אָדער נישט געוואָלט באַמערקן און נישט קוקן אין יענער זייט. דהיינו: ווי אַלע חברהשע פּופּיקעס, ווייסע חברהניקעס און גלאַט יינגלעך־שקצים פון דער גאַס, דראַפּען זיך פּאַוואָליע אַרויף אויפן פּלאַנקן אַרום הויף, און ווי זיי קוקן זיך איבער און ווינקען צו איינער דעם צווייטן מיט כל־ערליי העויות. מען קען זאָגן: פּייווקע האָט זיך פשוט צעריסן אויף שטיקער, כדי אַלץ צו זען אַרום זיך און אַלץ צו האָרכן.

נו, נישט אַלע מאָל איז דאָך אַזאַ בהלה אויף כפרות! הייַנט ווי אַזוי לאָזט מען דאָס דורך אַזאַ טריאַטער, וואָס שפּילט זיך אָפּ איין מאָל אין אַ יובל, אין הויף פון ליובאַוויטשער בית־מדרש? האָט מען דאָס טאַקע נישט דורכגעלאָזן. ווי די וואָראָבייטשיקלעך און יונגע הענדלעך, אויף

אויסגעשאָטענע ברעקלעך, אַזוי זענען זיך, אַלע ליידאַקעס און אַלע עכברשים פון דער גאַס און הינטער־געסלעך, צוזאַמענגעלאָפן און צוזאַ־מענגעפלויגן זיך, כדי אָנצוקוקן דאָס וווּנדערלעכע כפרות־שלאָגן פון אַן עדה יידן אונטערן בלויזן הימל. פון דערווייטנס האָבן זיי דאָס דערשמעקט און אין מיטן ברכות־זאָגן און אין מיטן קושן די ציצית פון די אַרבע־כנפותלעך האָט מען זיך געלאָזט לויפן. געפינענדיק די טויערן פון הויף געשלאָסן האָט מען זיך אויך אָן עצה געגעבן און באַקלעטערט שטיל און פלינק, ווי מאַלפעס, אַלע פלאַנקנס אַרום הויף.

די דערוואַקסענע און האַלב־דערוואַקסענע נייגעריקע פון גאַס, וועלכע האָבן געזען די כפרה־דעפּוטאַציע ביי אורין אין שטוב, זענען אויך נישט געשלאָפן. און ווי נאָר דאָס גרויסע כפרות־שלאָגן האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ שטילע אַרויפקריכעניש און אַריינקוקעניש פון אַלע זייטן. אַ גאַנצער קראַנץ פון פאַרחידושטע פנימער און לוסטיקע פנימלעך האָט זיך פלוצים צעבליט אויף דעם אַלטן, מיט גרינעם מאָך באַוואַקסענעם פּאַרקאַן. און ביסטרע אויגלעך האָבן זיך צעברענט מיט אַלע פייערן פון נייגעריקייט און חוזק. ס'הייסט... לכתחילה האָט זיי אַלע־מען געוועזן אָנגעכאַפּט אַ ציטער פון די משונהדיקע הכנות אין הויף, ווי דאָס אַרויסטראָגן דער זאַגערקעס בענקל, דאָס אָנבינדן דעם האָן אויף אַ בייטש... און פון בערע רחמיאלס „טאַטע־ליבער־פאָטער... בני אָטעם יוטשווי כייטשעך..." (בני אָדם יושבי חשך) איז זיי טאַקע געוואָרן חושך אין די אויגן, און קאַלטע מוראַשקעס האָבן גענומען לויפן איבער די דאַרע רוקנס, אונטער די אַרבע־כנפותן. נאָר ביסלעכווייז האָט קליינוואַרג באַגריפן די גאַנצע אויסטערלישקייט פון אַזאַ שלאָגן־כפרות בקאָמפּאַניע, און פונעם האָנס קאַרעהאַד איבער די חסידישע קעפּ. און חברה־מאַן מיט חברה־מאַן האָבן זיך גענומען איבערקוקן, מאַכן מיאוסע תנועות, אָנבלאָזן באַקן, קרימען נעזער, אויסציען ציגענע צורות און שטיקן זיך פאַר געלעכ־טער... הויך אויפן קול האָט מען לעת־עתה מורא געהאַט צו לאַכן, נישט דערוועגט זיך צו שטערן אַזאַ פייערלעכקייט, האָט מען זיך נאָר איבערגע־שעפּטשעט און איבערגעוואָרפן זיך מיט האַלבע ווערטער:

— קכי־כי־כי... קוק!

— פלי־פליק־פלוק!

— אורי דעם קאַסאַקענס פיעטעך!

— ביי ר' בערען איז די באָרד ווי אַ רעטעך!

— הער, הער, הער!

— קוש אַליין אַ בער!
— איצקע דער משוגענער כיכיקעט!
— דער האָן פּיקעט!
— דער מורה־הוראה שלייפט שוין „זיגס”...
— ער מיינט, ער האַלט אין קריאת־שמע...
— תזזכרו...
— מאַשקע גנב, טשעפּע נישט דעם מורה־הוראה!
— אַ גאַנצע חופּה געמאַכט מיט אוריס האָן!
— זע, זע!
— בערע רהמיאַלס דרייט אים ווי אַ גראַגער!
— בערע צבועק!
— האָפּ־טשיק־טשאַק!
— קאַסלוכע־וואַרוכע,
— געפילטע טריבוכע,
— קו־קו־רעקו!

.4

מיט איין אויער האָט בערע רחמיאַלס דערכאַפּט דעם טומל אויפן פלאַנקן און מיט איין פּעטינקן שפּעלטעלע פון אויג — דערזען די גנבישע פּנימלעך מיט די ממזרישע העזיותלעך. נאָר אַזוי לאַנג ווי ער האָט געהאַט פול דאָס מויל מיט „בני־אדם”, מיט קהלשער טובה און מיט דבקות, האָט ער אויסגעדריקט זיין פרומע אומצופרידנקייט נאָר מיט מאַכן מיט די פלייצעס און מיט שמונה־עשרה־לשון, ווי: אָה־אָה! נו־נו! אַך־אַך!... אַזוי האָט ער געגעבן אָנצוהערעניש מ׳זאָל די ווייסע־הברהניקעס אַראָפּטרייבן פון פלאַנקן.

אָבער ווער וועט דאָס גיין מפסיק זיין אין מיטן זאָגן „בני־אדם” און לאָזן זיך נאָכיאָגן נאָך אַזוי פיל ליידאַקעס? און ווער וועט דאָס מוחל זיין אויף זיין באַטייליקן זיך אין דער קהלשער כפּרה? האָבן זיך, דער־פאַר, אַ סך פון די כפּרות־שלאָגער באַגנוגנט, אַזוי ווי בערע רחמיאַלס אַליין, מיט „אָה־אָה!” און מיט „נו־נו!” און מיט „אַך־אַך!” און אויסגע־זען דערביי נישט ווייניקער געפּענטעט צו בערע רחמיאַלס בענקל, ווי דער האָן, להבדיל, צום שטריק און פלאָקן.

אָבער ווי נאָר דאָס כפּרות־שלאָגן האָט זיך געענדיקט, האָבן זיך אַלע

הענט און מיילער אויפגעבונדן. דער ערשטער האָט דאָס געטאָן בערע רחמיאלס אַליין. באַלד נאָכן לעצטן דריי מיט דער כפרה האָט ער, אַ ביי־סעלע צערייצט, איבערגעגעבן דעם שווערן סידור בונים דעם אונטער־שמש, אַרויפגעצויגן צו זיך דעם האָן פאַרן שטריקל, אַ דריי געטאָן אים דאָס קעפל, כדי יוצא צו זיין פאַר „חנק״* און אַ שליידער געטאָן אים, דעם מורה־הוראה, צו די פיס, כדי יוצא זיין „סקילה״, און גלייך אויפן אָרט, נישט אַראָפגייענדיק פון דער זאַגערקעס בענקל, און אָן אַ שום איבערגאַנג, גענומען זידלען און מוסרן הויך אויפן קול די גאַנצע כאַ־ליאַסטרע אויפן פּלאַנקן:

— אַזעלכע לײַדאַקעס, משומדים, בעזבאַטשקעוויטשעס! אַזאַ חילול־השם, ערב יום־כיפור!... גאָר אַ טריאַטער איז דאָס ביי אַזעלכע שקצים און יונגאַטשעס! צי ס׳איז געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך און צי איז דאָס געזען געוואָרן!...

ערשט דאָ זענען די ווייסע חברהניקעס געקומען צו זיך, אָנגענומען זיך מיט מוט. בערע רחמיאלס דעם צבועק און זיין צבועצקן מוסר־זאָגן האָבן זיי שוין געקענט נישט פון היינטיקן ערב יום־כיפור אָן, און האָבן זיי ביידן פיינט געהאַט. האָבן זיי זיך אין גאַנצן אָפּגעטרייסלט פונעם לעצטן ביסל דרך־ארץ, וואָס די אויסטערלישע סצענע מיט דער קהלשער כפרה האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן, און אַלע, אין כאָר און אייניצקווייז, האָבן אָפּגעענטפערט פון הויכן פאַרקאָן אויף בערע רחמיאלס מוסר השכל, און עפּעס גאָרנישט אויף אָן ערב יום־כיפורדיקן אופן אָפּגעענטפערט אים:

— האָפּ־טשיק־טשאַק!

— אורראַ, בערע צבועק!

— ר׳ בערע, גיט אַ טאָפּ אין היינטער־קעשענע!

— אונטער דעם רויטן טיכל!

— רפואות צו גילדענאָדער ליגן דאָרטן —

— אַ מאָנאָפּאָלקע!

— אַ בורא מיני מזונותל!

— מען גייט אין גאָס!

— ס׳כאַפּט אָןביים האַרצן

— מאַכט מען „שהכל״ —

---

* הרג, חנק, סקילה און שריפה, זענען די פיר מיתות פון אַמאָליקן סנהדרין, מיט וועלכע מ׳האָט געמשפּט פאַרברעכער, און זענען אַלע סימבאָליזירט אין כפרות־שלאָגן.

— ש־ע־ע־הכל!
— פאַר אַ האַלבן פּיאַטאַקל!
— און טאַקע בורא מיני מזונות!
— און מען פאַרגיט די עונות! (די זינד).
— אוררא!

איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן, בערע רחמיאלס. פון וואַנען ווייסן זיי דאָס, די ליידאַקעס, פון זיינע רפואות צו גילדענאַדער, וואָס ער האָט פאַרטרויט נאָר איין ר׳ ישראל דעם גבאי? פאַר כעס האָט ער נאָר איין הייזעריקן געשריי געטאָן:

— בונים!

און אַראָפּגעקראָכן ווי אַן אויסגעפּייפּטער בעל־דרשער פון בענקל.

נאָר אומזיסט האָט זיך בונים דער אונטער־שמש געלאָזט לויפן איבערן הויף מיט אַ לאַנגער מיעטלע, כדי אָפּצוקערן פון פלאַנקן די גאַנצע כאַ־ליאַסטרע, אַזוי ווי מיסט פון פּאָדלאָגע. דאָ טרייבט ער אַוועק און דאָרטן וואַקסט עס אויס. דאָ פאַרשווינדן די קעפּלעך און דאָרטן צעשאָקלען זיי זיך ווידער. דאָרטן לעשט זיך אויס דער „הוראַ" און דאָ פלאַקערט ער אויף מיט גאָר אַ נייער פרישקייט. פון די שפּאַלטן אין פלאַנקן שיסט אַ געלעכטער און פון אַלע לעכער קריכן שטעך־ווערטלעך אין גראַמען:

— האָץ, האָץ,האָץ!
— אָט לויפט בונים קלאָץ!
— פריש און געזונט!
— און רויט ווי צונט!
— בערע רחמיאלס משרת! —
— האָסט גוט געשלאָגן כפרות?
— בונים, אידי סודאַ! (קום אַהער!).
— הוררראַ־אַ!

אינעם טומל, וואָס איז אַוועק צווישן בונים דעם אונטער־שמש און חברה ליידאַקעס, האָט עליע דער שוחט גענומען דעם חלף צווישן די ציין, פאַרוואָרפן דעם האָן דאָס קעפּל, אויסגעפּליקט אַ פּאָר פעדערלעך, פאַרגלאָצט די אויגן און געמאַכט די ברכה „על השחיטה" און דערנאָך די צווייטע ברכה, ביים פאַרשאַרן דאָס בלוט: „על כסוי דם בעפר" און דער גאַנצער עולם האָט מיט גרויס כוונה אָפּגעענטפערט: אמן.

דער כפרה־האָן האָט זיך נאָך געצאַפּלט אין מיטן הויף און די ערב יום־כיפורדיקע זון איז אויפגעגאַנגען און אַ שפּריץ געטאָן מיט וואַרע־

מער ליכטיקייט, ווי פון אַן אויפגעריסענעם שפּונט. מ׳איז גאָר קיינמאָל אין תשרי נישט געווינט געוועזן צו אַזאַ זון און אַזאַ וואַרעמקייט ראַ־נעטשקע־פּרי. די לאַנגע חסידישע בערד זענען באַגולדט געוואָרן, זייערע מאַטע, פון סליחות און מקווה אויסגעצויגענע פּנימער, האָבן זיך צעלויכטן און די נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן האָבן אויפגעלעבט. אַזאַ ליבלעכער גוט־מאָרגן פון דער זון, באַלד נאָך שחיטה, איז אָנגעזען געוואָרן אין אַלעמענס הערצער אַלס אַ גוטער סימן, אַז די קהלשע כפּרה איז אָנגענומען געוואָרן פאַר גאָט און די שליטה פון שטן אין שטאָט איז געבראָכן געוואָרן.

זיי האָבן אָבער געהאַט אַ טעות.

די מגיפה ברעכט אויס

1.

מיט גרויס פרסום איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן די קהלשע כפרה — אורי דעם קאַסאָקענס האָן: און געקוילעט איז זי געוואָרן, ווי דער חסידישער מנהג איז, פאַרטאָג, ווען „דער פּאָדים פון חסד איז גובר אויף דער וועלט..." און די געדערים פון דער כפרה זענען, ווי דער חסידישער מנהג איז, אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויפן דאַך פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, כדי פויגעלעך זאָלן זיי צעטראָגן אויף אַלע פיר זייטן פון דער וועלט. און די כפרה גופא איז צעטיילט געוואָרן צווישן צוויי אָרעמע לייט — אייגענע מענטשן: צווישן בונים דעם אונטער־שמש און איצקע דעם משוגענעם... האָט מען דאָך באמת געקענט מיינען, אַז מ'האָט דעם שטן אַריינגעפּאַקט אין זאַק. און בינו־לבינו, ווי ער ליגט אַזוי געבונדן, וועט מען אויסבעטן אַ גוט יאָר און מ'וועט נעמען די גוטע ביסל משקה אום שמחת־תורה. און אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז דער שטן איז כיטרער און שטאַרקער. אַז ער איז גאָר קיינמאָל אין זאַק נישט אַריין און אויסגעשטעלט גאַנץ שטאָט אַ צונג.

שוין צו־מאָרגן, נאָך דער כפרה, אינעם גרויסן טאָג יום־כיפור, צווישן מוסף און מנחה, ווען די לופט איז געוואָרן געדיכט, די לייבער פאַרשוויצט און די געמיטער מיד — איז אַ סך דאַוונער אין ליובאַוויטשער בית־מדרש נישט גוט געוואָרן.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פון דער זאָגערקע אין ווייבער־שול, אויף וועמעס בענקל די קהלשע כפרה איז „געשלאָגן" געוואָרן אין הויף פון בית־מדרש, און אויסגעלאָזט האָט זיך דאָס מיט ר' בערע רחמיאלס, דעם אויבער־שמש, טאַקע דער זעלבער ר' בערע, וועלכער האָט געדרייט די כפרה אויף שטריק־און פלאָקן, איבער די קעפּ פון אַלע סליחות־זאָגער. פשוט — אַ ווילדער צו־להכעיס פון שטן אַליין.

די פאַרדעכטיקע סימנים פון דער חולאת, וואָס האָבן זיך שוין באַלד

אַ וואָך באַוויזן אין שטאָט, האָבן זיך דאָ, אין דער פאַרשפּאַרטער לופט פון בית־מדרש, פאַרשאַרפט און אָנגענומען אַ שלעכטע ווענדונג: שטאַרקע שפּלדיקייט, שטעכעניש אין מאָגן, קרעמפּן אין די ווייכע טיילן פון לייב און ברעכן ביז חלשות.

פונדעסטוועגן האָבן זיך נאָך יידן געמאַכט האַרץ, באַמיט זיך איינ־צושמועסן די חולאים און זיך אַליין, אַז שולדיק איז די שלעכטע לופט אין בית־מדרש, די הונדערטער ברענענדיקע נשמה־ליכט, דער שווערער תענית...

אונטער דער אויפזיכט פון איידעלע באַלעבאַטים אין מזרח־וואַנט, האָבן באַלעגאָלעס און קצבים און סתם עמי־הארצים פון די דאַוונער אַרויסגעטראָגן די חולאים אויף די הענט, אויף דער פרישער לופט אַרויס, אויפן גרויסן הויף פון בית־מדרש, ביים ברעג אָזערע. נאָר דאָרטן איז די אַנידערגעפאַלענע בעסער נישט געוואָרן. פאַרקערט, זיי האָבן זיך גע־נומען קלאָגן, אַז זיי איז קאַלט, זייער קאַלט. ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס איינדעקן זיי מיט פּאַלטנס און מיט וואָלענע טליתים. אַ ציין־קלאַפּעניש איז זיי באַפאַלן און אַ ציטערניש אין אַלע אברים. און מיט קינדערשן שרעק אין די אויגן האָבן זיי זיך גענומען בעטן מ׳זאָל אויף זיי רחמנות האָבן, מ׳זאָל זיי ראַטעווען. כאָטש מ׳האָט געהאַלטן אין איין רחמנות האָבן אויף זיי און אין איין ראַטעווען... דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די איידעלע דאַוונער און אָפּגעשוואַכט די הענט פון די פּראָסטע לייט וואָס גיבן ראַטונעק.

בערע רחמיאלס פּעטינקע אויגן־שפּעלטעלעך האָבן זיך אויפגעריסן. און צום ערשטן מאָל, זינט ער איז געוואָרן אַ בעל־תשובה און גענומען דיק ווערן, האָט מען דערזען זיינע בלווילעך־מוטנע אויגן. זיין רחמנות־בעטנדיקער קוק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף ר׳ ישראל דעם גבאי און זיין צעקרימטער מויל אָן ציין האָט עפּעס געבאַלאַבאָטשעט. מ׳האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט:

— די פּאָפּאָלקע... די מאָנאָ—פּאָלקע. עס כאַפּט ביי... ביים האַרצן. שהכל.. בו... בורא—מיני—מיני...

דער איינציקער, וועלכער האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, איז געווען ר׳ ישראל דער גבאי. ער, וועלכער האָט איבערגענומען ביי ר׳ בערע רחמיאלס די גוואַלטאָוונע רפואה קעגן גילדענאָדער און קעגן אַלע מענטש־לעכע חולאתן — נישט אַרויסצוגיין פון שטוב אָן אַ סאָטקעלע בראָנפן און אָן אַ שטיקעלע לעקאַך אין הינטער־קעשענע — האָט זיך צעטומלטער־

הייט גענומען טאָפּן אין שפּאַלט פון סורדוט אונטערן קיטל, ווי ער וואָלט דאָרטן געזוכט די רפואה, און געשטאַמלט:

— ר׳ בערע... גאָט איז מיט אייך! יום־כיפור... אַזאַ יום־הדין! זאָל איך... ווי? כ׳זאָל האַלטן אַ וואָס? אַ בורא מיני מזונות אין קעשענע? אײ־אַי, ר׳ בערע!...

נאָר ר׳ בערע איז שוין געווען אויף דער גרענעץ פון צוויי וועלטן, וווּ עס איז מער נישטאָ קיין יום־כיפור און קיין אינדערוואָכן, נאָר דאָס וואַקלדיקע ביסל לעבן און דאָס שרעק־געפיל פון אונטערגאַנג. האָט ער פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, פאַרמאַכט די אויפגעריסענע אויגן־שפּעלטעלעך און עפּעס געמורמלט אָן ציין. נאָר קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען.

דער אָנגעלאָפענער פערשעל, וועלכן מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט אין הויף פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, האָט אַ קוק געטאָן, אַ מעקע געטאָן און גלייך געהייסן אָפּצופירן די חולאים אין יידישן שפּיטאָל, ח׳ס־ושלום נישט צו זיך אַהיים!... אין שפּיטאָל, מאַכט ער, אַרבעטן שוין פון אינדערפרי אָן ביידע דאָקטוירים פון שטאָט, וועלן זיי שוין וויסן וואָס צו טאָן.

און נישט וואַרטנדיק ביז דער עולם אין הויף וועט אים אָנהויבן דאָקוטשען מיט שאלות, האָט ער אויף גיך עפּעס איינגערוימט ר׳ ישראל דעם גבאי אין אויער, און אַליין געלאָפן צום קופּערנעם האַנט־פאַס אין בית־מדרש וואַשן זיך, און נאָך געבייזערט זיך, וואָס אין בית־מדרש איז נישטאָ קיין זייף. טרפה זייף אין ליובאַוויטשער בית־מדרש!... אַזאַ פעלד־שערוק!

קיינעם פון די חסידישע מתפללים איז אָבער מער נישט געלעגן אין קאָפּ צו געבן אים דעם ריכטיקן ענטפער. וואָרום דאָס וואָס ער האָט איינגערוימט דעם גבאי אין אויער איז באַלד געוואָרן אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. און דאָס וואָס קיינער האָט זיך אַליין נישט געוואָלט מודה זיין, זינט מ׳האָט אין שקלאָוו גענומען שיטן מיט אומגעלאָשענע וואַפּנע און גיסן מיט שוואַרצע קאַרבאָלקע, איז געוואָרן קלאָר און זעלבסטפאַרשטענד־לעך. פריער האָט מען זיך איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן מיט אַ שושק, דערנאָך מיט אַ שעפּטש און דערנאָך מיט דערשטיקטע קולות:

— יידן... די כאָ—ליע—רע!

2.

איז געוואָרן אין בית־מדרש דער אמתער הו־האַ צווישן די מאַנסביל

און אַ קוויטשעריי פון ווייבער אין עזרת־נשים. ס'איז געוואָרן אַ וויקלע־ניש פון טליתים, אַ פּלאָנטעריניש אין קיטלען, אַ פּאַקעניש פון מחזורים און אַ שטופּעניש אין די טירן, מאַנסבילן האָבן געזוכט זייערע ווייבער און ווייבער זייערע מענער.

און דער סוף איז געווען, אַז צו „נעילה" אין שוין אין ליובאַוויטשער בית־מדרש געוואָרן גוט שיטער. מ'האָט געשלונגען די לעצטע יוצרות מיט די פּיוטים ווי לעבלעכע לאָקשן, להבדיל. און די לעצטע תקיעה פון שופר האָט אַ שאַל געטאָן ווי אַ הייזעריקער קריי פון אַ האָן. עפּעס ווי אַ מין גלגול פון אורי דעם קאַסאַקנס האָן, וועלכן מ'האָט איבערגעשניטן דעם האַלדז פאַר קהלשע זינד. און דער „לשנה הבאה בירושלים", וואָס ווערט אַלע יאָר געשריען, פון קליין און גרויס, מיט פרייד און מיט שמחה און מיט אַן אָנזאָג פון שמחת־תורהדיקע „לחיימס", איז דאָס מאָל אַרויסגע־קומען אַ שיטערינקער, אַ נישט־זיכערער. ס'האָט אין אים געקלונגען אַ צעשראָקענע בקשה: הלוואי זאָלן מיר אַלע דערלעבן איבעראַיאָר, אויף ירושלים וועלן מיר בעטן אין בעסערע צייטן...

און קוים אָנדערטהאַלבן מנינים יידן האָבן דאָס געשריען.

אַזעלכע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט נישט נאָר אין דעם ליובאַ־וויטשער בית־מדרש, נאָר אין נאָענטע מתנגדישע בתי־מדרשים אויך. אין ר' בנימינס בית־מדרש און אין ר' מענדעלעס און אין דער קאַלטער שול אויף דער שול־גאַס, און אין צייטלינס בית־מדרש ביים דניעפּער. לכתחילה האָט מען אין די מתנגדישע בתי־מדרשים געמיינט, אַז די חולאת, רחמנא־לצלן, איז באַפאַלן נאָר דעם חסידישן עולם, דערפאַר, אפשר, וואָס חסידים האָבן ערב יום־כיפור, אויפן שליאַך, נישט דערלאָזן איינצוהאַנדלען די ווייסע כפרה פאַר ר' ישיעלעס איידעם, זאָל לעבן, פאַרן רב פון שטאָט... און דערפאַר, אפשר, וואָס שמהלע טורערו, דער חסידישער קצב, האָט פאַרשוועכט די דאָזיקע כפרה בפרהסיה, געמאַכט פענדזשע פונעם גאַנצן ענין... האָבן זיך די מתנגדים ווייטער געדאַוונט מיט זייער טרוקענער פאַמעלעכקייט. זיבעצן יוצרות אָנשטאָט איינער אין חסידישן מחזור. נאָר באַלד האָט זיך די פאַרדעכטיקע נישט־גוטסקייט פאַרשפּרייט אויך דאָ, צווישן די כשרע מתנגדים. די לעדערנע מחזורים האָבן זיך געשלאָסן און מען איז זיך פאַר מעריב צעלאָפן פון די מתנגדישע אַזוי ווי פון די חסי־דישע שולן.

צום שרעק פון די אַלע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן חשבון מיט וואָס דאָס שמעקט און ווי ווייט עס קען גיין, איז נאָך אויף די האַלב־פינצטערע

גאַסן געשטאַנען אַ נישט־גוטע פּאַריקע וואַרעמקייט. פון דער אָזערע האָט דאָס געאָטעמט מיט זיסלעכער פוילעניש און מיט געפּרעיעטע אייאיר און האָט קיינעם פון די אַנטלאָפענע נישט אָפּגעפרישט. און אַפילו די, וועלכע ווינען ביים קלאָרן, שטראָמיקן דניעפּער, אויף דער צווייטער זייט שטאָט, האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטיקנדיקער לופט מיט אַ מאָדנעם גערוך פון אָפּגעשטאַנענע פיש אין שליים פון דעק. דניעפּער און אָזערע האָבן אַזוי שווייסיק געאָטעמט איינער צום אַנדערן, מיט שלעכט־געוואָרענע וואַסערן, און געגעבן אַ פּאַרגעשמאַק פון דעם, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף שטאָט, ווען אַלט און יונג האָבן זיך צוזאַמענגעפּרעסט אין די בתי־מדרשים: אַ פּאַרגעשמאַק פון עפּוש, ווען מענטשן פאַלן ווי די פליגן און עס סטאַיען נישט קיין הענט זיי מקבר צו זיין.

די פריקרע וואַרעמע נעפּלען האָבן זיך אויפגעהויבן אינעם דאָזיקן פּאַרנאַכט פון שקלאָוער וואַסערן, פּאַרשלייערט די מוצאי־יום־כּיפּורדיקע לבנה, וועלכע מ׳איז געווינלעך, באַלד נאָכן תענית מחדש, און אַלע יאָר אין דער זעלבער צייט, מיט אַ באַזונדער פרישקייט פון מענטשן, וואָס האָבן אַראָפּגעפּטרט דעם שווערסטן טאָג פון יאָר, דעם גרויסן יום־כּיפּור... היינטיקן מוצאי־יום־כּיפּור האָט קיינער אַפילו נישט געטראַכט פון דער לבנה. איינע אַליין האָט מען זי געלאָזן אין הימל. האָט זי נאָך געל געפּרוווט אַ שמייכל טאָן: „כ׳וועל מיך שוין באַגיין אָן אייער שלום־עליכם!...״ זי האָט אָבער נישט אויסגעהאַלטן און גרוי פּאַרשלייערט זיך און אַוועק אין די נישט־געזונטע נעפּלען.

צעשראָקענע פייערלעך האָבן זיך אָנגעצונדן אין די אומעטיקע פענצ־טער פון שטאָט און יללות זענען אַוועק פון הויז צו הויז און פון גאַס צו גאַס. מיט וואַקלדיקע לאַמטערנעס אויף די האַלאַבליעס האָבן זיך פורן געלאָזט פאָרן, און טרעגער מיט נאָסילקעס זענען געקראָכן פון אַלע עקן שטאָט. אַלע צום יידישן שפּיטאָל אויף דער „פּאָזניע״. אויף די פורן און אויף די טראָג־בעטלעך האָט מען געקרעכצט און שאָטנס האָבן זיך איבער זיי געשאָקלט, נאָכגעגאַנגען נאָך זיי און געוויינט. און קוויטשיק דין, ווי ביי ווייבער, זענען געוואָרן די מאַנסביילשע קולות.

ווער עס איז געבליבן ביי די כּוחות, נאָך אַזאַ שווערן תענית, דער איז געלאָפן געבן ראַטונעק. און ווער איז געבליבן ביי די כּוחות, אויב נישט באַלעגאָלעס, קצבים, נאָסקע־טרעגער און ליימער? דאָרטן ווו די זיידענע יונגעלייט און איידעלע באַלעבאָטים האָבן זיך באַהאַלטן און אָפּ־געוואָרט מיט שרעק אויף די נייעסן, וואָס די דינסט־מיידלעך וועלן ברענ־

געזן פון גאַס, וואָס אין שטאָט טוט זיך, דאָרטן איז דער עם־הארץ געלאָפן, טופּענדיק ווי אַ לייב מיט ברייטע שטיוואַלעס. און מער פאַר זיי אַלעמען, אַזוי ווי אַלע מאָל ביי אַ סומאַטאָכע אין שטאָט, האָט זיך מוסר־נפש געווען נח פאַנדרע. ווי די אַנידערגעפאַלענע שעפסעלעך האָט ער פונאַנ־דערטראָגן, אויף די אייגענע שטאַרקע אָרעמס, די קראַנק־געוואָרענע חסידים און הסידקעס פון ליובאַוויטשער בית־מדרש. וועמען אַהיים און וועמען צום יידישן שפּיטאָל אויף דער פאָזניע. עס ווענדט זיך, אין וועלכן צושטאַנד דער חולה איז געווען. זיין איין־איינציקער שבתדיקער גאַרני־טער, וואָס איז אים גאַנץ געבליבן, זינט זיין חתונה מיט מערען און נישט פאַרמשכנט געוואָרן דורך דער גאַנצער שלעכטער צייט פון אָסטראָג, דער זעלבער גאַרניטער איז אַציגד געווען פאַרגאָסן מיטן פאַרדעכטיקן שליים פון די קראַנקע. ער האָט אַפילו קיין צייט נישט געהאַט צו לויפן אַהיים נאָך אַ פאַרטוך, זען וואָס מערע און די שוויגער מאַכן. פון אים אַליין האָט גערונען דער הייסער שווייס, נאָך אַ נישט־אָפּגעפּאַסטער, אָן אַ זופּ טיי אין מויל, איז ער געלאָפן מיט חולאים אויף די הענט. געלאָפן פון ליובאַוויטשער בית־מדרש אין שפּיטאָל און צוריק.

.3

אינעם יידישן שפּיטאָל האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געטאָן חושך. די פאַר סתם־קראַנקע, וואָס האָבן זיך דאָרטן אַרומגעוואַלגערט פון פאַר יום־כיפּור, האָט מען אין יענער בייזער נאַכט משלח געווען. צווישן זיי — אויף דעם זשאַנדאַרניק מיט דער צעמזיקטער באַק, וועלכן מ׳האָט דאָרט געהאַלטן און געהיילט זינט דער אָבלאַווע ביי די אָרשער ברעמלעך, כדי צו געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פונעם נייעם פּריסטאַוו.

ווי אַ חזיר, וואָס מ׳טרייבט פון בלאָטע, אַזוי האָט זיך דער מאָהליוועער סטראַזשניק געריסט פון אויסגעוואָרעמטן געלעגער. מיט אַ בייזן כריוק גערירט זיך. כאָטש ער האָט קלאָר געזען, אַז די סכנה צו בלייבן דאָ, צווישן אַזעלכע חולאים, איז גרויס. אַוועקגייענדיק אין דער נאַכט אַריין האָט ער נאָך אימיצן געסטראַשעט:

— אָט וואַרט, זשידעס, וואַרט! איך וועל שוין געפינען ווער ס׳האָט מיר געמאַכט אַזאַ באַק איך בין שוין אויף זיין סליעד... איך ווייס—ייס!

אויף זיין בעטל, לעבן פענצטער, האָט זיך באַלד געקאָרטשעט אַ פאַר־בייאיקער ייד. נישט קיין אַנדערער ווי בערע רחמיאלס. זיין פּנים איז

מאַגערער געוואָרן אין משך פון אַ פּאָר שעה, די אויגן זענען גרויס געוואָרן, אַרויסגעקראָכן פון די פּעטע שפּעלטעלעך. און ער אַליין האָט זיך אַלץ געקלאָגט, אַז אים איז קאַלט, געבעטן מ׳זאָל אים געבן אַ ביסל משקה אין מויל אַריין אָפּצופּאַסטן זיך, א שטיקעלע לעקאַך צו מאַכן בורא מיני מזונות. ער איז געוואָרן אויסער זיך, וואָס אַנשטאָט צו געבן אים דאָס ביסל משקה איבעווייניק, האָבן דאָס די פּראָסטע חי־וקימס געגאָסן אין די דלאָניעס און געריבן אים דערמיט דאָס לייב פון ד ר ו י ס ן. דער פּערשעל איז געשטאַנען דערבײַ און אַכטונג געגעבן.

חישין דער דאָקטאָר און קראָל זיין קאָנקורענט און ביידע פּערשלעך פון שטאָט, דער גויאישער און דער יידישער, אַלע זענען זיי געווען דאָ אויפן אָרט, אין זייערע ווייסע באַלאַכאָנעס, מיט ווייסע הענטשקעס אויף די אויסגעעכאָליעטע הענט, וואָס האָט דעם פּראָסטן עולם אויסגעזען ווי פּוסטע פּאַצעטערײַ: נאַ, נאַ, צו דער „כאָליערע״ גייען זיי גאָר אין הענטש־קעס! מיט הוילע הענט דאַרף מען זי נעמען!...

און זיי האָבן דאָס באַוויזן באַשײַנפּערלעך: געקנעט און געריבן די קילע צאַפּלדיקע לייבער פון די חולאים אויף וואָס די וועלט שטייט.

לכתחילה האָבן זיך ביידע דאָקטוירים געבלאָזן איינער אויפן צווייטן. געגומען טרייבן זייערע אַמאָליקע שטיקלעך פון קאָנקורענץ. האָט איינער געהייסן מאַכן הייסע קליסטירן, האָט דער צווייטער געהייסן קילע. האָט קראָל געזאָגט מ׳זאָל אָפּרייבן מיט בראָנפן, האָט חישין געזאָגט מ׳זאָל אַרומלייגן מיט הייסע פּלעשער. דערזען אָבער, אַז די זאַך ווערט צו ערנסט, אַז חולאים קומען צו אַלץ מער און מער, עס פעלן אויס הענט און ס׳איז קיין צייט מער נישטאָ צו אַמפּערן זיך איבער אַ „תוספות״ אין דער חכמה פון רפואה, ווי איבער אַ שווערן שטיקל גמרא, זענען ביידע אַמאָליקע ישיבה־בחורים און יעצטיקע שקלאָווער דאָקטוירים מושוה געוואָרן צווישן זיך און געמאַכט אַ פּשרה. דהיינו: די לייכט־קראַנקע זאָל מען היילן מיט הייסע מיטלען און די שווער־קראַנקע מיט קילע אָפּגוסן איבערן רוקן, מיט געבן שלינגען קליינינקע שטיקלעך אייז און מיט שטאַר־קע אָפּרייבונגען.

ר׳ מלך „מעבר־יבק״, דעם אויבער־פּאַראַמשטשיק פון חברה־לויה אַרי־בערצופירן יידן אויף יענער וועלט, האָט דער ערשטער טומל פון דער מגיפה פאַרכאַפּט אין לויה־בית־מדרש, אין מיטן דער שטילער שמונה־עשרה פון נעילה. האָט ער אַפילו נישט פּאַספּעיעט אויסצוטאָן זיין משונה־גרויסן געלאַטעטן קיטל. און אַזוי איז ער געקומען צו לויפן אין

יידישן שפּיטאָל ווי אַ שניי־באַבוק. די קוטשעראַווע האָר פון באָרד און קאָפּ און די בערישע, טיף־פאַרגראָבענע אויגעלעך, האָבן זיך אָפּגעהויבן אומנאַטירלעך־שוואַרץ, איבער דער ווייסקייט פון אָנגעפּאַלדעוועטן ברייטן קיטל. און דאָס האָט אים, באמת, צוגעגעבן אַן אויסדרוק פון אַ באַבוק, וואָס קינדער קייקלען צוזאַמען פון שניי, מיט שוואַרצע קוילן אָנשטאָט אויגן און נאָזלעכער. אַזוי האָט ער זיך גענומען אַרומדרייען אין פּאַרע, אַרום די שווערע חולאים, געזוכט אַרבעט אָפּצוזאָגן ווידוי, האַלטן אַ פּעד־דערל איבער אַ יידישער נאָז... און איידער ביידע דאָקטוירים זענען צווישן זיך מושוה געוואָרן מכוח הייסע און קאַלטע מיטלען, האָט מלך „מעבר־יבק" פּאַספּעיעט אַריבערפירן מיט זיין פּאַראָם אויפן עולם האמת ר' בערע רחמיאלס דעם אויבער־שמש און די זאַגערקע פון ליובאַוויטשער בית־מדרש. זיי זענען אויסגעגאַנגען אונטער די הענט בשעת אָפּרייבן זיי. די אַלטע הערצער האָבן נישט אויסגעהאַלטן און די אַלטע לייבער זענען באַשייני־פּערלעך צוזאַמענגעפאַלן, ווי האַלב־ליידיקע זעק.

האָט מען זייערע צוגעדעקטע נאַקעטע קערפּערס אַרויסגעטראָגן דורך אַ הינטער־טיר און אַרויסגעשטעלט אין פינצטערן גאָרטן פון שפּיטאָל ביים ביסטרען וואַסערל, ווו ר' שמחה טשאַרנערס טאָכטער, סלאַווע די קראַסאַ־וויצע, האָט זיך אַמאָל דערטרונקען אויף אַ געהיימגישפולן אופן. און דאָס ביסטרע וואַסערל, אין פינצטערן סאָד, האָט זיך צעבולבעט און צעבאַלע־באַטשעט צופוסן פון די טויטע. געטרייסט זיי מיט אַ פאַרזופטן געמורמל: בול־בול, צי אַזוי צי אַזוי. מען גייט אַוועק... טשאַרנערס טאָכטער די קראַסאַוויצע... איר געדענקט? זי איז אויך אַוועק. איר אַ ביסל אַנדערש... זי — אַ ביסל פריער, איר — אַ ביסל שפּעטער. בול־בול, איך — אין דניעפּער אַריין. דער דניעפּער — אין ים. בול־בול... „כל הנחלים הולכים"... זאָגט קהלת. איר געדענקט וווהין?...

4.

די ידיעה, אַז צוויי יידן זענען שוין אויסגעגאַנגען אין שפּיטאָל, האָט זיך ווי אַ קלאַנג פון אַ שריפה־גלאָק פאַרשפּרייט איבער דער פאַרנעפּלטער שטאָט. און באַלד האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קרוביש ווייבער און קינדער מיט טענות און מענות און יללות, געריסן זיך צו די טויטע, געשלאָגן זיך מיט די שומרים ביי דער טיר, געפּליקט זיך די האָר פון קאָפּ. מ׳האָט געמוזט לויפן צום פּריסטאַוו בעטן אים ער זאָל קומען העלפן מאַכן אָרדע־

נונג. וואָרום פּאָר יידישע שומרים ביי דער טיר האָבן דאָך יידן קיין שום דרך־ארץ נישט. די אויגן דראָפּען זיי אויס, די צעווילדעוועטע ווייבער.

נו, צו מאַכן אָרדענונג צווישן יידן איז דאָך נישטאָ אַזאַ טייערער און אַזאַ פליייסיקער גוי, ווי דער נייער פּריסטאַוו איז. צווישן טויטע און לעבעדיקע יידן — אַוודאי און אַוודאי. האָט ער גלייך מאָביליזירט זיינע צוויי סטראַזשניקעס ליקשיי און האַווריילאַן, אויסגעשפּריצט מיט צעלאָזענע קאַרבאָלקע זייערע נייע גארניטערס. זיך אַליין אויסגעשפּריצט פון קאָפּ ביז די פיס, און אַוועקגעלאָזט זיך צום יידישן שפּיטאָל. דאָרטן האָט ער האַוורילאַן אַוועקגעשטעלט ביים גאַניק און ליקשייען ביים טויער פון סאָד, און שטרענג אָנגעזאָגט: קיין געזונטן יידן נישט אַריינלאָזן, סיידן קראַנקע... און ער אַליין איז זיך אומגעגאַנגען פון טויער צום גאַניק און פון גאַניק צום טויער, געקלונגען מיט דער שווערד ביי דער זייט און מיט זיין שטרענגן אָנבייזערן זיך אָפּגעשטויסן אַלע אָנפּראַלן פון ווייבער און קרובים:

— פּאַשאָל וואָן! איר וועט זיך נאָך זאַראַזשען! ווילדע מענטשן!...

— האָט רחמנות! האָבן זיך צו אים און צו זיינע סטראַזשניקעס גע־צויגן די הענט פון דער נאַכט אַרויס — אונדזער טאַטע! אונדזער מאַמע!...

— אָסאַדי נאַזאַד (טרעט אָפּ)! — האָט זיי דער פּריסטאַוו קורץ און נישט הויך אויפן קול געענטפערט. נאָר די סטראַזשניקלעך האָבן אונטער־געכאַפּט דעם אדונס פּריקאַז מיט געצויגענע ברום־קולות, פון דער הויט געקראָכן, געסטאַרעט זיך:

— אָ—סאָ—די—י!

און די אָפּגעטריבענע יידענעס אַרום שפּיטאָל האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דעם נייעם פּריסטאַווס שטיינערנער פּנים מיט די דראָטענע פּאָרדרייטע וואָנסעס און מיט די אָנגעבלאָזענע אויגן איז, ביים שיין פון די לאָמ־טערנעס, געוואָרן ענלעך צום פּרצוף־פּנים פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, וועמעס פּאָרטרעט עס הענגט נאָך עד־היום אין שקלאָווער פּאָטשט, און וועלכער האָט אַמאָל, ביי זייערע באָבעס, אָפּגעריסן די חומש־קינדערלעך פון די פּאַרטוכער און אָפּגעגעבן פּאַר סאָלדאַטן. יעדער זאַך האָט זיין גלגול...

דאָס האָט פּאַרדאָפּלט די שרעק פון די אָנגעלאָפענע ווייבער און זייערע שמאָלע פּנימער האָבן זיך נאָך מער אויסגעצויגן, געל געוואָרן. ביים אָפּשיין פון דער מוטנער לבנה אין פּאַריקן הימל האָבן זיי געבראָכן די הענט און געוויינט. און די קאָלירטע שייבעלעך, איבערן גאַניק פון

שפּיטאָל, האָבן זיי צוגעוווּנקען מיט בלויע און רויטע און גרינע בליצלעך: וואָס? אַריינגיין ווילט איר? געזונטערהייט? ניין! אָט אַז די כאָליערע וועט אייך נעמען, וועט איר אַריין!... דאָס טויטע גלאָז איז עפּעס גע־וואָרן יד־אחת מיט די גויים ביי דער טיר. אָפּגעטיילט די לעבעדיקע פון די טויטע און טויט־קראַנקע.

און די קליינע געמויערטע פּעגצטערלעך פון דער אַלטער אָפּגע־ברענטער קאַזאַרמע אויף דער באָענטער „פּאָזניע", האָבן אָפּגעהילכט מיט די יללות פון די ווייבער און קינדער און מיט די שטרענגע געשרייען פון פּריסטאַוו און פון זיינע סטראַזשניקעס. ווי אַ ריזיקע האַרפע פון דער נאַכט אַליין, אַזוי האָט די פּוסטע קאַזאַרמע אָפּגעקלונגען מיט גאַנצע און האַלבע, פאַרשווומענע און דייטלעכע טענער. און אויפגעלעבט האָבן פון דעם די שקלאָווער לעגענדעס, אַז די גייסטער פון די פאַרמוטשעטע ניקאָ־לאַיעווער סאָלדאַטן בלאָנדזשען אַרום אין דער פּוסטער קאַזאַרמע, און עס וויינען די נשמות פון די קליינע קאַנטאָניסטן — די יידישע חומש־יינגלעך, וואָס מ'האָט אַמאָל פאַרשלעפּט אַהער און איבערגעגעבן אין רשות פון די שיכורע „דיאַדקעס", צו פּייניקן זיי און צו שמדן... אין איינעם מיט דעם גלגול פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, וועלכער איז אַריין אינעם פּריסטאַווס פּרצוף מיט די וואָנסעס, האָט זיך דאָס געקייטלט צוזאַמען, געוואָרן ממשות־דיק, פאַרשטענדלעך...

און דאָ קומען אָן חולאים פון אַלע עקן שטאָט. אויף טראָג־בעטלעך און אויף פורן ברענגט מען זיי. אויף די בעטן אין שפּיטאָל איז שוין מער קיין אָרט נישטאָ. לייגט מען זיי גלייך אויף דער פּאָדלאָגע, אויף אויס־געבעטע שטרוי, און אין דער גרויסער פּירהויז — אויף די בענק.

וווּנדערט זיך דער גויאישער שטאָט־פערשעל, וועלכער העלפט דאָ די יידישע דאָקטוירים, וואָס גראָד הייַנט האָט די מגיפה אויסגעבראָכן, און וואָס צווישן יידן — אַ סך שטאַרקער ווי ביי גויאים. און וואָס גראָד אינעם יידישן „סודני דיען" (אום יום־כיפּור)...

דערפילט דאָקטאָר חישין די באַהאַלטענע רשעות פונעם גויאישקן פערשעל, און פאַרענטפערט דעם יידישן גאָט אַזוי:

— זאַראַזשעטע זענען שוין אַלע פון פריער. נאָר דאָס פאַסטן האָט די יידישע חולאים אָפּגעשוואַכט.

פאַרריכט דאָקטאָר קראָל זיינע גאָלדענע פּענסנע אויף זיין האַרבאַטער נאָז און גיט מיט זיי איראָניש אַ בליאַסק צו קאָלעגע חישין. ער געפינט דאָ דעם ריכטיקן אָרט אַ שטאָך צו טאָן דעם אַזוי־גערופענעם פריינד פון

פראָסטן פּאָלק, וועלכער האָט אים באַזיגט ביי די וויבאָרעס אויף ראַבינער.

— פּאַרוואָס־זשע — מאַכט ער — האָט מען געשוויגן? פאַרוואָס נישט אָנגעזאָגט צו דער רעכטער צייט, מ׳זאָל נישט לאָזן אָפּשוואַכן די הער־צער? אַ מענטש פון פאָלק, אַזוי צו זאָגן...

— אַז די רבנים... — פּרוווט חישין דער דאָקטאָר, צו פאַרענטפערן זיך — די דאָזיקע...

— נישט ד י רבנים, — ציילט ווערטער דאָקטאָר קראָל — נאָר ד ע ר ראַבינער...

ווערט דאָקטאָר חישין רויט ווי פייער:

— ווייסט דען נישט קאָלעגע קראָל, אַז אין אַזאַ יום־הדין פאָלגט מען נישט אַ ראַבינער? הונדערט רבנים זאָלן געוועזן מתיר זיין צו עסן — וואָלט מען אויך נישט געפאָלגט...

און נישט אַריינלאָזנדיק זיך מיט קראָלן אין קיין ווייטערדיקער דיס־קוסיע, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט אין דער ווייסער הענטשקע און גיט אָפּגעריבן פון זיינע באַהעלפער — אַלע פּראָסטע געזונטע יונגען פון זיך אַ וואָרף צו דער גרופּע שווערע חולאים, וועלכע קראַמפּירן און ווערן באַלעגאַלישן צעך, פון די יאַטקעס. דערזעט ער, אַז זיינע באַהעלפער זענען שוין גוט אָפּגעמאַטערט, אַפילו פון נח פּאַנדרע דעם גבור רינט דער הייסער שווייס, גיט ער אַ געשריי איבערן גאַנצן שפּיטאָל:

— הענט!

— עס פעלן הענט! — גיט זיך איבער פון דער מאַנסבילשער קאַמער צו דער וויבערשער, ביז עס דערגרייט צו מלך „מעבר־יבק” אין פּירהויז. לאָזט ער דאָרטן אָפּ די האַלב־טויטע. ער גיט איבער דאָס פּעדערל מיטן ווידוי־זאָגן אַן אַנדער יידן פון חברה־לויה, און אַליין, אַ פאַרוויקלטער אין קיטל, קייקלט ער זיך אַוועק אין דער נאַכט אַריין, ווי אַ שניי־באַבוק מיט קוילן־שוואַרצע אויגן. ער לויפט זוכן הענט אין דער טונקעלער שטאָט. אַפילו ער, אַזאַ איינגעגעסענער ווידוי־זאָגער, אַזאַ מייסטער־אַריבערפּעקלער פון יידישע נשמות אויף יענער וועלט, אַפילו ער דערפילט, אַז אַצינד איז דאָ עפּעס וויכטיקערס ווי האַלטן פּעדערלעך ביי די נעז פון האַלב־טויטע. די לעבעדיקע מוז מען ראַטעווען:

— הענט! הענט!

אין פאַרמאַכטע לאָדן קלאַפּט ער אָן, און אין פאַרהאַקטע טירן שלאָגט ער מיטן האַרטן נאָז פון שטיוול:

— יידן, עס פעלן הענט!...

אין קאַמף מיט דער מגיפה

.1

מלך „מעבר־יבק" האָט זיך אַוועקגעלאָזן איבער דער פינצטערער שטאָט כאַפּן „העגט", און געקומען איז ער צוריק אין שפּיטאָל, ווי פון אַ שוואַרצן נאַכט־תהום, מיט אַ גאַנצער קופּקע מאַנסביל און ווייבער: אַלץ פרייוויליקע העלפער אָפּצורייבן און מינטערן די קראַנקע. נאָר קיין איין ייִדענער יונגערמאַנטשיק איז צווישן זיי נישט געווען, קיין איין באַלע־באַטישע טאָכטער. דערפאַר זענען דאָ געווען אַ פּאָר באַלעגאָלעס פון צעך, אַ פּאָר נאָסקע־טרעגער פון ברעג דניעפּער, אַ פּאָר זיצערקעס פון מאַרק און טעמע זונדל גאָטס גנבס ווייב מיטן מאַנסבילשן נאָז. צווישן די אָנגע־קומענע ווייבער איז געווען אויך מערע, פֿאַנדרעס ווייב אין אַ לאַנגן ווייסן פאַרטוך, וואָס זי טוט אָן נאָר פּסח־צייט, און אירע האָר זענען געווען באַהאַלטן אונטער אַ ווייס טיכל מיטן קניפּל אויפן נאַקן. אַ שלאַנקע, אַ בלאַסע ווי קרייד, איז זי אַריינגעטרעטן אין שפּיטאָל מיט אירע לאַנגע פויגלשע פּיס. און די מאַמע אירע, סענדעריכע די אלמנהלע, אין איר בלויען פאַרטוכל מיט איר געקראָכמאַלעטן גרויען טוך אויפן קעפּל, איז איר נאָכגעטאַנצט, ווי אַ שרעטעלע.

זינט קושקע בראַנדס ווידוי און טויט, איז צווישן מערען און פֿאַנדרען איר מאַן קיין גרויסער שלום־בית נישטאָ. מען איז ווי פֿאַרביטערט אייגער קעגן צווייטן און מען ווייסט נישט קלאָר פֿאַרוואָס. קלאָר איז נאָר, אַז קושקעס שאָטן פלאָנטערט זיך צווישן זייביידן, נאָך זיין ביטערן סוף, אַזוי ווי אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן. ער שטערט זייער התקרבות, רייצט אויף מאַן קעגן ווייב.

זיצט פֿאַנדרע גאַנצענע טעג אַן אָנגעכמורעטער אין צעך און קען נישט פֿאַרגעסן, ווי אַזוי מערע האָט באַוויינט קושקע בראַנד ביי דער חרובער קאַזאַרמע... און מערע איז שטאָלץ. מערע איז ברוגז וואָס נח

פֿאַרשטייט דאָס אַזוי גראָב, וואָס ער טייטשט דאָס אויס אַזוי פֿאַלש. דערלאַנגט זי אים דאָס עסן נישט רעדנדיק קיין איבעריקן וואָרט. מער ווי „יאָ״ און „ניין״ הערט פֿון איר נישט בח.

היינט יום־כיפּור צו נעילה, אַז דער גרויסער טומל האָט אויסגעבראָכן אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, האָט זיך דערפֿאַר פֿאַגדרע אַריינגעוואָרפֿן אין ראַטונעק מיט גאָר אַ באַזונדערן ברען. אויסער זיין נאַטירלעכער מסירת־נפש האָט ער עס דאָס מאָל געטאָן ווי אַ מענטש, וואָס וויל עפּעס פֿאַרגעסן, וואָס וויל נישט קומען נעכטיקן אַהיים...

און מערע, ווי גאָר זי האָט דערהערט פֿון מלך „מעבר־יבק״, אַז איר נח גייט ראַטונעק אין שפּיטאָל, אַ נישט־אָפּגעפּאַסטער, אַ נישט־געטרונ־קענער, האָט זי, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, אַרויסגעשלעפּט דעם פּסח־דיקן פֿאַרטוך פֿון קאַמאָד און געלאָזן זיך גיין נאָך מלכן. האָט דאָך סענ־דעריכע די מאַמע גישט געוואָלט לאָזן די טאָכטער איינע אַליין. פֿון אָפּרעדן מערען, זי זאָל נישט גיין אין אַזאַ סכנה, איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן! צו גוט קען זי איר אייגענע טאָכטער... האָט זי פֿון האַרץ־ווייטיק אַרויפֿגעכאַפּט איר אויסגעוואַשענעם סיטצענעם אַנטועכץ, איר געקראָכ־מאַלטע קאָפּ־טיכל, וואָס זי טראָגט נאָר איין מאָל אין יאָר ביים קאָכן און באַקן צו דער גרויסער סעודה אין חברה קדישא. „וואַרט, מאַכט זי, מערע, איך גיי אויך!...״ און אַוועקגעלאָזן זיך ווי אַן אַלטע איינגעדאַרטע ציג נאָך איר קאַפּריזנע ציגעלע...

לכתחילה האָט זי דאָס געטאָן מיט אַ מין פֿאַרביסנקייט, מיט אַ באַ־האַלטענעם שטאָך: „גאַ, דו מיין טאָכטער לאָזט זיך אויף סכנות, איז אָט, די אַלטע מאַמע דיינע אויך!...״ נאָר — אַ מאָדנע זאַך! ווי נאָר זי האָט באַשלאָסן מוסר־נפש זיין זיך צוגלייך מיט איר איידעם און טאָכטער, אַזוי איז איר אַראָפּ אַ בליי פֿון האַרצן. די טיפֿע זאָרג פֿאַר די קינדער, פֿאַרן אייגענעם געזונט, די שרעק פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג — דאָס אַלץ איז קליין געוואָרן, אַוועק אָן אַ זייט. זי האָט אַזש גענומען רייבן זיך די מעשענע אָדערדיקע הענטלעך פֿון אַ מאָדנער אומגעדולד. וואָס גיכער צו טומלען זיך מיט אירע קינדער צוזאַמען, צווישן די מסוכן־קראַנקע, העלפֿן, מינטערן, פֿאַרגעסן...

אין דער פֿאַרע פֿון הייסע צעבערס וואַסער, אינעם געקרעכץ פֿון פֿאַר־בייאיקע, צערייצטע באַפֿעלן פֿון די דאָקטוירים, געשטאַנק פֿון קאַר־באָלקע — האָט פֿאַגדרע פּלוצלונג דערזען מערעס הויכן קאָפּ. איר שמאָלער געזיכט, אונטער דער שטרענג־פֿאַרבונדענער טיכל, איז איצטער איידעלער

געוואָרן, האַרטער; ווי געטאָקט פון מירמלשטיין. אירע סייבעלנע ברעמען איבער די לאַנגע ברוינע אויגן האָבן זיך אַצינד פרום געשלענגלט, מיט אַרויפגעצויגענע ווינקלען, און צוגעגעבן איר חן פון אַ רבנישער טאָכטער. אירע באַוועגונגען זענען געווען קאַרג און באַשטימט. אין אַ גייעם שיין פון פעסטקייט און מסירת־נפש האָט זי אַצינד פּאַנדרע דערזען. און ע ר האָט אַלעמאָל געמיינט, אַז אויסער אים און איר מאַמעלען זעט זי קיינעם נישט, אַז זי פאַרשטייט קיינמאָל נישט דעם גרויסן גליק פון העלפן שוואַכערע, געפאַלענע, פון וואָס ער, פּאַנדרע, ווייסט שוין זינט ער איז געוואָרן אַ שטיקל מענטש. און אָט האָט דאָס זיין מערע־מערייגעלע אויך באַגריפן, זי איז געקומען העלפן אים, מיט אים צוזאַמען זיין.ביידע צוזאַמען... ניין! אַלע צוזאַמען. דאָס שוויגערל איז אויך דאָ, מיט איר האַרטן פּאַרטוכל, מיט אירע פּאַרקאָטשעטע אַרבעלעך.

ווי אַן אָנגעשלאָגענער גלאָק האָט אין אים אויפגעברומט די פּאַרשטומטע ליבשאַפט צו מערען זיין ווייב. און אין איין און דער זעלבער צייט האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אַ טיפע שרעק אין האַרצן, אַ שרעק פאַר מערעס געזונט, פאַר איר לעבן. פונקט ווי אין מיטן לעשן אַ שריפה, וואָלט ער זי דערזען אין ברענענדיקן הויז. עס האָט אים אַזש געגומען קלינגען אין ביידע אויערן פון אַזאַ פּלוצלעכן געמיש פון שרעק און ליבשאַפט און חרטה פאַר זיין ברוגז. וואָרום ער האָט אויך דערפילט, אַז ווען נישט דער ברוגז, זינט קושקעס טויט, וואָלט זי זיך אפשר אַזוי רואיק נישט אַוועקגעלאָזן אין אַזאַ סכנה. אַצינד איז איר אַלץ איינס. עס אַרט איר נישט...

האָט ער אויף איר צעטומלטערהייט אַ גיי־געטאָן מיט אויפגעריסענע אויגן און מיט אַן אויסגעצויגענעם געזיכט:

— דו — דאָ?

— און דו? — האָט אים מערע קיל און אַנטשלאָסן אָנגעקוקט. אָן שום פאַרוואורף אָנגעקוקט, אָן צו־להכעיס. פון איר גראַדן קוק איז פּאַנדרען קלאָר געוואָרן, אַז זי פאַרשטייט אים אַצינד בעסער ווי אַלע מאָל. אַז זי איז ווייט אַצינד פון זידלען אים דערפאַר, וואָס ער שאָנעוועט נישט, נישט זיך אַליין, נישט זיין ווייב... פאַרקערט, זי וויל אַצינד שטיין אין דער זעלבער געפאַר. ווו ער, דאַרטן זי.

— אַוועק, אַוועק פון דאַנען, מערע! — אַזוי האָט זיך פּאַנדרע פאַרמאָסטן אָנצובייזערן זיך אויף איר. און פאַרענדיקט האָט ער מיט געבעט און מיט אַ ציטערדיקן קין:

— מערע! דו ווייסט וואָס... וואָס דאָ טוט זיך?

— איך ווייס! — ענטפערט אים מערע אָפּ שטרענג און געלאַסן. רואיק פאַרקאַטשעט זיביידע אַרבל און גיט זיך אַ קער צו מלך „מעבר־יבק״:

— ר׳ מלך, ווו ליגן דאָ די ווייבער?

איז פאַנדרען מער גאָרנישט נישט געבליבן, ווי אַ כאַפּ־טאָן דעם גרויסן טשאַן מיט קאָכעדיקע וואַסער, וואָס צוויי באַלעגאָלעס האָבן געטראָגן. ווי אַ לייכטע שעפל אין באָד האָט ער דאָס אַ כאַפּ געטאָן פוןביידנס הענט און איינער אַליין אַוועקגעטראָגן צו די שווערע חולאים. און באַלד האָט זיך דערהערט זיין מינטערן די קראַנקע און זיין קאָמאַנדעווען איבער זיינע חברים פון צעך:

— נישקשה, טייערינקער, לאָזט זיך נאָר איין ווייל‏עצקע!... בערל, גיב נאָר אַהער די מאַטשאַלקע!... ס׳וועט אייך באַלד בעסער ווערן, אָט וועט איר זען!... רייב, רייב יאָשע, שלאָף נישט!... דעם דאָקטאָר רופט אַהער־צו, דעם דאָקטאָר!... נישקשה, טייערינקער! —

דער געראַנגל מיט דער מגיפה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן.

2.

די פּאָר טעג, צווישן מוצאי יום־כיפור און די ערשטע צוויי טעג סוכות, זענען געווען די ערגסטע. די לייכטע סימנים פון חולאת ביי אַ סך מענטשן אין שטאָט זענען געוואָרן בולטער, שאַרפער. די נישט־גוטקייט איז איבערגעגאַנגען אין קאָנווולסן און אין ברעכן מיט ווייס־מוטנע וואַסער, ווי פון אָפּגעקאָכטע רייז, אין אַ העלישן דורשט, אין מוראדיקע שמערצן אין די ליטקעס און אין אַ הייזעריקער, פאַרלאָשענער שטימע. דאָס אַלץ איז אויף די חולאים אָנגעקומען אַזוי אימפּעטיק, אַז מ׳האָט שוין מער נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן יידן און גויאים. צום יידישן שפּיטאָל אויף דער „פּאָזניע״ האָט מען געפירט ערלים אויף אויסגעבעטע פורלעך, און צום גויאישקן — ערגעץ־ווו ביי די קאָכעלניעס אויפן ברעג דניעפּער — האָט מען געטראָגן יידן. ווו נעענטער עס האָט איינעם אָנגעכאַפּט, אַהין האָט מען אים געבראַכט.

אוגערקעס און קרויט און קירבעס, וואָס זענען אַלע מאָל, אין שפּעט־האַרבסט, געווען דער עיקר פון אַלע פּאַטראָוועס ביי אָרעמע לייט אַזוי ווי ביי באַלעבאַטים, זענען געוואָרן סם־המות. „עסט נישט קיין קרויט און קיין אוגערקעס!״ איז אַרויס אַ קול־קורא אין שטאָט. נאָר וועמען ליגט עס

אַצינד אין קאָפּ עסן!... פון דער צווייטער זייט שרייען די דאָקטוירים מ׳זאָל זיך נישט אָפּלאָזן. מ׳זאָל נישט לאָזן איבערחלשן דאָס האַרץ. איז וואָס־זשע זאָל מען עסן? טרוקן ברויט אויפן ניכטערן האַרצן? גיי, דערגיי אַ טאָלק וואָס מ׳זאָל דאָ טאָן!

ווייבער זענען געלעגן איינגענורעט מיט די קעפּ אין די אָפענע ארון־קודשן און געיאָמערט. אין יעדער שטוב איז געווען אויף וועמען צו וויינען און אויף וועמען בעטן רחמים. אין מיטן דער שטילער שמונה־עשרה און בשעת קריאת־התורה רייסן זיך אַריין פאַרשלייערטע יידענעס אין די בתי־מדרשים, און מיט זייערע ווילדע יללות מאַכן זיי פאַרגליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן פון אַלע דאַוונער. אַ סך פון זיי באַקומען בויך־דרייעניש גליין אויפן אָרט. האָט דאָס געדויערט אַזוי לאַנג, ביז מ׳האָט געפונען אַ יידענע געחלשט צום טויט, מיטן צעפלאָשעטן קאָפּ אין אָפענעם ארון־קודש. איז אַרויס אַן אזהרה פונעם רב און פון מורה־הוראה און פון דיין מ׳זאָל מער קיינעם נישט לאָזן יאָמערן אין ארון־קודש, אין קיין בית־מדרש נישט; מחמת ס׳איז אַ סכנה. האָבן זיך די יידענעס אויסגעזוכט אַן אַנדער אָרט ווו אַראָפּצווויינען פון האַרצן. זיי זענען אַוועק רייסן קברים אויפן גוטן אָרט, וואַרפן רויע שטיקער ערד איבער די קעפּ, שטופּן ציינדלעך קנאַבל אין מצבות־שפּעלטעלעך פון אַמאָליקע נפטר־געוואָרענע צדיקים און רבנים און נאָך אַזעלכע מיני סגולות.

אַ סך שווערער ווי ביי יידן איז אָנגעקומען דער גערעַנגל מיט דער מגיפה צווישן גויאים. די פּראָסטע גויאישע באַפעלקערונג אין שטאָט און אין די נאָענטע דערפער האָט געהאַלטן אין איין היילן די „אוטראָבע״ (איינגעווייד) מיט פעפערדיקן ספּירט, מיט שלינגען הויפּנס זאַלץ און מיט שטאַרקע טראָפּנס. און די דאָקטוירים האָבן זיך געבייזערט, אַז דער שטאַרקער בראָנפן שוואַכט אָפּ דאָס האַרץ און די הויפנס זאַלץ און פּעפער — דעם מאָגן, צוויי אינעווייניקסטע כלים, וועלכע מען דאַרף האַלטן געזונט און ריין צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער כאָליערע. אַ סכנה איבער־צומאַטערן זיי! אָנשטאָט אַזעלכע באַבסקע מיטלען האָבן זיי די גויאישע חולאים געזעצט אין הייסע פוס־בעדער און געגאָסן קאַלט וואַסער איבערן רוקן, געפּאָיעט מיט קילן טיי. דאָס האָט די גויאים אויסגעזען פאַרדעכטיק. פאַר אַזעלכע עצות האָט מען קראַל דעם דאָקטאָר שיעור נישט צעריסן אויף שטיקער. ער איז נאָך דערצו געווען נישט גענוג פאַרזיכטיק צו שרייען און קאָמאַנדעווען, ווי זיין שטייגער איז, מיט רוגזה און מיט גאווה, אָנשטאָט צו רעדן בנעימותדיק און דערקלערן, ווי דאָקטאָר חישין

איז זיך נוהג. האָט דאָס געווירקט ווי זאַלץ אויף אַ פרישער ווונד. „אַך, זשיד!" איז די גויאישקע יוכע אויפגעקאָכט געוואָרן, „די אונדזעריקע ווילסטו אָפּסמען?"... און מען האָט אים געגומען געבן „טרוקענע", די ברילן צעבראָכן אים, דאָס היטעלע צעפּליקט, אַ האַנט אויסגעלונקען אים. ווען נישט דער נייער פּריסטאַוו מיט די דעסיאַטניקעס וואָלט פון קראָלן און פון זיין גאַנצן האָנאָר קייןביינדעלע נישט געבליבן. פאַר די „קנעפּ־לעך" האָט מען זיך דערשראָקן. די חיהשע פּאַרקראַמפּטע לאַפּעס האָבן זיך אָפּגעלאָזן.

מער ווי פאַר די אַלט־באַקאַנטע דיעסאַטניקלעך — ליקשיי און האַוור־רילאָ, האָבן גויאים דרך־ארץ געהאַט פאַרן נייעם באַגלייטער זייערן, מיט דער צעקרימטער באַק און מיט דער צעמזיקטער נאָז, וועלכן מ'האָט מיט עטלעכע טעג צוריק משלח געווען פון יידישן שפּיטאָל. אין גאַנץ שטאָט האָבן שוין גויאים געוווסט, אַז דאָס האָבן אים זשידעס־קראַמאַלניקעס אַזוי מכבד געווען, בשעת דער אַבלאַווע. אינעם נייעם פּאָליציייאישן גאַרניטער, מיט אומבאַקאַנטע „באַשיווקעס", אין וועלכן ער איז אַציַנד אַריינגעקראָכן, האָט ער אויסגעזען ווי אַ שרעקעניש אין אַ מונדיר און ווי אַ שטיק פאַרקערפּערטע שנאה צו יידן, וואָס נישט היינט — מאָרגן וועט זי אויפ־ברויזן, אויפרייסן ווי פּולווער. און דאַן, ברידערלעך פּראַוואָסלאַוונע, וועט מען זיך שוין, פאַר די איינע און די זעלבע הוצאות, אָפּרעכענען מיט די קראַמאַלניקעס, מיט די דאָקטוירים און מיט אַלע פּאַהאַנע יידן אין שטאָט. דערוויל, ברידערלעך, זאָל זיין שטיל!...

ס'איז געווען עפּעס אַ שטומער אָפּמאַך צווישן אָט דעם נייעם „קנעפּל" און די צערייצטע גויאים אין אַלע הינטערגעסלעך. ער האָט געמונטערט מיט זיין מוטנעם קוקן פון אַ וואַסער־שרץ, געגעבן האָפענונגען... און זיי האָבן אים מיט אַן ענלעכן קוקעלע אָפּגעענטפערט:

— קענסט זיך אויף אונדז פאַרלאָזן!

אַזוי אַרום האָט דער פּלוצלעכער אויסברוך פון דער מגיפה אין שטאָט געהאַט אַ דאָפּלטע ווירקונג. ביי די גויאים האָט זי אויפגערודערט אַלע טרפהנע בלוטן, אַלע בייזע פאַרדאַכטן פון אַמאָליקע ווילדע צייטן, אפשר פון מיטלאַלטער אָן... און ביי יידן האָט זי אויפגעוועקט דאָס בעסערע און דאָס ווייכערע: תפילה און תשובה און צדקה און שרעק... שרעק פאַר גאָט, שרעק פאַר דער קראַנקהייט, שרעק פאַר בייזע שכנים. מיט דעם נאַטור־געפיל פון אַ פאַריאָגט פאָלק, האָבן זיי גלייך דערשמעקט די טיפע שנאה און קנאה, וואָס די מגיפה האָט צערייצט אין די גויאישקע לעדערנע

הערצער. האָבן זיי זיך דערפֿאַר פֿאַרטאַיעט, גיכער צוגעפּאַסט זיך צו דער סכנה, וואָס לויערט אויף זיי אַרום און אַרום. די יללות צווישן די קברים אויפֿן גוטן אָרט האָבן אין אַ פּאָר טעג אַרום אויפֿגעהערט. אָן איבעריקע רייד און אַסיפות האָבן זיך אַלט און יונג פֿאַרבונדן. באַלעבאָסטעס און דינסט־מיידלעך זענען געוואָרן די זעלבע יחסנטעס. און טאָג ווי נאַכט איז אַוועק אַ קאָכעניש פֿון וועש, אַ רייניקונג פֿון בעטן, אַ בריעניש פֿון כלים. אַן אמתער כאַליערע ערב־פּסח. מיטן זעלבן אימפּעט געלאָפֿן נאָך רפֿואות און געגנייט תכריכים פֿאַר די אַוועקגעשטאָרבענע. און געפֿאָלגט יעדן ווינק פֿון דאָקטאָר און פֿון פֿערשעל.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז צווישן די קראַנק־געוואָרענע יידן איז דער פּראָצענט טויטע שטאַרק געפֿאַלן און ביי די גויאים — געשטיגן. דאַרף מען האָבן אַ בעסערע ראיה, אַז יידן זענען יד־אחת מיט זייערע דאָקטוירים? נאָך פֿינצטערער זענען די גויאים געוואָרן, ווען דער נייער פּריסטאַוו מיט זיינע סטראַזשניקעס האָבן גענומען צווינגען די פּראַוואָסלאַוונע אָפּצופֿירן די שווער־קראַנקע אין די צוויי שפּיטאָלן, נישט אויסבאַהאַלטן קיין חולאים און נישט זאַראַזשען די הייזער. איז געוואָרן אַ צייןקריצעריי און אַ געשושקע, אַז די פּאָליציי אין שקלאָוו איז אויך אונטערגעקויפֿט פֿון יידן, מ׳זאָל אַוועקנעמען אַלע פּראַוואָסלאַוונע און אָפּסמען זיי מיט זשידאָווסקע רפֿואות.

כדי צו באַרויקן די צעקאָכטע געמיטער און איינשטילן די שוואַרצע פֿאַרדאַכטן, האָט דער נייער פּריסטאַוו קיין אַנדער עצה נישט געפֿונען ווי אַוועקשיקן דאָס סאַניטאַרע וועגעלע מיט וואַפֿנע איבער די יידישע גאַסן. און זאָלן פּראַוואָסלאַוונע זען, אַז יידן און גויאים זענען ביי פּראַוויטעלסטווע גלייך. אויב מאַכן אָרדענונג איז ביי אַלעמען גלייך. און אויב וואַפֿנע און קאַרבאָלקע זענען סם, טאָ זאָלן זיך אַלע אָפּסמען. אַלע גלייך.

איז נאָך גוט, אַז דער פּריסטאַוו אַליין גייט נאָך נאָכן וועגעלע, צי דער אוריאַדניק. זיי האָבן נאָך אַ ביסל רחמנות. ווי איז אָבער דער דין, אַז מיטן וועגעלע לאָזט זיך אַוועק דער מאָהליווער זשאַנדאַרניק — טרישקאָ איז זיין מיאוסער נאָמען — דער זעלבער נייער „קנעפּל״, וועלכן די צייציליסטן האָבן אויסגעקרימט אַ באַק? דאַמאָלסט, זעט איר, איז שלעכט. טרישקאָ, ימח־שמו זאָל ער ווערן, רעכנט זיך אָפּ פֿאַר דער באַק. ער גיסט וואַפֿנע און קאַרבאָלקע ווו מען דאַרף און ווו מען דאַרף נישט. צי געווען אַ קראַנקער אין שטוב, צי נישט געווען. ער שפּריצט מיט ווייסן

און שוואַרצן סם אויף טיש און אויף בענק. ער מאַכט קאַליע בעטגעוואַנט. ער ברענט אויס פלעקן אויף שפיגלען. ער שטעלט אָפּ אַלטע ירושה־זייגערס. ער פאַרפּאַסקודיעט שבתדיקע קאַפּאָטעס און קליידלעך. שוואַרצע געווענ־טער פאַרשפּריצט ער מיט ווייסן סם און ווייסע — מיטן שוואַרצן. און גיי שריי חי־וקים! מ׳האָט געפּרוווט שרייען, האָט דאָס נישט געהאָלפן. מ׳איז געלאָפן צום ראַבינער דאָקטאָר חישין, האָט ער זיך צעפּאָכעט אויף דער דעפּוטאַציע מיט ביידע הענט. אַליין געל ווי וואַקס האָט ער אויף זיי אויסגעלופּעט צוויי איינגעזונקענע אויגן:

— מער ווי דאָס ליגט אייך אַצינד אין קאָפּ ניט? ווי?

האָט מען דערזען באַשיינפּערלעך, אַז ס׳איז אַ שטילער פּאָגראָם, אַקעגן וועלכן דאָקטאָר חישין דער שתדלן קען זיך אַצינד אויך נישט שטעלן. און אָפּ־מאַך אַזאַ צווישן פּריסטאַוו און טרישקאַ — דעם געשלאָגענעם זשאַנדאַרניק פון מאָחליוו. טרישקאַ, הייסט דאָס, זאָל זיך דערוויילע־וואָס קילן דאָס טרפהנע האַרץ פאַר דער צעמזיקטער באַק און זאָל, דערווייל־וואָס, אויסלאָזן זיין גיפט צו יידיש האָב און גוטס, אַז נישט, קען ער נאָך קריגן די פּאָפּלעקסיע.

האָט מען דאָס אויך אַראָפּגעשלונגען און געשוויגן. צו וועמען, ברוך־השם, זאָל מען זיך ווענדן אין אַזאַ מהומה? אַז די בעסטע כוחות אין שטאָט זענען פאַרנומען. די שטאַרקסטע יונגען — פאַרהאַוועט. אַזאַ באַשי־צער ווי נח פּאַנדרע האָט אַצינד אויך איין איינציקע מלאכה: אָפּרייבן פאַרבייאיקע יידעלעך און יידענעס. מיגטערן האַלב־טויטע אין לעבלעכע און הייסע וואַנעס. און גאַנצענע טעג און נעכט זעט מען אים אַפילו נישט אַרויסגיין אויף דער גאַס.

3.

וואָס אַ טיפע שרעק קען מאַכן פון אַ שטאָט אין עטלעכע טעג! אָט דאָ, מיט אַ וואָך צוריק, האָבן זיך נאָך געטומלט חסידים און מתנגדים. נישט געקענט אויסקומען צווישן זיך. געשלאָגן זיך איבער אַ כפרה־האָן. ציציליסטן האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן באַלעבאַטים; און באַלעבאַטים האָבן זיך געריבן די הענט וואָס דער נייער פּריסטאַוו האָט זיך אַ נעם געטאָן פאַר אַזעלכע חברה־לייט... „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ" האָט גע־שאַרפט די ציין אויף יאָשקע דעם שערער. חושד געווען אים צו האָבן אַ האַנט אין דער „אַבלאַווע". און יאָשקע דער שערער האָט זיך געקליבן פאַרמסרן נח פּאַנדרען, פאַרוואָס יענער האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון

שטוב. און אַז די שנאה און שנאת־חנם איז דערגאַנגען אין שטאָט גאָר־גאָר ווייט, האָט זיך פּלוצלונג אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש אין טיש אַריין. אַ פייערדיקער פּאַטש פונעם רבונו של עולם אַליין:

— שטיל זיין זיין, יידעלעך! פאַרן טויט זענט איר אַלע גלייך...

און ס'איז געוואָרן שאַ־שטיל. די מומעשע כאַליערע איז אָנגעקומען צו גאַסט. מיט לעכער אָנשטאָט אויגן און מיט ביינער אָנשטאָט אַ פּנים. אין גאַנצן פאַרוויקלט אין טראַנטעס פון תכריכים און פאַרשלומפּערט מיטן וואַפּנע און קאַרבאָלקע און מיט שליים פון קראַנקע, מיט אַ פלאַש הייסע וואַסער צוגעדריקט צום פוסטן האַרצן. אַזוי האָט זי זיך אַרומשפּאַ־צירט טאָג ווי נאַכט איבער די חושכדיקע געסקעס און אַלץ געקרעכצט און געקלאָגט זיך:

— האָט רחמנות, מיר איז קאַלט!

איר אָטעם האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פוילעניש פון זומפּן ביי דער אָזערע און מיט עטער־טראָפּנס...אַ נישט־גוטקייט און אַ מוראדיקע שפּלקייט איז באַפאַלן יעדן, וועלכער האָט דערשפּירט איר אָטעם, אַ דרייעניש אין בויך און אַ שטעכעניש אין אַלע ווייכע טיילן פון לייב, און מיטן זעלבן הייזעריקן קולכל, ווי זי אַ ל י י ן, האָט זיך יענער גענומען קלאָגן:

— מיר איז קאַ—אַלט! ראַטעוועט מיך!

און פון איינעם צום צווייטן האָט זיך דאָס געקלעפּט און פון צווייטן צום דריטן, ווי אַ מאַסן־געזעץ:

— מיר איז קאַ—אַלט!

ערשט אַצינד האָבן שונאים גענומען טאָן דאָס, וואָס זיי האָבן פאַר־געסן פאַר ראש־השנה און ערב יום־כיפור: זיי האָבן זיך גענומען אי־בערבעטן.

און איבערבעטנדיק זיך געווינשעוועט איינער דעם צווייטן, אַז שמחת־תורה, אם ירצה השם, דעם הייניטיקן שמחת־תורה זאָל מען... זאָל מען... זען געזונטערהייט. פון טאַנצן צוזאַמען בשעת די הקפות האָט מען זיך אַפילו נישט דערוועגט צו קלערן. אַזוי פאַרקלעמט און פאַראומערט זענען געווען אַלע געמיטער.

אויפגעקלערטע איידעמלעך אויף קעסט זענען פרומער געוואָרן און געזאָגט תהילים. פון חסידים איז שוין אָפּגערעדט. מען האָט זיך געגריבלט אין הויפּנס עבירות ווי אין מיסט. געזוכט, טאָמער האָט זיך דאָרט פאַר־וואַלגערט אַ פערל, אַ מצווהלע. ס'איז דערגאַנגען ביז צו קוריאָזן. מ'האָט דאָס דערנאָך אַ נאָמען געגעבן „כאַליערע מצוות", „כאַליערע פרומקייט".

גייט זיך אַזוי, למשל, חול־המועד שבת פאַרנאַכט עליע דער שוחט אויף דער „פאַזניע". נישט שפּאַצירן חס־ושלום. שבת נאָך מנחה שפּאַצירט מען נישט. אָדער מ׳זאָגט תהילים אין בית־מדרש, אָדער מען הערט חסידישביים מורה־הוראה אין שטוב.

אָבער אין אַזאַ תוכחה, ווי עס האָט זיך איצט אויסגעגאָסן אויף שטאָט, איז מען דאָך ברוך־השם פּטור פוןביידע זאַכן. די דאָקטוירים הייסן וואָס ווייניקער צוזאַמענקלייבן זיך אויף איין אָרט און דער פּריסטאַוו גיט אַכטונג. דרייט ער זיך נאָר דאָ אַרום, עליע דער שוחט, צווישן דער חרובער קאַזאַרמע און צווישן יידישן שפּיטאָל, כדי צו הערן־זען, וואָס עס מאַכן באַקאַנטע חסידים פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, וועלכע מ׳האָט ערב שבת, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, אַוועקגעשלעפּט אויף טראָג־בעטלעך... ער וואַרט טאָמער וועט זיך אימיצער באַווייזן אויפן גאַניק פון שפּיטאָל, וועט ער אַ פרעג טאָן און וועט — יוצא זיין דערמיט פאַר דער מצווה פון ביקור חולים.

אויסיגעפּוצט איז עליע דער שוחט, ווי אַלע מאָל שבת, אין זיין אַט־לעסענער קאַפּאָטע. און די רויטע פאַטשיילע זייבע, וואָס אַלע מאָל שטעקט זי ביי אים אַרויס פון דער הינטער־קעשענע, איז ביי אים אַצינד אַרומ־געבונדן אַרום די באַאַטלעסטע לענדן מיט אַ גרויסן קנופּ אויפן בויך. אַ חשש (אַ מורא) טאָמער האָט ערגעץ־ווו געפּלאַצט דער עירוב, טאָר מען אום שבת נישט טראָגן אַפילו אַזאַ „משא" ווי אַ רויטע פאַטשיילע. איבער דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע איז אים אָנגעוואָרפן אַ קירצערע, אַ געווענטענע קאַפּאָטע. נישט אָנגעטאָן אויף די אַרבל, נאָר אָנגעוואָרפן ווי אַ „דעליע". די פּוסטע געוועטענע אַרבל באַמבלען זיך. די פאַטשיילע רויטלט זיך אונטער איר ווי אַ פלאַם. דאָס איז ר׳ עליעס באַקאַנטער הילוך אום שבת.

באַזאָרגט און פאַרטראַכט ווי ער איז, זעט ער ווי די סטאַדע קומט אָן איבער דער „פאַזניע" פון דעם אונטערבאַרגער שליאַך. מיט אַ מעקען פון ציגן קומט זי און מיט אַ רעוווען פון קי און מיט אַ טאָפּטשען פון קלאָען און מיט זיילן שטויב. דער לעבעדיקער שטראָם פון בהמות שלאָגט זיך אָפּ אָן געמויערטן ווינקל פון דער אַלטער קאַזאַרמע און צעשפּאַלט זיך אויף צוויי וועגן. איין טייל גייט אַוועק אויף דער בעווסקער גאַס, רעכטס; דער צווייטער — צום פּוסטן מאַרק צו. שטייט ער אַזוי ר׳ עליע דער שוחט אין וואָלקן פון שטויב, ציט זיך אַ האָר פון באָרד און באַ־וווּנדערט דעם שכל פון גאָטס באַשעפעניש, וואָס יעטווועדער קו ווייסט

דעם קירצסטן וועג ווי צו גיין אַהיים... דערמאָנט ער זיך אָן אַ פּסוק און צעבאַמקעט זיך מיט אַ פאַנפאַטן ניגונדל: אַי, באַ־באַ־באַם. „יודע שור קונהו וחמור איבוס בעליו"... עס קען אָן אָקס זיין קויפער און אַן אייזל דעם זאַשעק פון זיין באַלעבאָס. „ישראל לא יודע עמי לא התבונן"... מיין פאָלק ישראל ווייסט נישט. מיין פאָ—פאָ—פאָ... זע... אוי וויי!

וואָס עפּעס „אוי וויי"? אין מיטן איינטייטשן דעם פּסוק דערפילט פּלוצים ר' עליע אַ שטויס און אַ הויב־אויף. ערד און הימל גיבן זיך אַ דריי אינעם שטויב. און אַליין שווימט ער ערגעץ־ווו — ר' עליע דער שוחט...

איידער ער קומט צו זיך, טראָגט אים שוין דער גרויסער בוהאַי פון סטאַדע אויף די הערנער. ר' עליעס רויטע פאַטשיילע האָט אים לכתחילה צוגעצויגן און צערייצט. אַצינד איז אים עפּעס מיט אַמאָל פינצ־טער געוואָרן אין ביידע בייקישע אויגן... מו—וה!

מאַכט עליע דער שוחט קודם כל קולות געוואַלדן איבער דער גאַנצער גאַזגיע, ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך שרייט ער:

— געוואַלד, יידן, ראַטעוועט! איך פאַר אום שבת!

אויף זיינע מאַוימדיקע געוואַלדן לויפט מען זיך צוזאַמען פון די נאָענטע הייזער. גח פאַגדרע לויפט דער ערשטער אַרויס פון יידישן שפּיטאָל.

ווי פינצטער די געמיטער זענען נישט געווען אין אַזאַ צייט, האָבן פונדעסטוועגן עליע דעם שוחטס קולות ארויסגערופן אַ געלעכטער. בפרט אַז דער זעלבער ר' עליע, וועלכער איז אַזוי באַקוועם „געפאָרן אום שבת", איז אָפּגעקומען מיט בלויזן שרעק, מיט אַ ריס אין דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און מיט אַ סך געוואַלד־ריסן אין דער געווענטענער. ס'איז געשען אַ נס און די געווענטענע קאַפּאָטע, אָן די אָנגעטאָנענע אַרבל, איז אַראָפּ־געפאַלן דעם בוהאַי איבערן קאָפּ און פאַרשלייערט אים ביידע אויגן. איז דער בייק אין גאַנצן צעטומלט געוואָרן, געמומען בויטשען מיט די הער־נער, אַראָפּגעוואָרפן דעם געפאַנגען־גענומענעם שוחט און אָוועקגעלאָזן זיך אין הייסן גערעַנגל מיט דער פלוצלעכער אָנשיקעניש אויפן קאָפּ... ער האָט גענומען טאַנצן און מאַכן קאָזשאָלקעס ווי אַ קעלבל, בריקען מיט די הינטערשטע פיס און שטויסן בלינדערהייט אויף רעכטס און לינקס מיט די אומגעלומפערט־פאַרשלייערטע קאָפּ און הערנער. די צוויי פוסטע אַרבל האָבן זיך געבאַמבלט, ווי די אָרעמס פון אַ קונצן־מאַכער, ביז דעם בוהאַי איז געלונגען אַראָפּצושליידערן פון זיך אַזאַ שוואַרצן כישוף.

ערשט דאַמאָלסט האָט ער זיך גענומען נוקם זיין אָן ר׳ עליעס געוועגטע־נער דעליע. ער האָט זיך אין איר נוקם־געווען פאַר זיין חרפה אין די אויגן פון אַלע שקלאָווער בהמות און פאַר אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. צעשטאָכן און צעלעכערט האָט ער זי און צעטאָפּטשעט מיט די קלאָען. ביז ער האָט געקראָגן מיט שטיק ציגל אין בייקישן קאָפּ אַריין און געמאַכט אַ ויברח.

געבליבן איז אָבער פון דאַמאָלט אָן אַ ווערטל אין שקלאָוו. אַז מ׳וויל אָפּלאַכן פון כאַליערע־פֿרומקייט זאָגט מען:

— יידן ראַטעוועט אים! ער פּאָרט דאָך ווי עליע דער שוחט אום שבת...

„כאַפּעטיטו ניעמאַ”!

1.

טאָמער ווייניק די פאַרביסענע שנאה פון אייגענע שטאָטישע גויאים, דאַרף זיך נאָך שמחהלע טורערו פאַרגלוסטן אָנצומאַכן בלוטיקע שונאים אין מאַקאַראָווקי — אַ דאָרף, וואָס האָט אַלעמאָל געלעבט מיט שקלאָוו, ווי אַ שטוב מיט אַ קאַמער. און וועמען דאַרף ער, דער ערשטער, זאַטשעפּען?... נישט קיין אַנדערן ווי מיקיטאַן — אַ בעל־גוף אַן ערל, ביי וועלכן ער אַליין האָט גוט אָפּגעגעסן, גייענדיק, מיט פאַנדרען פון אָסטראָג.

שמחהלע האָט נישט געקענט פאַרגעסן, אַז מיקיטאַ און קאַטערינושקאַ זיינען שיקסע זענען מיט אים געווען קידער־ווידער, בשעתן אַאוקציאָן אויף דער ווייסער כפרה, ערב היינטיקן יום־כיפור ביי דער הרעבליע. צו זייער פויערישן וואָגן האָבן זיי אים אַפילו נישט געוואָלט צולאָזן. עס האָט אים געברענט און געבראָטן, שמחהלען, וואָס מיקיטאַ קויפט ביי אים מער נישט קיין זאַדיק־פלייש. אַזאַ גוטער קונה ווי ער איז אַלעמאָל געווען! און גראָד איז מיקיטאַ די לעצטע טעג געוואָרן אַ גרויסער איינקויפער אין שקלאָווער קראָמען. כמעט אַלע טאָג פאָרט ער אַראָפּ מיט זיין פורל פון מאַקאַראָווקי, און דער גאַנצער כאָליערע־טומל אין שטאָט אַרט אים אַפילו נישט. ער האַלט ביי חתונה־מאַכן קאַטערינושקאַן מיט דאַנילאַן איר חתן — אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט. איז אָט זעט מען אים ביי די שניט־קראָמען און אָט — צווישן די בשמים־קרעמלעך. שטיקער געלט לייזן לייט ביי מיקיטאַן: און אין דער יידישער יאַטקע שמעקט ער אַפילו נישט אַריין.

שמחהלע טורערו שטויסט זיך עפּעס יאָ אָן, אַז מיקיטאַ האָט דאָ געמוזט עפּעס דערשמעקן, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין מאַקאַראָווקי אויפן שפּייכלער מיט היי, צווישן זיין בת־יחידקע און צווישן איינעם פון די אָסטראָזשניקעס... נאָר וואָס איז ער שמחהלע שולדיק, וואָס פאַנדרע האָט

זיך דאַמאָלסט צעיושעט ווי אַן אָגער און אָפּגעטאָן מעשים? ער, שמחהלע, איז גאָר דאַמאָלסט געשלאָפן אין גערטל און ווייסט פון גאָרנישט. העט, אַן איינפאַל פון אן ערל! זיין שיקסע האָט זיך „צעלאָזן” איז שולדיק די יאַטקע...

דאָס האַרץ איז ביי שמחהלען געוועז נישט־רואיק אויף דערפאַר, וואָס בשעת זיין גראָב־יונגישן אָפּשלאָגן כפרות מיט מיקיטאָס האָן, אויף צו־להכעיס אַלע איבערקויפער אויפן שליאַך, האָט אים אַ דאַרער, צאַפּלדיקער מתנגד געשאָלטן:

— אויף דיין קאָפּ זאָל עס פאַלן!..

ער, שמחהלע, איז אַפילו גאָר אַ קנאַפּער פרומאַק. און אַלס אַ חסידס אַ זון אַרט אים אַוודאי נישט, צי אַ כניאַק אַ מתנגד איז אין כעס פאַר זיין פאַרשוועכן דעם רבס כפרה, צי נישט... אָבער די בהלה וואָס האָט אין מיטן יום־כיפור אויסגעבראָכן אין שטאָט, מיט די געוואַלדן און חולאתן, האָבן אויף שמחהלען געווירקט אַזוי, אַז די ברענענדיקע אויגן פונעם צאַפּלדיקן מתנגד און זיין שילטן זיך, זאָלן זיך ביסלעכווייז איינ־עקבערן אין קאָפּ, אונטער דער פאַרשמאַלצוואַטער באַראַשקענער היטל, און זאָלן ביי אים אַרויסרופן אַ מרה־שחורה: המ... אפשר טאַקע געוועזן אַ נאַרישקייט צו טשעפּען זיך מיט דעם רבס כפרה!... אין אַלץ איז שולדיק דער ערל פון מאַקאַראַווקי!... ווען נישט אָט דער מיקיטאַ, אין זיין מאַמען אַריין! וואָלט ער אַזאַ זאַך נישט אָפּגעטאָן. מיקיטאָס ברוגזער פּרצוף־פּנים, דערנאָך דאָס פויערשע גלוסטעניש וואָס האָט זיך אים פאַר־גלוסט, אָפּצונעמען פאַר איין האָן צען זילבערנע רובל, האָבן אים, שמחה־לען, דאַמאָלסט צעקאָכט און צעזאָדן...

נו, צו מרה־שחורה איז דאָ אַן אויסגעפּרוווטע רפואה. אַ ביסל בראָנפן! האָט שמחהלע גאַנץ פיין אויסגענוצט די דאָזיקע רפואה. און אַרייננעמענ־דיק אין זיך דאָס גוטע ביסל משקה געזידלט די מתנגדישע כניאַקעס, דעם דאָרן מתנגד, מיקיטאָן, להבדיל, דעם ווייסן האָן זיינעם, וועמעס ביינדלעך עס זענען שוין, מסתמא, אויף דער ווייסער וועלט נישטאָ, די כאָליערע אין שטאָט, דעם נייעם נגיד...

— אָט! — אַזוי האָט זיך שמחהלע אויסגעטענהט מיט זיך אַליין, — אָט אָפּגעקרענקט איבער אַ יאָר אין אָסטראָג, פאַר דעם נייעם נגידס שטאַל, און גאָרנישט!... אַ מינוט, אין זייער מאַמען אַריין, לאָזן „זיי” נישט רוען, לעבן לאָזן „זיי” נישט...

און דעם ערשטן טאָג חול־המועד סוכות, נאָכן אויסטרינקען אַ גאַנצע

„האַלבע קווערטל", גייט שמחהלע אַרויס אין אויסגעשטאַרבענעם שקלאַ־ווער מאַרק אויסלופטערן זיך אַ ביסל. די ווייסע כפרה פּיקעט אים אין קאָפּ און די מחשבות זיינע זענען פינצטער. דערזעט ער מיקיטאַן, קאַטע־רינושקאַן זיין טאָכטער און איר חתן, ווי זיי זיצן זיך אַלע זאַלבעדריט אין אויסגעבעטן ברייטן וואָגן, ווי גרויסע עופות אויף אייער. דאָס פרישע שטרוי לויכט אונטער זיי. טאַטע און טאָכטער זענען יום־טובדיק אויסגע־פּוצט. דער טאַטע אין אַ שוואַרצן שטאָטישן קאַרטוז. קאַטערינושקאַ אין איר געבלומטן קאָפּ־טוך מיט איר רויטער קאַצעווייקע אָנגעצויגן אויף אירע הויכע בריסט. פּונקט אַזוי ווי זי איז געווען אָנגעטאָן איידער פאַנדרע האָט זי געראַטעוועט פונעם צעווילדעוועטן בוהאַי... און דער חתן אירער מיט די ראַגאָזשע־וואָנסעלעך און מיט די רויטע שפּיציקע באַקן־ביינער — אַ געזונטער דאָרפישער יונג מיט טאַטעריש־שמאָלע אויגן, איז, ווייזט אויס, נישט לאַנג פון קאַזאַרמע אַרויס. ער טראָגט נאָך זיינע אָפּגענוצטע סאָלדאַטסקע פּלודערן פאַררוקט אין די כאַליאַוועס, אַ זעלנעריש היטל אַ פאַרגעלבטס, אָן אַ דאַשעק און אָן אַ קאָקאַרדע. איינע פון יענע היטעלעך, וואָס ווערן געשענקט אויסגעדינטע זעלנער בשעת אָפּלאָזן זיי אַהיים. דאָס אָפּגעטראָגן היטעלע איז אין דער קרום, מעשה־קאָזאַק, אָנגערוקט אויפן גויאישקן אָפּגעשערטן קאָפּ. אפנים כדי קאָקעטירן מיט דער שיינער כלה זיינער... באָר די גאַנצע זעלנערישע פאַרגאַנגענהייט איז שוין האַלב פאַרדעקט מיט אַ נייעם דאָרפישן און קורצן קאָזשוך. און צוגעשפּילעט איז דער רויטער קאָזשוך אויף אַלע קנעפּ, ווי ביי גאָר אַ גרויסן כוואַט. איבער די לעדערנע ברייטע פּלייצעס איז אים אָנגעצויגן אַ שוואַרצער פּאַסעק מיט אַ שווערער האַרמאָשקע — פאַרוואָרפן אויפן רוקן. ס'איז די זעלבע האַרמאָשקע מיט וועמעס טענער ער האָט אַלע מאָל געבראָכן די האַרטע הערצער פון די דאָרפישע שיינ־קייטן. אויפן רוקן שלעפּט ער זי אַרום, די האַרמאָשקע, אפנים כדי נישט אויפהערן צו פילן, אינעם ציווילן קאָזשוך, דעם זיסן יאָך פון אַ זעלנער, וואָס ער קען נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן — מיקיטאַס קומענדיקער איידעם; דעם יאָך פון אַ צוזאַמענגעוויקלטן שינעל מיט אַ פולן בלעכענעם ראַנעץ.

ביי אַלעמען דריי זענען די געזונטע פּרצוף־פּנימער פאַרפרעסן און פאַרזויפן. עפּעס גאָרנישט ווי אין כאַליערע־צייט. אין מיטן וואָגן, צווישן זייערע פיס, שטייט אַ גרויסע אָנגעהויבענע פלאַש בראָנפן אַרומגעלייגט מיט גרויסע פאַרגעלבטע האַרבסט־אוגערקעס, מיט שטיקער שוואַרץ ברויט און מיט גראָבע, ראָזעווע פעניצן חזיר. רייבט מען אַריין און מען פאַר־

טרינקט אַלע דריי פון איין פלעשל. און מען ווינטשעוועט זיך אויפן גויאישן שטייגער און מען האַליובעט זיך און מען צלמט זיך אויף די שפּיצן פון גרינעם קלויסטער אין עק מאַרק.

.2

שמחהלע טורערו כאַפּט אַרום די גאַנצע סצענע מיט זיינע נישט ניכטערע שטעכיקע אויגלעך. מאַכט ער איין טריטעלע נעענטער צום וואָגן און קוקט. מאַכט ער פּאַוואָליע נאָך אַ טריטעלע און האָרכט. מיט פאַרשווומענע קרומלעכע קוקערס נעמט דורך דער אויסגעדינטער יון זיין פריש־באַקנדיקע כלה, גיט אַ צי פון פלאַש, שפּייט אויס אַראָפּ־וואָגן און ווענדעט זיך צום קומענדיקן שווער אַזוי צו זאָגן:

— און אַז איך, דאַנילאָ פון זשלאָבין, קום צוריק פון קאַזאַרמע צום וואָרט־צוזאָגן — פון דער קייזערלעכער סלוזשבע, און נעם אַ ווייב, אין איר מאַמען אַריין, דאַרף זי מיר זיין, אין איר מאַמעס־מאַמען אַריין, אַלץ! פאַרשטאַנען? אַלץ!

מיקיטאַ, דער צוקונפטיקער שווער פון אַזאַ איידעלן חתן, האָט אפנים באַשלאָסן נישט צו אַמפּערן זיך איבער קלייניקייטן מיט זיין צוקונפטיקן איידעם, בפרט אַז זיין כלה־מויד האָט זיך שוין פאַר דער חתונה אַזוי באַנאַרישט... וואָרום ער האָט צום זעלנערס געגאַלטער מאַרדע צוגעשאָקלט מיט זיין גרויער באָרד, וואָס זעט אויס ווי אַן אויסגעריסענער גרויסער רעטעך מיט וואָרצלען, פויעריש־ליבלעך אָנגעקוקט אים מיט די מוטנע אויגעלעך און מיט די שוואַרצע נאָז־לעכער פון קורנאָס און זייער וואָרעם פאַרזיכערט אים.

— פאַרשטאַנען! אַלץ!.. וואָט טיע כרעסט! קאַק־זשע... (ביים צלם שווער איך! ווי דען־זשע?).

אָבער דאַנילאָן דעם אויסגעדינטן זעלנער איז דאָס ווייניק.

— ווילסט אַ באַלעבאָסטע? — גיט ער מיט זיין רויטער לאַפּע אַ זעץ איבער קאַטערינושקאַס פּלייצע — וואָט יאַנאַ יעסט! (אָט איז זי דאָ!).

— אָט איז זי דאָ! — איז מיקיטאָ מסכים.

— ווילסט, לאָמיך זאָגן, פּרימיערנאָ... אַ קעכין? אָט איז זי דאָ!

— אָט איז זי דאָ! — איילט זיך מיקיטאָ צו באַרואיקן דעם זעלנערס גלוסטעניש.

אָבער אַזאַ יחסן ווי דאַנילאָ פון זשלאָביץ, מיט דער האַרמאָשקע אויפן לעדערנעם רוקן, באַגנוגנט זיך אַלץ נישט:

— ווילסט אַ... לאָמיר זאָגן, צום וואָרט זאָל עס געזאָגט ווערן, אַ נייטאָרקע, אַ?

— וואָס, וואָס, וואָס... — העלפט אים אונטער מיקיטאַ.

— וואָס יאַנאַ יעסט! — גיט דאַנילאָ אַ טראַסק מיטן קולאַק אויפן ראַנד פון וואָגן.

— וואָס יאַנאַ יעסט! — דערשרעקט זיך דער קומענדיקער שווער און האַקט אויך אין וואָגן אַריין.

— ווילסט די... אמתע נפקא... — צעקאָכט זיך דאַנילאָ אַלץ מער, — דעם מאַן צו שעצן און קינדער ראַבאָטניקעס צו האָבן... אַ? אָט איז זי דאָ!

טרייסלט מיקיטאַ מיט זיין רעטעכדיקער באָרד און שרייט נאָך העכער:

— אָט, אָט איז זי דאָ!

און קריכט צום טייערן חתן, מיטן גרויסן פאַרנעם, צו האַליובען זיך מיט אים. און דער חתן קריכט, און גאָרנישט מעשה־סטאַטיק, צו האַליר־בען זיך מיט קאַטערינושקאַן. און קאַטערינושקאַ, רויט ווי איר קאַצאַ־ווייקע, כיכיקעט מיט יענעם באַזונדערן געלעכטערל פון דאָרפישע שיקסעס, ווען כלאָפּצעס קניפּן זיי.

קריצט פאַר זיך שמחהלע טורערו מיט די ציין: הען אַ נפקא? זי לאַכט שוין. אַ לאַכעניש איז אויף איר אָנגעפאַלן. זי האָט שוין פאַר־געסן, וואָס אין היי־שפייכלער, אין מאַקאַראָווקי, איז דאָ נישט לאַנג געשען. כאַ־כאַ, מען ווייסט נאָר נישט פון וועמען דער ערשטער „ראַ־באָטניק" וועט זיין. פון אָט דעם שייגעץ צי פון נחקע פאַנדרע...

דאָס גאַנצע באַנעמען זיך פון אָט די דריי באַקאַנטע גויאים אין וואָגן גייט שמחהלען איבערן לעבער. זיי פירן זיך דאָ אויף, אויפן שקלאָווער אָפּגעשטאָרבענעם מאַרק, ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. עפּעס ווי זיי וואָלטן חוזק־חזקות געמאַכט פון דער גאַנצער אימת־מות אין דער יידי־שער שטאָט. ס'הייסט: איר, זשידעס, עסט נישט און טרינקט נישט, אויב איר ווילט, און מאַכט נישט חתונה קיין קינדער. און מיר, מיקיטאָס און דאַנילאָס, אָט עסן מיר און אָט טרינקען מיר און פאַרבייסן דווקא מיט טייערן חזיר און מיט רויע אוגערקעס און ניסן אויף דער גאַנצער זשי־דאָווסקער כאָליערע, אָט וואָס!

צינדט זיך אין שמחהלען אָן אַ העלישער פייער פון אַזאַ גויאישקן נחת־רוח. ער ציט אַראָפּ דאָס שפּיציקע באַראַשקענע היטל זיינע איבער די ממזרשע אויגן, ווי אַלע מאָל ווען ער אַנטשליסט זיך אָפּצוטאָן אימיצן אַ שפּיצל, און מאַכט אַ טראָט נעענטער צום וואָגן.

רייסט קאַטערינושקאַ אַרויס דעם פרישן קאָפּ פון דאַנילאָס באַ־לעדערטן אָרעם און דערזעט, אַז שמחהלע שטייט דאָ אַקעגן און קוקט; דער זעלבער שמחהלע, וואָס איז געווען אַן עדות צו אירע מעשים וואָס זי האָט אָפּגעטאָן אין היי־שפּייכלער, אַ פּאָר שעה איידער איר חתן איז אָנגעקומען פון שטאָט... אַ בייזע רויטקייט באַגיסט איר דעם אַזוי אויך צעהיצטן פּנים. אירע שיינע אויגן צעפּינטלען זיך.

— טאַטקע! — שרייט זי אויף ווי פון אַ בייזן חלום — הליאַדי, ראַזניק! (טאַטע, קוק! דער קצב!).

— טאַביע שטאָ? (וואָס וואָלסטו דאָ?) — שטעלט זיך איין דער חתן פאַר זיין כלה און שווער. ער וויל דאָ שפּילן דעם גרויסן באַשיצער וואָס לאָזט אַ שטויבעלע נישט פאַלן אויף זיינע אייגענע.

פּאַרדרייט שמחהלע אַ האַלבן מויל אָן דער זייט, וואָס דאַרף באַדייטן אַ פריינדלעכן שמייכל, און באַגריסט מיקיטאַן ווי גאַר אַן אָנגעלייגטער גאַסט:

— ברויט מיט זאַלץ, מיקיטאַ־לעבן! וואָס מאַכסטו עפּעס, זעמליאַק!

דער ביסן בלייבט מיקיטאַן שטיין אין האַלדז. ער לאָזט אַראָפּ דעם קורנאָסן נאָז זיינעם אין דער גרוי־פלאַקסענער באָרד און בורטשעט ווי אַ הונט, ווען מען שטערט אים ביים גריזשען אַ ביין. קוים אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן קערט ער אָפּ דעם קאָפּ און שפּייט אויס.

ווערט שמחהלע טורערו אַ האָר נישט נתפּעל פון אַזאַ קבלת־פּנים. ער טראָגט איבער זיין קצבישן שמייכל אויפן צווייטן זייט מויל אויך און שאָקלט זיין באַראַשקענע היטל מיט באַדויערן:

— האַלט זיך, — מאַכט ער — מיקיטאַ! איך זע, אַז עסן עסטו, אָן עין־הרע, ווי אַלע מענטשן, אָבער קיין „אַפּעטיט" האָסטו נישט... קען מיט דיר טרעפן דאָס, וואָס מיט אַלעמען דאָ...

פון אַזאַ געהיימנישפולן וואָרענען אים שפּיצט זיך שוין מיקיטאַ אָן. ער כמורעט אָן די צעפלאַשעטע פּויערשע ברעמען און שרייט גראָבלעך:

— טשאַהאָ?

— „טשאַהאָ" פרעגסטו נאָך? — מאַכט שמחהלע גאַנץ רואיק — האָסט דאָך געהערט פון דער חולאת אין שקלאָאו (שקלאָוו)? האָסט

געזען ווי מען שלעפּט די חולאים אין שפּיטאָל, דערנאָך צום „מאָהילניק״ (בית־עלמין) ? זענען דאָס אַלץ אַזוינע, אַזעלכענע וואָס האָבן קיין „אַפּע־טיט״ נישט געהאַט...

— טשאַהאָ ? — ווערט שוין מיקיטאַ אומרואיק — כאַפּאָ... כאַפּע...

— אַ־פּע־טי־יט ! — ציילט שמחהלע אותיות — זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַפּעטיט. האָט מען זיי דערציילט די מעשה...

— וועלכע מעשה אַזאַ, אַזעלכענע ?

— די טריאַסצע האָט זיי גענומען, דערנאָך — די כאָליערע...

דאַנילאָ דער כוואַט פּאַרריכט דאָס קרום־אָנגעטאָנענע זעלנערשע היטעלע. אים ווערט, קענטיק, אַ ביסעלע קאַלעמוטנע. קאַטערינושקאַ מאַכט גרויסע אויגן און עפּנט אויף אַ מויל מיט ווייסע ציינער. דער אַלטער מיקיטאַ פּאָנפּעט מיט זיין קורנאָס :

— אָט די זעלבע, די דאָזיקע, וואָס דער „כפּערשעל״ האָט געזאָגט ?... שאָ קאָזאָוו או מאַקאַראָווצי ?... (וואָס ער האָט געזאָגט אין מאַקאַראָווקי ?).

— שאָ קאָזאָוו או מאַקאַראָווצי ! — באַשטעטיקט שמחהלע טורערו — נאָר וואָס ווייסט אַ „כפּערשעל״ ? אָן נעמען נעמט ער נאָר איין גריוור־נעצקע... מיט אַזאַ זאַך ווי „כאַפּעטיט״ שפּילט מען זיך ניט ! מען גייט דערמיט צום „דאָכטור״ גייט מען. אָט דאָרטן לעבן קלויסטער וווינט ער ! אין דער שטוב מיטן ווייסן גאַניק...

גיט מיקיטאַ אַ טאַפּ דאָס טאַרבעלע מיט קופּער־געלט אין לייוונטענעם גאַרטל און כאַפּט אַ קראַץ אין פּאַטילניצע :

— און וויפל נעמט ער, דער „דאָכטור״ פּאַר „כאַפּע...״ פּאַר „כאַ־פּעטיט ?״

— נאָ, צוויי גריוונעצקעס מוזטו אים שוין געבן. פיר פּיאַטאַקעס. מיט אַזאַ זאַך ווי „כאַפּעטיט״ מוזטו גיין צו קראָל דעם דאָקטאָר. אַ דימענטענער מענטש, דער קראָל. דערזעט ער אַ נאַש־בראַט אָן „כאַ־פּעטיט״, אַזוי טוט ער אויס דעם סורדוק און לייגט דאָס לעבן אַוועק צו ראַטעווען אים. נאָ דיר, מאַכט ער, „כאַפּעטיט״ און כאַפּ מיר נישט קיין כאָליערע !...

— אַ ברעשעש ! (דו לייגסט !) — קריגט מיקיטאַ אַ ביסעלע פּאַרדאַכט פון שמחהלעס באַרעדעווודיקייט.

דערזעט שמחהלע, אַז מ׳טאָר דאָ נישט איבערזאַלצן, גיט ער ברוגזדיק אַ צי דאָס באַראַשקענע היטל איבער די אויערן און מאַכט אַ האָנאָראָ־ווע מינע :

— איך לייג? טריאַסצאַ טוואַיעי מאַטערי!... שמחה־ראַזניק זאָגט ליגן? איז זיך דיר דאָ און פרעס און האָב נישט קיין כאַפּעטיט! מאַיאַ כאַטאַ ס׳קראַיו...*.

בורטשענדיק און פּאָכענדיק מיט דער האַנט גייט שמחהלע אַוועק און לאָזט איבער דריי פּאַרגאַפּטע גויאים אין אויסגעבעטן וואָגן.

— עסן ווייטער צי נישט עסן? — הויבט אָן צווייפלען דער אויסגע־דינטער יון, דאַנילאָ דער כוואַט.

און מיקיטאַ שטרעקט אויס זיין אַלטע קאָריאַווע האַנט צום שטיק חזיר, נאָר ער כאַפּט זי גלייך אַוועק צו דער פּאַטילניצע, קראַצט זיך און קרעכצט:

— עך־עך־עך... ברעשעט טשי ניאַ ברעשעט? טריאַסצאַ יעהאָ מאַ־טערי! (לייגט ער צי לייגט ער נישט? אַ קדחות אין זיין מאַמען!).

3.

פּאַרמאַטערט און בייזער ווי אַלע מאָל איז קראָל דער דאָקטאָר געקומען אַהיים וואַרמעס עסן.

זינט יום־כיפור איז דאָס לעבן מער קיין לעבן נישט. אַ דאָקטאָר איז קיינמאָל נישט באַלעבאָס איבער זיך. אַצינד איז ער געוואָרן אַלע־מענס משרת. אַהין זאָלסטו פאָרן! אַהער זאָלסטו גיין! מען איז טאָג און נאַכט אין סכנה אָנצושטעקן זיך. און פון באַצאָלן טראַכט קיינער נישט. ווי נאָר ער האָט אָפּגעטאָן דאָס זייניקע פאַרגעסט מען אָן אים. גיי מאָן ביי די קרובים פון אַ בר־מינן! מילא, חישין, זיין קאָנקורענט, איז כאָטש אַ ראַבינער. ציט ער זיך אין דער לענג און אין דער ברייט. שטאָט האָט אים אויסדערוויילט. שפּילט דעם פריינד פון פּראָסטן עולם, לעקט זיך זיי אונטער. אָבער וואָס האָט ער, קראָל, צו רייסן אַזוי די הויזן?... אין יידישע הייזער צאָלט מען נישט און אין גויאישקע — שמעקט ער נישט אַריין אָן אַ סטראַזשניק. ער האָט מורא פאַר קלעפּ. די דאָרפישע חמורים בונטעווען זיך. דער לינקער אָרעם טוט אים נאָך וויי פון גויאישקע לאָפּקעלעך. די ברילן האָט מען אים צעבראָכן, און די נייע ברילן פון מאָהליוו האָט מען אים נאָך דערוויל נישט געבראַכט. זעט ער די וועלט נישט. אין אַ נעפּל גייט ער אַרום. ניין, אַנטלויפן, אַנט־

---

* מיין כאַטע איז אָן דער זייט! — ס׳הייסט: נישט מיין עסק מער.

לויפן מוז מען פון אַזאַ בלאָטע ווי שקלאָוו איז געוואָרן...

אין אַזעלכע שווערע געדאַנקען לאָזט ער זיך אויסטאָן זיין פאַר־שטויבטן אויבער־מאַנטל פון סטעפּאַנען זיין קוטשער און לויפט צום האַנט־פּאַס אָפּצוואַשן זיך מיט קאַרבאָלקע־זייף. זאָגט מען אים, אַז אַ גוי אין לאַפּטיעס זיצט שוין דאָ אַ שעה און וואַרט.

— אַ גוי אין לאַפּטיעס? — פרעגט ער איבער און קנייטשט די בליב־דעוואַטע אויגן.

אַ גרויסער חידוש איז דאָס אים. הייסט דאָס — נישט אַלע גויאים האָבן אַצינד מורא, אַז די זשידאָווסקע דאָקטוירים ווילן זיי אָפּסמען? ס׳איז אַ גוטער אָנהייב. דאַרף מען זען זיין פריינדלעך מיטן גוי, ווי קאָלעגע חישין איז פריינדלעך.

— רופט אים אַריין! — הייסט דאָקטאָר קראָל. און אַליין כאַפּט ער אויף זיך אַרויף דעם פאַרוסינענעם באַלאַכאָן און אויפן זויערן פנים ציט ער אָן אַ פאָטערלעכע מינע.

מיט אַ שרעק אין די מוטנע אויגלעך און מיט פיר האַרטע צענער אין דער פאַרקלעמטער לאַפּע טרעט אַריין אַ הויכער גוי אין לאַפּטיעס. זיין לאַנגע גרוי־פלאַקסענע באָרד באַמבלט זיך ווי אַ האָריקער רעטעך. אַזוי פאַרבויגט ער זיך ביזקל גאַרטל.

— „דאָכטור"! — רעדט ער הייזעריק אַרויס און כאַפּט אָטעם.

— וואָס איז דיר, מוזשיק? — גיט קראָל דער דאָקטאָר שטרענג אַ פרעג.

ער דערמאָנט זיך אָבער, אַז ער האָט אָקאָרשט באַשלאָסן צו מאַכן זיך באַליבט און פּאָפּולער, ווי דער קאָנקורענט זיינער, דאָקטאָר חישין. ציט ער צוריק אָן די זיסלעכע מינע און גיט צו:

— זעץ זיך, מענטש! ווי רופט מען דיך? דער בויך טוט דיר וויי?... ווי?...

— מיקיטאַ האָט מען אונדז אַ נאָמען געגעבן ביים צלמען אונדז... און דער בויך טוט אונדז נישט וויי, כולאַ טע־ע באָזשע! (געלויבט ביסטו גאָט) ניאַ־אַ! (ניין!).

— וואָס־זשע איז דיר, מיקיטאַ־לעבן? רעד, האָב קיין מורא נישט!

אַ ווייַלעשטקע קוקט מיקיטאַ אָן דעם „דאָכטור" מיט זיינע צוויי גרויסע נאָזלעכער פון קורנאָס, דערנאָך — מיט פאַרשנדיקע אומרואיקע קליינע אויגעלעך, און רעדט אַרויס מיט אַ טיפן זיפץ:

— כאַפּעטיטו ניעמאַ!

דאָקטאָר קראָל גיט אַ שמייכל. ס'הייסט: אויך מיר אַ חולאת אין אַזעלכע צייטן! ער דערמאָנט זיך אָבער, אַז ער האָט פעסט באַשלאָסן צו מאַכן זיך באַליבט ביי אַלע פּאַציענטן, אָן אונטערשיד, ציט ער טיפ־זיניק צוזאַמען די קורצזיכטיקע אויגן, זייבע און גיט אַ טאָפּ דעם אָרט אויף דער נאָז, ווו זייבע גאָלדענע פּענסנע זענען נאָך מיט אַ צוויי טעג צוריק געזעסן. המ... וואָס אַרויפצורוקן, מיט אַ גרויסאַרטיקער באַוועגונג, אויף דער נאָז איז מער נישטאָ.

— שוין לאַנג, אַז דו האָסט נישט קיין... אַפּעטיט? — פרעגט ער ביים גוי מיט אַ פאַרזאָרגטער מינע.

צוויי באָזלעכער פון אַ קורנאָס קוקן אים אָן ווי שוואַרצע אויגן־לעכער. דער גוי ענטפערט נישט.

— שוין לאַנג, אַז דו עסט נישט? — ציט אים דאָקטאָר קראָל פאַר דער צונג.

— ניין, עסן טוען מיר עסן, — לעבט אויף דער גוי — וואָס גאָט האָט געגעבן עסן מיר. אויף אַלע גוטע מענטשן געזאָגט געוואָרן...

— אַזוי? וואָס־זשע, למשל, עסטו, מיקיטאַ, ווען... דו האָסט נישט קיין „כאַפּעטיט"?

— אוגערקעס זיסע מיט ברויט עסן מיר, געבאַקטע בולבעס מיט זאַלץ און ברויט עסן מיר, „סאַלאָ" (חזיר) מיט ברויט בייסן מיר אויך צו...

— נו?...

— אַ כאַפּעטיטו ניעמאַ!

— ווען האָסטו נעכטן געגעסן? — הויבט שוין אָן דאָקטאָר קראָל צו רעדן הויך אויפן קול און פּילט, אַז די לעבער רירט זיך ביי אים.

— נעכטן זענען מיר געקומען שפּעט אין דאָרף. צו דער חתונה פאַר דער טאָכטער איינגעקויפט אין שטאָט. האָבן מיר פאַרן לייגן זיך שלאָפן צוגעביסן. פון אַל־דאָס גוטס, געלויבט דער אויבערשטער.

— פּרימיערנאַ־למשל?

— קאַפּוסטו זשיאוו... בולבו ז'סאַלאָנינאַי זשיאוו.. (קרויט אויפגעגעסן, בולבע מיט איינגעזאַלצן פלייש אויפגעגעסן) אַ... גאַנצע שיסל, געלויבט דער אויבערשטער.

— און מער גאָרנישט?

— ניאַ!... פאַרביסן מיט אַ רעטעך און מיט אַ „היבין" פאַרביסן *.

— און היינט ווען האָסטו צוגעביסן?

— אַט דאָ מיט אַ שעה צוריק, מיט דער טאָכטער און חתן אויפן מאַרק.

— וואָס־זשע האָסטו היינט צוגעביסן?

— אַ שאַמאַיקע ** מיט ברויט האָבן מיר געגעסן. יעדער איינער אַ שאַמאַיקע. עטלעכע זיסע אוגערקעס יעדער איינער. דערנאָך „סאַלאָ" מיט ברויט. דאָס, יענץ, מיט אַ ביסל הורילקע פאַרטרונקען.

— נו?

— און קיין „כאַפּעטיט" איז נישטאָ!

קראָלס קורצזיכטיקע אויגן גיסן זיך אָן מיט בלוט. ער שטייט אויף פון זיין פּאָטער־שטול און גיט בייז אַ פרעג:

— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט, מוזשיק? וואָס פאַר אַ „כאַפּעטיט" פעלט דיר צו אַל־די־קאַדיק?

— אַ ראַזניק קאַזאַוו! — דערשרעקט זיך מיקיטאַ — דער קצב דער יידישער האָט געזאָגט... איך זיץ אַזוי מיט דער טאָכטער און מיט איר חתן אין וואָגן און פאַרבייס... ערשט דער ראַזניק איז דאָ. לויף, מאַכט ער, לויף צום „דאָכטור"! דו האָסט נישט קיין „כאַפּעטיט". די זשידאָווסקע כאָליערע קען דיך נעמען!

קראָלן איז קלאָר, אַז דער אָנגעשראָקענער ערל שטעלט זיך פאַר דעם „כאַפּעטיט" ווי עפּעס אַ מין סאַלאַמאַנדרע, וואָס גייט אַרויס, לויט אַ לע־גענדע, פון פייער, ווען מען הייצט אָן אויוון זיבן יאָר נאָכאַנאַנד. יאָ, איז עסן עסט דער ערל טאָג און נאַכט. אָבער דער „כאַפּעטיט" קומט נישט... נאָר צו ביטער איז קראָלן אויפן האַרצן די לעצטע טעג, נאָך די גויאישקע קלעפּ און נאָך די צעבראָכענע פענסטע, ער זאָל אויפנעמען דאָס שפּיל פונעם קצב און מאַכן זיך דורך דעם באַליבט און פּאָפּולער ביים דאָרפישן גוי. חישין, זיין קאָנקורענט, וואָלט זיך אפשר צעלאַכט. נאָר אים, קראָלן, איז אַצינד נישט צום לאַכן. ניין, ס'איז שטאַרקער פאַר אים.

און כמעט קעגן זיין אייגענעם ווילן גיט ער פלוצלונג אַ בריל אויף:

— סטעפּאַן!

דער קוטשער זיינער לויפט גלייך אַריין מיט די פּאַווע־פעדערלעך אין דעם קיילעכדיקן היטל, מיטן בייטש אין גאַרטל און מיט גרייטע

** אַ גרויסער הערינג מיט אַ ריח

געזונטע ידים. דער צערייצטער ברום אינעם „באַרינס” רוף איז אים גוט באַקאַנט. ער פאַרשטייט שוין אַליין וואָס דאָס מיינט.

— וואַרף אים אַרויס, אָט דעם... חזזיר! — ווייזט דאָקטאָר קראָל אָן אויף זיין פּאַציענט אין לאַפּטיעס.

מיט איין געניטער האַנט האָט סטעפּאַן אָנגעכאַפּט מיקיטאַן פאַרן פּאַרוסינענעם קאָלנער פון העמד און מיט דער צווייטער האַנט פאַרן אָרעם. אין אַ מינוטקעלע אַרום איז שוין מיקיטאַ געפלויגן אַראָפּ אַלע טרעפּלעך פונעם ווייסן גאַניק און איז אַריינגעפאַלן גלייך אין די אָרעמס פון קאַטערינושקאַן זיין טאָכטער און פון דאַנילאָ כוואַט — איר חתן. זיי ביידע האָבן אָפּגעוואַרט אויף דער גאַס, כדי צו זען ווי עס זעט אויס אַ „כאַפּעטיט”, וואָס מען קויפט ביים „דאָכטור” פאַר צוויי גריוונעס.

און אָט האָבן זיי עס דערזען...

דער סקאַנדאַל ביי די יאַטקעס

.1

אַ שעה נאָך דער שיינער קאָנסולטאַציע ביים דאָקטאָר קראָל, האָט ביי די יידישע יאַטקעס אויסגעבראָכן אַ גרויסער סקאַנדאַל. דער ער־שטער פרווו פונעם אַריסטאָקראַטישן שקלאָוּוער דאָקטאָר צו מאַכן זיך באַליבט ביים דאָרפישן עולם האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס מיקיטאַ און קאַטערינושקאַ, זיין כלה־מויד, און דאַנילאָ, דער חתן־יונג, האָבן דערטרונקען דאָס נישט־פאַרענדיקטע פלעשל ביזקל דעק און זענען אַלע דריי אַוועק אָפּצורעכענען זיך מיט שמחהלען פאַרן מיאוסן אַריינפאַל.

— קאַזאַוו, זשיד, — האָט גערעוועט מיקיטאַ — כאַפּעטיטו ניעמאַ, טשי ניע קאַזאַוו? (האָסט געזאָגט, זשיד: „נישטאָ קיין אַפּעטיט", צי נישט געזאָגט?).

און דאַנילאָ, דער אויסגעדינטער יון מיט דער „בעזקאָזירקע" * אויפן חזירשן קאָפּ, מורא־האָבנדיק צוצוטרעטן צו שמחהלען גופא, האָט אָנגע־כאַפּט מיטביידע הענט שמחהלעס יאַטקע־קלאָץ און געפּרוווט אים אומ־וואַרפן, אַ שטייגער, ווי שמשון־הגבור די זיילן פון אַ פּייַנטלעכער פּעס־טונג; געכראַבּרעט זיך פאַר קאַטערינושקאַן זיין כלה:

— קאַזאַוו טשי ניע קאַזאַוו?

און קאַטערינושקאַ אַליין, נישט זיכער שטייענדיק אויף די לאַפּטיעלעך, אין צעבונדענעם קאָפּ־טיכל, האָט זיי ביידן געשלעפּט פון הינטן פאַר די פּאָלעס; דעם חתן אירן — פאַרן קורצן קאָזשוך און דעם טאַטן — פאַר דער גרויסער סערמיאַגע. דערביי האַלב־וויינענדיק, מיט האַלב־פאַר־מאַכטע אויגן, ווי אין טיפער כוונה, געצויגן אַ שיטערינקן געבעט:

— פּי־י־דיאָ אָם דאַ־מאָ־אָי!... (קומט אַהיים!).

---

* אַ סאָלדאַטן־קאַרטוז אָן אַ דאַשיק.

שמחהלע טורערו, וועלכער איז לכבוד דער כאַליערע אין שטאָט אויך געווען אַ קאַפּעלע „בגילופין", האָט נישט געקענט צוזען אַזאַ פאַרשוועכונג, וואָס אַ דאָרפישער שגץ פאַרשוועכט זיין ירושה־קלאָץ פון יאַטקע מיטן אַרומגעשלאָגענעם אייזערנעם רייף; דער קלאָץ, אויף וועלכן זיין טאַטע און זיידע האָבן אויסגעטיילט חלקים פלייש פאַר שקלאָווער בגידים... האָט ער פון אַ באַהעלטער, אין פינצטערן געוועלבל, אַרויסגעכאַפּט דעם אייזערנעם לאָם, מיט וועלכן ער גייט אַהיים פּריזיוו־צייט, ווען די גויאישקע נאַוואָבראַנצעס צוהוליען זיך אין שטאָט, און האָט שוין געהאַט בדעה צו טאָן מיטן אויסגעדינטן יון דאָס, וואָס אַמאָל, פּריזיוו־צייט, מיט נישט־געדינטע... ס'הייסט: איבערברעכן אים, מיט איין פאַך,ביידע פּיסלעך. נאָר דערצו האָבן שוין די אָנגעלאָפענע קצבים נישט דערלאָזן.

— שמחהלע, — האָט מען אים געמוסרט — אין אַזאַ צייט, אין מיטן העלן טאָג? ביסט שוין אַפּנים לאַנג אין אָסטראָג נישט געזעסן... וואָס?

בינו־לבינו איז געוואָרן אַ גרויסער אָנגעלויף. דורך דער מגיפה אין שטאָט זענען די נערוון ביי אַלעמען געווען געשפּאַנט. דער קלעגסטער טומל האָט גלייך אַרויסגערופן אַן אָפּקלאַנג פון עפּעס גאָר אַ גרויסער געשעעניש. האָבן גענומען לויפן יידן און גויאים פון מאַרק. אָנגעהויפט זיך קעפּ אויף קעפּ, געשריען און געגאַלאַגאָטשעט. און קיינער האָט ריכטיק נישט געוווּסט וואָס דאָ טוט זיך. ביי דעם נייעם בגיד, אַקעגן די יאַטקעס, האָט מען קודם כל געשלאָסן טירן און לאָדן. אַזוי זענען זיך נוהג פאַר־זיכטיקע מענטשן, וואָס היטן דעם געזונט. בפרט מען איז שוין אַזוי אָנגעלערנט זינט דער שריפה פון דער בהמהס שטאַל, אַז יעטוועדער אָנ־געלויף קען פירן צו אַ קריג מיטן פּריסטאַוו... איז גלייכער שטיין אַן דער זייט.

פונעם טונקעלן אויסגעצויגענעם „חית" פון די יאַטקע־געוועלבלעך, איבער די קעפּ פון די אָנגעלאָפענע, האָבן זיך געטראָגן ברילנדיקע קולות:

— קאַזאַוו, זשיד, טשי ניע קאַזאַוו?

— יאַקעי כאַפּעטיט, אַ? פּרעקליאַ־אַטי! (וואָס פאַר אַ „אַפּעטיט"? פאַרפלוכטער!).

און שמחהלעס סיפּלער ברום:

— לאָזט מיך צו די „סוויניאַטשע מאָרדעס"! לאָ־אָזט!

און די בויך־קולות פון קצבים, וואָס האַלטן שמחהלען אָפּ:

— שמחה, אָסטאַווע!

— שטיי!

אַנגעלאָפּענע גויאים האָבן אונטערגעשטיצט מיקיטען און געזידלט שמחהלען:

— סאָם סוויניאַטשאַיאַ מאָרדאַ! (ביזט אַליין אַ חזירשער שנוק!).

און יידן, איבערגעשראָקן פון אַלע צרות און מגיפות אין שטאָט, האָבן שושקענדיק מיט האַלדז־קולכער געוואָרנט:

— שמחה, לייג אַוועק דעם לאָם!

— ווייניק צרות? פּיאַניצע דו!

— העט אַ לשון די ערלים האָבן געקראָגן!

— טורערו, דער פּריסטאַוו וועט באַלד קומען!

— דער זשאַנדאַרניק מיט דער „באַק"...

און פּלאָנטערנדיק זיך איינער אַרום צווייטן און איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, האָבן זיך מיקיטאַ און זיין צוקונפטיקער איידעם נאָך שטאַרקער צערעוועט, כדי אַריבערשרייען דעם טומל און כדי לאָזן הערן פּראַוואָסלאַווגע און יידן. אַלע זייערע פאַמיליע־סודות האָבן זיי אַראָפּגעשריגן פון האַרצן:

— אוסיאַדי ראַזניק! — רעוועט מיקיטאַ און וואַרפט מיט דער לאַנ־גער רעטעך־באָרד ווי אַ צערייצטער צאַפּ — אַלע מאָל דער קצב, אָט „יעבטאָט סאָמי!" יענער דער דאָזיקער! ער און זיין חבר פון אָסטראָג, די האָלאָדראַגצעס אָסטראָזשניקעס, טריאָסצאַ איך מאַטערי! געפּרעסן־געזויפן ביי מיר אין מאַקאַראָווקי, און מיין טאָכטער „אָבידיעט", באַליידיקט, אין „סענאָוואַל" (היי־שפּייכלער) פאַרשלעפּט זי, פּראַוואָסלאַוונע, און באַ־ליידיקט... און מיין האָן, דעם וויסן, האָט דער ראַזניק דער פאַרשאָלטע־נער וזבאַלאָמוטיעט. צען קאַרבאָוואַנצעס האָבן זשידעס געוואָלט געבן, האָט ער נישט דערלאָזן. אַ דריי געטאָן אַרום זשידאָווסקן קאָפּ און וזבאַלאָמוטיעט. צען זילבערנע רובל קאַליע געמאַכט מיר איי־ניי־ני! (און נישט ווייניקער!).

אויסגעסמאַרקעט זיך און אויסגעווישט די שיכורע טרערן מיטן אַרבל, גיסט ווייטער אויס מיקיטאַ זיין אָנגעווייטיקט האַרץ:

— און היינט האָט ער זיך צוגעטשעפּעט „כאַפּעטיטו ניעמאַ!" געזעסן זענען מיר און צוגעביסן מיט וואָס גאָט האָט געבאָטן. ערשט — גיב אַ קוק — ער איז דאָ, דער פאַרשאָלטענער! כאַפּעטיטו, מאַכט ער, ניעמאַ! די כאָליערע, מאַכט ער, וועט דיך באַלד נעמען! לויף, מאַכט ער, גלייך צום „דאָקטור", לויף? פּאַר צוויי גריוונס וועט דיר דער דאָקטור געבן כאַפּעטיט! יאַקעי־זשע כאַפּעטיט? (וועלכער־זשע אַפּעטיט?) פון גאַניק

האָט מען מיך אַראָפּגעוואָרפן, די צוויי גריוונעס פאַרלוירן.. טראַסצאַ יעהאָ מאַטקאָ!

— וואָס פאַר אַ „סענאָוואַל״? — האָבן יידן געהויבן מיט די פּלייצעס און אַגב אַרומגעקוקט זיך צי דער פּריסטאַוו גייט נישט.

— וואָס פאַר אַ גריוונעס? וואָס פאַר אַ „כאַפּעטיט״ אויף זיין קאָפּ?

— איר זעט דאָך, שיכור ווי לוט!

— גלאַט אַזוי וועלן זיך דאָך גויאים נישט טשעפּען...

— טורערו מיט זיינע שטיקלעך!...

— עס מוז דאָך עפּעס זיין...

— ווייניק צרות אין שטאָט!

— טורערו און טורערו!

— אַז נישט געדאַכט זאָל ער ווערן!

— כניאָקעס! — זידלט זיך שמחהלע מיט שוים ביים מויל — מעריי־דאַלניקעס מאַרינירטע! איר אויך?

כאַפּט מיקיטאַ אָטעם, און דער צוקונפטיקער איידעם זיינער נעמט איבער דעם זעלבן מזמור:

— ניעוועסטו, — רעוועט ער — די כלה מיינע האָט מען מיר, פּראַוואָסלאַוונע מענטשן, קאַליע געמאַכט. ווי איך קום אַזוי פון סלוזשבע, ווו איך האָב דעם צאַר געדינט מיט אמת און מיט גלויבן, מיין האַרמאָשקע אויף דער פּלייצע. אַ סאָלדאַטסקן מאַרש געוואָלט מיין כלה אויסשפּילן, אַ פריילעכן. אַזוי געפּין איך זי מיט געדראָלענע אויגן. צעווייַנט זי זיך, די האַרציקע. טשאַהאָ? —מאַך איך — וואָס וויינסטו? איך, זאָג איך, דאַנילאָ פון זשלאָבין, זאָג איך, אַז איך קום פון סלוזשבע און נעם אַ ווייב, דאַרף זי, זאָג איך, אין איר מאַמען אַריין, זיין אַלצדינג! ווילסטו אַ בייטערקע? אָט איז זי דאָ! ווילסטו זאָג איך, אַ טריאָפּוכע (אַ קעכין)? אָט איז זי דאָ! נישט, זאָג איך, אין איר מאַמען אַריין, אַ ב...

דערלאָזט אים נישט קאַטערינושקאַ אַרויסברענגען פון סאָלדאַטסקן מויל אַזאַ מיאוסן וואָרט און כאַפּט אים אָן ביי דער האַרמאָשקע אויפן רוקן:

— פּידיאָ־אָם! — שלעפּט זי אים — פּידיאָ־אָם, דאַנילאָ!

— שווייג, דו נפקא!... — אַזוי ענטפערט איר אָפּ דער טייערער באַשערטער אירער מיטן קולאַק אין ווייכן זייט.

שפּרינגט זי אָפּ, קאַטערינושקאַ, אויף וויפל אַ שיכורע שיקסע איז פּעאיק אָפּצושפּרינגען. נאָר דאַנילאָ כאַפּט זי אָן און שלאָגט:

— „מיט אָסטראָזשניקעס מיט זשידאָווסקי צוזאמענגעשמעקט זיך, א?״ און אַ קלאַפּ. „ברוסניצעס האָסטו געקליבן פאַר מיר, אַ?״ און אַ קלאַפּ. „אַ פּוסטע קערבעלע האָסטו מיר געלאָזן...״ און אַ קלאַפּ. „דער בוהאַי, זאָגסטו, האָט צעטראָטן, ווי?״ און אַ קלאַפּ. „כ׳קען דעם בוהאַי, דור־נפקא־דו!...״.

באַשיצט קאַטערינושקאַ דעם קאָפּ אירן מיטביידע אָרעמס און רוקט זיך נאָך יעדן קלאַפּ אויף היגטן, טראָט נאָך טראָט מיט די לאַפּטיעלעך. לסוף האַלט זי נישט אויס און שרייט קוויטשענדיק, ווי עס שרייען נישט־ניכטערע דאָרפישע גויאים:

— ראַטוי־טשאַ־אַ! (ראַטעוועט!).

דערגייט אַצינד צו מיקיטאַס שיכורן קאָפּ, אַז זיין טאָכטער בעט הילף. ווענדעט ער זיך אָפּ פון דער קופּקע קצבים אַרום זיין „שונא״ און שטעלט זיך איין פאַר זיין בת־יחידקע:

— דיווקו מיניע ניאַ טראָש! ניאַ טראָש סיראָטקו!

ס׳הייסט: די מויד זאָלסטו מיר נישט טשעפּען, ניטש טשעפּען אַ יתומהלע!

און בלייבט אַזוי שטיין מיט צעשפּרייטע לאַנגע פיס צווישן זיין פּאַטערלעכער רחמנות אויף דער שיקסע און זיין כעס אויף שמחהלען. שטייט און שאָקלט צו זיך אַליין מיטן גרוילעכן רעטעך פון באָרד, ווי אַן אַלטער צאַפּ צווישן צוויי יונגע ציגן.

— לאָזט, שלימזלניקעס! — רייסט זיך שמחהלע פון די קצבישע הענט און רייסט דעם אייזערנעם לאָם.

עס קאָכט אין אים די יוכע וואָס מען דערלאָזט אַזעלכענע פאַר דאָר־פישע חזירים צו קאָמאַנדעווען אַזוי, דאָ, צווישן די יידישע בכבודיקע יאַטקעס, וווּ אַן ערל פלעגט אַלע מאָל אַרייגגיין מיט ציטערדיקע קני, שיעור די דאָרפישע מאַגערקע נישט געריסן מחמת גרויס דרך־ארץ פאַר די קצבישע הענט, וועלכע זיי קענען פון קדמונים אָן.

נאָר די ניכטערע יידישע קצבים לאָזן אים נישט אָפּ, שמחהלען. זיי האַלטן קאָפּ. אַן אַנדערש מאָל וואָלטן זיי מיט עטלעכע גוטע פּעטש און סטוסאַקעס געמאַכט אַ סוף צום גאַנצן אָנגעלויף. נאָר אַלע געמיטער אין שטאָט זענען, ברוך־השם, פריטשמעליעט. און די קצבישע אויך. לאָזן זיי, דערפאַר, איבער זיך גיין די גויאישע חוצפה, ווי אַ מין אָפּקומעניש פאַר גרויסע זינד. און די ערלים נוצן אויס ברייט די שוואַכקייט און דעם אומעט אין די יידישע יאַטקעס. שטיצן זיי אונטער די פּאָר צעיושעטע

שיכורים פון דאָרף, וואַרפן גיפטיקע אויגן, בורטשען צווישן זיך. און דאַנילאָס סטראַשונקעס שרייען אַלעמען איבער:

— וואַ־אַררר!... באַלד וועט זיך אָנהויבן דער פּריזיוו אין שקלאָאַו (שקלאָוו), מיינע חברימלעך פון די וואָלאָסטן וועלן אָנקומען. יאָדערדיקע בחורעצן אַלע. פון זשלאָבין — מיין טאַטנס שטאָט אויך. זיי וויי־ייסן!

בויטשעט מיקיטאַ מיטן קאָפּ און העלפט זינגען:

— מיט העקעלעך, מיט קאָסעס און מיט קאָליעס...

— וואָס, וואָס, וואָס... — באַשטעטיקט דאַנילאָ און קריצט מיט די ציין.

פאַר כעס האָט ער קיין ווערטער נישט. אָבער מיקיטאַ זיין קומענדיקער שוועער האָט נאָך יאָ ווערטער:

— וועט מען זיך מיט אייך אָפּרעכענען פאַרן „פּיוועץ", פאַר מיינע בלוטיקע „הראָשעס" (געלט). צען זילבערנע רובל געפּטערט מיר, טריאַסצאַ זאָל אים זיין!...

— און פאַר דער כלה וואָס מ'האָט מיר קאַליע געמאַכט! — שלאָגט איבער דאַנילאָ — אין שפּייכלער פאַרשלעפּט און קאַליע געמאַכט...

— און פאַרן „כאַפּעטיט", — טרייסלט מיקיטאַ מיט דער באָרד — פאַר דעם זעלבן דעם דאַזיקן...

— און פאַר דער כאָליערע! — העלפן צו די גויאים פון דער אָנגע־לאָפּענער קופּע.

— און פאַרן אָפּסמען אונדזערע חולאים! — הערן זיך זלידנע אייב־ציקע קולות.

— די זשידאָוסקי כאָליערניקעס היילט מען יאָ אויס... ניטשאָוואָ!

— איר הערט? — גייט דורך אַ שוידער דורך דעם יידישן עולם — איר הערט דיבורים?

— נאָכן פּריסטאַוו געדאַרפט לויפן!

— געפונען אַן אוהב ישראל!

— אפשר אַ רוף טאָן דעם מאָהליוועער זשאַנדאַרניק אויך?

— ער זאָל זאָגן אַ דאַנק פאַר דער „באַק"...

— מיט קאַרבאָלקע אַלעמען אָפּשפּריצן...

— מיט אומגעלאָשענע וואַפּנע...

יידן האָבן געלאַכט מיט יאַשטשערקעס, חוזק געמאַכט פון זיך אַליין, ווי זייער שטייגער איז אין אַ צייט פון שרעק און אומבאַהאָלפנקייט. וואָרום זיי האָבן שוין אַצינד קלאָר געזען, אַז דער סקאַנדאַל אָקעגן שמחהלען איז

נאָר אַן אויסרייד; אַז אַ באַהאַלטענע שנאה ברענט און בראָט אין די גויאישקע הערצער קעגן אַלע יידן פון שטאָט.

2.

ווען די געמיטער ביי די יידישע יאַטקעס האָבן זיך גוט צעהיצט, איז אָנגעקומען נח פּאַנדרע.

פּאַרמאַטערט נאָך אַ גאַנצער נאַכט וואָך־זיין אין שפּיטאָל זענען נח און מערע זיין ווייב געגאַנגען אַהיים, איבערכאַפּן דאָס האַרץ, צושפּאַרן זיך אַ ביסל. אויף מערען איז נאָך געבליבן איר ווייסער קאָפּ־טוך, און אירע ברוינע אויגן האָבן פיבערדיק געגלאַנצט, אונטער דער דאָזיקער ווייסקייט, ווי אָפּט מאָל — ביי איבערגעמאַטערטע, הייס־בלוטיקע פרויען. דאַקעגן פּאַנדרע, אָט דער אייזערנער יונג, איז געגאַנגען מיט צעשפּרייטע, אָפּגעלאָזענע טריט. פאַר דער קנאַפּער וואָך פון געפּערלעכער אָנשטרענג־גונג, אַרום אַזוי פיל קראַנקע, איז ער מאָגער׳ער געוואָרן. און אין זיינע גרויע אויגן איז געווען פאַרגליווערט דער אומעט פון אַ שטאַרקן גוטמוטיקן מענטשן, וועלכער איז טעמפּ געוואָרן צו קאַגוווּלסן, צו געוויין, צום טויט און לעבן...

און מיטאַמאָל האָבן צערייצטע קולות אָפּגעשאַלט אין דער ווייטן.

זינט יום־כיפור האָבן זיך די אויערן פון מאַן און ווייב געוועזן צוגע־ווינט צום הייזעריקן קרעכץ פון טויט־קראַנקע. צום פייפנדיקן אָטעם פון גוססע, צום יאָמער פון ווייבער און קינדער אַרום שפּיטאָל... אָבער אָט די נייע קולות האָבן זיך אָנגעהערט גאָר אַנדערש. ווי אַן אויסטערליש „פריילעכס” האָבן זיי אויפגעקלונגען אין דער ווייט: יידן שרייען, יידן קריגן זיך. לעבט מען נאָך, הייסט עס, אויף דער וועלט. און אויסער קאָרטשען זיך פאַר ווייטיקן זענען נאָך דאָ, געלויבט דער אויבערשטער, אַנדערע עסקים אויך...

ווי אייזן צו מאַגנעט האָט דאָס אַ צי געטאָן פּ אַ נ ד ר ע ן, מיט לעבעדיקע טריט האָט ער אַוועקגעשפּרייזט צום טומל. און מערע מיט אירע פויגלשע טריט — נאָך אים.

דערזען פּאַנדרען, האָט זיך די הורבע מענטשן ביי די יידישע יאַטקעס צערוקט און געלאָזן אים צוגיין נאָענטער, אַ קוק טאָן. ס׳איז געווען ווי אַ שטומער אָנזאָג אייגער צום צווייטן: „נו, אַז פּאַנדרע איז דאָ, וועט שוין ווערן אַ טאָלק!...” דאָס גאַנצע געמורמל און חוצפּה פון די אָנ־

געלאָפּענע גויאים איז ביסלעכווייז אַנשטומט געוואָרן. די פּויערשע פּרצופֿ־פּנימער האָבן זיך אָנגעכמורעט. די וואַסערדיקע אויגן זענען אַוועק אונטער די באַוואַקסענע שטערנס. ווי אַ פֿייער אין טרוקענע גראָז אַזוי האָט פּאַנדרע געשטיקט זייער אָפֿענע שנאה מיט זיינע שטאַרקע טריט. אַ סך פֿון די שטאָטישע גויאים האָבן פּאַנדרען געקענט. און די דאָרפֿישע האָבן מיט זייער נאַטירלעכן חוש דערשפּירט, אַז דאָ קומט אָן דער אמתער זשידאָווסקער כוח, וועלכער האָט קיין מורא נישט פֿאַר סטראַשונקעס.

אָן אַנדערש מאָל וואָלט מערע נישט דערלאָזן, אַז איר נח זאָל, גייענדיק צו וואַרמעס, פֿאַרקריכן אין אַ געשלעג. זיגט דער חתונה זענען אַלע ברוגזן צווישן איר און אים געקומען דערפֿון, וואָס ער האָט אַ סך מאָל, הינטער אירע פּלייצעס, איינגעשטעלט דאָס לעבן פֿאַר אַנדערע און אָן ווייב און קינד פֿאַרגעסן. אָבער אַצינד, מיט איר אָפּגעבן זיך, טאָג ווי נאַכט, מיט טויט־קראַנקע אין שפּיטאָל, האָט זי זיך געשטעלט מיט איר מאַן אויף איין ברעט, האָט מסכים געווען, אַזוי צו זאָגן, צו אַלץ וואָס נח טוט פֿאַר פּרעמדע. האָט שוין נישט געהאַט קיין שום טעם צו מאַכן אָן אויסנאַם דאָ, ביי די יידישע יאַטקעס.

האָט זי נאָר אַ ביסל אָנגעכמורעט די סייבעלגע ברעמען און זיך נאָכגעשטופּט נאָך אים.

— וואָס איז דאָ פֿאַר אַ געוואַלדן? — גיט פּאַנדרע אַ פֿרעג.

ענטפֿערט מען אים:

—שמחהלע האָט זאַטשעפּעט דאָרפֿישע גויאים...

— עפּעס כאַפּעטיט—סמאַפּעטיט. דער רוח ווייסט זיי!

— קיין אַנדער אַרבעט האָט ער נישט, דער טורערו!

— גיי, דערגיי אַ טאָלק ביי פּיאַניצעס!

— און שמחהלע, מיינט איר, איז ביכטער?

— העך, — גיט איין יידל אַ ווינק אויף די פֿאַרשטומטע גויאים — איצט שווייגן זיי ווי יורקעס הונט.

— וואָלסט געהערט, פּאַנדרע, וואָס זיי האָבן דאָ געדברט!

קיין דריי טריט האָט נאָך פּאַנדרע נישט געמאַכט אינעם דורכגאַנג, וואָס דער עולם האָט אים געמאַכט, און זיינע מאַטע, בלאַנדזשענדיקע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מאַלינע־רויטן פֿלעק.

ער האָט דערזען אַ פֿייערדיקע קאַצאַווייקע, דערנאָך אַ צעלאָזענע באַבלומלטע „כוסטע" מיט בלאַסע מאָן־בלומען אויף אַ שוואַרצן גרונט; און אַ רויטלעכן בינטל האָר וואָס האָט זיך צעפּלאָשעט אַרויסגעשלאָגן פֿון

אונטער דער כוסטע און פֿאַרשלייערט אַ האַלבן פּנים פֿון אַ גויע. מיט די שיינע פֿולע היפּטן אונטער אַ געפּאַסקעטן קליידל איז זי געשטאַנען צו אים און געבויגט זיך אין דרייען, פֿון אָנשטרענגונג וואָס זי האָט גע־מאַכט, אַוועקצושלעפּן צוויי צעיושעטע גויאים, איינעם אין אַ מאַגערקע אויפֿן פֿלאַקסענעם קאָפּ, דעם צווייטן אין אַ זעלבערישע היטעלע, אָן אַ דאַשיק.

— פּי־דיאַ־אָם! — ציט די שיקסע אַ שיכור־הייזעריקן מזמור — טאַ־אַטקאַ! דאַני־ילקאַ!

— „פּי־דיאַ־אָם"? — קרימט איר איבער דער יינגערער גוי אין דעם זעלבערישן היטעלע. — מיטן „ראַזניק" וועסטו מיר הולטאַיעווען אין שפּייכלער, אַצינד פּי־דיאַ־אָם?

— ריכטיק, זעמליאַק! — איז מיט אים מסכים איינער פֿון די שטאָ־טישע גויאים, פֿון די חוצפּהדיקע.

— שנייד דעם אמת, סאָלדאַט! — העלפֿט אים אונטער אַ צווייטער.

ווי אַ פֿאַרגליווערטער איז פֿאַנדרע געבליבן שטיין. „זי" צי נישט „זי"? אַזאַ מיאוסן קול האָט זי ד ע מ אָ ל ט נישט געהאַט...

ער האָט אָבער גלייך דערקענט מיקיטאַס שמאָלע גרוי־פֿלאַקסענע באָרד, וואָס זעט אויס ווי אַ רעטעך, דעם קורנאָס זיינעם און די געבויגענע הויכע וווקס, אַזוי ווי ער האָט אים דערזען צום ערשטן מאָל, צווישן די גאַרבן אין פֿעלד, אָנקומענדיק אַ באַרוועסער פֿון אָסטראָג. איז עס טאַקע קאַטערינושקאַ?... דער סאָלדאַט מיט דער האַרמאָשקע אויף דער פּלייצע מוז אויך זיין יענער, וועלכן ער און שמחהלע האָבן באַגעגנט, אַנטלויפֿנדיק, ווי די גנבים, פֿון מיקיטאַס היי־שפּייכלער.

ווי אַ בליץ זענען אים דורכגעלאָפֿן אָט די אַלע האַלב־פֿאַרגעסענע בילדלעך אין מאַטן קאָפּ. און, נאָך דער ערשטער פֿאַרגליווערונג, האָט אַ מוראדיקע בושה אַ זעץ געטאָן, און אַלע קאַלירן האָבן זיך אים גענומען בייטן אין אָפּגעבלאַסטן פּנים. ס'האָט אים אַזש גענומען שווינדלען פֿאַר די אויגן.

און עפּעס ווי אַן אָנשיקעניש, כדי צו דערדריקן אים אין גאַנצן, שפּרינגט נאָך אַרויס פֿון ערגעץ־ווו, גאָר נאָענט, שמחהלעס געמיינער קול. יענער שטייט לעבן זיין געוועלבל, ביי דעם יאַטקע־קלאָץ, אַרומ־גערינגלט פֿון קצבים, וועלכע האַלטן אים חבריש־אַרעסטירט ער זאָל נישט בושעווען.

— אָה!... — רייסט אויף שמחהלע אַ מויל מיט שלעכטע ציין, און

זיינע ממזרשע אויגן ווינקען פֿאַנדרען צו פֿון אונטער זיין באַראַשקענער היטל — סקאַצל קומט! האַ־האַ בחקע!... די ברוסניצעס אין מאַקאַראָווקי געדענקסט דו?

ער וואַרט אַ ווײַלע אויף טשיקאַווע; ער וויל הערן וואָס פֿאַנדרע וועט אויף דעם זאָגן. גאָר אַזוי ווי פֿאַנדרע שטייט ווי אַ גולם, ענטפֿערט ע ר פֿאַר אים:

— אָט האָסטו די ברוסניצעס!

ווי מיט אַ מעסער גיט דאָס פֿאַנדרען אַ שניט. נישט רעדנדיק קיין וואָרט גיט ער זיך אַ דריי־אויס און... שטויסט זיך אָן אויף מערעס קאַלך־בלאַסן פּנים. אירע פֿאַרשנדיקע ברוינע אויגן, אונטערן ווייסן טיכל פֿון שפּיטאָל, גיבן אים אַ סמאַל אין צעהיצטן פּנים. אָן מערען האָט ער געוועז אין גאַנצן פֿאַרגעסן. אַצינד שטייט ער ווי צווישן צוויי פֿייערן. מערעס אויגן פֿון פֿאַרגט, שמחהלעס געלעכטערל פֿון הינטן...

דערקענט מערע אָן נחס מאָדנער מינע דעם טיפֿן פּיין זיינעם, דרייט זי זיך צו אים אויס מיטן רוקן און לאָזט זיך גיין. אַרויס פֿונעם אַנגעלויף! אַצינד גייט פֿאַנדרע נאָך נאָך איר, אַזוי ווי זי פֿריער — גאָך אים. זי פֿירט אים שווייגנדיק, ווי אַ קלוגע מאַמע פֿירט אַ גרויסן ייִנגל, אויף וועלכן זי האָט געוואָרפֿן אַ פֿאַרדאַכט און וויל אים נישט פֿאַרשעמען בפֿרהסיא. פֿאַנדרע ו ו י י ס ט דאָס און אַ היץ זעצט אים אין פּנים, ווי פֿון אַ נאָענטער שריפֿה. ער שפּירט דערביי אַ מוראדיקע נישט־גוטקייט פֿון אַ פֿאָזשאַרניק, וואָס איז געלאָפֿן ראַטעווען אימיצן אין אַ ברענענדיק הויז און איז אַריינגעפֿאַלן ביזקל גאַרטל אין אָן אָפּגעברענטן אָפּטריט. אַלס אַ פֿרייער פֿאָזשאַרניק, וואָס קריכט אין די גרעסטע סכנות, איז דאָס שוין מיט אים אַמאָל געשען. פּונקט אַזוי נישט־גוט און מיאוס איז אים אַצינד. אָנשטאָט העלפֿן אימיצן פֿון אַ געפֿאַר, מוז ער גאָר לויפֿן צום טייך אָפּ־שווענקען זיך.

אַרויס פֿון דער פֿאַרגאַפֿטער ראָד מיט מענטשן, וואָס הויבט נישט אָן צו פֿאַרשטיין וואָס דאָ איז פֿאַרגעקומען און פֿאַר וואָס פֿאַנדרע אַנטלויפֿט, שלעפּט ער זיך נאָך זיין ווייב. מערעס טריט ווערן אַלץ גיכער און גיכער און פֿון הינטן, ווי אַ לאַנגער בייטש, קנאַקט נאָך שמחהלעס שיכורער געלעכטערל:

— כאַ־כאַ־כאַ... די ברוסני־יצעס!...

פֿאַנדרע שעמט זיך אויסצוגלייכן זיך, אין גאַנג, מיט מערען און שטייט אָפּ. ביז מערע איז זיך מרחם אויף אים, בלייבט אַליין אַ רגעלע

שטיין און גלייכט זיך מיט אים אויס. צום ערשטן מאָל אין לעבן זעט זי, איר נח דער גבר, דער אייזערנער יונג, זאָל ביי זיך זיין אַזוי אַראָפּ־געפאַלן, אַזוי אומבאַהאָלפן. אַפילו ווען סענדערקע איז אויסגעגאַנגען פאַר זיינע אויגן, איז ער נישט געווען אַזוי פאַריטשמעליעט.

אָפּגעלאָפן וואָס ווייטער פון הודזשענדיקן ראָד מיט מענטשן, קען זיך שוין מערע נישט איינהאַלטן:

— וואָס איז מיט דיר, נח?

אַ רחמנות, ווי צו אַ קראַנק קינד, ברומט אין איר קול. נאָר פאַנדרע ענטפערט נישט.

— זאָג, — פרעגט מערע גאָר פלוצלונג און זייער שטיל, כמעט שעפּ־טשענדיק, — ס׳איז „זי״?

— וואָס? ז׳ערשרעקט זיך פאַנדרע און קוקט מערען אָן מיט צוויי אויפגעריסענע אויגן. ער זעט, אַז ליגן־זאָגן צוליב שלום וועט דאָ נישט העלפן. מ׳מוז זאָגן דעם אמת. נאָר ער ציט אַ ביסעלע אָפּ דעם אמת־זאָגן, ווי דאָס אַרויסרייסן אַ קראַנקן צאָן.

— וועלכע „זי״? — פרעגט ער איבער, כלומרשט ברוגזלעך, אונ־טער דער נאָז.

— בשעת גיין פון אָסטראָג...

דערמאָנט זיך פאַנדרע, אַז אין דער ערשטער נאַכט, קומענדיק אַהיים פון מאַהליוו, האָט ער זיך פאַר מערען אין עפּעס מודה געווען, ווי זי פאַר איבּ... מערע האָט אים דערציילט פון אַן אויסטערלישן חלום, וואָס איר האָט זיך געחלומט, און ער האָט איר דעם חלום „אויסגעלייגט״.

— ווייסטו דאָך... — לאָזט פאַנדרע אַראָפּ דעם קאָפּ — היינט וואָס פרעגסטו?

נאָר פלוצלונג בלייבט ער שטיין, און זיין געזונטער בלוי־געגאָלטער קין מיט דער האַרטער גריבעלע אין מיטן הויבט אָן צו שפּרינגען, ווי שוין אָפט מאָל, אין דער לעצטער צייט, ווען ער איז אויפגערעגט:

— אַז מירן דערלעבן, מערע... דו הערסט? אַז מירן...

— נו־נו! — פּרווט אים מערע באַרויקן — ס׳איז דאָך שוין אַן אַלטע מעשה...

נאָר פאַנדרע לאָזט זיך נישט איבערשלאָגן:

— אַז מירן דערלעבן... אין שטאָט וועט ווערן רויקער, אַנטלויפן מרוז מיר פון דאַנען...

— און די מאַמע לאָזן איינע אַליין? — קוקט מערע אָן אַ זייט —

אויף אירע עלטערע יאָרן?

— איך לאָז אויך אַ מאַמען! — רעדט פאַנדרע מיט אַ מין שטילן צאָרן — מיר... איך וועל דאָ מער נישט אויסהאַלטן, מערינקע...

מערע האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן. נאָר דער אומעט אין נחס אויגן איז געווען אַזוי גרויס און דאָס ציטערן פון זיין אונטערשטער ליפּ אַזוי נעבעכדיק, אַז דאָס האַרץ איז איר איינגעפאַלן. זי האָט דערזען, אַז איר נח, איר באַשיצער, איר גבר, וועלכן אַלע טעכטער פון שקלאָווער באַלע־גאָלעס האָבן איר מקנא געווען, איז שוין מער נישט דער זעלבער. אַ מעשה קען ער זיך אָנטאָן. זינט ער איז געקומען פון אָסטראָג איז ער אויס מענטש... גיט זי אַ זאָג שטילערהייט, מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכעלע:

— גוט, נח. מירן אַוועקפאָרן.

— אין... אין אַמעריקע!

— אין אַמעריקע!

פאַנדרען איז לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. ד אָ ס מ אָ ל האָט זי זיך מער נישט אַרויסגעדרייט. צוגעזאָגט... צו גוט קען ער זיין מערען. אַז זי זאָגט, איז נישט גלאַט אַזוי געזאָגט.

ווי אַ נישט־היגער האָט ער זיך אַרומגעקוקט. די צוימען פון די קרויט־גערטנער אָנגעקוקט, די מאָכיקע שינדל־דעכער פון די ברוּוונע הייזקעס. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער הויבט זיך שוין אָן צו געזעגענען מיט זיי.

מען פֿאַלט ווי די פֿליגן

1.

„אַז אין שטאָט וועט ווערן רואיקער", אַזוי האָט פֿאַנדרע געוועזן אָפּגע־רעדט מיט מערען, וועט מען, מירצעשעם, פֿונדאַנען אַוועקפֿאָרן...

אָבער די רואיקייט איז אַזוי גיך נישט געקומען. די מגיפֿה איז זיך דערווייל געגאַנגען איר גאַנג.

נאָך דער זאָגערקע פֿון ליובאַוויטשער בית־מדרש און נאָך ר׳ בערע רחמיאלס, האָבן זיך אין יידישן שפּיטאָל אַוועקגעפּאַקט נאָך עטלעכע אַלטע לייט. על פּי רוב — שוואַכע, פֿאַרמאָרעטע נפֿשות, אָדער אַזעלכענע, וועלכע האָבן ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן.

עס זענען אויסגעגאַנגען אונטער די הענט: דער גאַליקער קברות־מאַן; מאָטע־קאַלטע־לאָך דער מאַרשעלאָק, וועלכער האָט אַלעמאָל געליטן פֿון אַ הוסטעלע; זונדל גאָטס גנבֿ פֿון ברעג דניעפּער — דעם קאָפּוסטער רבינס אָנגעשטעלטער ביי די פֿאַרעכאָדן.

זונדל גאָטס גנבֿ איז בכלל נישט געווען קיין שוואַכינקער. אין זיין טויט איז ער אַליין שולדיק. אויף צו להכעיס אַלע וואָרענונגען פֿון דאָק־טאָר חישין, וועלכן ער און טעמע זיין ווייב האָבן פֿיינט געהאַט ווי אַ שפּין, זינט מ'האָט קאָפּלען זייער „תכשיט" פֿאַרשיקט קיין „סימביר", פֿאַר גנבֿענען דעם דאָקטאָרס פֿערד... אויף צו להכעיס אים און זיין דאָקטאָריכע האָט זיך זונדל איבערגעגעסן מיט גרינע אוגערקעס, וועלכע קיינער האָט נישט געוואָלט קויפֿן פֿון זיינע קאָשיקעס ביי די פֿאַרעכאָדן. „נישקשה, מאַכט ער, די כאָליערע וועט מיך נישט נעמען. אַזוי פֿיל יאָרן געגעסן ברויט מיט אוגערקעס, וועל איך עסן נאָך אַמאָל. אָט וועט מען זען אַ קונץ! און די כאָליערע וועט גיכער נעמען דאָקטאָר חישינען מיט זיין פֿערד צוזאַמען...".

דאָס מאָל האָט ער נישט געטראָפֿן. חישין און זיין געגנבֿעטער און

צוריק־געפונענער פערד זענען געבליבן גאַנץ און אים, זונדלען, האָט נעבעך די כאָליערע יאָ גענומען.

מושע, זיין טאָכטער, די אָפּגעפּאָרענע קראַסאַוויצע, איז אַפילו געלאָפן צו דאָקטאָר חישינען, דערמאָנט אים איר פריערדיקן גנאָד. געבעטן ראַ־טעווען דעם טאַטן. האָט זי דאָקטאָר חישין געטרייסט. געגעבן איר שמעקן חלשות־טראָפּן, צוגעזאָגט צו טאָן וואָס אין אַ מענטשנס כוח. אָט שוין הייסט ער שפּאַנען די בריטשקע און פאָרט אין שפּיטאָל.

די בריטשקע האָט מען געשפּאַנט. אין שפּיטאָל איז דאָקטאָר חישין געקומען צו פאָרן. נאָר זונדל גאָטס גנב איז שוין אין דער מאַנסבילשער אָפּטיילונג נישט געווען. צוגעדעקט מיט אַ לעכערדיקער ליילעך איז ער געלעגן אין סאָדביים וואַסערל, געקילט זיך און געוואַרט אויף זיין לויה.

דערנאָך האָט זיך אָפּגעטראָגן זיידע וואָיטעק, דער אַלטער ניקאָ־לאַיעווער סאָלדאַט, דער בריוו־טרעגער פון באַלעגאָלישן צעך, דער מעשה־דערציילער מיט די קינדישע פּיאַלקע־אויגן. פּאַנדרע אַליין האָט אים געגעבן דעם ערשטן ראַטונעק, אָפּגעריבן אים און געוווּנדערט זיך אויף זיין אַלטן גוף. ווי האַרט און איינגעדאַרט ער איז. פון קדמונים האָט ער געקענט דעם זיידן אַן אָנגעקאָפּטענטן, אַן אָנגעפּעלצטן. די מאַכיקע באָרד און די גראָבע מלבושים האָבן אים צוגעגעבן ברייט־פּלייצעדיקייט און כוח. נאַקעטערהייט האָט ער דאָס אַלץ פאַרלוירן. געבליבן ליגן איז אַן אומ־באַהאָלפענער, פאַרמאָגערטער גוף. טרערן האָבן זיך פּאַנדרען געשטעלט אין די אויגן פאַר גרויס רחמנות.

— זיידעניו, — האָט אים פּאַנדרע געמינטערט — איר וועט זיין גאַנץ, נישקשה... איר וועט נאָך אונדז דערציילן מעשיות...

אָבער זיידע וואָיטעק האָט נאָר פאַרוואָרפן דעם אַלטן פליכעוואַטן קאָפּ און האַלב פאַרגלאָצט די אויגן. די מאַטקייט פון קנאַפּע ביינציק יאָר האַרעוואַניע און עלנט, זינט מ׳האָט אים אַוועקגעגנבעט פון זיין מאַמען און אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט, איז אויף אים סוף כל סוף אָנגעקומען: עט... גענוג וועט זיין צו אַמפּערן זיך פאַר דאָס ביסעלע לעבן. זאָל זיין די מגיפה אַליין, אַבי אויסרוען זיך, אויסרוען זיך...

— מיין „כאַלמידע״ נח, — האָט ער הייזעריק און שטיל געבעטן — זאָלסטו, למען־השם, אָפּגעבן אין צעך פאַר אָרעמע לייט. און דו נעם מיין פּיפּקע, מיין „מענדאַל״... מער האָב איך גאָרנישט נישט...

נח איז נישט געווען קיין רויכערער. ער האָט אָבער צוגענומען די פּיפּקע מיט דער קופּערנער געלעכערטער היטעלע, אַן אָנדענקונג פון זיידן.

און דעם „מענדאַל״ האָט ער אויך געפונען אין בוזעם־קעשענע פון דער גריבלעכער וואַליקער „כאַלמידע״, אויף אַ לעדערל אָנגעהאַנגען. ס׳איז געווען אַ מין בראָנזענע מטבע מיט אַן אויערל וואָס זיידע וואָיטעק האָט אַמאָל געקריגן אין סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה. „זאַ כראַבראָסט״ (פאַר מוטי־קייט), האָט דער פערשל איבערגעלייענט אויפן „מענדאַל״. ווי אַ קמיע האָט דאָס פאַנדרע באַהאַלטן ביי זיך.

מיטן זעלבן וועג, פון וועלכן מען קערט זיך נישט אום, איז אַוועק אויך זימל פאַקנטרעגער.

מ׳האָט אים געטאָן זיין רעכט: גוט אָפּגעריבן, געגעבן צו טרינקען טיי פון מיאַטע, אַרומגעלייגט מיט הייסע פלאַשן, ווי מען טוט אַלע שווערע חולאים. נאָר אַפילו אַ האַלבע שעה פאַרן סוף האָט זיך אים אַפּנים אַלץ געחלומט, אַז ער שטייט ביים טיש אין ליובאַוויטשער בית־מדרש און דאַוונט און פאַרקויפט ספרימלעך מיט איין אָטעם. און ס׳האָט זיך אים, אַפּנים, אַלץ געדוכט, אַז יינגלעך שקצים גנבענען ביי אים „בענטשערלעך״, תהילימלעך און „טל־ומטרלעך״, אַז זיי טאַנצן אַרום ווי די מייזלעך אין זיין צעלייגטן פּאַק... וואָרום, וואָרפנדיק זיך אין די לעצטע יסורים, האָט ער נאָך אַלץ געכמורעט די אויסגעקראָכענע ברעמען און בייז געמורמלט:

— מ׳נאַם־נאַם־נאַם... הללויה, הללי נפשי את ד׳... אַ קאָפּיקע! אַהללה ד׳... אַוועק ממזרים! אזמרה לאלהי בועדי... מ׳נאַם־נאַם־נאַם, טשעפּע נישט! תצא רוחו ישוב לאדמתו — צוויי קאָפּיקעס האָסטו?! עושה שמים וארץ... אַוועק, פאַרך איינער! מנאַם־נאַם־נאַם... אַ—מן!

דערהערט ווו עס האַלט מיט ר׳ זימלען, האָבן חסידים פרומאַקעס, אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, צוגעבאַמבלט מיט די פּאותן און מיט גאָטספאַרכטיקע רמזים געגעבן איינער דעם צווייטן צו פאַרשטיין, אַז... שולדיק אין ר׳ זימלסט סוף איז נישט קיין אַנדערער ווי לייזשקע ימח־שמו זאָל ער ווערן. דאָס האָט ער אים אַראָפּגעפירט פון דרך־הישר, פון רומ״ל־ספרים אַרויפגעפירט אים אויף טריף־פסולס. אַרומגעשלעפּט זיך אויף די עלטערע יאָרן מיט וואַרשעווער ביכעלעך מיט נקודות, און אָט!...

האָט לייזשקע, זימלס שותף, דערשמעקט, אַז מען באַשולדיקט אים אין אומגליקלעך מאַכן ר׳ זימלען אויף די עלטערע יאָרן און ברענגען אים צו כאָליערע, האָט ער אַ מאַך געטאָן אויף אַלע פאַרדינעכצן פון רומ״ל־ספרים, אויף דער מגיפה און אויף צבועקעס אין שקלאָוו, און איז אַוועק

וואַנדערן מיט אַ קליינעם פּעקעלע אונטער דער פּאַכוּוע, ווי אַמאָליקע יאָרן, איידער ער האָט געמאַכט שותּפוּת מיט ר׳ זימלען. מיטן ברעג דניעפּער איז ער אַוועק און אויך אויפן קול געלייענט פּרוגס רוסישע לידער פאַר די סאָסנעס אין וואַלד און פאַר די זאַמדן אויפן ברעג טייך.

2.

נאָך די שוואַכע נפשות האָט דאָס גענומען גיין געדיכטער. יינגערע און שטאַרקערע האָבן אָנגעהויבן גיין פון דער וועלט...

כדי נישט אַרויסצורופן אַ בהלה, האָט מען אין דער שטאָט־דומע באַשלאָסן אַרויספירן די מתים צום בית־עלמין ביינאַכט. חישין און קראָל, די שקלאָווער דאָקטוירים, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן צום מתנגדישן רב און צום חסידישן מורה־הוראה און געפּועלט, אַז יענע זאָלן מתּיר־זיין. וואָרום זיי האָבן זיי באַוויזן מיט חכמת־הרפואה, אַז די שרעק פאַר אַזוי פיל לויות און די געוואַלדן פון די נאָענטע רופן אַרויס בויך־ווייטיק ביי מענטשן „מיט נערוון״, אַ דרייעניש, רחמנא־לצלן, אין די געדערים. און אין אַזאַ צייט קען יעדע אָפּשוואַכונג ווערן געפערלעך אַפילו פאַר געזונטע.

האָבן זיך אין מיטן דער נאַכט, ביי אַ קאַרגן שיין פון טראַג־לאַמטערנעס, גענומען ציען שטילע לויות. און שאָטנס, ווי גרויסע פלעדערמייז, האָבן געפלאַטערט איבער די מיטות. אַרויף־באַרג, צו רישקאָקי־צו, צום יידישן בית־עלמין, האָבן געבלאָנדזשעט וואַקלדיקע געלבע פייערלעך. די שטאַרקסטע מיטגלידער פון חברה קדישא האָבן זיך אומגעקערט פאַרטאָג געלב־גרוי אין געזיכט און געקלאָגט זיך, אַז די פּלייצעס טוען זיי וויי.

איז דערגאַנגען די ריי צו זאָוול שמייסער.

נאָר פאַר ימים־נוראים האָט מען זיך אין באַלעגאָלישן צעך דערוווּסט, אַז זאָוול האָט זיך איבערגעבעטן מיט זיין געוועזענעם באַלעבאָס ביים גסיסה־בעטל, געבעטן מחילה. און קושקע בראַנד האָט אים מוחל געווען. נו, וויבאַלד דער געקריוודעטער אַליין האָט מוחל געווען און דער רבונו של עולם האָט געפּסקנט, ווער ס׳איז גערעכט און ווער אומגערעכט און אַוועקגענומען קושקען פון דער וועלט, הייבט וואָס האָט זיך צעך ווייטער צו מישן ווער ווען ס׳האָט פאַרפירט צו מערע פאַנדרעס, אין מיטן דער נאַכט? זאָוול קושקען, צי קושקע זאָוולען?... האָט מען פון „שמייסער״ אַראָפּגענומען דעם „חרם״ און צוריק אַרויפגעזעצט אים

אויף אַ קעלניע. שליאָמע „דער פאַרעווער״, דער עלטסטער אין צעך נאָך ר׳ סענדערן עליו־השלום, האָט זאָוולען אַרויפגענומען צו זיך: „נאַ, פאַרדין דיר כשר דיין ברויט און קרופניק, און זיי אַ מענטש!״.

נאָר זאָוול איז שוין צופיל געווען אויסגעהונגערט, צושנאַפּערט און אויסגעמוטשעט פון אַזוי לאַנג אַרומגיין ליידיק. און דאָס „ברויט און קרופניק״, צו וועלכן ער האָט זיך זשעדנע צוגעכאַפּט, האָט אים, משמעות, פאַרשאַדט. נאָסקע טרעגער פון ברעג דניעפּער האָט אַפילו דערציילט, אַז מ׳האָט זאָוולען געזען עסן אוגערקעס ביי זונדל גאָטס גנבס הייזקע. ביידע האָבן געכראָמשקעט און געלאַכט הויך אויפן קול. מ׳טאָר נישט לאַכן ווען אַלע וויינען. נו, האָבן זיי ביידע געהאַט דעם פּסק... חברה־לויה האָט זיך אָבער געהאַט איר מיינונג. אין לויה־בית־מדרש האָט מען גערעדט דערפון, אַז פון גאָט קען מען זיך נישט באַהאַלטן. אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: „אָנאָ מפניך אברח״. ווו אַנטלויף איך פון דיין פּנים און ווו באַהאַלט איך מיך?... מוצאי יום־כיפור, בשעת די מגיפה האָט אויסגע־בראָכן און עס האָבן געפעלט הענט, האָט מלך „מעבר־יבק״ גערופן זאָוולען ער זאָל קומען העלפן. האָט ער זיך מיט כל־ערליי תירוצים אַרויס־געדרייט. מורא געהאַט אָנצושטעקן זיך. און אָט...

שווער צו וויסן, וועלכער נוסח איז דער ריכטיקער. מ׳ווייסט נאָר אויף געוויס, אַז מיט אַ צוויי טעג צוריק האָט זיך זאָוול געקלאָגט אויף שטאַרקע קאָפּ־ווייטיק. און אין דעם טאָג פון זיין אומקום איז ער אַ שעה נאָך אָנבייסן אַראָפּגעפאַלן אין מיטן מאַרק פון שליאָמקע „דעם פאַרעווענס״ קעלניע. מען האָט אים געפונען ליגן ביי די רעדער מיט איין לייצע אין דער פאַרקראַמפּטער האַנט.

און טאָקע אויף שליאָמקע „דעם פאַרעווענס״ פורל האָט מען אים געבראַכט צו פירן אַ פאַרבייאיקן אין יידישן שפּיטאָל. דאָרטן האָט זיך זאָוול בשום אופן נישט געוואָלט לאָזן אָפּרייבן פון נח פאַנדרען. קיילעכ־דיקע אויגן פון אַ באַכט־פויגל האָט ער געדרייט אויף זיין געוועזענעם גוטן־ברודער און נישט צוגעלאָזן אים צו זיך. אַזוי ווייט ווי די כוחות האָבן געטראָגן. צי האָט ער געקראָגן פאַרדאַכט, אַז פאַנדרע וועט זיך אָן אים אַציננד נוקם זיין, נאָך דעם ווי מערע האָט אים אַזוי פאַרמסרט, אָדער דער באַלעגאָלישער געוויסן האָט זיך אין אים אויפגעכאַפּט, אין אַזאַ שווערער מינוט פון חולאת און חרטה, און נישט דערלויבט אים צו לאָזן זיך ראַטעווען פון אַ מענטשן, קעגן וועלכן ער איז שולדיק, וועלכן ער האָט באמת געפירט פאַר דער נאָז?... זעלטן איז צו געפינען אַ מענטשן

וואָס טרינקט זיך און וויל זיך נישט אָנכאַפּן פאַר אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, אַפּילו ווען די האַנט איז אים פאַרדעכטיק. זאַוול האָט דאָס דערוויזן. ער האָט דערוויזן אין יידישן שפּיטאָל צו וואָס פאַר אַ חשדנות און פאַר־ביסנקייט הונגער און באַיקאָט קענען דערפירן אַ געזונטן מענטשן... וואָרום קאָרטשענדיק זיך פון יסורים האָט ער געהאַלטן אין איין שרייען און דריגען מיט די פיס:

— אוי־אַי־אַי! נאָר נישט פאַנדרע!... ניין, ניין!

האָבן אים אַנדערע באַלעגאָלעס אָפּגעריבן, געוואַרעמט אים, געפּאַיעט מיט מיאַטע.

נאָר אַז אַלע מיטלען האָבן נישט געהאָלפן און זאַוול האָט געגומען ברעכן מיט „מעל־וואַסער", ציטערן מיט אַלע אברים און פאַרלירן דעם קול, האָט ער דערפילט, אַז עס גייט צום סוף און געבעטן, דאָס מאָל שטיל געבעטן, מ׳זאָל צורופן פאַנדרען.

נח דאָט אַ טראָט געטאָן אויף צוריק ווען ער האָט אים דערזען. אַזוי פאַרענדערט האָט זיך דער חולה. אין משך פון קנאַפּע צוויי שעה, זינט מ׳האָט זאַוולען געבראַכט צו פירן אין שפּיטאָל, איז אויף אים דאָס גאַנצע לייב איינגעפאַלן ווי אַ געפּלאַצטער פאַפּירענער זאַק. די נאָז איז געוואָרן לאַנג און שפּיציק. אין גאַנצן אַ פרעמדע נאָז. און די אויגן פאַרגלייזט, בלוילעך־מוטנע ווי ביי אַ געשונדענעם פערד.

— נח, — האָט זאַוול אַ רוף געטאָן מיט אַ ווייטן אומבאַקאַנטן קול, ווי אַ בויך־רעדנער.

אַ ווײַלע האָט ער פאַנדרען אָנגעקוקט מיט זיינע פאַרגלייזטע איינגע־פאַלענע אויגן, דערנאָך קוים־קוים אַרויסגערעדט:

— זי איז גערעכט...

— מערע? — שטויסט זיך פאַנדרע אָן.

— קושקע אויך... — זשיפּעט זאַוול.

— אַך... — בלייבט פאַנדרע שטיין אַ צעטומלטער — ווּעמען ליגט דאָס אין קאָפּ?...

— מיר ליגט... — פרוווט זאַוול אַ שמייכל טאָן און קען נישט. אַנשטאָט מאַכן אַ שמייכל אַנטבלויזט ער זיינע שטאַרקע ציין. אַצינד זעען זיי אויס אומנאַטירלעך לאַנג, אומנאַטירלעך ווייס, ווי אַריינגעשטעלטע.

דער חולה־מסוכן דערשפּירט אַליין, אַז זיין פריקרער שמייכל איז אַצינד איבעריק. כמורעט ער זיך אָן אויף ווייל די אָפּגעשטאַרבענע הויט פון שטערן דערלויבט אים:

— דאָס האָב איך אים געפירט קלאַפּן... קושקען... צו מערען אין לאָדן... איך בין געווען ניכטער... ער — נישט...

נח האָט נישט געהאַט ווו די אויגן אַהינצוטאָן. דער פאַרבייאיקער האָט גאָך פאַר עפּעס געדאַנקט, געכריפּעט, געצויגן שטאַמלענדיקע הברות, ביז מלך „מעבר־יבק״ איז אָנגעקומען מיט ווייכע טריט פון הינטן. גאָר פלוצ־לונג איז ער אָנגעקומען און איבערגעשראָקן. ווי אַ הונט דערשפּירט אַ נבלה, אַזוי האָט מלך דערשפּירט פון צווייטן עק שפּיטאָל, ווו עס האַלט דאָ מיט זאַוולען. איז ער צוגעלאָפן מיט זיין פעדערל אין האַנט און פאַרנומען פּאַנדרעס אָרט.

פון אַ הינטער־טיר האָט מען דעם מת אַרויסגעטראָגן און אַוועקגעלייגט קילן אים, ביים וואַסערל אין סאָד, ביז דער נאַכטיקער בחברותא־לויה.

האָט פּאַנדרע אַרויסגערופן מערען פון דער ווייבערשער אָפּטיילונג און אויפגעדעקט פאַר איר אַ שטיקל גרויע ליילעך. נאָר זי האָט דעם מת נישט דערקענט. אַז ער האָט איר אויסגעזאָגט ווער דאָס איז, האָט מערע אַ פּאַטש געטאָן מיטביידע הענט. „אַי״ האָט זיך ביי איר אַרויס־געריסן פון האַרצן. נאָר פּאַנדרען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ס׳איז גאָר־גאָר אַ טרוקענער „אַי״ פון יוצא־וועגן.

און טאַקע אין אַ מינוט אַרום האָט זיך שוין מערע אָפּגעטרייסלט פון איר שרעק און אויך גיך אַוועקגעלאָפן צו איר שווערער אַרבעט אין דער ווייבערשער אָפּטיילונג.

מאַט און אָנגעכמורעט איז אויך פּאַנדרע אַוועק צו די קראַנקע. אַ בייזע מחשבהלע האָט, ווי אַ גנבטע, געעגבערט אין דער פינצטער:

— אַז קושקע בראַנד איז געשטאָרבן, האָט זי זיך איין קאַפּעלע מער גענומען צום האַרצן...

נאָר באַלד האָט ער זיך פאַרגעוואָרפן, אַז ער אַליין האָט זיך אויך געענדערט. פאַר דער וואָך צייט, וואָס ער שטייט דאָ צווישן האַלב־לעבע־דיקע און טויטע, איז ער פאַרגרעבט און פאַרלעדערט געוואָרן. אין דער שטענדיקער געפאַר צו כאַפּן די חולאת, ער, מערע זיין ווייב און זיין שוויגער, איז אויף אים אָנגעגאַנגען אַ טעמפּקייט און אַ מוטנעקייט. ס׳איז אַ טעמפּער געפיל פון אַן איבערגעהאָרעוועטן אָרעם. אַן אָפּגעשטאַנענקייט אין אַלע אברים און אין האַרצן. ער, דער בעל־רחמים פון שוואַכע, באַ־מערקט שוין גאָרנישט מער די קאָנוולסן, די אויסגעלאָצטע אויגן און דעם טויט־שרעק אַרום זיך. דורכן גאַניק אויף דער גאַס קומען זיי אָן, און מיט דער הינטער־טיר צום וואַסערל אין סאָד גייען זיי אַוועק פון דער וועלט:

נאָענטע, באַקאַנטע, מאַנסביל, ווייבער, קינדער... ביים אָנקומען צאַפּלען זיך אין זייערע אויגן שרעק און געבעט: מיר שטאַרבן? מיר אַליין? טייערינקע, ראַטעוועט אונדז!... דאָס זעלבע געבעט בלייבט ביי זיי דער־נאָך פאַרגלייזט אין די טויטע אויגן. און ער, פאַנדרע, טוט עפּעס, קריכט פון דער הויט, ווייל זיך פאַרשיכורן מיט מסירת־נפש, כדי גאָרנישט זען, גאָרנישט הערן, גאָרנישט טראַכטן... דער עיקר איז גאָרנישט טראַכטן. וואָרום מערע איז דאָ מיט אים. גאָר נאָענט אין דער ווייבערשער קאַמער טוט זי דאָס, וואָס ער. און גאָט ווייסט וואָס עס קען מיט איר טרעפן אָט באַלד, היינט ביינאַכט, מאָרגן פרי... פאַרדאָפּלט ער זיינע כוחות. קאָפּ אַראָפּ וואַרפט ער זיך אין קאָכעדיקן קעסל פון געפאַר, ווו מענטשלעכע לעבנס בלעזלען זיך און פּלאַצן, בלעזלען זיך און פּלאַצן, און ווו נאָר איינעם פון דריי געלינגט עס אָפּצוראַטעווען.

פלינקער, און אָן איבעריקע גריבלערייען, טוט איר זאַך איין סענ־דעריכע — מערעס מאַמעלע. זי איז דאָך אַ סך שוואַכער פאַר איר טאָכ־טער, און אַ פשיטא שוין — פאַר נחן איר איידעם; און האַלטן האַלט זי זיך, פונדעסטוועגן, פרישער פאַר זיי ביידן. אפשר נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס זי איז פון תמיד אָן געווען די גוטע קעכין ביי שטורעמדיקע סעודות אין חברה קדישא און ביי גרויסע שמחות אין שטאָט. איר געניט־קייט אומצוגיין, אין איין און דער זעלבער צייט, מיט אַ סך ריזיקע טעפּ און קאָכעדיקע קעסלען, זענען איר דאָ אין שפּיטאָל צונוצגעקומען. נישט אַנדערש, אַז די מגיפה שטעלט זי זיך פאָר ווי אַ מין גרויסן פייער און די קראַמפּירנדיקע יידן און יידענעס — ווי זידנדיקע קעסלען. די גרויסע לעבעדיקע כלים לויפן איבער מיט ברודיקן שוים, מיט יאָמער און קרעכצן. טאַנצט זי אַרום זיי און צווישן זיי אין אירע לעדערנע שטעק־שיכלעך און בלויאינקן פאַרטוכל. און אירע רירעוודיקע, גלאַנציקע הענטעלעך, מיט זייערע אָנגעצויגענע האַרטע אָדערלעך, כאַפּן און טראָגן קאָמפּרעסן, נאַכט־געפעס, הייסע פלאַשן, טרוקענע און פייכטע מאַטשאַלקעס צום אָפּ־רייבן, טראָפּנס און מישעכצן, און איר שוואַכער קולכל מונטערט אַלע חולאים און אַלע זיצערקעס אין שפּיטאָל. זי פאָספּעיעט אַפילו צען מאָל אַ טאָג אָפּצוקאָכן, אויף אַ פּייערקע, און צוצוטראָגן מערען און נחן — דאָס אַ גלעזל טיי, דאָס אַ טעפּל הייסע ציקאָריע, כדי צו דערקוויקן זיי אין אַזאַ גיהנום.ביידע שקלאָווער דאָקטוירים און ביידע פערשעלס, דער גויאישער און דער יידישער, קענען זיך גאָרנישט אָפּלויבן פון איר בריהשקייט.

.3

צערייסן אויף שטיקער טוט זיך אויך חיה־שרהקע די משוגענע. איידער זי פּאַספּעיעט אָנצוזאָגן די בייזע בשורה איבער איין גוסס אין שפּיטאָל, מוז זי שוין באַזינגען, אין מטורפדיקע גראַמען, דעם טויט פון נאָך אַן אָנגעזעענעם שקלאָוער תושב.

נישט אַנדערש, אַז זי איז צום צווייטן מאָל אַראָפּ פון זינען פון אַזאַ נישט געוויינלעכער קאָפּ אַרבעט. וואָרום אירע מיאוסע אומגליקלידעלעך, וועלכע האָבן זיך אַלע מאָל אויסגעצייכנט מיט זייער בולטקייט און מיט זייער דורכזיכטיקן קורצן וווּנק, ווערן אצינד, כאָליערע־צייט, וואָס ווייטער אַלץ נעפּלדיקער, די גראַמען צערודערט און דער אינהאַלט פּאַרדרייט; אויסגעמישט, אַזוי צו זאָגן, „קאַשע מיט באָטווינע", לאַקריץ מיט קובעבע. און נאָר אַלטע קענער פון חיה־שרהקעס פּאָעזיע דרינגען אַריין אין דער טיפקייט פון איר מיין און טייטשן ווערטער.

צום אָנהויב כאָליערע איז נאָך איר לידעלע געגאַנגען נישקשהדיק, מיטן אַלטן אויסגעטראָטענעם דרך:

ניטשיינע האָב איך אַ שמעק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ.
רויטע גלעזלעך, בלויע נעזלעך
דאָ, טאַקע דאָ.
פּאַלט ר' בערע פון כאָליערע,
אונדז צו לאַנגע יאָר!
טרישקאַ גוי, איז אויך געפּגרט
איכאַ, איכאַ—כאַ!

איז נאָך שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז מיט די „רויטע גלעזלעך" מיינט זי דאָס די קאָלירטע שייבעלעך פונעם גלעזערנעם גאַניק צום שפּיטאָל, די „בלויע נעזלעך" — ביי די חולאים. ר' בערע איז ר' בערע רחמיאלס עליו־השלום, דער אויבער־שמש פון ליובאַוויטשער בית־מדרש. און טרישקאַ גוי, להבדיל, דאָס איז דער באָד־גוי, דער פּיאַניצע, וועמען די כאָליערע האָט גענומען באַלד, אין די ערשטע טעג.

נאָר מיט אַ וואָך שפּעטער האָט זיך שוין ביי איר אַלץ צעפּלאָנטערט. דער אַלטער נוסח אירער האָט אָפּגעטראָטן דעם אָרט אַ שפּאָגל־נייער פּאָעזיע, אָריגינעלער און געפּלדיקער:

אמת גענאָסן, אַמת גענאָסן,

אַלע שטאַרבן, אַלע דאַסן,
איי־כאַ־כאַ, אי־כאַ־כאַ!
אַלע דאַסן שטאַרבנדיק
אַלע שטאַרבן דאַסנדיק
אי־כאַ־כאַ!
צום בית קברות, צום בית קברות!
זאָל גנב ליגט אין צרות.
פעשע, חנה,
שלעפע־טראַגע,
אי־כאַ־כאַ!
לויפט דער דאָקטאָר און דער פערשעל:
גוואַלד ר׳ הערשל, גוואַלד ר׳ הערשל!
ליגט און ברעכט.
מיר איז שלעכט, דיר איז שלעכט —
פע־ע־ע!

און גיי ווייס וועמען זי מיינט דאָ פריער און וועמען שפעטער. אַ פחד האָט אָנגעוואָרפן אָט דאָס מיאוסע כולל־געזאַנגעכץ, ווי אַ משוגענע נבואה בשעת אַ חורבן. יעטוועדער האָט אין דעם געפילט אַן אָנצוהערעניש. האָט מען זי אומעטום געיאָגט מיט שטעקנס און מיט שטיינער: אַוועק „סאַמאָסעך", צו אַלדי קאַדיק!...

קעגן אַזאַ שווערע אַרטילעריע האָט זיך חיה־שרהקע גאָר אין גיכן אויך באַוואָרנט. ערגעץ־ווו אין אַ קאַנאַווע, האָט זי זיך אויסגעזוכט אַן אַלטן טשוהונענעם קעסעלע, אַ פאַרזשאַווערטן, אַ צעלעכערטן, און האָט אים אָנגעטאָן אויפן משוגענעם צעפּלעטן קאָפּ. באַשיצט און געזיכערט דורך אַזאַ געהויבענער „קאַסקע" האָט זי זיך מיט גאָר אַ נייער פרישקייט אַוועקגעלאָזט איבער דער פאַראָבלטער שטאָט, און איר לידעלע איז גע־וואָרן נאָך שוואַרצער, נאָך מאַואימדיקער, מיט אַן אָנצוהערעניש אויף דער גויאישער שנאה אין שטאָט:

לעבן קלויסטער זיצט אַ הונט
רויט ווי צונט —
האָוו־האָוו, האָוו־האָוו!
שלעפּט מען פגירות־פּאַרלעך,
ווי צו זייערע יאָרעלעך!
האָוו־האָוו!

קלינגט דער גלח אין זיין גלאָק!
אוי, אַ ווייטיק אים אין באַק!
בים־באָם, בים־באָם!
טויט די גויאישקע יוכע זידן,
גייט נישט, גייט נישט, גייט נישט יידן! —
בים־באָם.

טיר און לאָדן האָט מען פאַרשלאָסן, כדי נישט צו זען זי, כדי נישט צו הערן איר געזאַנגעלע. ביי אַזעלכע איבערגעשפּאַנטע נערוון אין גאַנץ שטאָט, נאָך אַזוי פיל שווערע טעג און נישט־דערשלאָפענע נעכט, איז דאָס קיין חידוש נישט. נישט נאָר חיה־שרהקעס לידלעך, אַפילו די רויטע און בלויע שייבעלעך איבערן גאַניק פון שפּיטאָל האָט מען אַצינד נישט געקענט אָנזען און עס זאָל נישט שפּל ווערן אויפן האַרצן. אָט די שיינינקע שייבעלעך, וואָס שמחה טשאַרנער דער גביר האָט אַמאָל געלאָזן אַריינפּאַסן אין די הילצערנע צאַצקעס פון זיין גאַניק, כדי צו באַווייזן שקלאָוו זיינע עשירות און זיין גבירישן פּאַרנעם; די זעלבע שייבעלעך, וועלכע מען פלעגט אַמאָל, שבת פאַר מנחה, באַוווּנדערן אַזוי ווי די פּאַוועס אויף שמחה טשאַרנערס דאַך, זענען אַצינד, כאָליערע־צייט, געוואָרן פלוצלונג מוראדיק מיאוס און פריקרע. זיי האָבן אָפּגעשראָקן ווי אַ קאָלירטע אויפשריפט אויף אַ פּושקע מיט גיפט.

אַפילו דעם נאָמען „שמחה טשאַרנער" האָט מען איצטער נישט גע־קענט דערמאָנען אָן אַ געפּיל פון שפּלדיקייט. פּונקט ווי ער אַליין, די סודות וואָס האָבן אַרום אים אַלע מאָל געשוועבט און די קאָלירטע שייבעלעך אויף דעם גאַניק פון זיין הויז, פון וועלכן שטאָט האָט גע־מאַכט אַ שפּיטאָל — זיי אַלע צוזאַמען זענען דאָס דער מקור פון דער כאָליערע...

איז גלייכער נישט צו קוקן און נישט צו טראַכטן פון אָט די פאַרביקע שייבעלעך. אַז נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן!... אָבער נישט טראַכטן פון זיי קען מען נישט. אין געשלאָסענע אויגן קריכן זיי אַריין. זיי זענען ווי יענע ו ו י י ס ע ק אַ ל ב פון „גוטן יידן". „אויב, מאַכט ער, איר ווילט האָבן הצלחה, טאָרט איר קיינמאָל נישט טראַכטן פון אַ ווייסער קאַלב"...

טראַכט מען דווקא.

אַ סך פון די, וועלכע לייגן זיך דערנאָך אַוועק קראַנק און ווערן געבראַכט אין שפּיטאָל, שרייען פון היץ מיט ווילדער שפּלדיקייט:

— נעמט אַוועק די שייבעלעך פון גאַניק!... שמחה טשאַרנער טרייבט אַוועק!... אוי, אוי, די פּאַוועס!...

אַזוי גליטשט זיך די אָפּגעשוואַכטע שטאָט ערגעץ־ווו אין אַ שליימיקן כל־הקלע און ס׳איז נישטאָ קיין האַלט. אַפילו צווישן די אָפּגעהאַרעוועטע אויסגעהאַרטעוועטע באַלעגאַלעס, פון וועלכע עס האָט אַלע מאָל געשמעקט מיט וואַלד און דיעגאַכץ און מיט געזונטן שווייס פון פערד, האָט עס אַ צי געטאָן מיט טוכלעקייט. צעטרייסלט איז געוואָרן דער אייזערנער צעך. עטלעכע באַלעגאַלעס האָבן זיך אַוועקגעלייגט און צווישן זיי — שליאָמקע „דער פּאַרעוועה", וועלכער האָט זאַוולען אָפּגעפּירט אין שפּיטאָל. מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען אים אַליין געמוזט ברענגען אַהין. אָנגע־שטעקט זיך פון זיין אייגענעם שמייסער, וועלכן ער האָט אַרויפגענומען אויף דער קעלניע און געגעבן צו עסן „ברויט מיט קרופּניק". נו, איז פאַראַן יושר אויף דער וועלט?

די גאַנץ־געבליבענע באַלעגאַלעס, איידער זיי צעפאָרן זיך אויף זייערע פורן, שפּאַרן זיך אָן ביי דער סטאַיקע אין צעך. הייסן זיך אָנגיסן די גוטע גלעזלעך מיט געפעפערטע בראָנפן און ווינטשן זיך, אַז... מאָרגן אם־ירצה־השם זאָל מען זיך דאָ וויטער אָנשפּאַרן און ווידער אַמאָל נעמען צו ביסלעך בראָנפן. צו פאַרמעסטן זיך אויף איבערמאָרגן דערלויבט מען זיך נישט. ס׳איז אַ צו גרויסער פאַרלאַנג.

שמיני־עצרת און שמחת־תורה זענען אַריבער אין שרעק און געוויין. צו די ערשטע הקפות האָט נאָר ר׳ מענדל, דער מורה־הוראה און ר׳ ישראל דער גבאי געכאַפּט אַ טאַנץ אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, אונטערן גרויסן הענג־לייכטער. קיין גרויסע חיות האָט אין זיך דער טאַנץ נישט געהאַט. ווי איבערגעבענטע שטרוי איז גלייך אויסגעלאָשן געוואָרן די גאַנצע התלהבות. אַרומקוקנדיק זיך דערנאָך אין האַלב־פּוסטן בית־מדרש און דערמאָנענדיק זיך וויפל דאַוונער עס פעלן צו הקפות, האָט ביי ר׳ ישראל דעם גבאי גענומען ציטערן די ווייסע באָרד. שיעור־שיעור די ספר־תורה נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט.

באַלד נאָך יום־טוב האָט מען זיך פאַרזאַמלט אין דער שטאָט־דומע, יידישע און גויאישע פאַרשטייער צוזאַמען. מ׳האָט גערעדט דערפון, אַז מ׳מוז זען אָפּלייגן דעם פּריזיוו. דער פּריסטאַוו אַליין האָט צוגעזאָגט משתדל צו זיין זיך אין מאַהליוו מ׳זאָל אָפּהאַלטן אַלע נאָוואָבראַנצעס פון שקלאָווער קרייז אין אַלע אַרומיקע דערפער און וואָלאָסטן. ס׳איז אַ סכנה צו קומען און אָנשטעקן זיך...

אַ שטיקל נחמה האָט די פאַרמאָרעטע שטאָט פּאָרט געהאַט פון אַזאַ צוזאָג. ביי אַזעלכע פאַרדאַכטן און פאַרטאַיעטע שנאה, ווי עס האָבן אַציגד געקאָכט אין די גויאישקע הערצער, זענען די נאָוואָבראַנצעס אוודאי און אַוודאי געווען איבעריק. וואָרום ווער ווייסט, צו וועלכע ווילדע מעשים די שטאָטישע גויאים קענען אַריינציען אַזוי פיל דאָרפישע שקצים? אויפן נייעם פּריסטאַוו, דעם צורר, קען מען זיך נישט פאַרלאָזן. זייער פאַרדעכ־טיק איז דער מאָהליוּוער זשאַנדאַר, וועלכע מ׳האָט דאָ צעמזיקט די באַק. און ווער עס זאָל זיך אַקעגנשטעלן איז, ברוך־השם, אויך נישטאָ. שיטער איז געוואָרן צווישן די, וועלכע קענען נעמען אַ שייט האָלץ אין האַנט...

נאָר אויף ווי לאַנג קען מען דאָס אַ פּריזיוו אָפּלייגן? עס איז פאַר קיינעם נישט קיין סוד, אַז ווי נאָר די ערשטע פרעסט וועלן אַ זעץ טאָן, וועט זיך די מגיפה, מיט גאָטס הילף, אָפּשטעלן. די יערנדיקע זומפּן וועלן זיך אָפּקילן, די פאַרעדיקע אָזערע וועט איינפרירן. די פרעיענדיקע מיסטן אין די קאַנאַוועס וועלן זיך באַדעקן מיט שניי. די כאָליערע האָט דאָך שטאַרק פחד פאַר אַ „פאַרקילונג״...

היינט גיי ווייס וואָס פריער אויסצובעטן ביים בייז־געוואָרענעם רבונו של עולם! אַ גוטן פראָסט און די מגיפה זאָל אַוועק, אָדער אַ פוילן ווער און די נאָוואָבראַנצעס זאָלן נישט קומען?

ס׳איז אַזוי שלעכט און אַזוי שלעכט.

(סוף פון פערטן טייל)

דערשינענע ביכער
ביים פארלאג „ניי לעבן" אין ישראל

וואנדא וואַשילעווסקאַ — רעגנבויגן
פסח גאָרדאן — אין שפיגל פון לעבן
רבקה געווירצמאן — אויפן בערגל אין נגב
פייגע גרינשפאַן-מילשטיין — אַ לעבן אויף ראַטעס
ישראל שווייצער — פון אייביקן קוואל „בראשית"
שרה און מאיר לעוו — ערנסטע ליבעס
יעקב כהן — די משפחה ערליך
ל. לאסאווין — אויסגעוואָרצלטע מענטשן
ל. לאסאווין — אין שטענדיקן געראנגל
דבורה פוס-ליפקינד — די לעצטע טרער
שלמה זיטנער — די משפחה און אנדערע דערציילונגען
שמואל דרעליכמאן — אין פלאַמען
לידער און דערציילונגען
חיים שליאסקי — צוריק אין מושב זקנים
ברטה פדרבר-זלץ (העברעאיש) — והשמש זרחה
זלמן שניאור (1-טער באַנד) — נח פאַנדרע
זלמן שניאור (2-טער באַנד) — צווישן אַזערע און דניעפר
זלמן שניאור (3-טער באַנד) — צוריק פון אַסטראָג